# די
# חסידישע
# וועלט

מנשה אונגער

מנשה אונגער

# די חסידישע וועלט

## פון זעלבן מחבר:

**חסידות און לעבן,**

ניו־יאָרק, 1946.

**פשיסכע און קאָצק,**

פאַרלאַג „פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע”, 1949.

**גוט יום־טוב קינדער**

ניו־יאָרק, 1950

**מועדים לשמחה,**

הוצאת „שלמה”, תל־אָביב, 1953.

## וועט בקרוב דערשיינען:

**די חסידישע וועלט,**

צווייטער טייל.

**חסידות און יום־טובים.**

מנשה אונגער

# די חסידישע וועלט

## געשיכטע פון חסידישע הויפן אין פוילן און גאַליציע

פאַרלאַג „חסידות"
ניו־יאָרק, 1955

MENASHE UNGER

# THE CHASSIDIC WORLD

Copyright 1955, by
Menashe Unger
Bronx, N. Y.

266

Printed in U.S.A.

ABER PRESS, INC., 37 E. 18 STREET, NEW YORK 3, N. Y.

# אינהאַלט


אַריינפיר ........ 7
דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזשענסק ........ 11
דער קאָזשעניצער מגיד ........ 53
דער „חוזה״ פון לובלין ........ 129
דער רבי ר׳ מענדעלע פון רימענאָוו ........ 157
דער ראָפשיצער רבי ........ 205
דער רבי ר׳ הערשעלע פון זידיטשויוו ........ 273
ביבליאָגראַפיע ........ 225
זוך־צעטל ........ 337


## בילדער, פאַקסימיליעס און ניגונים


אַ כתב־קבלה פון רבין ר׳ בער פון מעזריטש ........ 15
דער בעש״טס בית־מדרש אין מעזשיבעזש ........ 22
דער קבר פון בעש״טס מוטער ........ 25
דעם רבין ר׳ זושעס חתימה ........ 28
דער ניגון פון רבין ר׳ אלימלך אויף „צור משלו״ ........ 35
די חתימה פון רבין ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו ........ 42
אַ בריוו פון רבין ר׳ זושע פון אַנעפּאָליע ........ 50
דער קאָזשעניצער מגיד ........ 59
אַ בריוו פון רבין ר׳ אברהם יהושע העשל פון אַפּט ........ 60
דעם מעזריטשער מגידס ניגון אויף „אתקינו סעודתא״ ........ 66
דער זשאַבנער רבי ר׳ שלום דוד אונגער ........ 74
דער רבי ר׳ שמחה בונם פון פשיסכע ........ 82
דעם מעזריטשער מגידס ניגון אויף „יצוה צור חסדו״ ........ 96
אַ בריוו פון רבין ר׳ משה קאָזשעניצער ........ 102
די מאָגעלניצער שול ........ 126
דער רבי ר׳ משה טייטלבוים פון אוהעל ........ 131

די חתימה פון „חוזה" פון לובלין ........................................ 135
אַ בריוו פון רבין ר׳ שמחה בונם פון פשיסכע ............................ 141
דעם „חוזה"ס ניגון אויף „לאל אשר שבת" ................................ 152
הסכמה פון „חוזה" צום ספר „דגל מחנה אפרים" .......................... 154
אַ בריוו פון רבין ר׳ הערשעלע פון רימענאָוו ............................ 176
חתימה פון רבין ר׳ הערש אלימלך פון דינעוו ............................. 182
ניגון אויף „בבואו מאדום" פון רבין ר׳ הערשעלע פון רימענאָוו .... 188
דעם סאַנזער רבינס חתימה ................................................ 207
ניגון פון ראָפּשיצער רבין אויף „ברוך אלהינו" .......................... 224
דער קבר פון רבין ר׳ משה לייב סאַסאָווער .............................. 244
ניגון פון ראָפּשיצער רבין אויף „אהבה רבה" ............................ 253
שלמה יהודה ראַפּאָפּאָרט (שי"ר) .......................................... 278
יוסף פּערל ............................................................... 284
חתימה פון רבין ר׳ מאירל פּרעמישלאַנער ................................ 291
אַ בריוו פון רבין ר׳ משה לייב סאַסאָווער ............................... 310

# אריינפיר

מיט דעם בוך „די חסידישע וועלט" האָבן מיר געוואָלט פּרוּוון געבן אַ בילד ווי אַזוי חסידות איז אַריינגעדרונגען קיין גאַליציע און פּוילן.

איז דאָך באַוואוסט אַז דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזשענסק, דער תלמיד פון דעם מגיד, ר׳ דוב-בער פון מעזריטש, וועלכער איז געווען אַ תלמיד פון ר׳ ישראל בעל-שם-טוב, דער באַגרינדער פון דער חסידישער שיטה, איז געווען דער, וואָס האָט איינגעפלאַנצט חסידות אין גאַליציע און פּוילן. זיינע תלמידים, דער „חוזה" פון לובלין און דער רבי ר׳ מענדעלע פון רימענאָוו, צוזאַמען מיטן קאָזשעניצער מגיד, זיינען אָנגערופן די „דריי אָבות", וואָס האָבן פאַרשפּרייט חסידות אין פּוילן און גאַליציע.

עס איז כמעט נישט פאַראַן קיין איין חסידישע דינאַסטיע אין פּוילן און גאַליציע, וואָס זאָל נישט אָפּשטאַמען פון די דאָזיקע חסידישע מנהיגים, און דאָך איז ביז היינט צו טאָג נישטאָ קיין איין אויספירלעכע מאָנאָגראַפיע אין יידיש וועגן די דאָזיקע רביים. ווער רעדט נאָך ווען מען קומט צו זייערע תלמידים: דער ראָפּשיצער רבי און דער זידיטשויווער רבי, וועלכע האָבן אויפגעשטעלט גרויסע חסידישע דינאַסטיעס אין מערב- און מזרח-גאַליציע.

די חסידות-פאָרשער האָבן ביז איצט זיך מער אָפּגעגעבן מיט פאָרשן דאָס חסידות אין אוקראַינע, פּאָדאָליע און וואָלין, און די יידישע היסטאָריקער פון פּוילן און גאַליציע, וואָס האָבן צווישן די צוויי וועלט-מלחמות אָנגעהויבן צו טאָן פאָרש-אַרבעט אויפן געביט פון דער געשיכטע פון חסידות, זיינען, כמעט אַלע, פאַרשניטן געוואָרן פון די נאַצישע רוצחים, צוזאַמען מיט די זעקס מיליאָן יידן.

ליידער זיינען נישט פאַראַן קיין סך אַרכיוו, אָדער דאָקומענטאַלער מאַטעריאַל זיך צו באַנוצן פאַר אַזאַ אַרבעט. מיר האָבן זיך דעריבער געמוזט באַנוצן מיט חסידישע תורות, חסידישע

לעגענדעס און חסידישע ווערטלעך, וואָס זיינען צעוואָרפן אין דער חסידישער ליטעראַטור, כדי אַרויסצובאַקומען אַן איינ־הייטלעך בילד וועגן אַ חסידישער פּערזענלעכקייט.

דער מחבר האָט אויך אויסגענוצט די „תורה שבעל־פּה", די פאַרשידענע מעשיות און ווערטלעך, וואָס ער האָט געהערט אין הויז פון זיינע עלטערן, וועלכע האָבן געשטאַמט פון די רביים: פון רבין ר' אלימלך פון ליזשענסק, פון קאָזשעניצער מגיד, פון „חוזה" פון לובלין און פון ראָפּשיצער רבין.

דער מחבר ווייסט, אַז וועגן יעדן איינעם פון די זעקס מנהיגים פון חסידות, וואָלט מען געקענט און גענדאַרפט שרייבן אַ באַזונדער ספר, אָבער ליידער איז שווער דאָס איצט צו טאָן. האָבן מיר דעריבער געוואָלט נאָר אָנווייזן אויף די הויפּט שטריכן פון יעדן חסידישן מנהיג און צום סוף פון בוך האָבן מיר געגעבן אַ ביבליאָגראַפיע וועגן יעדן רבין באַזונדער אַלס „לייען מאַטעריאַל", פאַר דעם וואָס וויל ווייטער פאָרשן.

מיר האָבן די ביאָגראַפישע און ביבליאָגראַפישע נאָטיצן בנוגע די רביים און ספרים וואָס ווערן דערמאָנט אינעם בוך, נישט אָנגעגעבן אינעם טעקסט, כדי נישט צו באַשווערן דאָס אויג פונעם לייענער, נאָר צום סוף פון בוך. אינעם זוך־צעטל ווערט ביי די נעמען פון די רביים און ספרים געגעבן קורצע ביאָגראַפישע און ביבליאָגראַפישע ידיעות און די נומעראַציעס אויף וועלכע זייטן פון בוך זיי ווערן דערמאָנט.

מיר האָבן אויך געגעבן פאַקסימיליעס און פאָטאָגראַפיעס פון כתב־ידן, ניגונים און בילדער פון רביים, וואָס זיינען פאַראַן אין דער אויטאָגראַפיע און בילדער־זאַמלונג פון א. שרון, ביי דער העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים, און אינעם פּריוואַט אַרכיוו פונעם מחבר.

צום סוף וויל דער מחבר אויסדרוקן אַ דאַנק צום קאָמיטעט וואָס האָט געהאָלפן אַרויסגעבן דאָס בוך און בפרט צו די מיט־גלידער פונעם קאָמיטעט, די פריינט: נתן וואַרשאַו, יוסף אַרנאָלד און יצחק פעלד, פאַר זייער באַזונדערער מי אַז דאָס בוך זאָל קענען דערשיינען.

מ. א.

# דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזשענסק

# קאַפּיטל א

# דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזשענסק

ער איז געווען אַ תלמיד פון מעזעריטשער מגיד. — געווען דער ערשטער וואָס האָט פאַרשפּרייט חסידות אין גאַליציע. — ווי אַזוי איז ער געוואָרן רבי.

אין משך פון דער אַנטוויקלונג פון חסידות זיינען געשאַפן געוואָרן דריי צענטערס, וועלכע האָבן געשפּילט אַ גאָר־גרויסע ראָלע אין דער גאַנצער חסידישער באַוועגונג, און האָבן אויפגעשטעלט צענדליקער תלמידים, וואָס זענען דערנאָך אַליין געוואָרן רביים.

די דריי צענטערס זענען געווען (אַ חוץ מעזשיבעזש, פאַרשטייט זיך, דאָס אָרט פון בעש״ט): מעזריטש, ליזשענסק און לובלין.

דער גרויסער מעזריטשער מגיד, ר׳ בער, דער תלמיד פון בעל־שם־טוב, האָט פאַרשפּרייט דאָס חסידות און פּאָדאָליע, וואָלין, ליטע און אוקראַינע. דער תלמיד זיינער, דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזשענסק, האָט אַריינגעפירט די חסידישע שיטה אין גאַליציע, און זיין תלמיד, ווידער, דער „חוזה״ פון לובלין, ר׳ יעקב יצחק, האָט פאַרשפּרייט דאָס חסידות אין פּוילן.

און ווען מען וויל זיך באַקענען מיט דער געשיכטע פון חסידות, מוז מען דערפאַר זיך קודם־כל באַקענען מיט די גרינדער פון די חסידישע באַוועגונגען אין גאַליציע און פּוילן.

דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזשענסק (גערופן: „דער רבי ר׳ מלך״) איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תע״ז (1717) אין אַ דאָרף נעבן טיקטין, ביי זייער פרומע עלטערן. דער פאָטער זיינער, ר׳ אליעזר ליפּאַ, איז געווען אַ ייד אַן עושר און אַ גרויסער מכניס־אורח. די מוטער זיינע איז געווען אַ גרויסע צדקת. יעדן דאָנערשטיק פלעגט זי אַריינפאָרן אין דעם דערבייאיקן שטעטל אַריין און דאָרטן טיילן געלט צו די פאַרבאָרגענע אָרעמעלייט, זיי זאָלן האָבן צו מאַכן שבת.

זיבן זין האָט דער דאָרפס־ייד, ר׳ אליעזר ליפּא געהאַט, פינף פון זיי זענען געווען אנשי־מעשה, סותרים. איינער פון זיי האָט געהאַט די פּאַכט פון אַ שלאַבאַן אויף אַ וועג, און אַ צווייטער איז גאָר געווען, לויט ווי עס ווערט אָנגעגעבן אין ספר „אוהל נפתלי״, אַ דאָקטאָר אין דער דייטשער אַרמיי. נאָר צוויי פון די זיבן האָבן זיך פאַרנומען מיט רוחניותדיקע זאַכן; זיי זיינען געווען, ר׳ אלימלך און זיין ברודער ר׳ זושע וועלכע האָבן זיך פון קליינוויז אָן פאַרנומען מיט גייסטיקע ענינים.

און אַזוי ווי אין דער דעמאָלטיקער צייט איז געווען איינגעפירט, אַז יונגע בחורים האָבן געלערנט אַ חוץ גמרא און פוסקים אויך קבלה, איז קיין חידוש נישט וואָס דער רבי זייערער, דער מלמד, וואָס דער פאָטער האָט צו זיינע קינדער אלימלך און זושע צוגענומען, האָט געמוזט זיין אַ פאַרבאָרגענער מקובל, און ער האָט מיט די צוויי זין אויך געלערנט בסוד קבלה.

ווי נאָר די צוויי ברידער האָבן זיך צוגעכאַפּט צו דער קבלה, האָבן זיי באַשלאָסן צו טאָן פונקט אַזוי ווי די גרויסע בעלי־קבלה פלעגן דעמאָלט טאָן: אַפּריכטן גלות, וואָס דאָס איז געווען דער אידעאַל פון אַלע גרויסע מיסטיקער פון יענער צייט, לויט דער שיטה פון אר״י, כדי מיטצולייד מיט דעם צער פון דער וועלט און פילן דעם דחקות פון די מענטשן.

און צווישן די פאַרשידענע גלות־אַפּריכטער, די פאַרשידענע יידישע וואַנדערער, אורחי־פּורחיניקעס, וואָס האָבן זיך געשלעפּט אויף די וועגן, האָבן זיך אויך אַרויסגעלאָזט איבער די יידישע ישובים די צוויי ברידער, ר׳ אלימלך און זושע פאַרשטעלט פאַר אָרימעלייט, מיט זעקלעך אויף די פּלייצעס, אין צעריסענע מלבושים און באָרוועס. זיי האָבן געוואַנדערט פון אָרט־צו־אָרט, פון דאָרף־צו־דאָרף, זיך באַקענט מיט די אָרעמסטע און פאַרצערטסטע מענטשן, אָנגעזאַפּט זייערע נשמות מיט די ליידן פון דער וועלט און בפרט מיט די עינויים פון די יידן, וועלכע האָבן געוואוינט, על־פּי־רוב, אין די דערפער און געליטן צרות פון די פּריצים און פון די פּויערים. און די בע־ונדנקעס האָבן אַלץ מקבל געווען באהבה, כדי „ממתיק צו זיין די דינים״, כדי צו לייטערן זייערע נשמות און וויסן וואָס די יידן פעלט און דערנאָך פאַר זיי מתפלל צו זיין.

אָן אַ שיעור מעשיות האָט די חסידישע פאַנטאַזיע געוועבט אַרום דעם גלות־אַפּריכטן פון די צוויי גרויסע צדיקים. מיר וועלן דאָ אָבער ברענגען איינציקע, וואָס זאָלן כאַראַקטעריזירן די פּערזענלעכקייטן פון די צוויי רביים.

איין מאָל, ווערט דערציילט, זענען די צוויי פאַרבאָרגענע צדיקים געקומען אין אַ שטעטל אַריין, האָבן זיי געבעטן דעם פּרנס־חודש, ער זאָל זיי דערלויבן צו האַלטן אַ דרשה אין דער שול. קוים מיט צרות האָבן זיי זיך איינגעבעטן ביים ראש־הקהל, ער זאָל זיי געבן רשות צו דרשענען. אָבער ווי נאָר איינער פון די צוויי צדיקים האָט זיך אַרויפ־געשטעלט אויפן באַלעמער, האָט ער אָנשטאָט זאָגן אַ דרשה אָנגעהויבן זיי צו מוסרן און אויפוויזן די פאַרבאָרגענע זינד, וואָס איז פאַראַנען צווישן די גבירים, אַזוי, אַז די גאַנצע שטאָט גבירים זענען אויף זיי בייז געוואָרן און זיי זענען קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן פון דער שטאָט.

אַן אַנדערש מאָל ווידער, ווען זיי האָבן געוואַנדערט צוזאַמען מיט אַ חברה יידישע בעטלער, זענען זיי דורכגעגאַנגען אַ יידישע אַכסניה, וואו דער באַלעבאָס איז געווען אַ גרויסער עושר, אָבער זייער אַ קאַרגער, ער האָט קיינעם נישט אַריינגעלאָזט איבערנעכטיקן ביי זיך אין הויז.

לימים, ווען די צוויי ברידער זענען נתגלה געוואָרן, געוואָרן באַ־קאַנט אַלס גרויסע צדיקים, זענען זיי דורכגעפאָרן דורך דעם זעלבן אָרט, האָט דער יידישער גביר דעמאָלט שוין יאָ געוואָלט האָבן די צוויי צדיקים ביי זיך אין הויז, און ער האָט זיי פאַרבעטן אין דער אַכסניה אַריין.

האָבן די צוויי ברידער געענטפערט, אַז זיי וועלן קומען צופאָרן. האָט דער גרויסער גביר אָנגעגרייט אַ שיינע סעודה, פאַרבעטן די אנשים־חשובים פון שטאָט און געוואַרט אויף די צוויי צדיקים. פּלוצלינג באַווייזט זיך פאַר דער אַכסניה אַ שיינע קאַרעטע מיט פייערדיקע פערד. דער באַלעבאָס איז אַרויסגעלאָפן, און איז געווען זיכער, אַז דאָס זענען אָנגעקומען די צוויי צדיקים, אָבער צו זיין איבערראַשונג איז אויס־געשטיגן בלויז דער גבאי אַליין, וועלכער האָט אים געזאָגט: „די צוויי ברידער האָבן אייך געהייסן זאָגן, אַז אַזוי ווי איר האָט גרויס דרך־ארץ פאַר די פערד, וויל די צוויי ברידער זענען געווען נע־ונד, האָט איר זיי נישט געוואָלט אַריינלאָזן איבערנעכטיקן, האָבן זיי אייך געשיקט די פערד״...

די צוויי ברידער זענען אָבער נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין חסידים, נאָר בלויז פאַרבאָרגענע מקובלים. נאָר איינמאָל האָט זיך דער רבי ר׳ זושע באַקענט אויפן וועג מיט אַ וואַנדערער, אויך אַ גלות־אַפּריכטער, וועלכער איז שוין געווען אַ חסיד, און ער האָט אים דערציילט פון דעם נייעם ליכט, וואָס איז אויפגעגאַנגען פון מעזשיבעזש און וועגן דעם רבין, דער גרויסער מגיד ר׳ דוב בער (געב. לערך 1710,

נפטר געוואָרן 1772, י״ט כסלו תקל״ג), וואָס איז אַ תלמיד פון בעל־שם־טוב און פאַרשפּרייט איצט די תורה פון חסידות.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס חסידות האָט אַזאַ ענין נישט געקענט שילדערן מיט פּשוטע פאַרבן און עס ווערן דערפאַר דערציילט וואונדער־שיינע מעשיות, ווי אַזוי דער רבי ר׳ אלימלך האָט זיך באַקענט מיטן מעזריטשער מגיד.

לויט איין נוסח, וואָס איז מער קרוב לאמת, איז דער רבי ר׳ זושע געווען אַ סוחר, און פאַרנדיק אַמאָל איינקויפן סחורה, האָט ער זיך באַקענט מיט די חסידים און געוואָרן אַ חסיד, דערנאָך ערשט איז זיין ברודער אלימלך אויך געוואָרן אַ חסיד.

און נאָך דער פּטירה פון מעזריטשער מגיד האָט דער רבי אלימלך אויסגעקליבן דאָס אָרט ליזשענסק (ער איז פריער געווען רב אין קאָלבושאָוו און לאנצוט) צו ווערן אַ רבי און דאָרט צו פאַרשפּרייטן דאָס חסידות איבער גאַנץ גאַליציע.

ער האָט אין דעם קליינעם שטעטל ליזשענסק, וואָס געפינט זיך נעבן דער „קהילה קדושה״ יאַרעסלאָוו, וואו עס זענען פאָרגעקומען די אסיפות פון ועד ארבע ארצות געפירט רביסטווע, געלערנט מיט זיינע חסידים די נייע חסידישע שיטה, און ליזשענסק איז געוואָרן דער צענטער פאַר אַלע זיינע אָנהענגער, וועלכע האָבן געדאַרשט נאָך דעם נייעם חסידישן וואָרט.

צווישן זיינע תלמידים האָט זיך אַרויסגעשיילט אַ קליינע חברה, וועלכע האָט זיך גערופן „חבריא קדישא״. זענען אַ סך פון דער חברה דערנאָך געוואָרן די מנהיגים פון טויזנטער און טויזנטער חסידים. דאָס זענען געווען: ר׳ יעקב יצחק, דער „חוזה״ פון לובלין, ר׳ ישראל דער „מגיד״ פון קאָזשעניץ, ר׳ משה לב סאַסאָווער, ר׳ מנחם מענדל רימאַנאָווער, ר׳ אברהם יהושע העשל פון אַפּטע, ר׳ קלונימוס קלמן פון קראָקע, ר׳ נפתלי צבי ראָפּשיצער און אַ סך אַנדערע. זיי האָבן שטאַרק געגלויבט אין רבין ר׳ אלימלך און האָבן אים פּשוט פאַר־גליכן צום בעל־שם־טוב. אַזוי ווי עס שרייבט, למשל, ר׳ קלמיש פון קראָקע אין „מאור ושמש״ (פּרשת אמור), אַז „די וועלט איז געווען וויסט, ביז עס זענען געקומען די צוויי גרויסע ליכט, דער בעל־שם־טוב און דער רבי ר׳ אלימלך, און האָבן געעפנט דאָס טויער צום הימל, אַז די צדיקים זאָלן קענען אַריינקומען״.

די תלמידים האָבן געגלויבט, אַז משה רבינו אַליין האָט אַמאָל גע־רעדט מיטן רבין ר׳ אלימלך, און זיי האָבן דערציילט, אַז דער רבי ר׳ אלימלך האָט אַמאָל אַליין געזאָגט צו די תלמידים, אַז „נישט בלויז

געדענק איך, ווי אַזוי איך בין געשטאַנען אויפן באַרג סיני, ווען מען האָט געגעבן די תורה די יידן, נאָר איך געדענק אַפילו ווער עס איז דעמאָלט געשטאַנען מיט מיר״ (אוהל אלימלך סי׳ ג׳).

אַן ערך פון צען יאָר האָט דער רבי אלימלך „געקיניגט״ אין ליזשענסק, צווישן די יאָרן 1775—1787, ביז ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תקמ״ז. און אַזוי ווי די חסידים דערציילן, אַז דער רבי אלימלך האָט געזאָגט פאַר זיין פּטירה, אַז ווער עס וועט קומען אויף זיין קבר, איז ער מבטיח, אַז יענער וועט נישט שטאַרבן אָן תשובה, פלעגן טאַקע קומען, ביז דעם לעצטן חורבן, טויזנטער חסידים אויף זיין קבר מתפלל זיין אינעם טאָג פון דער יאָרצייט.



אַ כתב־קבלה פון רבין ר׳ בער פון מעזריטש.

# קאַפּיטל ב

# דער רבי ר׳ אלימלך קלערט אויף די שיטה פון חסידות

**די וויכוחים, וואָס דער רבי ר׳ אלימלך האָט געפירט מיט מתנגדישע רבנים. — ווי אַזוי דער ראָפשיצער רבי איז געוואָרן זיינער אַ חסיד. — וואָס ער האָט פאַרשטאַנען אונטערן באַגריף „גלוי אליהו". — דער „צעטל קטן" פון רבין ר׳ אלימלך.**

**ווען** דער רבי ר׳ אלימלך האָט אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן דעם נייעם חסידישן דרך אין גאַליציע, האָבן די מתנגדישע רבנים געקוקט קרום אויף זיין נייער שיטה. בפרט נאָך, ווען זיי האָבן איינגעזען, אַז די „כת" (אַזוי האָבן די מתנגדים דעמאָלט גערופן די חסידים), באַפעסטיקט זיך גאָר שטאַרק אין לאַנד, דעמאָלט האָבן זיי אָנגעהויבן אים צו באַקעמפן.

און לויט ווי עס גיבן איבער די מתנגדים אין זייערע ספרים „שבר פושעים" און „זמרת עם הארץ" זאָל דער ריישער רב, ר׳ אהרן איטינגאַ האָבן אין אַ וויכוח געפרעגט דעם רבין ר׳ אלימלך פאַרשידענע פראַגעס, און צווישן זיי אויך דאָס: „ווי אַזוי קענסטו זאָגן, אַז דו האָסט גלוי אליהו, אז די שכינה רוט גאָר נישט אין חוץ־לארץ?". דערויף האָט אים דער רבי ר׳ אלימלך געענטפערט מיט אַ דרש פון דער חז"ל, וואָס זאָגט אויפן פסוק: „ותלבש אסתר מלכות" (אסתר, ה׳, א׳), אַז אסתר האָט זיך אָנגעקליידט מיט רוח־הקודש (רש"י, דאָרט), און אסתר איז דאָך געווען אין חוץ־לארץ.

מיר קענען אָבער קיין גרויס צוטרויען נישט האָבן צו די מתנגדישע חבורים און ווי עס ווערט אָנגעגעבן אין „עשר צחצחות", איז גאָר די מעשה פאָרגעקומען ביי ר׳ מרדכי זאב איטינגאַ, און יענער האָט געשריבן אַ בריוו צום רבין ר׳ אלימלך און האָט אים געפרעגט, צי

עס איז אמת, וואָס מען זאָגט אויף אים, אַז ער האָט גלוי אליהו? דערויף האָט אים דער רבי ר׳ אלימלך געענטפערט: „איך האָב קיינמאָל נישט געזאָגט אַז איך האָב גלוי אליהו, נאָר איצט, אַז איר פרעגט מיך שוין, זאָג איך אייך, אַז דער קלענסטער פון מיינע תלמידים האָט געהאַט גלוי אליהו, אָבער איר זענט געשאַפן געוואָרן פאַר נגלה און אין נסתר דאַרפט איר זיך נישט מישן!"

אַט דער אופן פון וויכוח איז, דוכט זיך אונדז, מער קרוב לאמת, און נישט אַזוי ווי די מתנגדים האָבן אים איבערגעבען.

אָבער דאָס, וואָס דער רבי ר׳ אלימלך האָט געזאָגט, אַז „דער קלענסטער פון מיינע תלמידים האָט גלוי אליהו", דאַרפן מיר פאַרשטיין, אַז אונטער דעם וואָרט „גלוי אליהו", האָט דער רבי ר׳ אלימלך גאָר עפּעס אַנדערש געמיינט, ווי מיר טייטשן עס אויס אינעם פשוטן זין פון וואָרט. אַזוי ווי עס ווערט טאַקע געבראַכט אין זיין נאָמען (עשר צחצחות, י״ג, ל״א), אַז איינער פון זיינע תלמידים האָט אים אַמאָל געפרעגט, ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז מען זאָל האָבן גלוי אליהו, ווען דער אבן־עזרא אַליין זאָגט, אַז אין דער איצטיקער צייט איז מער נישט פאַראַן קיין גלוי אליהו? דערויף האָט דער רבי ר׳ אלימלך געענטפערט, אַז עס איז דאָך בכלל שווער צו פאַרשטיין, ווי אַזוי מען קען זאָגן, אַז אליהו הנביא געפינט זיך אויף יעדן ברית־מילה, ווי אַזוי קען ער זיין אין איין צייט אויף אַ סך מקומות? נאָר דער תירוץ איז, אַז גלוי אליהו האָט מען נאָר לויט די מדרגות פון אַ מענטש. אַזוי ווי די נשמה פון אליהו הנביא איז אַ נשמה, וואָס איז כולל אַלע יידן, קען יעדער איינער אים משיג זיין לויט זיינע השגות און מדרגות.

אויף אַזאַ אופן ווערט דער גאַנצער באַגריף פון גלוי אליהו גאָר אַנדערש אויפגעפאַסט.

פון די חבורים פון די מתנגדים זעט מען, אַז דער רבי ר׳ אלימלך האָט געהאַט אויסצושטיין אַ סך צרות פון די קעגנער זיינע און אַ סך פון די גדולי הדור האָבן אים גערודפט. אַזוי ווי מיר זעען פון די בריוו, וואָס דער רבי ר׳ אלימלך אַליין האָט געשריבן (געדרוקט אין סוף פון זיין ספר „נועם אלימלך"): „הנני נרדף מגדולי הדור, תפארת ישראל" (איך ווער גערודפט פון די גדולי הדור, די שיינדלעך פון די יידן).

אָבער דער רבי ר׳ אלימלך איז נישט מתרעם אויף זיי און ער טרייסט זיך, אַז „אויך אויפן „האר״י הקדוש" האָט מען געקריגט אין זיין צייט".

די רדיפות און מחלוקתן אויפן רבין ר׳ אלימלך האָבן אים אַזוי געשטערט אין זיין לערנען און אין פאַרשפּרייטן דאָס חסידות, אַז ער האָט אַמאָל אין אַ בריוו געשריבן, אַז „ווען מען וואָלט מיך געלאָזט במנוחה צוויי יאָר און מען וואָלט זיך מיט מיר נישט געקריגט, וואָלט איך געקענט ברענגען די גאולה־שלימה!״ (עשר צחצחות).

אָבער מיט דער צייט האָט דער רבי ר׳ אלימלך בייגעקומען אַלע רדיפות און זיין שם איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. ער האָט באַקומען נייע חסידים און ער האָט פאַרשפּרייט די חסידישע שיטה אין אַלע ווינקעלעך פון גאַליציע און פוילן.

און געמוסרט האָט דער רבי ר׳ אלימלך זיינע חסידים. זיי גע־שטראָפט, אויסגעאיידלט זייערע מידות, אָבער אַלץ אויף אַ מאָדנעם אופן: תמיד ביי די תורה׳ס ביים טיש האָט ער זיך אַליין געמוסרט, אויסגערעדט אויף זיך כל־דאָס־בייז, און די חסידים האָבן שוין געוואוסט וועמען ער מיינט, וויל דער חסיד, וועמען דער רבי ר׳ אלימלך האָט טאַקע באמת געמיינט, האָט פלוצלינג דערפילט, אַז דער רבי האָט ממש אַ רוח הקודש — אַזוי האָט ער אָפן געזאָגט אַלץ, וואָס יענער האָט בסוד פוגם געווען און געזינדיקט.

אַזוי ווערט דערציילט, אַז איינמאָל איז צו אים געקומען אַ חסיד, וועלכער האָט נאָך נישט געהאַט צעבראָכן די תאווה פון עסן, האָט דער רבי ר׳ אלימלך אים פאַרבעטן צו זיך צום טיש און האָט מיט אים צוזאַמען געגעסן. אינמיטן דער סעודה הויבט אָן דער רבי ר׳ אלימלך צו שרייען: „אלימלך, אַלימלך! זע נאַר ווי אַזוי דו עסט, די תאוות־אכילה איז דאָך ביי דיר זייער גרויס! זע נאַר ווי די שלינגסט דאָס ברויט...״ (אוהל אלימלך סימן קע״ג). און דער חסיד, וואָס האָט מיט אים צוזאַמען געגעסן, האָט שוין פאַרשטאַנען וועמען דער רבי האָט געמיינט, און ער האָט זינט דעמאָלט גובר געווען זיין שלעכטע מידה...

און ווען עס איז געקומען צו אים צום ערשטן מאָל דער רבי ר׳ דודל לעלעווער (נפטר געוואָרן 1814), האָט דער רבי ר׳ אלימלך אים נישט צוגעלאָזט צו זיך, וויל כאָטש ר׳ דודל לעלעווער האָט געדאַוונט מיט גרויס התלהבות, דאָך האָט דער רבי ר׳ אלימלך דערפילט, אַז עס איז עפּעס פאַראַן אַ פגימה אין זיין עבודת־הבורא, און דאָס איז שוין געווען גענוג, ער זאָל אים נישט וועלן זען. ערשט ווען דער רבי ר׳ אלימלך האָט איינמאָל ביי שלוש־סעודות געזאָגט תורה, האָט ר׳ דודל לעלעווער דערהערט ווי דער רבי ר׳ אלימלך זאָגט מיט גרויס התלהבות: „אויב אַ מענטש איז עוסק אין תורה און אין מצוות מיט

גרויס התלהבות, אָבער אַז ער מיינט איין האָר זיך, איז דער שאול-תחתיה וויניק פאַר אים...״

ר׳ דודל לעלעווער האָט תיכף פאַרשטאַנען, אַז דער רבי ר׳ אלימלך האָט מיט דער תורה געמיינט אים, האָט ער אָנגעהויבן „מפשפש במעשיו״ צו זיין, זיך גוט איבערגערעכענען, צי ער טוט אַלץ לשם שמים, און ווען ער האָט זיך שוין געהאַט גוט אויסגעווינט, האָט אים דער רבי ר׳ אלימלך ערשט אַריינגעלאָזט און אים אויפגענומען צווישן זיינע תלמידים.

דער רבי ר׳ אלימלך האָט נישט אָנגענומען פאַר אַ תלמיד יעדן איינעם, נאָר יחידי סגולה, געהויבענע יונגעלייט, וועלכע זענען ראוי געווען צו הערן תורה פון זיין מויל.

אויך ווען דער ראָפּשיצער רבי (ר׳ נפתלי צבי) איז צום ערשטן מאָל, אַלס יונגערמאַן, געקומען צום רבין ר׳ אלימלך, האָט ער אים נישט געוואָלט אַריינלאָזן, און ער האָט געהייסן אים זאָגן, אַז „אַ מיוחס וויל איך נישט האָבן!״ (דער ראָפּשיצער רבי איז געווען אַ גרויסער מיוחס *). האָט דער ראָפּשיצער רבי זיך אַוועקגעלייגט פאַרן פענצטער פון רבין ר׳ אלימלכס הויז — ווערט דערציילט — און האָט געוויינט און געקלאָגט און געשריגן: „וואָס בין איך שולדיק, אַז מיינע זיידעס זענען געווען ערלעכע יידן!״ און ער האָט אַזוי לאַנג געוויינט, ביז בלוט האָט זיך אים געלאָזט פון האַלדז, ערשט דעמאָלט האָט דער רבי ר׳ אלימלך אים געהייסן אַריינלאָזן און אים אויפגענומען פאַר אַ תלמיד.

לויט אַ צווייטן נוסח זאָל אים דער רבי ר׳ אלימלך האָבן געענטפערט: „דו ביסט אַ בן רוצח און איך וויל דערפאַר דיך נישט האָבן פאַר אַ תלמיד״.

און פאַרוואָס דער רבי ר׳ אלימלך האָט אים דאָס געזאָגט, ווערט וועגן דעם אַזאַ מעשה דערציילט:

ווען דער רבי ר׳ אלימלך איז געגאַנגען „אָפּריכטן גלות״ צוזאַמען מיט זיין ברודער, דעם רבין ר׳ זושא, זענען זיי דורכגעגאַנגען די שטאָט לינסק, וואו ר׳ מענדעלע לינסקער, דער פאָטער פון ראָפּשיצער רבין האָט געוואוינט. די צוויי ברידער האָבן שוין געהאַט ביי זיך אָפּגעמאַכט אַהיים צו פאָרן און מער נישט אַרומצוואוואַלגערן זיך

*) וועגן ראָפּשיצער שרייבן מיר באַזונדער אין דעם בוך.

איבער דער וועלט, אפגעריסן, אפגעשליסן, פארשטעלטע פאר פראסטע ארחי־פרחיס, נאר געטראכט שוין נתגלה צו ווערן.

ווען זיי זענען אבער ארומגעגאנגען איבער די הייזער אין לינסק, זענען זיי אויך אריין צו ר׳ מענדעלע לינסקער בעטן א נדבה. האט ר׳ מענדעלע א קוק געטאן אויף זיי און האט זיי געגעבן א גאלדן רענדל.

ווען די צוויי פארשטעלטע ארעמעלייט זענען געקומען אין „הקדש" אריין דארט, וואו עס האלטן זיך אויף אלע שלעפערס, האבן זיי דערזען, אז ר׳ מענדעלע האט זיי געגעבן א גאלדן רענדל, זענען זיי צוריק אוועק צו אים און האבן אים געזאגט: „זייט מוחל, רבי, איר האט זיכער געמאכט א טעות. איר האט אונדז געגעבן א גאלדענע מטבע אנשטאט א קופערנע".

„איך האב קיין שום טעות נישט געמאכט", האט ר׳ מענדעלע זיי געענטפערט און מיט א שמייכל זיי אריינגעקוקט אין די אויגן. „איך דערקען אייך זייער גוט, נאר וויסן זאלט איר, אז אויב איך וואלט געוועזן געגאנגען אפריכטן גלות אזוי פיל יאר ווי איר, וואלט איך שוין געווען געקומען צו א גרעסערער מדרגה פון אייך..."

האבן די צוויי ברידער דעמאלט ביי זיך אפגעמאכט אפצוריכטן גלות נאך א גאנץ יאר.

דערפאר, לאזט אויס די חסידישע לעגענדע, האט דער רבי ר׳ אלימלך אנגערופן דעם ראפשיצער רבין „בן רוצח". (אוהל אלימלך ל"א. אוהל נפתלי, סימן י"ג).

מיט דער צייט איז דער רבי ר׳ אלימלך שוין געווארן אזוי באקאנט צווישן די יידן אין גאליציע, אז א סך מענטשן האבן אים געפרעגט עצות אין פארשידענע ענינים, בפרט וועגן אן ענין, וואס עס איז דעמאלט אנגעגאנגען א הארבער קאמף, וועגן דעם נוסח פון דאווענען — ווייל ביז צום אנטשטיין פון חסידות האבן די יידן געדאווענט „נוסח אשכנז", אבער דער בעל־שם־טוב האט איינגעפירט „נוסח ספרד", האבן יידן נישט געוואוסט וואס זיי זאלן טאן, און אזוי ווי זיי האבן באטראכט דעם רבין ר׳ אלימלך פאר א פוסק, האבן זיי אים געפרעגט, וואס זיין מיינונג איז. עס פארשטייט זיך, אז דער רבי ר׳ אלימלך האט געהייסן דאווענען לויטן „נוסח ספרד" און ער האט געזאגט, אז דער „בית יוסף" ברענגט טאקע צוויי נוסחאות, נאר דער רמ"א האט גערעכנט, אז דער „נוסח ספרד" איז צו הייליק פאר פשוטע מענטשן, האט ער געהייסן דאווענען לויטן „נוסח אשכנז". און

דערפאַר וואָס דער בעל־שם־טוב האָט אַראָפּגעבראַכט אַ ניי ליכט אויף דער וועלט, קען שוין יעדער איינער דאַווענען לויטן „נוסח ספרד״.

און אויב מען וועט פרעגן: ווי אַזוי קען מען מתיר זיין יעדן איינעם צו דאַווענען לויט דעם ספרדישן נוסח, ווען מען זאָגט, אַז מען דאַרף זיין דערצו גאָר אַ געהויבענער ייד? האָט דער רבי ר׳ אלימלך דאָס מסביר געווען און געגעבן צו פאַרשטיין מיט אַ דרש פון דער תורה. וואָרום ווען די יידן האָבן מקבל געווען די תורה, האָבן זיי זיכער נישט געקענט אַלע זיין אין אַזאַ גרויסער בחינה, אַז די שכינה זאָל אויף זיי רוען, נאָר ווייל זיי האָבן זיך מקשר געווען מיט משהן, ווייל זיי האָבן זיך באַהעפט מיט זיין נשמה, איז גלייך געווען ווי זיי אַליין וואָלטן געווען געקומען צו אַזוינע גרויסע מדרגות. דעם נמשל קען מען שוין אַליין פאַרשטיין, אַז דערפאַר, וואָס די חסידים זענען זיך מקשר מיטן צדיק, איז גלייך ווי זיי אַליין וואָלטן געקומען צו גאָר גרויסע מדרגות און דערפאַר מעגן זיי דאַווענען לויטן „נוסח ספרד...״

דער רבי ר׳ אלימלך האָט פאַר זיינע תלמידים אָנגעשריבן אַ „צעטל קטן״, וואָס ווערט באַטראַכט ווי אַ מין רעליגיעזע צוואה. דער „צעטל קטן״ אַנטהאַלט זיבעצן סימנים, וואָס גיבן עצות דעם מענטשן, ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין בין אדם למקום און בין אדם לחברו: „יעדע צייט״, שרייבט דער רבי ר׳ אלימלך אינעם „צעטל קטן״, „ווען דער מענטש זיצט אַליין און ער איז פריי פון לערנען, ווען ער זיצט ביי זיך אין חדר אָדער ליגט אויפן בעט און קען נישט שלאָפן, זאָל ער טראַכטן פון גאָט, זאָל ער זיך פאַרשטעלן ווי אַ גרויס פייער ברענט פאַר אים, וואָס דערגרייכט ביזן הימל, און אַזוי אַרום וועט ער האָבן ריינע מחשבות, וואָס גאָט איז זיי מצרף צו די גוטע מעשים...

„און אויך ווען דער מענטש עסט, דאַרף ער אין זינען האָבן, אַז ער עסט נאָר, כדי ער זאָל זיין געזונט און קענען דינען דעם אויי־בערשטן...

„אויך זאָל דער מענטש זיין גוט אָפּגעהיט מיט זיינע רייד און ער זאָל נישט רעדן קיין איבעריקע דבורים, נאָר ער זאָל רעדן דעמאָלט, ווען עס איז זייער נויטיק, און אויך דאַן זאָל ער יעדעס וואָרט זיפּן מיט דרייצן זיפּן און זען, צי אין זיינע ווערטער האָט זיך נישט אַריינגעכאַפּט קיין שום שפּרינקעלע פון חניפה, ליגן, לשון־הרע אָדער רכילות...״

דער רבי ר׳ אלימלך עצהט אויך זיינע תלמידים, אַז זיי זאָלן זיך תמיד אַראָפּרעדן פון האַרץ פאַר זייער מנהיג, פאַר זייער גייסטיקן

פירער, און זיי זאָלן זיך גאָרנישט שעמען אים צו דערציילן אַלץ, וואָס עס איז זיי דורכגעלאָפן אין קאָפּ אין משך פונעם גאַנצן טאָג, אַזוי אַרום וועלן זיי צעברעכן דעם כוח פון יצר־הרע און זיי וועלן אים קענען בייקומען.

און נאָך און נאָך אַזוינע גוטע מידות לערנט זיי דער רבי ר׳ אלימלך. ער האָט אויך געהייסן, אַז דער „צעטל קטן" זאָל כסדר ליגן פאַרן חסיד אויפן טיש און צוויי מאָל אין טאָג זאָל ער אין אים אַריינקוקן און איבערחזרן יעדעס וואָרט אויך אויף יידיש... דערביי זאָל זיך אים אויסדאַכטן, אַז נעבן אים שטייט אַ מענטש און איז אים מעורר מיט אַ שטאַרק קול, ער זאָל מקיים זיין אַלע הנהגות, וואָס זענען אויסגערעכנט אינעם „צעטל קטן"... און אויב דער מענטש וועט זיך צוגעוואוינען צו דעם אַלעם, לאָזט אויס דער רבי ר׳ אלימלך, „וועט קומען אַ גרויס התעוררות צו זיין נשמה" (ספר: „דרך אמת").



דעם בעש״טס בית־המדרש אין מעזשיבעזש.

## קאַפּיטל ג

# ווי אַזוי דער רבי ר׳ אלימלך האָט אָפּגעריכט גלות צוזאַמען מיט זיין ברודער, דער רבי ר׳ זושא

דער ברודער פון רבין ר׳ אלימלך, דער רבי ר׳ זושע, האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה מיט זיין דאַווענען. — ווי אַזוי ער האָט געפונען אַ גניבה. — ער פלעגט אויסרעכענען די עבירות פון די חסידים. — זיין גרויס דחקות. — ווי אַזוי דער רבי ר׳ זושע איז נתגלה געוואָרן.

איידער דער רבי ר׳ אלימלך איז נתגלה געוואָרן, האָט ער אָפּגעריכט גלות צוזאַמען מיט זיין ברודער, דעם רבי ר׳ זושע פון אַנעפּאָליע, ווי עס איז אינעם פריערדיקן קאַפּיטל דערציילט געוואָרן.

זייער שיטה איז געווען, אַז כדי צו דערקענען די יידן, פאַרשטיין זייערע התנהגותן, מיטפילן מיט זיי, מוז מען קומען צו זיי אַהיים, זען ווי זיי לעבן און וואָס עס פעלט זיי, נישט זיצן ביי זיך אין שטוב און וואַרטן, ביז דער חסיד וועט קומען צום רבין. דער גייסטיקער מנהיג, האָבן זיי געהאַלטן, דאַרף „אָפּריכטן גלות", זען ווי אַזוי יידן לעבן אין שטעטלעך און דערפער, כדי צו וויסן וואָס מתפלל צו זיין פאַר זיי און דערביי זיך אַליין לייטערן.

און די צוויי ברידער האָבן יאָרן אָפּגעריכט גלות, געגאַנגען פאַרשטעלערהייט איבער פאַרשידענע יידישע ישובים; געגעכטיקט אין פאַרשידענע יידישע קרעטשמעס און איינגעזאַפּט אין זיך די אַלע צרות און פיין, וואָס די יידן זענען דעמאָלט אויסגעשטאַנען.

און חסידים דערציילן, אַז איינמאָל זענען די צוויי ברידער אָנגעקומען אין אַ יידישער קרעטשמע שפּעט ביינאַכט, גראַד איז אין

דער קרעטשמע געווען אַ גויאישע חתונה און די פויערים האָבן געהאַלטן אין איין שכורן און הוליען. דער רבי ר׳ זושע און דער רבי ר׳ אלימלך האָבן זיך נישט אויסגעגעבן, ווער זיי זענען, נאָר זענען אַריינגעקומען אין דער קרעטשמע, ווי צוויי אָרעמעלייט, מדינה־גייערס, און זיי האָבן זיך געבעטן ביים יידישן קרעטשמער, ער זאָל זיי געבן אַן אָרט וואו איבערצונעכטיקן. דער יידישער קרעטשמער האָט זיי אָנגעוויזן אַ פּלאַץ אויפן אויוון און זיי געהייסן זיך דאָרט אוועקלייגן.

דער רבי ר׳ זושע און דער רבי ר׳ אלימלך זענען אַרויפגעקראָכן אויפן אויוון און ביידע האָבן שטילערהייט אָנגעהויבן צו זאָגן תהלים.

דערווייל האָבן די שכורע פויערים וואָס אַמאָל זיך מער צעהוליעט, און ווען זיי האָבן דערזען, אַז אויף דעם פּיעקעליק ליגן צוויי אָרעמע „זשידקעס״, זענען זיי צוגעלאָפן צום אויוון און האָבן אַראָפּגעשלעפּט דעם רבין ר׳ זושע, וואָס איז געלעגן דער ערשטער צו דער קרעטשמע־שטוב און האָבן אים באַפוילן ער זאָל פאַר זיי טאַנצן.

דער רבי ר׳ זושע האָט זיך מחיה געווען, וואָס מען טוט אים אָן אַזוי פיל בזיונות און ער האָט פאַר די שכורע פויערים געטאַנצט און געזונגען אַזוי ווי די פויערים האָבן געוואָלט.

די פויערים האָבן שטאַרק אָנגעקוואָלן פון דעם יידישן אָרעמאַנס טאַנצן און זיי האָבן אים געשטויסן פון אַלע זייטן, ביז זיי זענען מיד געוואָרן פון לאַכן און אָפּחוזקן פון דעם יידישן בעטלער און האָבן אים געהייסן צוריק אַרויפקריכן אויפן פּיעקעליק.

דער רבי ר׳ זושע האָט גאָרנישט געוואוסט ווי צו דאַנקען און לויבן דעם בורא־עולם, וואָס האָט אים צוגעשיקט אַזעלכע „גוטע שליחים״, וואָס פאַרשאַפן אים אַזוי פיל פּיין, און ער האָט געבעטן גאָט, אַז אין דעם זכות זאָל זיין נשמה געלייטערט ווערן און גערייניקט ווערן.

אָבער די פויערים האָבן נישט געלאָזט ר׳ זושען תפילה טאָן און זיי האָבן אים ווייטער אַראָפּגעשלעפּט פון פּיעקעליק און געהייסן ער זאָל פאַר זיי טאַנצן.

און דער רבי ר׳ זושע האָט ווייטער געטאַנצט, בעת די שכורע פויערים האָבן אים געשלאָגן, און ער האָט שטילערהייט געמורמלט אַ תפילה.

אַזוי האָט עס געטראָפן אַ פּאָר מאָל. זיי האָבן געכאַפּט דעם רבין ר׳ זושע און אים געהייסן זינגען און טאַנצן פאַר זיי.

האָט זיך אין אים מתקנא געווען זיין ברודער, דער רבי ר׳ אלימלך, און האָט געפרעגט:



דער קבר פון בעש״טס מוטער.

— זושע, זושע, זאָג מיר פאַרוואָס האָסטו היינט זוכה געווען צו אַזאַ גרויסער זאַך? פאַרוואָס שלעפּן זיי כסדר דיך אַראָפּ און מיך לאָזן זיי איבער? זאָג מיר, וואָס האָסטו אויפגעטאָן, וואָס מען שיקט דיר צו אַזוינע גוטע שליחים?

— איך ווייס אַליין נישט — האָט דער רבי ר' זושע געענטפערט — מיר זענען דאָך אַ גאַנצן טאָג צוזאַמען געווען, נישט אַנדערש נאָר ווייל איך ליג דער ערשטער צו דער קרעטשמע־שטוב, נעמען זיי מיך.

— אויב אַזוי — האָט זיך דער רבי ר' אלימלך אָנגערופן — טאָ לאָמיר זיך בייטן מיט די געלעגערס. דו וועסט ליגן אויף מיין אָרט און איך אויף דיין אָרט.

און זיי האָבן זיך באַלד געביטן מיט די געלעגערס. אָבער ווי נאָר די שיכורע פּויערים זענען צוגעקומען צו נעמען דעם רבין ר' אלימלך צו טאַנצן, האָט זיך פלוצלינג אָנגערופן אַ שכורער פּויער:

— חברה, ס'איז נישט קיין יושר, אַז מיר זאָלן כסדר מוטשען נאָר איין זשידעק. מיר דאַרפן זען וואָס דער צווייטער קאָן.

און זיי האָבן ווידער געכאַפּט דעם רבין ר' זושע, וואָס איז דאָס מאָל געלעגן ביי דער וואַנט, אויפן אָרט פון רבין ר' אלימלך, און דעם רבין ר' אלימלך האָבן זיי ווידער נישט געטשעפּעט.

איז דער רבי ר' אלימלך דערנאָך געלעגן און האָט געוויינט אַ גאַנצע נאַכט — דערציילן די חסידים — וואָס ער האָט נישט זוכה געווען כאָטש איין מאָל צו ווערן אַראָפּגעטריבן פון פּיעקעליק צו קענען טאַנצן פאַר די שכורע פּויערים פּונקט ווי זיין ברודער, דער רבי ר' זושע.

דער רבי ר' זושע, נאָך דעם ווי ער איז נתגלה געוואָרן, איז געוואָרן אַ גרויסער בעל־מופת. נפלאותדיקע זאַכן ווערן פון אים נאָכדערציילט. תמיד האָט דער רבי ר' זושע געדינט גאָט מיט גרויס פּחד און פאַרכטיקייט.

איין מאָל האָט דער רבי ר' זושע געבעטן ביי גאָט, ער זאָל אים געבן די אייגענע יראה, וואָס אַ מלאך האָט. האָט גאָט צוגעהערט זיין געבעט, אָבער דער רבי ר' זושע האָט דערפילט, אַז ער ווערט פאַר־ברענט פון אַזאַ גרויסן פּחד, וואָס ער האָט באַקומען, האָט ער געבעטן גאָט, ער זאָל צוריקצונעמען די גרויסע יראה, וואָס אַ מלאך האָט.

דער רבי ר' זושע האָט אָבער מיט זיין פּחד געקענט אָנוואַרפן אַן אימה אויף אַלע מענטשן און אַזוי זיי צו ברענגען צו אַ התעוררות פון תשובה.

איין מאָל — דערציילט מען — האָט מען באַגנבעט דעם פּריץ

פון אַנעפּאָליע. האָט דער פּריץ חושד געווען אַ יידן פון שטאָט. האָט ער פאַר כעס אַרויסגעגעבן אַ גזירה אַרויסצוטרייבן אַלע יידן פון אַנעפּאָליע. האָט דערהערט דער רבי ר׳ זושע, וואָס פאַר אַ ביטערע גזירה ס׳איז אַרויסגעגאַנגען אויף די יידן, איז ער געלאָפן צום פּריץ און אים געבעטן, ער זאָל אָפּווארטן אַ יאָר און דערפאַר זאָגט ער אים צו, אַז אין אַ יאָר אַרום וועט ער אים אָפּגעבן די גנבה.

דער פּריץ האָט זייער שטאַרק געהאַלטן פון רבין ר׳ זושע און האָט מסכים געווען די גזירה אָפּצורופן, נאָר בתנאי אַז דער רבי ר׳ זושע זאָל אים די גנבה אָפּגעבן.

און ווען עס איז דורכגעגאַנגען דאָס יאָר, איז דער רבי ר׳ זושע געקומען צוגיין אין הויף און האָט געהייסן צונויפרופן אַלע פּאַראָב־קעס, וואָס האָבן געאַרבעט ביים פּריץ אין הויף. האָט דער פּריץ אַזוי געטאָן, אָבער ווען דער רבי ר׳ זושע האָט אָנגעקוקט אַלע פּאַ־ראָבקעס, האָט ער געזאָגט, אַז איינער פעלט. האָט דער פּריץ דערזען, אַז דער רבי ר׳ זושע האָט רעכט. און ער האָט געהייסן רופן דעם פּאַראָבעק, וואָס האָט געאַרבעט אין שטאַל ביי די פערד.

און ווען אַלע פּאַראָבקעס זענען שוין געשטאַנען אויסגעשטעלט פאַרן פּאַלאַץ פונעם פּריץ, האָט דער רבי ר׳ זושע אָנגעהויבן צו זאָגן די תפילה „ובכן תן פחדך"... ער האָט עס געזאָגט מיט אַזאַ יראה און פחד, אַז אַלע פּאַראָבקעס האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן פאַר שרעק, און דער פּאַראָבעק, וואָס האָט פאַרשפּעטיקט אין שטאַל, האָט פאַר שרעק אָנגעהויבן צו חלשן און באַלד זיך מודה געווען אין דער גנבה. ער איז אַריין אין שטאַל און אַלץ צוריק אַרויסגעגראָבן, וואָס ער האָט געהאַט צוגעגנבעט אינעם הויף פון פּאַלאַץ.

דער פּריץ האָט געדאַנקט דעם רבי ר׳ זושע און אים געבעטן, ער זאָל אים מוחל זיין דערפאַר וואָס ער האָט בחינם חושד געווען אַ יידן אין דער דאָזיקער גנבה.

די לעגענדעס וועגן דעם רבין ר׳ זושעס אָרעמקייט זענען שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ר׳ אייזיקל קאָמאַרנער ברענגט אין זיין ספר „היכל הברכה" (פּרשת ואתחנן), אַז דער רבי ר׳ אברהם מרדכי פון פּינטשעוו האָט אים דערציילט, אַז דער רבי ר׳ זושע איז געווען, פאַר גרויס אָרעמקייט, אַ שטיק צייט אַ שמש אין אוסטרא. ער איז געווען אַזאַ גרויסער אָרעמאַן, אַז ער פלעגט אָפט דריי טעג כסדר פאַסטן. ביז ער האָט דערנאָך געבעטן אַ יידן, ער זאָל אים געבן אַ נדבה צו קויפן אַ שטיקל ברויט.

אָבער איינמאָל האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער וועט אַזוי

לאַנג פאַסטן ביז מען וועט אים אַליין געבן צו עסן און ווען ער וועט אַפילו דאַרפן, חס ושלום, אַוועקגיין פון דער וועלט, וועט ער נישט בעטן ביי קיינעם.

איז געוואָרן אַ גרויסער רעש אין הימל, ווייל עס האָט זיך נישט געטראָפן קיין איין ייד אין אוסטרא, וואָס זאָל וועלן געבן עפּעס צו עסן דעם רבי ר׳ זושען, ביז ר׳ זושע איז שוין געווען אַ נוטה למות, ערשט דעמאָלט האָט גאָט אַראָפּגעשיקט צום רבין ר׳ זושע אַ מלאך, פאַרשטעלט פאַר אַ פרעמדן יידן און יענער האָט אים געגעבן דריי גראָשן צו קויפן אַ שטיקל ברויט און אים צוגעזאָגט, אַז מער וועט ער שוין נישט ליידן קיין דחקות. פון דעמאָלט אָן איז דער רבי ר׳ זושע נתגלה געוואָרן און חסידים האָבן אָנגעהויבן צו אים צו פאָרן.

דער רבי ר׳ זושע האָט געהאַט אַ מנהג, אַז זיינע חסידים פלעגט ער שטאַרק מוסרן, אָבער ער פלעגט אַלע עבירות אויסרעכענען אויף זיך. ער פלעגט שרייען:

— „אוי, זושע, זושע, פאַרוואָס האָסטו אַזוי שטאַרק חוטא געווען״ און אויסגערעכנט די עבירות, און דער חסיד, וועמען דער רבי ר׳ זושע האָט אין זינען געהאַט, האָט שוין געוואוסט וועמען ער מיינט, און ער האָט אין האַרצן תשובה געטאָן. (דעם זעלבן מנהג האָט אויך געהאַט זיין ברודער דער רבי ר׳ אלימלך.

זיבן יאָר איז דער רבי ר׳ זושע געלעגן קראַנק און ער האָט מקבל געווען אַלע יסורים באהבה, כדי ער זאָל זיין אַ כפרה פאַר דעם כלל ישראל, ביז ער איז נפטר געוואָרן ב׳ שבט, אין יאָר תק״ס (1800).

דער רבי ר׳ זושע האָט נישט אויפגעשטעלט אַזוי פיל תלמידים, ווי זיין ברודער דער רבי ר׳ אלימלך. אָבער אין דער חסידישער וועלט פאַרנעמט ער אַ גרויסן פלאַץ און ווערט פאַררעכנט פאַר איינעם פון די זיילן פון חסידות.



דעם רבין ר׳ זושעס חתימה.

## קאַפּיטל ד

# דער רבי ר׳ אלימלך לערנט ווי אַזוי אַ ייד קען ווערן אַ חסיד

דער רבי ר׳ אלימלך האָט נישט געוואָלט, אַז זיינע קינדער זאָלן זיין רביים. — אויך דער יצר־הרע האָט זיינע חסידים, זאָגט דער רבי ר׳ אלימלך. — ער האָט נישט געוואָלט, אַז זיינע קינדער זאָלן לעבן אין זיין זכות. — נישט יעדער איינער איז ראוי צו זיין אַ חסיד. — ער שטראָפט די יידן וואָס האַלטן נישט בכבוד די מנהיגים פון חסידות. — זיין ספר „נועם אלימלך״.

דער רבי ר׳ אלימלך האָט נישט געוואָלט, אַז זיינע קינדער זאָלן לעבן אין זיין זכות, אַז זיי זאָלן זיין רביים און ציען חיונה דערפון, וואָס די חסידים וועלן זיי געבן געלט, פירן רביסטווע, בלויז דערפאַר, וויל זיי זענען זיינע קינדער.

— „איך וויל נישט, אַז מיינע קינדער זאָלן זיין עשירים, — האָט דער רבי ר׳ אלימלך אַמאָל געזאָגט — און אַז זיי וועלן נישט האָבן פון וואָס צו ציען חיונה, זאָלן זיי גיין אין די הייזער, און אויב זיי וועלן נישט זיין ראוי, זאָל מען זיי גאָר נישט געבן (אוהל אלימלך, סימן קנ״ז).

אַט דערמיט אַליין זענען צעקלאַפּט געוואָרן אַלע השערות, וואָס די משכילים, מתנגדים און קעגנער פון חסידות האָבן אויסגעטראַכט, אַז דער רבי ר׳ אלימלך, מיט זיין שיטה וועגן פּראַקטישן צדיקיזם האָט געוואָלט זיך באַפעסטיקן און גרינדן אַ הויף, פאַרזאָרגן זיך און זיינע קינדער און קינדס קינדער...

און די קינדער זיינע האָבן טאַקע מקיים געווען זיין אָנזאָג, קיין איינער פון זיינע דריי זין איז נישט געוואָרן קיין רבי. זיין זון, ר׳ אלעזר, וועלכער איז זיכער געווען ראוי צו זיין דער ממלא מקום

פון זיין פּאַטער, איז קיין רבי, לויטן חסידישן באַגריף (אַ רבי וואָס האָט חסידים, נעמט קוויטלעך) נישט געווען. נאָר בלויז די טאָכטער פון רבין ר׳ אלימלך, מירל (גערופן מיריש), האָט געשפּילט אַ ראָלע פון אַ רבין, ווייל אַלע צדיקים פון יענעם דור האָבן שטאַרק געהאַלטן פון איר צדקות און פלעגן איר געבן קוויטלעך (זי איז געווען דאָס ווייב פון דעם רב ר׳ אלי׳ פון שדה־לבן, אַ זון פון דעם רב ר׳ יעקעל פון לאנצוט).

דער רבי ר׳ אלימלך האָט שוין אין זיין דור דערפילט, אַז נישט אַלע חסידים זענען אמתע ערלעכע לייט. ווייזט אויס, אַז שוין אין זיין צייט, זענען געווען חסידים, וואָס האָבן לפנים געטאָן אַלץ וואָס די חסידישע שיטה לערנט און דאָך אין האַרצן זענען זיי געווען ווייט דערפון. אַזוי האָט דער רבי ר׳ אלימלך דערציילט צו זיינע חסידים, אַז דער יצר־הרע האָט זיך געווענדט אַמאָל צו אים און האָט אים געזאָגט, אַז אויב ער וועט נישט אויפהערן צו פאַרשפּרייטן זיין נייעם דרך, וועט ער איבערלאָזן די גאַנצע וועלט און וועט זיך נעמען צו אים אַליין, ווייל דערמיט, וואָס ער פאַרשפּרייט די נייע חסידישע שיטה צווישן די יידן, האָט ער, דער יצר־הרע שוין גאָרנישט וואָס צו טאָן אויף דער וועלט!... און דער רבי ר׳ אלימלך האָט אים גע־ענטפערט, אַז ער שרעקט זיך גאָרנישט, זאָל דער יצר־הרע מיט אים אָנהויבן צו פירן מלחמה!... אָבער צום סוף האָט דער יצר־הרע אים געזאָגט, אַז ער איז געפאַלן אויף אַ בעסער מיטל, ער וועט אויך מאַכן חסידים, באַווירקן מענטשן צו ווערן חסידים, צווישן זיינע לייט!...

„צוליב דעם טאַקע, — האָט דער רבי ר׳ אלימלך אויסגעלאָזט זיין חסידישן שמועס, — האָבן זיך אַריינגעכאַפּט צווישן די חסידים מענטשן, וועלכן טאַנצן צוזאַמען מיט די חסידים, דאַווענען חסידיש, שאָקלען זיך ביים דאַווענען, פאָרן צום רבין און זענען פאַרט פאַר־קויפטע נשמות, וואָס זיינען געפאַנגענע אין די הענט פון יצר־הרע״!...

דער רבי ר׳ אלימלך האָט נישט געהאַלטן, אַז יעדער איינער איז ראוי צו זיין אַ חסיד. לויט זיין שיטה, האָט אַפילו בלויז צו מעגן דאַווענען לויטן חסידישן נוסח דער ייד געמוזט זיין אַ בעל מדרגה, פאַרמאָגן אַ סך גוטע מידות.

אָט וואָס דער רבי ר׳ אלימלך שרייבט אין אַ בריוו צו אַ חסיד וועגן דעם (געדרוקט אין סוף פון ספר „אוהל אלימלך״):

„די וואָס ווילן דאַווענען לויטן חסידישן נוסח, דאַרפן זיין אָפּ־געשיידט פון דער גאַנצער וועלט, זיי דאַרפן קיינמאָל נישט האָבן

געזאָגט קיין ליגן, נישט שעלטן, נישט האָבן קיין הקפדה אויף קיינעם אַפילו בלויז אין האַרץ, נישט שווערן, נישט האָבן קיין שום גלוסטונג צו געלט און צו אַנדערע תאוות, זיך לאָזן שטראָפן פון אַנדערע, קיינמאָל זיך נישט אָנשיכורן, און זיך פילן אַזוי אָנגעווייטיקט צוליב די צרות ישראל, אַז ער זאָל טאַקע מער נישט קענען איבערטראָגן און מוזן מתפלל זיין פאַרן כלל ישראל. און דער עיקר צו האָבן אהבת חברים... און ווער עס האָט נישט אָט די דאָזיקע מידות, געהער נישט צו אונדזער כת!..."

און אין אַ צווייטן בריוו צו אַ חסיד איז מתרעם דער רבי ר' אלימלך, וואָס יענער רופט אים אַן רבי און שרייבט אויף אים שבחים, ווייל ער האַלט, אַז ער איז נישט ראוי דערצו, "בפרט ווען איך", שרייבט ער אין אַ בריוו, "ווער געדרודפט פון אַלע גדולי הדור, איז עס אַוודאי נישט בחינם!... און עס איז זיכער אויך פון גאָט, דאָס וואָס מען לאָזט איך נישט זיצן ביי שלוש סעודות (ווייזט אויס, אַז דער חסיד האָט זיך באַקלאָגט פאַרן רבין ר' אלימלך, אַז מען רודפט אים, ווייל ער פירט שלוש סעודות) און אויך דאָס איז מיין זינד, וואָס איר האָט זיך מקשר געווען אין מיר. אָבער איר דאַרפט תמיד זיך אַליין דן זיין לכף חוב און יענעם לכף זכות, אַזוי ווי איך האָב געשוויגן ווען מען האָט צעשטערט מיין מנין!..."

פון דעם בריוו זעט מען, אַז דער רבי ר' אלימלך האָט נישט געהאַט קיין מנוחה אַפילו אויף דער עלטער און אַז ער האָט זיך אַפילו אַליין נישט געהאַלטן ראוי, אַז מען זאָל אים רופן רבי...

אַן אויספירלעכן בריוו מיט עצות ווי אַזוי מען זאָל זיין אַ חסיד, שרייבט דעם רבין ר' אלימלכס זון, ר' אלעזר צו אַ חסיד, וועלכער האָט אים, הפנים, אַנגעפרעגט ווי אַזוי מען זאָל קענען ווערן אַ רבי. דערויף ענטפערט אים ר' אלעזר מיט כעס:

„איך האָב אייער בריוו געוויזן מיין טאַטן און די האָר פון קאָפּ האָבן זיך אים אויפגעשטעלט און אַלע אברים האָבן אים געציטערט ווען ער האָט געלייענט ווי אַזוי איר פרעגט אַזוינע נאַרישע שאלות, וואָס ווייזט אויס, אַז איר זענט געפאָרן צו אַ רבין בלויז דערפאַר כדי אים נאָכצוטאָן און צו קענען זיין אַזוי ווי ער.

„דער עיקר פאָרן צו אַ רבין איז אָבער בלויז, כדי זיך אָפּצו־לערנען פון זיינע גוטע מידות... אָבער איר האָט נישט אַזוי געטאָן, נאָר אייך האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס וואָס איר וועט נאָכמאַכן דעם רבין, וועט איר שוין זיין אַ חסיד... און אין דער אמתן וואָלט איך אייך גאָרנישט געדאַרפט ענטפערן אויף אייערע נאַרישע שאלות, ווען

מען זאָל זאָגן שיר השירים און ווען מען זאָל זינגען די אָדער יענע זמירות, אַזוי ווי דאָס וואָלט גאָר געווען דער עיקר!... דער עיקר איז אָבער מען זאָל מתפלל זיין, מען זאָל קומען צום אמת!... אַז מען זאָל זיך אָפּזונדערן פון דער גאַנצער וועלט יעדן טאָג, לכל הפּחות אויף אַ שעה, און אין התבודדות זיך דערמאָנען די אַלע זינד, וואָס מען איז אַמאָל באַגאַנגען, מען זאָל לערנען יעדן טאָג גמרא און מוסר ספרים, ווי למשל, „ראשית חכמה" און אַנדערע, און ערשט דערנאָך לערנען אין די „כתבים" (געמיינט קבלה און חסידות וואָס איז געווען על פּי רוב אין כתב־יד).

און דערנאָך רעכנט ר' אלעזר אויס אין בריוו, ווי אַזוי מען דאַרף זיין אויסגעאַרבעט כדי צו מעגן אַריינצוקוקן אין די „כתבים". כדי צו זיין אַ חסיד, דאַרף מען אין זיך האָבן אַ סך ליבשאַפט צו די מענטשן, תמיד יעדן איינעם דן זיין לכף זכות, זיך אָפּהיטן פון רעדן אַ סך און נאָך און נאָך גוטע מידות, וואָס דער מענטש מוז אין זיך אויסאַרבעטן, ערשט דערנאָך קען ער אָנגערופן ווערן חסיד.

אַט אַזוי האָט דער רבי ר' אלימלך געקוקט אויף דעם נייעם דרך פון חסידות און געלערנט ווי אַזוי אַ ייד קען ווערן אַ חסיד...

דער רבי ר' אלימלך האָט אָבער אַליין געשטראָפט יידן, ווען ער האָט געזען, אַז זיי זענען נישט נוהג כבוד צו די מנהיגים פון חסידות. אַזוי ווערט דערציילט, אַז זיין רבי ר' שמעלקע פון ניקלש־בורג, האָט כסדר געהאַט מחלוקת אין שטאָט, צוליב די באַלעבאַטים, וועלכע האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן ר' שמעלקעס חסידישן דרך. איז אַמאָל דער רבי ר' אלימלך געקומען קיין ניקלשבורג אַ פאַר־שטעלטער פאַר אַ פּשוטן מדינה־גייער און ער האָט געבעטן דעם פּרנס־חודש, ער זאָל אים דערלויבן האַלטן אַ דרשה אין שול.

האָט דער פּרנס־חודש אים געגעבן די דערלויבעניש און ווען אַלע באַלעבאַטים האָבן זיך שבת נאָכן טיש פאַרזאַמלט אין שול, האָט זיך דער רבי ר' אלימלך אַוועקגעשטעלט אויף דער בימה און האָט אָנגעהויבן זיין דרשה מיט אַ משל:

„אַמאָל איז געווען אַ מלך, האָט ער געהאַט אַ טייער פערד, איז דאָס פערד פּלוצלינג קראַנק געוואָרן, האָט מען גערופן די גרעסטע רופאים פון לאַנד צו היילן דאָס פערד, האָבן זיי דעם פערד געגעבן טייערע קרייטעכצער און רפואות און עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. רופט זיך אָן אַ פּראָסטער פערד־טרייבער: „אויב איר ווילט, אַז דאָס פערד זאָל געזונט ווערן, שיקט נאָך אַ פּשוטן פערד־דאָקטאָר,

וועט ער אים געבן פערדישע רפואות, ווי למשל, אַ פונט זאַלץ, אַ שמירעכטס און דעם פערד וועט באַלד בעסער ווערן. האָט מען טאַקע אַזוי געטאָן און אַלע האָבן מודה געווען, אַז דער פערד־טרייבער האָט רעכט געהאַט... דאָס זעלבע איז מיט אייך, רבותי — האָט דער רבי ר׳ אלימלך זיך געווענדט צו די שטאָטישע באַלעבאַטים — איר האָט אַראָפּגעבראַכט אין שטאָט אַריין אַ רופא אַ גרויסן מומחה, איר האָט אויפגענומען פאַר אַ רב אין שטאָט דעם רבין ר׳ שמעלקע, צו אייך דאַרף מען אָבער אַ פשוטן פערד־דאָקטאָר, וואָס זאָל אייך פאַר־שרייבן פערדישע רפואות, ווייל איר זענט פּראָסטע בעלי־עבירה־ניקעס און פושעים!״...

דער רבי ר׳ אלימלך האָט שוין נישט געקענט ענדיקן זיין דרשה, ווייל די יידן זענען צו אים צוגעלאָפן פון אַלע זייטן און האָבן אים געוואָלט ממית זיין. ער איז קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן דורך אַ פענצטער פון דער שול אין אַ פעלד אַריין און איז באַלד נעלם געוואָרן פון דער שטאָט...

אָבער נישט תמיד איז דעם רבין ר׳ אלימלך געלונגען צו אַנט־לויפן. געווען אַ פאַל, ווען דער רבי ר׳ אלימלך אַליין האָט באַקומען גוט געשלאָגן, ווייל ער האָט זיך נישט געוואָלט אויסגעבן, ווער ער איז. אַזוי איז אין דער שטאָט בעלזשיץ, נעבן לובלין, אָנגעוויזן געוואָרן אויף אַן אַלטן טיש, וואָס אויף אים האָט מען געשלאָגן דעם רבין ר׳ אלימלך. און די מעשה איז אַזוי געווען:

בעת דער רבי ר׳ אלימלך איז געגאַנגען אָפּריכטן גלות, איז ער אַמאָל געקומען קיין בעלזשיץ, ער איז אַריינגעגאַנגען אין בית־המדרש אַריין, אַוועקגעלייגט זיין פעקל זאַכן הינטערן אויוון און זיך אויסגעמישט צווישן אַלע אָנגעקומענע אורחי־פּורחי־ניקעס. ביינאַכט, ווען די יידן זענען אַהיימגעגאַנגען פון בית־המדרש, האָט דער רבי ר׳ אלימלך אַרויסגענומען זיינע ספרים און איז אויפגעווען אַ גאַנצע נאַכט און געלערנט.

פאַרטאָג האָט ער זיך אַ ביסל צוגעלייגט אויפן טיש, און אונטער־געלייגט זיין זעקל צוקאָפּנס.

גאַנץ פרי איז אַריינגעקומען אַ באַלעבאָס אין בית־המדרש אַריין און ער האָט געוואָלט אַוועקלייגן זיין טלית און תפילין־זעקל אויפן טיש. האָט ער דערזען, אַז אַן אָרעמאַן שלאָפט אויפן טיש, האָט דאָס אים זייער פאַרדראָסן, וועקט ער אים אויף און זאָגט אים:

— העי, דו שלעפּער! האָסט שוין קיין בעסער אָרט נישט געקענט אויסזוכן צו שלאָפן, נאָר אויפן טיש?

דער רבי ר׳ אלימלך האָט זיך אָבער גאָרנישט אָנגערופן און איז ווייטער געשלאָפן, איז דער באַלעבאָס אַריינגעפאַלן אין כעס און האָט אָנגעהויבן צו שלאָגן דעם רבין ר׳ אלימלך מכות רצח!..

און ביז צום גרויסן יידישן חורבן אין פוילן האָבן די זקנים פון שטאָט אָנגעוויזן אויפן טיש אין בית־המדרש און געזאָגט:

— אויף דעם טיש האָט דער רבי ר׳ אלימלך געקראָגן געשמיסן!... (אוהל אלימלך, סי׳ של״ג).

די תלמידים פון רבין ר׳ אלימלך האָבן אָבער געהאַלטן, אַז דער רבי האָט געדאַרפט דורכמאַכן אָט די אַלע גלגולים, כדי ער זאָל קומען צו אַזאַ גרויסע מדרגה און קענען מחבר זיין דאָס ספר „נועם אלימלך״.

דאָס ספר „נועם אלימלך״ האָט צונויפגעשטעלט דער זון זיינער ר׳ אלעזר, אָבער חסידים האַלטן, אַז די תורות זענען איבערגעגעבן געוואָרן, פונקט אַזוי, ווי דער רבי ר׳ אלימלך האָט זיי געזאָגט. אין דער ערשטער אויסגאַבע פון יאָר תקמ״ח, איז פאַראַן אַפילו אַ גרייז (זע אוהל אלימלך סי׳ ר״צ). אָבער דאָך האָבן די חסידים געהאַלטן, אַז די ערשטע אויסגאַבע פון „נועם אלימלך„ האָט אין זיך אַזאַ כוח פון קדושה, אַז מען פלעגט עס, פאַר אַ סגולה, אונטערלייגן צוקאָפּנס פון אַ מקשה לילד...

אין „נועם אלימלך״ איז נישט פאַראַן קיין תורה אויף פרשת ויקהל, ווייל אין דער וואָך איז דער רבי ר׳ אלימלך נפטר געוואָרן, האָט דער זון נישט געוואָלט שטעלן קיין תורות אויף דער דאָזיקער סדרה.

וועגן הייליקייט פון „נועם אלימלך״ האָבן די חסידים דערציילט מוראדיקע גוזמאות. אַזוי ווערט דערציילט, אַז דער רבי אליעזרל דזשיקאָווער זאָל האָבן אַמאָל געזאָגט, אַז ער האָט געזען אין חלום אַ שאַנק פול מיט ספרים, און אַלע ספרים זענען געווען אַ פירוש אויפן „נועם אלימלך״...

און ווידער ווערט דערציילט, אַז דער קאַליווער רבי ר׳ אייזיקל האָט געוואָלט שרייבן אַ פירוש אויפן „נועם אלימלך״, האָט ער דער־הערט ווי אַ בת־קול האָט אים געזאָגט, ער זאָל נישט דערוועגן דאָס צו טאָן, ווייל מלאכים און שרפים באַמיען זיך צו פאַרשטיין כאָטש איין אות פון „נועם אלימלך״.

אין די אַלע תורות, וואָס דער רבי ר׳ אלימלך האָט געזאָגט, האָט ער נאָר געצילט צו איין זאַך, מען זאָל מרגיש זיין, אַז גאָט איז דער איינאונאיינציקער אויף דער גאַנצער וועלט...

אַזוי ווי עס ווערט געבראַכט אין „מאור ושמש״ (פרשת תבוא) אויפן פסוק „וידבר אלקים את כל הדברים האלה לאמר אנכי ד׳ אלקיך״, האָט דער רבי ר׳ אלימלך געטייטשט: אַז אַלע דברים, וואָס גאָט האָט גערעדט, אַלע מצוות, וואָס גאָט האָט געבאָטן, איז די כוונה זיינע געווען, אַז דער ייד זאָל זיי מקיים זיין בלויז, כדי ער זאָל קומען צום תכלית השלימות, אַז „אנכי ד׳ אלקיך!...״ אַז גאָט איז דער איינאונאיינציקער אויף דער גאַנצער וועלט!...״

## צור משלו

**לרבי אלימלך מליזענסק**




דער ניגון פון רבין ר׳ אלימלך אויף „צור משלו״.

## קאַפּיטל ה

# דעם רבין ר׳ אלימלכס שיטה וועגן מהות פון צדיק

דער רבי ר׳ אלימלך מאַכט חתונה אָרעמע חתן־כלה. — דער גרויסער צדיק האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ חוטא און האָט געגלויבט, אַז מען וועט פאַר אים באַשאַפן אַ נייעם גיהנום. — דערפאַר, האָבן חסידים געזאָגט, האָט דער רבי ר׳ אלימלך גן־עדן, ווייל ער האָט געמאַכט שלום צווישן די משרותטעס. — מעשהלעך, ווערטלעך און הלצהלעך, וואָס ווערן דערציילט וועגן רבין ר׳ אלימלך.

מיט דעם רבין ר׳ אלימלך פון ליזשענסק איז געשען דאָס זעלבע וואָס מיט אַלע אַנדערע גרויסע צדיקים, די באַגרינדער פון חסידות — עס איז, אין משך פון דער צייט וועגן אים אַנגעוואַקסן אַ וועלט מיט מעשיות. מען האָט זיין געשטאַלט אַרומגעקראַנצט מיט פאַר־שידענע משלים, ווערטלעך, תורהלעך און לעגענדעס, אַזוי אַז מען קען שוין כמעט נישט דערקענען דאָס ריכטיקע פנים פון זיין גרויסער פערזענלעכקייט.

דאָך, פונקט ווי ווען מען צעשאַרט דאָס אַש, דערזעט מען גליענ־דיקע פונקן, אַזוי בליצן אַרויס, איידעלע געדאַנקען און שפּריכ־ווערטלעך צווישן די פאַרשידענע מעשהלעך, וועלכע וואָלטן געווען אַן אוצר אין יעדער ליטעראַטור. מען דאַרף אָבער אַ סך און אַ סך אַקערן אין דעם נישט־באַאַרבעטן פעלד פון חסידות, כדי אַרויסצוזוכן אָט די אוצרות.

מיר וועלן דערפאַר דאָ געבן מוסטערן פון דער גרויסער זאַמלונג, וואָס מיר האָבן צונויפגעקליבן אין די פאַרשידענע ספרימלעך וועגן דעם רבין ר׳ אלימלך. מיר קענען אָבער נישט זאָגן אויף באַשטימט,

אַז די אַלע ווערטלעך און לעגענדעס, וואָס ווערן דערציילט וועגן רבין ר׳ אלימלך, זאָלן טאַקע קומען פון זיין מויל, אָדער זאָלן זיך האָבן געטראָפן ביי אים אַליין. דער עיקר איז אָבער, וואָס די חסידישע פאַנטאַזיע האָט די אַלע שיינע מעשהלעך אָנגעקליידט אים, דעם רבין ר׳ אלימלך, פאַרשריבן אויף זיין נאָמען, הגם אַ סך פון זיי ווערן אויך דערציילט וועגן אַנדערע רביים.

כאָטש דער רבי ר׳ אלימלך האָט אַנטוויקלט אַ גאַנצע טעאָריע וועגן פּראַקטישן צדיקיזם, דעם צדיק געשטעלט אינעם צענטער פון דער וועלט און אין אים געזען דעם „צינור״, די רער, דורך וועלכער די גאַנצע שפע פון הימל גייט דורך, דאָך האָט דער רבי ר׳ אלימלך אַליין פון זיך נישט שטאַרק געהאַלטן. אדרבה, לא די וואָס ער האָט זיך נישט באַטראַכט פאַר אַ צדיק, נאָר אַפילו פאַר אַ פּשוטן ערלעכן יידן אויך נישט. נאָר פאַר אַ זינדיקן, פאַר אַזאַ חוטא, ער האָט אַמאָל געזאָגט אויף זיך אַליין, אַז „פאַר אלימלכן וועט מען דאַרפן באַשאַפן אַ נייעם גיהנום...״ (עשר צחצחות, זייט 26, ל״ט). צווייט מאָל, ווידער, האָט ער געזאָגט: „אויב מען וועט מיך דן זיין ביים בית־דין של מעלה, איך זאָל גיין אין גיהנום אַריין, וועל איך אַהין אַריינשפּרינגען מיט אַלע מיינע כוחות, כדי מקיים צו זיין דעם רצון הבורא!...״

און אין ספר „נוצר חסד״ ווערט געבראַכט, אַז דערפאַר, האָט דער רבי ר׳ אלימלך געזאָגט, קומט מען צו אים און מען בעט אים, ער זאָל מתפלל זיין פאַר איינעם, אַז זיין זון זאָל לעבן, פאַר אַ צווייטן, ווידער, אַז ער זאָל האָבן פּרנסה, ווייל „דורך מיינע זינד האָב איך איבערגעוואויגן די וועלט לכף חובה, קומט מען איצט צו מיר מיט טענות: דער שרייט גיב מיר אָפּ מיינע קינדער און יענער שרייט גיב מיר צוריק מיין פּרנסה, וואָס מען האָט פון מיר צוגענומען פאַר דיינע זינד״.

און אָפט מאָל האָט דער רבי ר׳ אלימלך גערעדט מיט אַזאַ תמימות וועגן זיך אַליין, ווי ער וואָלט געווען אַ פּשוטער פאָלקס־מענטש. אַזוי ווערט געבראַכט אין ספר „רביד הזהב״ (דף ע״ב), אַז דער רבי ר׳ אלימלך האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ער איז זיכער, אַז מען וועט אים געבן עולם הבא. ווייל „ווען איך וועל קומען אויף יענער וועלט — האָט דער רבי ר׳ אלימלך געזאָגט — וועט מען מיך דאָך פרעגן: „האָסט געלערנט? וועל איך ענטפערן: „ניין״. וועט מען ווייטער פרעגן: „האָט געדאַוונט?״ וועל איך ענטפערן: „ניין״. „האָסט געטאָן מצוות און מעשים טובים?״, וועט מען ווידער חוקר ודורש זיין, וועל איך ענטפערן: „ניין״.

„וועט מען אין הימל אויסרופן: „מלכן קומט עולם הבא, ווייל ער זאָגט דעם גאַנצן אמת!"

דער רבי ר' אלימלך האָט אויך נישט ליב געהאַט, מען זאָל אים אָפּנאַרן מיט האַלטן זיך פרום. ער האָט געוואָלט יעדן איינעם אַריינקוקן טיף אין דער נשמה אַריין און זען צי אַלץ איז טאַקע אמת, צי עס איז נישט פאַראַן קיין שמץ פון פניות, גאוה און שקר. ער האָט אַמאָל געזאָגט: „נישט אַלץ וואָס בלישטשעט איז גאָלד, פאַראַן אַ פאַרפוילט האָלץ, וואָס לייכט זייער פיין אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, דאָס זעלבע איז אויך מיט אַ מענטשן"... (עשר צחצחות, סימן ס"ח).

און חסידים האָבן אויף אַ וואונדערלעכן אופן דערציילט פאַרוואָס מען האָט דעם רבין ר' אלימלך אויף יענער וועלט אַריינגעזעצט אין גן־עדן. איינמאָל האָט דער צדיק ר' אברהם אזולאי זיך געטראָפן אין הימל מיט דעם רבין ר' אלימלך, האָט ער אים געפרעגט:

— קענט איר מיר זאָגן, ר' אלימלך, פאַרוואָס מען רעשט זיך אַזוי מיט אייך אין הימל? איר האָט טאַקע אָנגעשריבן דעם „נועם אלימלך", אָבער איך האָב דאָך אָנגעשריבן מער ספרים פון אייך, טאָ פאַרוואָס איז דאָס וואָס מיט אייך גרויסט מען זיך דאָ מער ווי מיט מיר?

האָט אים דערויף דער רבי ר' אלימלך געענטפערט:

— מיר גיט מען דאָ נישט קיין כבוד פאַר מיין ספר, נאָר דערפאַר ווייל איך האָב זיך אַזוי געפרייט מיטן שבת, אַז די דינסטן אין קיך פלעגן זיך יעדן ערב שבת איבערבעטן. וואָרום, ווי דער סדר איז, קריגן זיך דינסטן אין דער קיך אַ גאַנצע וואָך. ווען עס איז אָבער געקומען ערב שבת און די דינסטן האָבן געזען ווי גרויס די שמחה איז ביי מיר אין שטוב, ווייל דער שבת וועט באַלד אָנקומען, און ווי אַזוי מען האָט זיך געגרייט אים מקבל צו זיין, האָבן זיי זיך איבער־געבעטן און האָבן געזאָגט: „מיין האַרץ, איך בעט דיך זיי מיר מוחל וואָס איך האָב פּוגם געווען קעגן דיר אַ גאַנצע וואָך". און זיי זענען איינס אויף דער אַנדערער אַרויפגעפאַלן אויף די העלדזער און האָבן זייער געוויינט, ביז זיי האָבן זיך מוחל געווען איינע דער צווייטער" (אוהל אלימלך, סימן קצ"ז).

אָט דאָס איז געווען דער איינציקער טעם, וואָס דאָס חסידות האָט געפונען פאַרוואָס מען גיט אַזוי פיל גן־עדן דעם רבין ר' אלימלך.

אָבער דער רבי ר' אלימלך אַליין האָט אָפּנים תמיד זיך געשראָקן, אַז ער וועט דאַרפן שטאַרק אָפּקומען אויף יענער וועלט פאַר זיינע זינד, און זיין האַרץ איז תמיד געווען אָנגעפילט מיט פּחד. ער האָט

געגלויבט, אַז ער וועט דאַרפן אַ סך תשובה טאָן, כדי ממתיק צו זיין די דינים, כדי מען זאָל אים פאַרגעבן אַלע זיינע זינד.

אַזוי ווערט דערציילט אין די חסידישע ספרים, אַז איין מאָל האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסע מגפה אין פוילן. דער רבי ר׳ אלימלך איז גראָד דעמאָלט געווען אין ניישטאָט, נעבן קראָקע. אַ סך מענטשן זענען, נעבעך, דעמאָלט אומגעקומען פון דער כאָליערע, ר״ל. האָט דער רבי ר׳ אלימלך געזאָגט, אַז דאָס איז געקומען דערפאַר, ווייל די יידן האָבן זיך נישט אומגעקוקט אויף די אָרעמעלייט און אַ צאָל יידישע טעכטער זענען געבליבן פאַרזעסן.

דער רבי ר׳ אלימלך האָט אַמאָל חתונה געמאַכט אַ דאָרפס־יידס אַ טאָכטער, וועלכע איז שוין אַלט געווען זעקס און דרייסיק יאָר, מיט זיין וואַסער־טרעגער, אַ בחורעץ פון אַ דרייסיק יאָר, כדי אַזוי אַרום אָפּצושטעלן די מגפה. דער רבי ר׳ אלימלך האָט געגעבן דעם גאַנצן אויסשטייער דער כלה און האָט באַצאָלט אַלע הוצאות פון דער חתונה.

און די חתונה איז געפּראַוועט געוואָרן מיט גרויס פּאַראַד און שמחה. דער קאָזשניצער מגיד אַליין האָט געשפּילט אויף אַ פידל ביים באַדעקנס און דער „חוזה" פון לובלין איז געווען דער בדחן...

פרייטיק־צו־נאַכטס, צו די שבע ברכות, איז דער רבי ר׳ אלימלך אַליין געגאַנגען משמח זיין חתן־כלה. ער איז געשטאַנען הינטערן פענצטער און האָט זיך צוגעהערט ווי אַזוי דער לובלינער רבי זאָגט גראַמען אויפן טיש און מאַכט פריילעך די מחותנים און חתן־כלה. איז דער רבי ר׳ אלימלך אַליין אַריינגעגאַנגען אין שטוב אַריין און האָט אָנגעהויבן צו זינגען און צו טאַנצן דאָס מצווה־טענצל, אַלץ צו דערהייטערן די צעבראָכענע הערצער פון די אָרעמע מענטשן. דער רבי ר׳ אלימלך האָט געטאַנצט מיט אַזאַ התלהבות, אַז עס האָט זיך די אַרומיקע אויסגעדאַכט, אַז אַן עמוד־אש גייט אַרויס פון הויז וואו חתן־כלה זיינען געזעסן.

אָבער ווען דער רבי ר׳ אלימלך האָט זיך אָפּגערוט פון טאַנצן דאָס מצווה־טענצל, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו זיינע תלמידים און האָט געזאָגט:

— רבונו של עולם, אין זכות פונעם טאַנצן דאָס מצווה־טענצל זאָל כאָטש פאַרלאָשן ווערן איין ברענענדיקע קויל, וואָס איז פאַר אונדז אָנגעגרייט אין גיהנום!... (דאָרט, סימן קנ״ג).

דער רבי ר׳ אלימלך האָט אויך נישט געוואָלט, אַז מען זאָל אים האַלטן פאַר אַ רביק, ער האָט געוואָלט, אַז קיינער זאָל נישט וויסן פון זיין צדקות. אַזוי ווערט דערציילט, אַז ווען דער גרויסער מעז־

ריטשער מגיד איז נפטר געוואָרן, האָבן די תּלמידים זיינע געהאַט ביי זיך אָפּגעמאַכט צו מאַכן פאַר זיין ממלא מקום דעם רבין ר׳ אלימלך, אָבער דער רבי ר׳ אלימלך האָט זיך אָפּגים באַצייטנס דערוואוסט דער־פון, איז ער שנעל אַוועק אויף זיין אכסניה און האָט געבעטן דעם באַלעבאָס, ער זאָל אים געבן אַ ליידיק בעט מיט בעטגעוואַנט, ווייל ער איז זייער שלעפעריק.

די תּלמידים האָבן אין צווישן אָנגעהויבן אַרומזוכן אין קלויז דעם רבין ר׳ אלימלך און זיי האָבן אים אין ערגעץ נישט געקענט געפינען, זענען זיי אַוועק אויף זיין אכסניה, און צו זייער גרויסן וויטיק האָבן זיי אים טאַקע דאָרט געטראָפן ליגן אין בעט און כראָפּען.

ווען די תּלמידים האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי גלייך חרטה באַקומען, וואָס זיי האָבן געוואָלט מאַכן פאַר אַ מנהיג אַזאַ איינעם, וועלכער שלאָפט גאָר, ווען דער צער פון דער וועלט איז אַזוי גרויס, ווען דער גרויסער מגיד איז נפטר געוואָרן... און דאָס האָט געוואָלט דער רבי ר׳ אלימלך.. און זיי האָבן אים טאַקע נישט געקרוינט פאַר אַ רבין. ווי האָט איינער פון די תּלמידים דערנאָך געזאָגט: „מלך האָט פאַרשלאָפן אַ גאַנצע מלוכה״...

און אויב עמיצער פון די רביים האָט ווען־נישט־איז אַמאָל געוואָלט דעם רבין ר׳ אלימלך מחזק זיין און אים אויפווייזן, אַז ער דאַרף זיך נישט האַלטן פאַר אַזאַ גרויסן חוטא, אַז אַפילו פאַר דעם גרעסטן זינדיקן איז פאַראַן אין די ספרים אויסגערעכנט ווי אַזוי מען זאָל תשובה טאָן, האָט דער רבי ר׳ אלימלך דערויף געענטפערט מיט אַ משל:

„אַמאָל איז געפאָרן דער גראַף פּאָטאָצקי למרחקים אין אַ וואָרעם־באָד אַריין. אויפן וועג זענען אים באַפאַלן גזלנים און האָבן צוגערויבט זיין קאַרעטע צוזאַמען מיטן דינער. האָט זיך איינער פון די גזלנים, וועלכער האָט פון לאַנג שוין געליטן פון אַ חולאת, אַריינ־געזעצט אין דער קאַרעטע און האָט געהייסן דעם דינער, ער זאָל מיט אים פאָרן צו אַ גרויסן דאָקטאָר, וואָס איז ערשט אָנגעקומען פון דייטשלאַנד. האָט דער דינער אַזוי געטאָן און איז מיט אים אַריינ־געפאָרן קיין לעמבערג.

„דער דינער האָט געמאָלדן דעם גרויסן דאָקטאָר אין לעמבערג, אַז ער האָט צו אים געבראַכט דעם גראַף פּאָטאָצקי אַ חולה מסוכן, אַזוי ווי עס האָט אים אָנגעזאָגט דער גזלן. דער דאָקטאָר האָט אָנ־געקוקט דעם „גראַף״, האָט אים גוט אונטערזוכט און אים פאַרשריבן אַ רפואה.

„אין אַ פּאָר טעג אַרום, אַז דער גזלן זעט ס׳ווערט אים נישט בעסער, פרעגט ער דעם דינער: „זאָג מיר, פאַרוואָס האָט מיר די רפואה נישט געהאָלפן. דער דאָקטאָר איז דאָך אַ גרויסער מומחה און ער האָט דאָך זיכער נישט געוואָלט פאַרפירן דעם „גראַף פּאָטאָצקי", טאָ פאַרוואָס העלפט מיר נישט די רפואה? צי האָסטו נישט אַמאָל אים אויסגעזאָגט ווער איך בין?"

„ניין, איך האָב אים גאָרנישט געזאָגט", — האָט זיך דער דינער געשוואוירן און איז דעם גזלן געפאַלן צו די פיס, — „דער דאָקטאָר האָט זיכער פאַרשריבן די ריכטיקע רפואה און געוואָלט מיט זיין גאַנצן האַרצן, אַז דער גראַף זאָל געזונט ווערן, נאָר ער האָט פאַרזען אַ קלייניקייט, און אויב איר וועט נישט פאַראיבל האָבן, וועל איך זאָגן וואָס".

„זאָג!", איז דער גזלן געוואָרן נייגעריק, „מעגסט אַלץ זאָגן!"

„דער דאָקטאָר האָט נעמלעך פאַרזען", האָט דער דינער געשטאַמלט פאַר שרעק, „אַז די רפואות וואָס זענען גוט פאַר אַ גראַף, זענען נישט גוט פאַר אַ גזלן! פאַר אַ גראַף פאַרשרייבט מען איידעלע רפואות און פאַר אייך וואָלט מען געדאַרפט פאַרשרייבן גרעבערע רפואות!..."

„דאָס זעלבע איז מיט מיר", האָט דער רבי ר׳ אלימלך אויסגעלאָזט, „אין די הייליקע ספרים זענען טאַקע אויסגערעכנט אַ סך רפואות ווי אַזוי תשובה צו טאָן, אָבער נאָר פאַר איידעלע מענטשן, נישט פאַר מלכן! איך בין אַזאַ חוטא, אַז איך דאַרף האָבן גרעבערע רפואות!..."

און נאָך ווערט דערציילט אַ מעשה צווישן די חסידים, וואָס באַווייזט ווי ווייט דער רבי ר׳ אלימלך איז געווען אַן עניו און האָט זיך קיינמאָל נישט געוואָלט אויסגעבן פאַר אַ פרעמדן מענטשן ווער ער איז.

איין מאָל איז דער רבי ר׳ אלימלך געזעסן אין מרחץ, איז אַריינגעקומען אַ חסיד פון אונגאַרן, וועלכער איז צום ערשטן מאָל געקומען קיין ליזשענסק אויף שבת, און ער האָט נאָך דעם רבין ר׳ אלימלך נישט געקענט. צעשמועסט זיך מיט אים דער רבי ר׳ אלימלך און ער פרעגט אים: פון וואַנען איז ער און צו וואָס ער איז געקומען קיין ליזשענסק. ענטפערט דער פרעמדער חסיד, אַז ער איז פון אונגאַרן און געקומען צום רבין ר׳ אלימלך אויף שבת.

מאַכט זיך דער רבי ר׳ אלימלך כאילו־לאַ־ידע און זאָגט אים:

— אויך ביי אייך, אין אונגאַרן, איז אַן עלמא דשיקרא, אַ שקר־וועלט, אַז דער שם פון דעם גרויסן אָפּנאַרער און שקרן, וואָס גיט זיך

אויס פאַר אַ צדיק, האָט שוין אויך צו אייך דערגרייכט? — און ער נעמט רעדן אויף דעם רבין ר׳ אלימלך...

דער פרעמדער חסיד האָט זיך שוין נישט געקענט איינהאַלטן פאַר כעס, וואָס אין דער שטאָט ליזשענסק זאָל זיך געפינען אַ ייד, וואָס זאָל זיך דערוועגן צו רעדן אויפן רבין ר׳ אלימלך, און ער האָט אָנגעהויבן צו שרייען:

— פושע ישראל! אויף אַזאַ צדיק רעדסטו אַזוינע דיבורים! — און ער האָט אים געהאַלטן אין איין זידלען ביז ביידע זענען אַרויס פון מרחץ.

ווען דער פרעמדער חסיד איז דערנאָך געקומען צום רבין ר׳ אלימלך אין שטוב אַריין, אים אָפּגעבן שלום־עליכם, איז ער שיער נישט פאַר שרעק אַוועקגעפאַלן אין חלשות, ווייל ער האָט דערזען, אַז דער זעלבער ייד וועמען ער האָט געזידלט אין מרחץ, איז טאַקע דער רבי ר׳ אלימלך אַליין.

איז דער ייד צוגעגאַנגען אין די זאָקן צום רבין ר׳ אלימלך און האָט אים הכנעהדיק געבעטן, ער זאָל אים מוחל זיין, וואָס ער האָט אים אַזוי געזידלט אין מרחץ.

האָט דער רבי ר׳ אלימלך אים אָנגענומען ביי דער האַנט און האָט אים געזאָגט:

„דו דאַרפסט זיך גאָרנישט שרעקן. דו האָסט קיין שלעכטס נישט געטאָן. איך האָב דיר דערציילט דעם אמת, וואָס דער רבי ר׳ אלימלך איז, און אויך דו האָסט מיר געזאָגט דעם אמת, ווען דו האָסט מיך געזידלט...״

אָט אַזוי ווייט האָט דערגרייכט דאָס ענוות פון גרויסן צדיק, דער רבי ר׳ אלימלך...



די חתימה פון רבין ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו

## קאַפּיטל ו

# די פּטירה פון רבין ר׳ אלימלך

דער רבי ר׳ אלימלך צעטיילט „די חלקים פון זיין גוף״ צו זיינע תלמידים. — די פאַרשידענע תלמידים, וואָס דער רבי ר׳ אלימלך האָט געהאַט. — ווי אַזוי דער בערדיטשעווער רבי איז געוואָרן אַ ליזשענסקער חסיד. — דער ראָפּשיצער רבי האָט מיט אַ ווערטל דערהאַלטן דעם רבין ר׳ אלימלך. — דער תלמיד זיינער, דער לובלינער רבי, הויבט אָן נעמען קוויטלעך ביים לעבן פון זיין רבין. — דער רבי ר׳ אלימלך האָט דערפון חולשת־הדעת. — ווי אַזוי דער רבי ר׳ אלימלך האָט באַפרייט אַ פייגעלע פון געפענגעניש.

אַ חוץ די הונדערטער חסידים, וואָס דער רבי ר׳ אלימלך האָט געהאַט, האָט ער אויך געהאַט אַ חברה פון געטרייע תלמידים, וועלכע זענען נאָך דער פּטירה פונעם רבין אַליין געוואָרן רביים.

די גרופּע תלמידים האָט זיך גערופן „חבריא קדישא״, און זי איז באַשטאַנען פון אַזוינע גרויסע צדיקים, ווי למשל: ר׳ יעקב יצחק פון לובלין, ר׳ ישראל, דער קאָזשעניצער מגיד, ר׳ משה לייב סאַסאָווער, ר׳ מענדעלע רימענאָווער, ר׳ אברהם יהושע העשל אפטער, ר׳ דודל לעלעווער, ר׳ קלמיש קראָקעווער — דער „מאור ושמש״, ר׳ נפתלי צבי ראָפּשיצער און נאָך אַ סך תלמידים, וועלכע זענען דערנאָך געוואָרן מנהיגים פון טויזנטער און טויזנטער חסידים.

אָט די אַלע חסידים האָבן זיך געשפּייזט פון דעם גייסטיקן שפּייז, וואָס זיי האָבן באַקומען ביים רבין ר׳ אלימלך פון ליזשענסק. דערפאַר איז שווער צו פאַרשטיין, ווי די מתנגדים האָבן געזוכט מיט אַלע מעגלעכקייטן צונישט צומאַכן די גייסטיקע פערזענלעכקייט פון דעם ליזשענסקער רבין. מיט בלויז אָפּנאַרעריי קען מען נישט אויפשטעלן אַזוי פיל און אַזוינע גייסטרייכע תלמידים.

און די חסידישע לעגענדע ווייסט אַפילו צו דערציילן אַ מעשה

ווי אַזוי דער בערדיטשעווער רבי איז געוואָרן אַ חסיד פון רבין ר׳ אלימלך. הגם אין דער אמתן איז אונדז נישט באַקאַנט, אַז ר׳ לוי יצחק פון בערדיטשעוו זאָל האָבן געווען זיין אַ תלמיד פון רבין ר׳ אלימלך. אָבער די חסידישע פאַנטאַזיע רעכנט זיך זייער ווייניק מיט היסטאָרישע אמתן. און אַזוי ווי די מעשה גיט אַן אינטערעסאַנט בילד וועגן די צוויי רביים, וועלן מיר זי דאָ ברענגען אַזוי ווי זי ווערט דערציילט אין ספר „בני יהונתן" (דף י"ב).

ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער האָט יונגערהייט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון דעם גרויסן גביר ר׳ ישראל פּרץ פון לעווערטאָוו. דער שווער האָט אים געגעבן אַ גרויסן נדן און דערצו צוגעזאָגט אַ פּאָר יאָר קעסט. דער יונגערמאַן, ר׳ לוי יצחק, איז טאַקע נאָך דער חתונה געזעסן אין הויז פון שווער און האָט געלערנט יומם ולילה.

ויהי היום, זאָגט צו אים דער שווער:

— וואָס וועט זיין דער תכלית, וואָס דו וועסט כסדר זיצן און לערנען? אונדזערע הייליקע חכמים האָבן שוין געזאָגט: „אם אין קמח אין תורה", אַז עס איז נישטאָ קיין ברויט איז נישטאָ קיין תורה. אויף מיר קען מען זיך נישט פאַרלאָזן, איך בין שוין נישט קיין יונגערמאַן און איך ווייס נישט, וואָס מיט מיר קען געשען. אַ נדן האָסטו אַ גרויסן. איך וועל דיר מיטגעבן צוויי מעקלערס און פאָר קיין לייפּציג אויפן יאַריד איינהאַנדלען סחורה.

האָט ר׳ לוי יצחק מסכים געווען מיט די רייד פון זיין שווער און איז אָפּגעפאָרן מיט די צוויי מעקלערס קיין לייפּציג. אָנגעקומען אויפן גרויסן יאַריד, מאַכט צו זיי ר׳ לוי יצחק:

— אַזוי ווי איר וועט זיך דאָך כסדר באַראָטן מיט מיר וואָס פאַר אַ סחורה צו קויפן, על כן איז די גלייכסטע זאַך, אַז איך זאָל זיצן אין בית־המדרש, און ווען איר וועט מיך דאַרפן, וועט איר וויסן וואו מיך צו געפינען.

די צוויי מעקלערס זענען אַוועק אויפן יאַריד און ר׳ לוי יצחק איז אַוועק אין בית־המדרש לערנען תורה. דערווייל האָט ער אָבער פאַר־בלאָנדזשעט אויפן וועג און איז אַריינגעפאַלן צווישן הייזער, וואָס זענען געווען אָנגעשטעקט מיט זינד. ר׳ לוי יצחק האָט באַלד דער־שפּירט, אַז דאָס האָט אים פאַרפירט דער שטן און אַז ער וועט דאַרפן אויסשטיין אַ גרויסן נסיון. האָט ער זיך געשטאַרקט מיט אַלע כוחות. אינצווישן איז מען אַרויסגעקומען פון אַלע הייזער און גענומען פאַר־טשעפּען ר׳ לוי יצחקן. און אַזוי ווי ער האָט געזען, אַז ער איז אין אַ גרויסער סכנה, האָט ער קיין לאַנגע שהיות נישט געמאַכט און האָט

אַװעקגעװאָרפן דעם גאַנצן בײטל מיט געלט און איז אַנטלאָפן. אַזױ אַרום איז ער ניצול געװאָרן פון אַ מקום טומאה, און ער האָט גלײך געפונען די גאַס, װאָס האָט געפירט אין בית־המדרש אַרײן.

פאַרנאַכט זענען די צװײ מעקלערס געקומען אין בית־המדרש אַרײן און האָבן דערצײלט, אַז זײ האָבן געפונען צו קױפן אַ גרױסע מציאה.

האָט זײ ר׳ לוי יצחק גאָרנישט דערצײלט װאָס מיט אים האָט זיך פאַרלאָפן אינדערפרי, װען ער האָט געװאָלט גײן אין בית־המדרש אַרײן, און ער האָט זײ בלױז געזאָגט, אַז ער האָט פאַרלױרן דאָס געלט.

צוערשט האָבן די צװײ מעקלערס געמײנט, אַז ר׳ לוי יצחק װיל מיט זײ שפּאַסן, אָבער אַז זײ האָבן אים געגעבן צו פאַרשטײן װי װיכטיק עס איז, אַז מען זאָל די סחורה באַלד קױפן און זײ האָבן װידער אַמאָל דערהערט די זעלבע תשובה, אַז ער האָט דאָס גאַנצע געלט פאַרלױרן, האָבן זײ שױן אײנגעזען, אַז ער טרײבט נישט מיט זײ קײן קאַטאָװעס. האָבן זײ געזאָגט:

— אַ שײנעם שלים־מזל האָט זיך דאָס דײן שװער אײנגעקױפט!

און װען ר׳ לוי יצחק איז דערנאָך אַהײם געקומען פון יאַריד און האָט דערצײלט דעם שװער װאָס פאַר אַן אומגליק עס איז אים געשען אין לײפּציג, האָט דער שװער אים מער נישט געװאָלט איבער דער שװעל לאָזן און האָט אים פאַרטריבן פון הױז.

איז ר׳ לוי יצחק אַװעק אין בית־המדרש אַרײן, האָט זיך געזעצט לערנען און האָט געלערנט מיט גרױס התמדה נאָך מער װי פריער און ער האָט זיך דערנערט דערפון, װאָס אײדעלע באַלעבאַטישע מענטשן האָבן אים בסוד־סודות אונטערשטיצט.

מאַכט זיך אײנמאָל אַ מעשה, אַז אין שטאָט פאַרשפּרײט זיך אַ שם, אַז דער שװער זײנער האָט מיט אַ כשוף פאַרברענט אַלע שפּײכ־לערס תבואה, װאָס ער האָט פאַרמאָגט, כדי ער זאָל נישט דאַרפן אָפּגעבן דעם גרױסן חוב, װאָס ער איז שולדיק דעם פּריץ פון שכנות־דיקן דאָרף.

ר׳ לוי יצחקס שװער, ר׳ ישראל פּרץ, האָט געװאוסט, אַז מען האָט אױף אים אױסגעטראַכט אַ בלבול, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן זײנע טענות, און מען האָט אים אָנגעקלאָגט אין געריכט.

איז ער אַװעקגעפאָרן צום רבין ר׳ אלימלך און האָט פאַר אים אױסגעגאָסן זײן ביטער האַרץ, זאָגט צו אים דער רבי ר׳ אלימלך:

— פאָר צוריק אַהײם און באַראָט זיך מיט דײן אײדעם, װאָס דו זאָלסט טאָן.

האָט אָבער ר׳ ישראל פּרץ, דער שווער פון ר׳ לוי יצחק נישט געוואָלט אויסזאָגן, אַז ער איז צעקריגט מיטן איידעם און איז אַהיים געפאָרן מיט אַ שווער געמיט.

און ווען עס איז געקומען אַ פּאָר טעג פאַרן משפט, איז ער ווידער געפאָרן צום רבין ר׳ אלימלך און ער האָט פאַר אים ווידער אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ. ענטפערט אים נאָכאַמאָל דער ליזשענסקער רבי כהאי לישנא:

— פאָר אַהיים און זיי זיך שואל־עצה מיט דיין איידעם, וואָס דו זאָלסט טאָן!

האָט שוין ר׳ ישראל פּרץ קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט און ער איז אַהיים געפאָרן און אַריינגעגאַנגען אין בית־המדרש אַריין און האָט זיך געווענדט צו זיין איידעם און אים געזאָגט:

„וואָס געווען איז געווען, אָבער איצט וויל איך זיך מיט דיר שואל־עצה זיין!"

דער איידעם זיינער, ר׳ לוי יצחק, וועלכער איז געזעסן טאָג און נאַכט על התורה ועל העבודה, האָט אויפגעהויבן די אויגן פונעם ספר און האָט אים געענטפערט, אַז ער ווייסט שוין פון אַלץ, אָבער ער דאַרף זיך גאָרנישט זאָרגן, ווייל דער אמת וועט אַרויפשווימען ווי בוימל אויף וואַסער.

און ווען עס איז געקומען דער טאָג פון משפט, איז טאַקע אַ גרויסער נס געשען: דער פריץ, וואָס האָט געדאַרפט קומען צום משפט איז פּלוצלינג קראַנק געוואָרן און פאַר זיין שטאַרבן האָט ער מודה געווען, אַז ער האָט אויסגעטראַכט אַ בלבול אויף דעם יידן ישראל פּרץ, און ער בעט ביי אים טאַקע איצט, אַז ער זאָל אים מוחל זיין...

און דער ייד, ר׳ ישראל פּרץ, איז באַלד באַפרייט געוואָרן אינעם געריכט.

האָט ר׳ לוי יצחק דערנאָך געבעטן ביי זיין שווער, ער זאָל אים זאָגן, ווער עס האָט ביי אים געפּועלט, אַז ער זאָל זיך מיט אים איבערבעטן, האָט ער אים דערציילט, אַז ער איז צוויי מאָל געווען ביים רבין ר׳ אלימלך פון ליזשענסק און יענער האָט אים כסדר געענטפערט, אַז ער זאָל זיך באַראַטן מיטן איידעם זיינעם.

איז שוין ר׳ לוי יצחק אַריינגעפאָרן צום רבין ר׳ אלימלך, און זינט דעמאָלט איז ער געוואָרן אַ תלמיד פון ליזשענסקער און ער איז באַלד דערנאָך נתגלה געוואָרן פאַר אַ גרויסן בעל־מופת...

* * *

דער רבי ר׳ אלימלך האָט צווישן זיינע תלמידים געהאַט אויך אַ תלמיד, וועלכער האָט אים תמיד משמח געווען מיט זיינע ווערטלעך. דאָס איז געווען דער ראָפּשיצער רבי. אַזוי ווערט דערציילט, אַז איינמאָל איז דער ליזשענסקער רבי אַריינגעפאַלן אין גרויס דבקות. האָט דאָס באַמערקט דער ראָפּשיצער רבי, רופט ער זיך אָן צו די אַרומיקע חסידים אויף אַ קול, אַזוי, אַז דער רבי ר׳ אלימלך זאָל הערן:

— ווער קען מיר זאָגן דעם פּשט פון פּסוק: „ממקומו יפן ברחמים? זענען דען פאַראַן אין הימל בעזימער, וואָס ער זאָל מיט זיי קערן?״ (יפן איז דער טייטש קערן).

אַלע חסידים האָבן געשוויגן און האָבן גאָרנישט געענטפערט.

— נאָר דער פּשט איז אַזוי, — זאָגט ווייטער דער ראָפּשיצער, — מיר בעטן, אַז גאָט זאָל קערן פון זיין אָרט מיט רחמים!

האָט דער רבי ר׳ אלימלך זיך פּלוצלינג זייער צעלאַכט און האָט איבערגעריסן זיין פאַרמוחן זיך...

אָבער דער ראָפּשיצער רבי האָט שטאַרק מורא באַקומען פאַר אַן הקפדה פון רבין און איז גלייך אַנטלאָפן אויף דער אַכסניה. האָט דערנאָך דער רבי ר׳ אלימלך אַליין געשיקט נאָך אים רופן און האָט אים געזאָגט:

— יישר כחך, וואָס דו האָסט מיך אָפּגעריסן פון מיין דבקות!

אָבער דער רבי אלימלך האָט אויך געליטן חולשת הדעת פון איינעם פון זיינע בעסטע תלמידים. דאָס איז געווען דער לובלינער רבי ר׳ יעקב יצחק, גערופן דער „חוזה״, ווייל ער האָט זיך געהאַט באַזעצט אין לאַנצוט נעבן ליזשענסק און האָט אָנגעהויבן צו פירן אַן עדה חסידים ביים לעבן פון זיין רבין ר׳ אלימלך. דער רבי ר׳ אלימלך האָט דערפון געליטן גרויס צער. און לויט ווי די חסידים דערציילן, איז ער אַפילו אַמאָל אַליין אַוועקגעפאָרן צו זיינעם אַ חסיד, צו ר׳ דוד פון זשעלין, ווייל ער האָט דערפילט, אַז יענער איז געפאָרן צום רבין ר׳ יעקב יצחק קיין לאַנצוט.

און ווען דער רבי ר׳ אלימלך איז אָנגעקומען אין הויז פון ר׳ דודן האָט ער געפרעגט זיין ווייב:

— וואו איז אייער מאַן?

האָט די יידענע מורא געהאַט צו זאָגן אַ ליגן, און זי האָט דערציילט דעם אמת, אַז דער מאַן אירער איז אַריינגעפאָרן קיין לאַנצוט. האָט דער רבי ר׳ אלימלך געוואַרט אין שטאָט ביז דער חסיד ר׳ דוד איז צוריקגעקומען (זשעלין געפינט זיך אויפן האַלבן וועג צווישן ליזשענסק און לאַנצוט).

פאַרנאַכט איז דער חסיד ר׳ דוד צוריק אַהיים געקומען, האָט אים דער רבי ר׳ אלימלך געפרעגט, פאַרוואָס ער איז געפאָרן קיין לאַנצוט? האָט ער געענטפערט:

— דער רבי איז צו גרויס פאַר מיר, האָב איך מיר געטראַכט, איך וועל פאָרן קיין לאַנצוט און זיך אַרויפשטעלן אויף די אַקסלען פון רבין פון לאַנצוט, וועל איך אפשר קענען דערגרייכן צו די מדרגות פון אייך!

דער רבי ר׳ אלימלך האָט אים שוין גאָרניט מער געענטפערט און איז באַלד אַוועקגעפאָרן פון שטאָט.

אָבער דאָך איז געבליבן אַ סוד פאַר די חסידים פאַרוואָס דער לובלינער רבי האָט פאַרלאָזט זיין רבין און אַליין אָנגעהויבן צו נעמען קוויטלעך. און פאַרוואָס דער רבי ר׳ אלימלך האָט אויף אים געהאַט אַ ביטער הארץ, ווייל אויף וויפיל דער רבי ר׳ אלימלך ווערט געשילדערט אין דער גאַנצער חסידישער ליטעראַטור, ווערט ער באַצייכנט פאַר אַ גרויסן בעל־רחמים, וואָס האָט אפילו נישט געקאָנט צוקוקן דאָס צער פון אַ פייגעלע. אַזוי ווערט דערציילט, אַז ווען דער רבי ר׳ אלימלך איז געגאַנגען צוזאַמען מיט זיין ברודער, דער רבי ר׳ זושע, אַפּריכטן גלות״ און צונויפזאַמלען געלט פאַר „פדיון שבויים״ זענען זיי אַריינגעקומען אין אַ קרעטשמע אין אַ דאָרף און האָבן געדאַרפט צוואַרטן ביז דער באַלעבאָס וועט אַהיים קומען פון וואַלד.

דערווייל האָט דער ליזשענסקער רבי באַמערקט ווי אַ שפּיל־פייגעלע געפינט זיך אין אַ שטייג און טאַנצט אַהין און אַהער און זוכט אין אַלע ווינקעלעך צו געפינען אַ שפּאַרקעלע ווי אַזוי צו אַנטלויפן.

טראַכט ביי זיך דער רבי ר׳ אלימלך, צו וואָס דאָס וואַרטן אויפן באַלעבאָס ביז יענער וועט קומען און אים געבן עפּעס געלט, כדי אַרויסצוראַטעווען אַ מענטשן פון תפיסה, אַז אַט־דאָ־אַ קען ער דאָך גלייך אויפן אָרט מקיים זיין די מצווה פון פדיון־שבויים, און דער רבי ר׳ אלימלך האָט טאַקע קיין סך נישט געקלערט און האָט באַלד געעפנט דאָס טירל פון שטייגל און דאָס פייגעלע האָט ראַפּטום געגעבן אַ פלי אַרויס דורכן פענצטער גלייך אין וואַלד אַריין...

אַט אַזאַ רחמנות האָט אַרומגענומען דעם רבין ר׳ אלימלך, ווען ער האָט דערזען בלויז אַ פייגעלע פאַרשפּאַרט אין אַ שטייג.

דעריבער איז שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס דער רבי ר׳ אלימלך האָט געהאַט תרעומות אויפן רבין פון לובלין.

און דאָך האָט דער רבי ר׳ אלימלך באַטראַכט זיין תלמיד, דעם

לובלינער „חוזה״, פאַר איינעם פון זיינע חשובסטע תלמידים, און עס ווערט דערציילט, אַז דער רבי ר׳ אלימלך האָט פאַר זיין פטירה (כ״א אדר, תקמ״ז — 1787), אַרויפגעלייגט די הענט אויף זיינע געטרייע תלמידים און האָט זיי פאַרטיילט די חלקים פון זיין גוף. דאָס ליכט פון זיינע אויגן האָט ער געגעבן דעם לובלינער (דערפאַר האָט מען דעם לובלינער רבין טאַקע גערופן דער „חוזה״, ווייל ער האָט געהאַט אַ לויטערן קוק...), דאָס האַרץ — דעם קאָזשעניצער מגיד, די נשמה — דעם רימענאָווער רבין און דאָס מויל דעם אַפטער רבין...

און ער איז דערנאָך גלייך נסתלק געוואָרן...

אויף דער מצבה שטייט אָנגעשריבן:

פ״נ הרב החסיד האמיתי

איש אלקים, אדונינו מורינו ורבינו,

רבן של כל בני הגולה,

עטרת תפארת קדוש ישראל,

מנורה הטהורה בוצינא דנהורא,

נר ישראל פ״ה ע״ה כק״ש ומפואר

מוה״ר אלימלך זלה״ה, בעה״מ ספה״ק נועם אלימלך,

נפטר ביום א׳ כ״א אדר, תקמ״ז לפ״ק תנצב״ה.



אַ בריוו פון רבין ר׳ זושע פון אַנעפּאָליע

# דער קאָזשעניצער מגיד

# קאַפּיטל א

# דער קאָזשעניצער מגיד

דער קאָזשעניצער מגיד ר׳ ישראל, דער באַגרינדער פון אַ גרויסער חסידישער דינאַסטיע. — זיין פאָטער איז געווען אן איינבינדער. — די חסידישע לעגענדע ווי אַזוי דער קאָזשעניצער מגיד איז געבוירן געוואָרן. — דער פאָטער זיינער ר׳ שבתי טאַנצט מיט זיין ווייב פרייטיק צונאַכטס אין אַפּט און ר׳ ישראל בעל־שם־טוב דערזעט דאָס און מעזעריטש. — די פאַרשידענע מעשיות וואָס חסידות האָט געוועבט אַרום דעם געבורט פון קאָזשעניצער מגיד.

איינער פון די גרעסטע רביים, וואָס האָט אויפגעשטעלט אַ סך תלמידים־צדיקים אין פוילן און גאַליציע, איז געווען דער קאָזשעניצער מגיד, ר׳ ישראל האָפּשטיין.

דער קאָזשעניצער מגיד איז געווען אַ זון פון אַ פּשוטן בעל מלאכה, אן איינבינדער, ער איז געווען דער דריטער דור פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, און איז געווען אַ גאון נישט בלויז אין נגלה, נאָר אויך אין נסתר. זיינע ספרים זיינען אויף ש״ס און פּוסקים און אויף קבלה. ער האָט געהאַט טויזנטער און טויזנטער חסידים אין פוילן און הונדערטער מעשיות ווערן וועגן אים דערציילט.

דער קאָזשעניצער מגיד איז אָבער שטאַרק באַעוולהט געוואָרן פון דעם גרויסן יידישן היסטאָריקער, דעם קדוש פּראָפעסאָר שמעון דובנאָוו. אין זיין ווערק „געשיכטע פון חסידיזם״, (אין צווייטן באַנד זייט 253) רעדט פּראָפעסאָר דובנאָוו אין נישט קיין געהויבענעם טאָן וועגן דעם קאָזשעניצער מגיד.

פּראָפעסאָר דובנאָוו דערציילט, אַז „די גרויסע מלחמות צום סוף פון פּעריאָד 1812—1815 און נאַפּאָלעאָנס מפּלה, האָט געמאַכט אַ סוף צו דער פראַנצויזישער ממשלה (אין פוילן)... צענדליקער טויזנטער מענטשן האָבן געזוכט אַנטרינונג און שוץ פון די מלחמות „גוג ומגוג״.

אין די געצעלטן פון די צדיקים, די וואונדער טוער, דער רבונו של עולמס פּאָליטיקער... די צדיקים פון לובלין (ר׳ יעקב יצחק האָראָוויץ, דער „חוזה") און קאָזשעניץ האָבן געפירט די חסידישע טשערעדע אין פוילן אין דעם אויסגעטראָטענעם וועג"...

פּראָפעסאָר דובנאָוו, וועלכער זאָגט אין דער הקדמה פון זיין גרויס ווערק, אַז ער וועט זיך האַלטן נייטראַל אין אָפּשאַצן די חסידישע באַוועגונג, האָט ניט קיין אַנדערן נאָמען פאַר די צוויי גרויסע פּערזענלעכקייטן, וואָס חסידות האָט אַרויסגעגעבן אין פוילן, — דעם „חוזה" פון לובלין און דעם מגיד פון קאָזשעניץ, — ווי „דעם רבונו של עולמס פּאָליטיקער"...

מיט נאָך אַ גרעסערן סאַרקאַזם רעדט דובנאָוו וועגן קאָזשעניצער מגיד (זייט 256), וואו ער שרייבט: „אָבער מער ווי ער (דער קאָזשעניצער מגיד) האָט געלערנט פאַר זיך און מיט די תלמידים, האָט ער זיך פאַרנומען מיט טאָן „מופתים" פאַר די מאַסן באַזונדער".

און ווי אַזוי פּראָפעסאָר דובנאָוו מאָלט דעם קאָזשעניצער מגיד: „אַ סך האָט ער (דער קאָזשעניצער מגיד) געלערנט ביי די חסידים גדולים. פון רבין ר׳ אלימלך ליזשענסקער האָט ער אָפּגעלערנט די מלאכה פון „מעקלעריי" צווישן מענטשן און דעם רבונו של עולם, וואָס ער האָט אויסגעפירט מיט דער גרעסטער קונציקייט".

דובנאָוו כאַראַקטעריזירט דעם קאָזשעניצער מגיד ווי אַ מענטש, „וואָס פלעגט היילן ווייבער נישט נאָר מיט תפילות און קמיעות, נאָר ער האָט אויך געהאַט ביי זיך אין שטוב צוגעגרייט פאַרשידענע קרייטעכצער און זאַלבן. מען דערציילט, אַז אַלע זיינע זאַלבן זיינען געווען אויסגעמישט מיט שטויב פון צעשטויסענעם בורשטין און בוימל, וואָס די קראַנקע האָבן געדאַרפט קויפן ביי דעם צדיקס טאָכטער אין קראָם"... (זייט 72—73).

פּראָפעסאָר דובנאָווס זאָגט: „מען דערציילט", איז געבויט אויף אַ כתב־יד „דאָס וועזן פון דער סעקטע חסידים", וואָס איז געשריבן געוואָרן פון איינעם פון די משכילים. פּראָפ. דובנאָוו אינפאָרמירט אונדז אויך „אומפּאַרטייאיש", אַז „די בני הדור האָבן זיך באַמיט אויפצודעקן די אָפּנאַרעריי פון דעם וואונדערמאַן (דעם קאָזשעניצער מגיד), נאָר עס איז זיי נישט געראָטן" (זייט 73).

פאַרשטייט זיך, אַז די „בני הדור" מיינט מען ווידער די משכילים...

דער היסטאָריקער דובנאָוו האָט זיך, צום באַדויערן, ניט גענומען די מי אויסצופאָרשן די סיבות פון דער אַנטשטייאונג און וואוקס פון דער חסידישער באַוועגונג, דעם סאָציאַלן קלאָס וואָס די חסידישע

באַוועגונג האָט פאַרטראָטן, כדי פּראָפעסאָר דובנאָוו זאָל זיך דערגרונ־טעווען פאַרוואָס טאַקע האָט זיך די „בני הדור" נישט איינגעגעבן „אויפצודעקן די אַפּנאַרעריי פון וואונדערמאַן".

מיר האָבן געבראַכט פּראָפעסאָר דובנאָווס אויסצוגן וועגן קאָזשע־ניצער מגיד, כדי מיר זאָלן זען, ווי ווייניק עס איז נאָך געפאָרשט געוואָרן די געשיכטע פון חסידות (בפרט דאָס חסידות אין פוילן און אין 19טן יאָרהונדערט) און וואָס פאַר אַ פאַלש בילד מען קאָן באַקומען וועגן איינעם פון די זיילן פון חסידות אין פוילן, וועגן איינעם, וואָס די גדולי הדור האָבן וועגן אים געשריבן מיט דעם גרעסטן דרך־ארץ און האָבן אים באַטיטלט מיט די העכסטע טיטולן. ווי עס שרייבט אויף אים, למשל, דער לעמבערגער רב און גאון ר' יוסף שאול נאַטאַנזאָן: „הרב הגאון הקדוש המקובל" (אין זיין הסכמה צום קאָזשעניצער מגידס ספר: „נזר ישראל"). און דער גאון ר' אפרים זלמן מרגלית פון בראָד שרייבט אויפן קאָזשעניצער מגיד: „קדוש ה' מכובד"... אָט וועגן אַזאַ פערזענלעכקייט קאָן מען ניט זאָגן, אַז ער איז געווען סתם אַן אַפּנאַרער, וואָס „האָט זיך אָפּגעלערנט די מלאכה פון מעקלעריי צווישן מענטש און דעם רבונו של עולם פון זיין רבין, וואָס ער האָט עס אויפגעפירט מיט דער גרעסטער קונציקייט"...

מיר וועלן דעריבער פּרוּוון געבן אַ כאַראַקטעריסטיק פון קאָזשע־ניצער מגיד.

* * *

דער קאָזשעניצער מגיד, ר' ישראל האָפּשטיין, (מען האָט אים גערופן אַזוי, לויטן פסוק פון זכריה ד' ז': „והוציא את אבן הראשה"), איז געבוירן געוואָרן בערך אין יאָר תצ"ז, (1737) אין אָפּט (אָפּאַטאָוו, פוילן). מיר זאָגן בערך, ווייל מיר לערנען דאָס אָפּ בלויז דערפון, אַז ווען דער קאָזשעניצער מגיד איז נפטר געוואָרן (ערב סוכות, תקע"ה — 1815) איז ער אַלט געווען אַכט און זיבעציק יאָר. קומט לויטן חשבון אויס, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תצ"ז, (זע „עשר אורות", זייט 83).

דער פאָטער זיינער האָט געהייסן ר' שבתי. ער איז געווען אַ פּשוטער בעל־מלאכה, אַן איינבינדער, וואָס האָט ניט געשטאַמט פון קיין מיוחסדיקער משפחה. ער האָט פון זיין איינבינדעריי געהאַט פּרנסה קוים בדוחק.

דאָס חסידות האָט איינגעהילט דאָס געבוירן ווערן פון דעם קאָזשע־ניצער מגיד מיט אַן אינטערעסאַנטער לעגענדע, אַז ער איז געבוירן געוואָרן מיט דעם כח פון אַ ברכה, וואָס דער בעל־שם־טוב האָט געגעבן

זיין פאָטער, און אַז ר׳ ישראל בעל־שם־טוב אַליין איז געווען דער סנדק פון קאָזשעניצער מגיד און האָט אים געהייסן אַ נאָמען געבען אַזוי ווי זיין נאָמען איז — „ישראל״. דעריבער האָט מען דעם קאָזשעניצער מגיד אויך אָנגערופן „ר׳ ישראל, דער צווייטער בעל־שם־טוב״. (זע אהרן מארקוס: החסידות, זייט 112).

און די מעשה ווערט אַזוי דערציילט: איינמאָל איז ר׳ ישראל בעל־שם־טוב געזעסן שבת־צו־נאַכטס ביי דער סעודה צוזאַמען מיט זיינע תלמידים. דער בעש״ט איז געווען שטאַרק פאַרמוטשעט, פלוצלינג האָבן די תלמידים באַמערקט ווי דעם בעש״טס פנים האָט זיך צעשטראַלט פאַר שמחה און דער בעש״ט האָט זיך צעלאַכט אויפן קול.

אַלע תלמידים האָבן זיך שטאַרק פאַרחידושט פון רבינס פלוצלונגדיקן לאַכן, אָבער קיינער פון זיי האָט נישט געוואָגט דעם בעש״ט צו פרעגן וועגן דעם.

שבת־צו־נאַכטס, נאָך הבדלה, ווען דער בעש״ט האָט פאַררויכערט זיין ליולקע־ציבעק, איז צו אים צוגעגאַנגען זיין תלמיד, ר׳ וואָלף קיצעס, און ער האָט אים געפרעגט פאַרוואָס דער בעש״ט האָט געלאַכט...

דער בעש״ט האָט אים גאָרנישט געענטפערט, נאָר האָט געהייסן איינשפּאַנען די פערד און מיט אים מיטפאָרן. זיינע זיי ביידע אַזוי געפאָרן אַ גאַנצע נאַכט. און דער תלמיד זיינער ר׳ וואָלף קיצעס האָט נישט געוואוסט וואוהין מען פאָרט.

אינדערפרי איז מען אָנגעקומען קיין אַפּט. האָט דער בעש״ט געהייסן רופן צו זיך ר׳ שבתי איינבינדער און ער האָט געהייסן ער זאָל אים דערציילן אַלץ, וואָס עס האָט זיך מיט אים פרייטיק־צו־נאַכטס פאַרלאָפן.

און ר׳ שבתי איינבינדער האָט דערציילט:

„אַלע מיינע יאָרן בין איך זיך מפרנס בדוחק פון מיין איינבינדעריי. איך בין זיך נוהג ערב שבת צו ענדיקן מיין אַרבעט זייער פרי און צו גיין אין בית המדרש אַריין, מעביר צו זיין די סדרה, דערנאָך צו גיין אין מקווה אַריין, פון מקווה גלייך אַהיים, זיך אָנטאָן די שבתדיקע מלבושים, דערנאָך ווידער לויפן אין בית המדרש אַריין זאָגן „שיר השירים״, און נאָך קבלת שבת קומען אַהיים צו זאָגן „שלום עליכם״ אויף אַ קול, מאַכן קידוש און ביים טיש צו זינגען אַ סך זמירות ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

אָבער אין דער לעצטער צייט האָט זיך דאָס רעדל איבערגעדרייט.

איך בין שוין אַלט און האָב שוין מער נישט קיין כח צו אַרבעטן אַזוי פיל, ממילא פאַרדין איך שוין ווייניק.

— און וואָס איז געווען דעם לעצטן שבת? — האָט דער בעש״ט געפרעגט.

„לעצטן שבת איז אַזוי געווען. פרייטיק, איך גיב אַ קוק, איך האָב נישט קיין פּרוטה צו געבן מיין ווייב אָנצוגרייטן אויף שבת. נישט אַפילו צו קויפן קיין ליכט אויף שבת. איך האָב אָבער קיינמאָל ביי קיינעם נישט גענומען קיין געלט, האָב איך ביי זיך אָפּגעמאַכט צו פאַסטן גאַנץ שבת און אַפילו צו זיצן אין דער פינצטער. אויך מיין ווייב האָט מיר צוגעזאָגט, אַז זי וועט זיך ביי קיינעם ניט באָרגן קיין געלט אויף שבת.

„איך בין מיר געגאַנגען ערב שבת נאָכמיטאָג אין בית המדרש אַריין אַזוי ווי תמיד, האָב מעביר געווען די סדרה, בין פון דאָרט געגאַנגען אין מקווה אַריין, דערנאָך שנעל אַהיימגעלאָפן און אָנגעטאָן די שבתדיקע מלבושים און ווידער אַוועק אין בית המדרש צו קבלת־שבת. דאָרט האָב איך זיך געזאַמט ביז אַלע בעלי־בתים פון שטעטל האָבן שוין פאַרלאָזט דעם בית־המדרש, איך בין דערנאָך אַהיימגעגאַנגען מיט דער דעה זיך גלייך צו לייגן שלאָפן. אָבער ווען איך בין געקומען פאַר מיין הויז האָב איך פּלוצלונג באַמערקט ווי אַ גרויס ליכט שיינט אַרויס פון מיין שטוב. און ווען איך בין אַריינגעקומען אין שטוב אַריין איז מיין איבעראַשונג געווען נאָך גרעסער, ווייל איך האָב דערזען, אַז דער טיש איז געדעקט מיט אַ שבתדיקן טישטעך און אויפן טיש שטייען אָנגעשטעלט פון כל־טוב, — וויין, פיש, פלייש און פּירות.

„איך האָב נישט געוואָלט פרעגן מיין ווייב, פּערל, פון וואַנען זי האָט גענומען געלט אָנצוגרייטן די אַלע גוטע זאַכן. נאָר איך האָב אָנגעהויבן צו זאָגן „שלום עליכם" און געמאַכט קידוש.

„אינמיטן דער סעודה, דערציילט מיר מיין ווייב, אַז זי האָט אויפ־געררומט די שטוב אויף שבת, אַזוי ווי אַלעמאָל, כאָטש זי האָט גע־וואוסט, אַז עס וועט נישט זיין מיט וואָס צו מאַכן שבת. און פּלוצלונג, ווי זי רוימט אַזוי, דערזעט זי אַרויסשיינען פון אונטער דעם בעט עפּעס אַ ליכטיקע זאַך. זי בייגט זיך אַרונטער, און זי נעמט אַרויס אַן אַלטן שפּענצער, וואָס האָט געהאַט זילבערנע און גאָלדענע קנעפּ. זי אַליין האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען פון וואַנען עס קומט צו איר אַזאַ שפּענצער מיט אַזעלכע טייערע קנעפּ, אָבער קיין צייט איז נישט גע־

ווען צו טראַכטן, איז זי אַוועק אין מאַרק, פאַרקויפט די קנעפּ און פאַר דעם געלט געקויפט ליכט און מאכלים, אַלץ צוגעגרייט לכבוד שבת.

„ווען איך האָב דערהערט ווי אַזוי מיין ווייב האָט גענומען געלט אויף שבת, אַז זי האָט חס ושלום ביי קיינעם נישט געליגן קיין פרוטה, נאָר אַז גאָט האָט אונדז געהאָלפן מיר זאָלן קאָנען אָנגרייטן אויף שבת פון אונדזער אייגן געלט, האָב איך פאַר שמחה גענומען מיין ווייב און מיט איר אָנגעהויבן צו טאַנצן אַרום דעם טיש"...

ווען ר' ישראל בעל־שם־טוב האָט אויסגעהערט די מעשה, האָט ער געזאָגט צו ר' שבתי איינבינדער:

— זיי וויסן, אַז די גאַנצע פמליה של מעלה האָט מיט דיר געטאַנצט בשעת דו האָסט געטאַנצט מיט דיין ווייב. און איצט ווייסטו שוין — האָט דער בעש"ט זיך אויסגעדרייט צו זיין תלמיד, ר' וואָלף קיצעס. — פאַרוואָס איך האָב פרייטיק־צו־נאַכטס ביים טיש געלאַכט? אין אַלע הימלען האָט מען מיטגעלאַכט פאַר שמחה...

און צו ר' שבתי איינבינדער האָט דער בעש"ט געזאָגט:

— און איצט זאָג מיר וואָס דיין בקשה איז. אַלץ וועל איך פאַר דיר טאָן.

האָט דער אַלטער ר' שבתי איינבינדער נישט געבעטן ביים בעש"ט נישט אויף עשירות, נישט צו האָבן אריכת־ימים, נאָר אַז ער זאָל האָבן אַ בן־זכר.

האָט אים דער בעש"ט אָנגעוואונטשן צו האָבן אַ בן־זכר. און צום יאָר האָט זיין ווייב אים געבוירן אַ קינד, אַ ייִנגעלע, און דאָס איז ר' ישראל דער קאָזשעניצער מגיד — לאָזט אויס די חסידישע לעגענדע. (עדת צדיקים, לבוב תרכ"ה, זייט 5).

פאַראַן אַן אַנדערע חסידישע מעשה וועגן דעם געבוירן ווערן פון ר' ישראל דער קאָזשעניצער מגיד.

איינמאָל איז אין אַפּט, ערב יום־כיפור פאַרנאַכט ביי „כל־נדרי" אויסגעבראָכן אַ גרויסע מחלוקה אין בית־המדרש. פון דער קריגעריי איז מען אַריבער צו אַ געשלעג און מען האָט צעריסן אַלע מחזורים. ר' שבתי איינבינדער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען, דעם קאָפּ איינגעזונקען אין מחזור, אין גרויס דביקות, און האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

נאָך „כל־נדרי" גייען צו אים צו אַ פּאָר בעלי־בתים און זאָגן צו אים אַז נאָך די ימים־טובים וועט ער שוין פאַרדינען אַ סך געלט, ווייל ער וועט דאַרפן איינבינדן די אַלע מחזורים וואָס זיינען צעריסן געוואָרן.



**דער קאָזשעניצער מגיד**
(איבערגעדרוקט מיט ספּעציעלער דערלויבעניש
פון דעם ייוואָ־אַרכיוו אין ניו־יאָרק).

ר׳ שבתי האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס מען רעדט צו אים, ווייל ער האָט גאָרנישט געוואוסט וואָס אין בית־המדרש איז פאָרגעקומען; אַזוי אויסגעטאָן איז ער געווען פון דער וועלט בעתן זאָגן „כל נדרי״... דערפאַר האָט ער די זכיה געהאַט אַז זיין ווייב האָט אים געבוירן אַ בן זכר, וואָס האָט פאַרשיינט די וועלט. (אהרן מארקוס, החסידות, זייט 112).

אַט אַזוי האָט די חסידישע פאַנטאַזיע איינגעהילט דאָס געבוירן ווערן פון קאָזשעניצער מגיד מיט פאַרשידענע לעגענדעס.



אַ בריוו פון רבין ר׳ אברהם יהושע העשל פון אַפּט

## קאַפּיטל ב

# דעם קאָזשעניצער מגידס תפילות אין יידיש

דער קאָזשעניצער מגיד האָט אין זיינע יונגע יאָרן געשמט פאַר אַן עילוי. — דער פאָטער זיינער האָט אים צו זיבן יאָר איינגעשריבן אין דער חברה „נר תמיד". — אַ חסידישע מעשה ווי אַזוי זיינס אַ גראָשנדיק ליכטל האָט ביים לערנען געברענט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. — אַ גביר אין פּשיסכע האָט אויסגעהאַלטן דעם קאָזשעניצער מגיד אַ לאַנגע צייט. — אין זיינע יונגע יאָרן האָט דער קאָזשעניצער מגיד געלערנט אין פאַרשידענע ישיבות אין פּוילן. — דער מענטש דאַרף אַליין אַרבעטן איבער זיך, לערנט דער קאָזשעניצער מגיד. — זיינע לידער אין פּויליש.

דער קאָזשעניצער מגיד, ר' ישראל האָפּשטיין, איז אויפגעצויגן געוואָרן אין שטעטל אַפּט, פּוילן, וואו זיין פאָטער האָט געוואוינט.

און אַזוי ווי ר' ישראל איז געבוירן געוואָרן, ווען דער פאָטער זיינער איז שוין געווען אַן אַלטער ייד, איז ער אין זיינע יונגע יאָרן געווען אַ גרויסער חלוש. דער פאָטער איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן, און ער האָט צו אים נישט געקאָנט צונעמען קיין גוטע מלמדים. אָבער דער קליינער ישראל האָט אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן אין לערנען, און ער האָט געהאַט אַ גרויסע תשוקה צו לערנען תורה. געוואוסט האָט דער קליינער ישראל, אַז ער שטאַמט נישט פון קיין יחוסדיקער משפּחה, האָט ער געמוזט אַליין זיך מיגע זיין אין לערנען. דער קאָזשע־ניצער מגיד אַליין האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ווען ער זאָל וויסן, אַז ער שטאַמט אָפּ פון זרע אברהם, יצחק ויעקב, וואָלט ער פאַר שמחה געטאַנצט אין די גאַסן „מיט מיין טשאַפּקע נאַבאָק" — מיטן היטל פאַררוקט אויף אַ זייט (זע י. י. ארטן: „אמת ואמונה", ירושלים, ת"ש).

און דער קליינער ישראל האָט פון קינדווייז אָן געשמט פאַר אַן

עילוי, זיין חשק צום לערנען איז געווען גרויס, אַז איינמאָל אין חנוכה, ווען ער איז אינגאַנצן אַלט געווען זיבן יאָר, האָט דער פאָטער אים גע־געבן אַ דריי־גראָשנדיק ליכטל, ער זאָל לערנען אין בית־מדרש נאָר ביז דאָס ליכטל וועט אויסגיין. ווייל דער פאָטער האָט מורא געהאַט, אַז דער זון וועט שפּילן מיט די יינגלעך אין „קוויטלעך". אָבער ווי דער קליינער ישראל האָט אָנגעהויבן צו לערנען, האָט ער גאָרנישט געפילט ווי די צייט לויפט... דאָס קליינע ליכטל האָט געברענט און געברענט, ביז חצות — און ס'האָט זיך נישט אויסגעברענט...

ווען דער קליינער ישראל איז דערנאָך אַהיימגעקומען, האָט דער פאָטער געמיינט, אַז ער האָט געשפּילט מיט אַ חברה קינדער אין קאָרטן, האָט ער גענומען אַ קאַנטשיק און האָט אים געשלאָגן!

דער קליינער ישראל איז געלעגן אין בעט, מחמת יסורים, אָבער ער האָט גאָרנישט געזאָגט. וואָלט ער געווען דערציילט זיין טאַטן, אַז ער איז געזעסן אין בית־מדרש און געלערנט, וואָלט אים זיין טאַטע געווען געגלויבט, אָבער ער האָט נישט געוואָלט אויסזאָגן, אַז דאָס ליכטל האָט געברענט אַזוי לאַנג — לכבוד זיין לערנען תורה, האָט ער מקבל געווען די קלעפּ באהבה, און דעם פאָטער גאָרנישט דערציילט... („עשר אורות", זייט 71).

חסידים דערציילן, אַז אַ מלאך איז דעמאָלט געקומען אין בית־מדרש אַריין און דער מלאך האָט אַזוי הנאה געהאַט פון קליינעם ישראלס לערנען, אַז ער האָט געגעבן פייער דעם ליכט, עס זאָל ברענען ביז חצות...

ווען ישראל איז אַלט געוואָרן פולע זיבן יאָר, האָט דער פאָטער זיינער אים איינגעשריבן אין דער חברה „נר תמיד". דער ציל פון דער חברה איז געווען צו הערן תורה פון דעם חסיד ר' משה נתן־נאָטע שפּירא, פון אַפּט. ר' שבתי איינבינדער איז געווען איינער פון די אַק־טיווע גבאים פון דער חברה.

וועגן אויפנעמען דעם יונגן ישראל אין דער חברה, איז פאַר־שריבן געוואָרן אין פנקס פון דער חברה אין אַפּט: „בחול המועד פסח, תק"ד, נתקבל לחברה הבחור הקטן ישראל בן שבתי, ונתן אביו מעות הקדמה ג' לוט כסף." (זע: „לקורות היהודים בלובלין", פון ב. ניסנבוים, אויך צ. מ. ראַבינאָוויץ: „המגיד מקוזניץ").

דער עילוי ישראל האָט געלערנט אַ שטיקל צייט אין דער ישיבה פון אַפּטער רב, ר' דוב בעריש כ"ץ. די גאונים פון זיין דור האָבן אויף אים עדות געזאָגט, אַז ער איז נאָך אין דער יוגנט געווען אַ גרויסער

עילוי. אַזוי זאָגט אויף אים עדות דער גאון ר׳ יצחק אברהם, דער רב פון פינטשעוו, און דער מחבר פון שאלות ותשובות ספר „כתר כהונה״.

ווען ר׳ ישראל איז עלטער געוואָרן, איז ער אַוועקגעפאָרן פון אַפּט קיין אָסטראָווצע, צו לערנען אין דער ישיבה פון רב ר׳ יחזקאל, און פון דאָרט איז ער געפאָרן קיין וואָלין צו לערנען אין דער ישיבה פון דער שטאָט האָרכאָוו, וואו דער רב ר׳ מרדכי האָרכאָוויץ, דער זון פון ר׳ יצחקל האַמבורגער, איז געווען רב און ראש ישיבה.

ר׳ ישראל האָט דערנאָך געוואַנדערט אין פאַרשידענע שטעט אין פוילן און געלערנט תורה. דער בריסקער רב ר׳ אהרן, דער גאון און מחבר פון ספר „מנחת אהרן״, האָט דעם יונגן ישראל געוואָלט נעמען פאַר אַ חתן פאַר זיין טאָכטער, אָבער פון שידוך איז גאָרנישט געוואָרן.

אין יאָר תקכ״א (1761) איז זיין פאָטער ר׳ שבתי איינבינדער נפטר געוואָרן, און ר׳ ישראל האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין פשיסכע, אין דעם קרייז ראַדאָם, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ צענטער פון חסידות. דאָרט, אין פשיסכע, איז געווען דער „מגיד ישרים״ ר׳ אברהם, וועלכער האָט אַריינגעפירט דעם יונגן ישראל אין אַ נייער וועלט, אין אַ וועלט פול מיט סודות, אַ וועלט פון קבלה און פון דערציילן מעשהס פון צדיקים...

ר׳ ישראל איז געווען באַליבט אין שטאָט. און איינער אַ גרויסער גביר פון פשיסכע, ר׳ ישכר בער, האָט אַריינגענומען דעם יונגן ישראל צו זיך אין הויז אַריין און האָט אים אויסגעהאַלטן מיט עסן און טרינקען, כדי ער זאָל קענען זיצן און עוסק זיין אין לערנען.

דער דאָזיקער גביר, ר׳ ישכר־בער, איז געווען אַ גרויסער ליב־האָבער פון לומדים. ער איז אַזש געפאָרן פון פשיסכע קיין האַמבורג אין דער ישיבה אַריין פון דעם גאון ר׳ צבי הירש באַשקאַ, דער מחבר פון ספר „תפארת צבי״, כדי דאָרט צו נעמען אַ בחור פאַר אַ חתן פאַר זיין טאָכטער.

ווען ר׳ ישראל האָט אויפגעהערט צו עסן אין הויז פון גביר ר׳ ישכר־בער, איז ער געווען אַ מלמד אין שטעטל. ווי ס׳ווייזט אויס, האָט ר׳ ישראל געהאַט אַ גרויסע פּעדאַגאָגישע פעאיקייט, ווייל אין זיינע תורות זענען פאַראַן פאַרשידענע משלים וועגן קינדער. אַזוי זאָגט ער אין איין אָרט אין זיין ספר „עבודת ישראל״ (פרשת כי תשא), אַז מען דאַרף מסביר זיין אַ מענטשן צו ווערן אַן ערלעכער ייד — מיט פאַרשידענע משלים. פּונקט אַזוי ווי אַ טאַטע וואָס וויל אויפקלערן עפּעס אַ שכלדיקע זאַך צו זיין קינד, וועט ער די זאַך איינהילן אין קליינע

ענינים, כדי ס'קינד זאָל עס קאָנען בעסער פאַרשטיין, אַזוי דאַרף מען אויך טאָן מיט דערוואַקסענע...

פון דעם געלט, וואָס דער קאָזשעניצער מגיד האָט באַקומען פאַר זיין מלמדות, האָט ער זיך איינגעקויפט דעם „עץ החיים" פון האר"י הקדוש און פאַרשידענע אַנדערע ספרים און כתב־ידן (אַ סך ספרים זענען געדרוקט געוואָרן פון די כתב־ידן, וואָס מען האָט געפונען אין הויז פון קאָזשעניצער מגיד, ווי „כתבי קודש", לקוטים אויף חסידות, „דברי שמואל" פון זיין רבין ר' שמעלקע פון ניקלשבורג, און „קדושת לוי" אויף אָבות און אַנד.).

חסידים דערציילן, אַז ווען דער קאָזשעניצער מגיד איז געקומען צום ערשטן מאָל צום מעזריטשער מגיד, האָט ער שוין דעמאָלט געהאַט דורכגעלערנט אַכט הונדערט קבלה־ספרים. אָבער ווי נאָר ער האָט איבערגעטראָטן די שוועל פון מעזריטשער מגידס חדר המיוחד, האָט ער זיך גלייך דערפילט ווי ער וואָלט נאָך גאָרנישט געוואוסט... (זע: „אור הגנוז" פון מ. בובער, פאַרלאַג שאָקען, ירושלים, תש"ז, זייט 283).

דער קאָזשעניצער מגיד האָט געהאַלטן, אַז אַ מענטש דאַרף אַליין איבער זיך אַרבעטן, ביז ער דערגרייכט צו עפּעס, און ער אַליין האָט טאַקע דאָס מקיים געווען: אַליין האָט ער געוואָלט אַלץ לערנען, כדי ער זאָל זיין אָנגעזאַפּט מיט תורה, סיי אין נגלה און סיי אין נסתר.

דער קאָזשעניצער מגיד האָט דאָס זעלבע געהייסן טאָן זיינע חסידים; אַליין האָט מען געמוזט עפּעס טאָן, אויב מען האָט געוואָלט אַ זאַך דערגרייכן.

אַזוי ווערט דערציילט, אַז איינמאָל איז צום קאָזשעניצער מגיד געקומען אַ פרוי מיט אַ קוויטל, און זי האָט פאַר אים געוויינט, אַז זי וואוינט שוין מיט איר מאַן צוועלף יאָר און זי האָט נישט קיין קינדער.

האָט דער קאָזשעניצער מגיד זי געפרעגט:

— וואָס רעכנסטו צו טאָן?

האָט די פרוי נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

האָט דער קאָזשעניצער מגיד דערציילט:

„ווען מיין מאַמע איז אַלט געוואָרן און זי האָט נישט געהאַט קיין קינדער, האָט זי איינמאָל דערהערט, אַז דער בעל־שם־טוב איז געקומען קיין אַפּט, איז זי אַריין צו אים מיט אַ קוויטל און האָט פאַר אים געוויינט, ער זאָל פאַר איר מתפלל זיין זי זאָל געהאָלפן ווערן.

— וואָס ווילסטו טאָן? — האָט דער בעש"ט געפרעגט.

— וואָס קאָן איך טאָן? אַז מיין מאַן איז אַ פשוטער איינבינדער

און אַ גרויסער אָרעמאַן, — האָט זי געענטפערט, — אָבער איך האָב איין גוטע זאַך און דאָס וויל איך געבן דעם רבין.

און זי איז באַלד אַהיימגעלאָפן און האָט אַרויסגענומען איר בעסטן מלבוש, די „קאַטינקאַ", און זי איז דערמיט צוריקגעלאָפן אויף דער אכסניה, וואו דער בעש"ט איז איינגעשטאַנען. ווען זי איז אַהין גע־קומען, האָט זי זיך דערוואוסט, אַז דער בעש"ט איז שוין אָפּגעפאָרן קיין מעזשיבעזש. האָט זי קיין סך נישט געטראַכט און האָט אָנגעהויבן צו גיין צופוס קיין מעזשיבעזש, ווייל קיין געלט אויף דינגען אַ פערד און וואָגן האָט זי נישט געהאַט. איז זי געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט, ביז זי איז אָנגעקומען צום בעש"ט און זי האָט אים אָוועקגעגעבן די „קאַטינקאַ".

„דו האָסט גוט געטאָן", האָט דער בעש"ט געזאָגט, און ער האָט די „קאַטינקאַ" אויפגעהאָנגען אויף דער וואַנט.

„מיין מאַמע", האָט דער קאָזשעניצער מגיד אויסגעלאָזט, „איז דערנאָך ווידער געגאַנגען צופוס פון שטאָט צו שטאָט, ביז זי איז אַהיימגעקומען קיין אַפּט, און צום יאָר איז זי געהאָלפן געוואָרן מיט אַ בן־זכר... און איך בין געבוירן געוואָרן".

„אויך איך וויל ברענגען דעם רבין אַ גוטן מלבוש, וואָס איך האָב אין דער היים", האָט די יידענע געזאָגט צום קאָזשעניצער מגיד, כדי איך זאָל ווערן געהאָלפן מיט אַ בן־זכר".

„דאָס וועט שוין נישט העלפן", האָט דער קאָזשעניצער מגיד געזאָגט, „דו האָסט שוין געהערט די מעשה, אָבער מיין מאַמע האָט קיין שום מעשה נישט געהערט" („לקוטים חדושים", וואַרשע, תרנ"ח).

דער קאָזשעניצער מגיד איז געווען אַ תלמיד פון דעם רבין ר' שמעלקע, פון ניקלשבורג און פון ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער. פון דעם באַרדיטשעווער רבין האָט זיך דער קאָזשעניצער מגיד אָפּגעלערנט צו זיין אַ מליץ־יושר פאַר יידן, זיך דורכצושמועסן מיט גאָט לויטן באַר־דיטשעווער דרך, און אַמאָל אויך צו רעדן יידיש און פויליש.

אַזוי ווערט אויך געבראַכט אין „עשר אורות" (זייט 76), אַז דער קאָזשעניצער מגיד פלעגט אין פּורים זינגען לידער אין אַ געמיש פון פויליש און לשון קודש. אַזוי, למשל, האָט דער קאָזשעניצער מגיד געהאַט אַ מנהג צו זינגען אַ ליד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן: „יאַקאָ פּורים, טאַקאָ ליל שמורים".

נאָך אַ ליד האָט דער קאָזשעניצער מגיד געזונגען: „האָלי דושא בעז קאָלושאַ" (זאָל טאַנצן די נשמה אָן אַ העמד" — דער גוף ווערט באַטראַכט ווי דאָס העמד פון דער נשמה), אָדער „קטאָ ראַנאָ ווסטייע,

טעמו פאַן בוג פּאָכוואלי דייע" (דער וואָס שטייט אויף אין דער פרי, דעם בענטשט גאָט".

דער קאָזשעניצער מגיד פלעגט אין מיטן דאַווענען אויך אַמאָל זאָגן אויף פּויליש: „מוי קאָכאַנו" (מיין געליבטער, זע: „לקוטים חדושים").

און איינמאָל ערב יום־כפור פאַר כל־נדרי, אין דעם לעצטן יאָר פון זיין לעבן, ווען דער קאָזשעניצער מגיד איז שוין געווען אַ גרויסער בעל־יסורים, האָט ער זיך געשטעלט פאַרן עמוד, און איידער ער האָט געדאַרפט זאָגן דעם פסוק: „ויאמר ה' סלחתי", האָט ער געזאָגט: „רבונו של עולם! צו דיין גרויסקייט איז גאָר קיין גרענעץ נישט פאַראַן. דו ווייסט דאָך, אַז דעם גאַנצן חודש אב האָב איך יעדן טאָג געדאַווענט פאַרן עמוד, כאָטש איך בין אַ גרויסער בעל־יסורים, דו ווייסט גוט, אַז נישט פאַר מיינעט וועגן האָב איך דאָס געטאָן — נאָר פאַר דיין פאָלק ישראל האָב איך דאָס געטאָן. דעריבער פרעג איך דיך: אויב איך האָב געקאָנט זיך שטעלן פאַר דיר דאַווענען, כאָטש איך לייד אַזוי פיל יסורים, איז פאַר דיר שווער צו זאָגן בלויז די צוויי ווערטער? דערפאַר בעט איך דיר", האָט דער קאָזשעניצער מגיד אַ געשריי געגעבן מיט זיינע לעצטע כחות, „דו זאָלסט זאָגן ווי עס שטייט — ויאמר ה' סלחתי כדבריך"... (טעמי המצוות עם פירוש בארת מים).

## אַתְקִינוּ סְעֻדָּתָא

לרבי דב־בר, המגיד ממזריטש



דעם מעזריטשער מגידס ניגון אויף „אתקינו סעודתא"

## קאַפּיטל ג

# ווי אַזוי דער קאָזשעניצער מגיד איז געוואָרן אַ חסיד פון מעזריטשער מגיד

דער קאָזשעניצער מגיד האָט זיך אַליין שטאַרק געפּייניקט. — ווי אַזוי ער האָט געהאַט גלגול־שלג. — פאַרוואָס ער רופט נישט אָן דעם באַרדיטשעווער רבין, „מיין רבי״. — דעם דרך פון ליזשענסק. — דער באַרדיטשעווער רבי אַנטלויפט צוליב רדיפות פון די מתנגדים אין הושענה רבא אין טלית און תפילין און מיטן אתרוג און לולב אין דער האַנט פון זשעלאַנאָוו צום קאָזשעניצער מגיד. — דער קאָזשעניצער מגיד טרייסט אים.

דער קאָזשעניצער מגיד ר׳ ישראל איז אין זיינע יונגע יאָרן געוואָרן אַ תלמיד פון רבין ר׳ שמעלקע (ר׳ שמואל האָראָוויץ, געבוירן געוואָרן אין יאָר תפ״ו—1726, נפטר געוואָרן אין יאָר תקל״ח—1778) פון ניקלשבורג (מעהרין), וועלכער איז דעמאָלט געווען רב אין ריטשיוואָל, פוילן, וואָס איז נאָענט צו קאָזשעניץ.

דער רבי ר׳ שמעלקע צוזאַמען מיט זיין ברודער ר׳ פינחס (געבוירן אין יאָר ת״ץ—1730, נפטר געוואָרן אין יאָר תקס״ה—1815) זיינען געווען די צוויי זיילן פון חסידות אין פוילן. (איידער דער רבי ר׳ שמעלקע איז געוואָרן רב אין ניקלשבורג איז ער געווען אויך רב אין שינאָווע, פוילן).

דער רבי ר׳ שמעלקע איז געווען אַ גרויסער גאון און האָט געהאַט אַ שיין קול צום דאַוונען און זינגען. ער האָט, ווי די אַנדערע רביים אין זיין דור, צעטיילט דאָס גאַנצע געלט פאַר צדקה (אַזוי שרייבט וועגן אים דער שרייבער א. טריביטש אין „קורות העתים״, ברין תקס״א, ציטירט לויט צ. מ. ראַבינאָוויץ, אין זיין ספר „המגיד מקוזניץ״). דער

רבי ר׳ שמעלקע האָט געהאַט אַן אייגענעם דרך אין לערנען, וואָס האָט זיך זייער שטאַרק אָפּגעשיידט פון דעם דרך פון פּילפּול פון די פּוילישע ישיבות.

דער קאָזשעניצער מגיד האָט אַ סך געלערנט פון רבין ר׳ שמעלקע אין זיין דרך הלימוד, אַזוי ווי ער שרייבט אַליין אין זיין ספר „נר ישראל״ (פּיעטריקאָוו, דף ל״ט), אַז איינמאָל האָט ער געזאָגט אַ פּשטל אויף חנוכה זיינען דאָרט געשטאַנען אַ סך לומדים, וואָס זייער דרך איז געווען פּילפּול, האָבן זיי געחוזקט פון דעם פּשטל, אָבער דער רבי ר׳ שמעלקע פון ניקלשבורג האָט געזאָגט, אַז עס איז גוט, און אַלע זיינען אַנטשוויגן געוואָרן.

דער קאָזשעניצער מגיד איז אויך געווען אַ תלמיד פון רבין ר׳ פּינחס האָראָוויץ, דער ברודער פון רבין ר׳ שמעלקע, וועלכער איז געווען אַ גרויסער גאון און מקובל. דער רבי ר׳ פּינחס איז געווען דער מחבר פון די ספרים אין הלכה „הפלאה״, „המקנה״, „גבעת פינחס״ און אַנדערע ספרים. ער איז צוזאַמען מיט דער קאָזשעניצער מגיד געפאָרן צום מעזריטשער מגיד, און ווען ער איז געוואָרן רב אין פראַנקפורט־אַם־מיין, איז ער געשטאַנען אין בריוולעכער פאַרבינדונג מיט דעם קאָזשעניצער מגיד.

אויף די צוויי ברידער, די גאונים, האָט דער מעזריטשער מגיד געזאָגט, אַז זיי זיינען געגליכן „צו אַ הויז, וואָס האָט געהאַט אַ סך ליכט, אָבער די ליכט האָבן נישט געברענט, איז געקומען איינער און האָט אָנגעצונדן מיט אַ שוועבעלע אַ ליכטל, האָבן אַלע ליכטלעך אָנגעהויבן צו ברענען און דאָס גאַנצע הויז איז געוואָרן פול מיט ליכט...״

די חסידישע לעגענדע דערציילט אויך, אַז ווען די מתנגדים זיינען געקומען צום רבין ר׳ שמעלקע און אים געזאָגט, אַז זיי ווילן לייגן די חסידים אין חרם אַריין און אַרויסנעמען פון חרם אים און זיין ברודער, האָט דער רבי ר׳ שמעלקע אָנגעוויזן אויף דעם קאָזשעניצער מגיד, וועלכער איז דעמאָלט נאָך געווען אַ יונגערמאַן, און ער האָט צו די מתנגדים געזאָגט: „אָט דער אויסגעדאַרטער יונגערמאַן איז דאָך אַ גדול בישראל, ווי אַזוי וועט איר וואַגן אים אַריינצולייגן אין חרם אַריין? (אהרן מארקוס אין זיין דייטש בוך כאַסידיסמוּס, איבערגעזעצט אויף־העברעאיש: „החסידות״, הוצאת נצח, תל־אביב, תשי״ד, זייט 112—113).

* * *

אין מעזריטש האָט דער קאָזשעניצער מגיד געלערנט דעם דרך פון חסידות ביי דעם רבין ר' דוב־בער דער מגיד פון מעזריטש (געבוירן אין יאָר תס"ד—1704, נפטר געוואָרן תקל"ג—1773), וועלכער איז געווען אַ תלמיד פון ר' ישראל בעל־שם־טוב, דער באַגרינדער פון חסידות.

חסידות דערציילט, אַז ווען דער קאָזשעניצער מגיד איז צום ערשטן מאָל געקומען צום מעזריטשער מגיד, האָט דער מגיד אים געפרעגט: „פון וואַנען ביסטו, יונגערמאַן?"

„פון קאָזשעניץ, פון דער געגנט פון וואַרשע", האָט דער קאָזשעניצער מגיד געענטפערט.

„געלויבט איז גאָט, — האָט דער מעזריטשער מגיד געזאָגט, — וואָס ער האָט מיר דיך צוגעשיקט מגיה צו זיין דעם כתב־יד פון דעם אר"י הקדושס סידור" (לויט אַ צווייטן נוסח איז דעם קאָזשעניצער מגיד אַקעגנגעקומען דער רבי ר' זושע פון אַניפּאָלי און ער האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט מגיה זיין דעם סידור פון ר' שבתי ראַשקאָווער און ער איז דאָרט געבליבן אַכצן וואָכן) און ער איז דאָרט געבליבן צוועלף וואָכן און האָט מגיה געווען דעם אַר"יס סידור.

דער קאָזשעניצער מגיד איז געוואָרן איינער פון די תלמידים פון מעזריטשער מגיד (ער דערמאָנט אָפטמאָל אין זיינע תורות דעם מעזריטשער מגיד, זיין זון ר' אברהם מלאך, ר' אברהם קאַליסקער, ר' אהרן קאַרלינער, ר' ישראל פּאָלאָצקער, ר' פּינחס קאָרעצער און אַנדערע תלמידים פון מעזריטשער מגיד). ער האָט זיך אַזוי באַהאָפטן צו דער שיטה פון חסידות, וואָס דער בעש"ט האָט געלערנט, אַז איינמאָל, דערציילט די חסידישע לעגענדע, האָט ער געזען ר' ישראל בעל־שם־טוב אין חלום. ער האָט דעם בעש"ט געפרעגט אַ פראַגע און האָט פון אים באַקומען אַ תשובה (זע זיין ספר „עבודת ישראל" פּרשת שמיני).

חסידים דערציילן אויך, אַז דער קאָזשעניצער מגיד האָט געזען דעם מעזריטשער מגיד נאָך דער פּטירה פון מעזריטשער מגיד. אַזוי ווערט געבראַכט אין ספר „עשר אורות" (זייט 70, אות י"ג), אַז איינמאָל איז דער מאָגעלניצער רבי (ר' חיים מאיר יהיאל, גערופן דער „שרף", געווען אַ זון פון קאָזשעניצער מגידס איינציקער טאָכטער פּערעלע, ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תר"ט—1849) אַן אייניקל פון קאָזשעניצער מגיד, געשלאָפן, ווען ער איז נאָך געווען אַ זעקס יאָריק יינגל, אין איין בעט מיט זיין זיידן, דעם קאָזשעניצער מגיד, האָט ער אינמיטן דער נאַכט, חצות צייט, באַמערקט ווי עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין אַן אַלטער ייד. דער ייד האָט אָנגענומען דעם קאָזשעניצער מגיד ביי

דער האַנט אוןביידע האָבן שפּאַצירט אויף און אָפּ איבער דער שטוב. דער אַלטער ייד האָט גערעדט צום קאָזשעניצער מגיד ניט אַזוי ווי יידן פּלעגן צו איםריידן. דערנאָך, ווען דער אַלטער ייד איז אַרויסגעגאַנגען, זאָגט צו אים דאָס אייניקל: „זיידעשי, ווער איז געווען דער ייד? ער איז זיכער געווען אליהו הנביא!"

„ניין, מיין קינד, דאָס איז נישט געווען אליהו הנביא, דאָס איז געווען דער רבי ר' בער" (דער מעזריטשער מגיד).

* * *

דער קאָזשעניצער מגיד איז לאַנג נישט געזעסן אין מעזריטש. ער האָט געדאַרפט געבן פּרנסה זיין ווייב, איז ער צוריקגעפאָרן קיין קאָזשעניץ דערנאָך איז דער קאָזשעניצער מגיד געוואָרן אַ תלמיד פון רבין ר' אלימלך פון ליזשענסק). אין דעם איז ער זיך פונאַנדערגעגאַנגען פון מעזדיטשער מגיד. דער רבי ר' אלימלך האָט זיך נוהג געווען שטאַרק מסגף צו זיין (ווי מיר האָבן אויספירלעך געשריבן אין די קאַפּיטלען וועגן רבין ר' אלימלך פון ליזשענסק). אין דעם איז ער זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט זיין רבין, דעם מעזריטשער מגיד. אמת, אין זיין ספר „נועם אלימלך" טרעט דער רבי ר' אלימלך אַרויס קעגן סגופים, אָבער דאָס האָט ער נאָר געלערנט פאַר זיינע חסידים. דער פּשוטער עולם, האָט ער געוואָלט, זאָל זיך ניט צופיל מסגף זיין, אָבער ער אַליין, דער רבי, דער צדיק, דער מנהיג הדור — ער דאַרף זיך יאָ פּייניקן.

און פון זיין רבין ר' אלימלך פון ליזשענסק האָט זיך דער קאָזשע־ניצער מגיד אָפּגעלערנט דעם דרך פון סיגופים.

אַזוי ווערט געבראַכט אין ספר „עשר אורות" (זייט 73, אות כ"ז), אַז דער קאָזשעניצער מגיד איז אַמאָל געפאָרן מיט זיין זון, ר' משה אליקום בריעה, הינטער דער שטאָט אָסטראָוועצ, זיינען זיי דורכגעפאָרן אַ באַרג, זאָגט צו אים דער קאָזשעניצער מגיד:

„זעסט מיין קינד, דאָ ביים באַרג בין איך אַמאָל געפּרואווט געוואָרן מיט גרויסע נסיונות, ווייל אין מיינע יונגען יאָרן, ווען איך האָב געאַרבעט איבער זיך איך זאָל קומען צו יידישקייט, האָב איך דאָ געהאַט אויף דעם באַרג גלגל שלג. ביי דעם באַרג האָט געוואוינט אַ ייד, וואָס איז געווען אַ בעל־מלאכה, ער האָט געמאַכט קעמלעך, האָט ער די צעבראָכענע קעמלעך אַרויסגעוואָרפן אונטערן באַרג. ווינטער זיינען די ציין פון די צעבראָכענע קעמלעך פאַרדעקט געוואָרן מיט אַ ווייסן שניי, און ווען איך פלעג זיך אַ נאַקעטער אַראָפּקייקלען פון דעם באַרג שניי, פלעגן די ציינער זיך איינבייסן אין מיין גוף".

דער קאָזשעניצער מגיד האָט שטאַרק געהאַלטן פון זיין רבין ר׳ אלימלך, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז אין זיינע ידיעות אין קבלה „שטייט ער אַ סך העכער פון דעם רבין ר׳ אלימלך, אָבער צו דינען דעם אייבערשטן מיט אַזוי פיל מסירת נפש ווי ער, דאָס קאָן איך ניט" („אהל שלמה", פיעטריקאָוו, תרפ"ד, עמוד ס׳).

אין ליזשענסק האָט דער קאָזשעניצער מגיד זיך באַקענט מיט די רביים: דעם „חוזה" (ר׳ יעקב יצחק האָראָוויץ) פון לובלין, מיט דעם ברודער פון רבין ר׳ אלימלך, דער רבי ר׳ זושא פון אַניפּאָלע, און מיטן רבין ר׳ משה פשעוואָרסקער.

דער קאָזשעניצער רבי איז אָבער מוסמך געוואָרן צו ווערן אַ רבי פון ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער, און ער באַטיטלט אים: „קדוש ה׳ מורינו ר׳ לוי יצחק" („עבודת ישראל" פרשת ויצא).

חסידים זאָגן, אַז דערפאַר האָט דער קאָזשעניצער מגיד ניט אָנגע־רופן ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער „מורי" (מיין רבי) נאָר „מורנו (אונדזער רבי), ווייל מען האָט געהאַלטן, אַז ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער האָט געהאַט די נשמה פון רבי עקיבא און די תלמידים פון רבי עקיבא האָבן ניט מאריך ימים געווען, דעריבער האָט דער קאָזשעניצער מגיד אים ניט גערופן מיין רבי („לקוטים חדשים", זייט 105).

צווישן דעם קאָזשעניצער מגיד און ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער האָט געהערשט אַזאַ פריינדשאַפט, אַז ווען ר׳ לוי יצחק האָט איינמאָל אין הושענא־רבה, צוליב די רדיפות פון די מתנגדים אויף אים, געמוזט אַנטלויפן מיט טלית און תפילין, מיטן אתרוג און לולב אין דער האַנט צום קאָזשעניצער מגיד אין שטוב אַריין, האָט אים דער קאָזשעניצער מגיד געטרייסט און אַריינגעגעבן התחזקות אין זיין האַרצן. דער קאָזשע־ניצער מגיד האָט אים געבעטן ער זאָל האַלטן פון „תפילה בזמנה" און זאָל ווייניקער מאַכן הכנות פאַרן דאַוונען, אָבער ר׳ לוי יצחק האָט ניט געקאָנט מוותר זיין אויף זיינע מנהגים („שלום על ישראל", פון אליעזר צבי צווייפעל, ווילנע, תרל"ג, חלק ג׳, זייט 34).

נאָכדעם ווי דער קאָזשעניצער מגיד, ר׳ ישראל, האָט איינגע־זאַפּט חסידות ביי די גרויסע צוויי זיילן פון דער חסידישער באַוועגונג, דער גרויסער מגיד פון מעזריטש און דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזשענסק, האָט זיך ר׳ ישראל באַזעצט אין קאָזשעניץ, אין דעם קרייז צוזמיר, און דאָרט געוואָרן אַ „מגיד מישרים".

קאָזשעניץ איז דעמאָלט געווען אַ קליין שטעטל, וואָס האָט אינגאַנצן געציילט אַ טויזנט דריי הונדערט יידישע נפשות. די שטאָט איז גע־

גרינדעט געוואָרן בערך אין יאָר תכ״א (1661), אין יאָר 1778 איז דאָרט אויסגעבראָכן אַ גרויסע שריפה און דאָס גאַנצע שטעטל איז כמעט אָפּגעברענט געוואָרן, צווישן זיי אויך די שול. אָבער אויך פאַר דער שריפה האָט זיך קאָזשעניץ נישט גערעכנט פאַר אַן אַלטער און רייכער יידישער קהלה. פאַרשטייט זיך, אַז דער מגיד האָט נישט געקאָנט האָבן קיין פּרנסה פון דעם שטעטל אַליין, איז ער געוואָרן אַ מגיד אויך אין די נעבנדיקע שטעטלעך, אין גריצע און מאַגנישאָוו.

אין יענער צייט איז געווען איינגעפירט, אַז יעדע שטאָט האָט געהאַט, אַ חוץ אַ רב, אויך אַ מגיד. דער מגיד איז געווען אַ מין מוכיח, אַ שטראָפער, וואָס האָט מיט זיינע רייד אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף די יידן. ער האָט, געווײנלעך, געמאָלן דעם גיהנום אין זיינע דרשות מיט אַלע איינצלהייטן, אַזוי ווי ער אַליין וואָלט דאָרט געווען, ער האָט אויך אויסגערעכנט ווי גרויס די שטראָף וועט זיין אויף יעדער מינדעסטער עבירה.

חסידות איז אין איר ערשטער תקופה שטאַרק אַרויסגעטראָטן קעגן די דאָזיקע מגידים. די באַגרינדער פון חסידות האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף נישט אָנוואַרפן קיין אימה אויף דעם המון עם. ר׳ ישראל בעל־שם־טוב און זיין תלמיד ר׳ יעקב יצחק פון פּולנאה האָבן געזאָגט, אַז מען דאַרף שטראָפן די יידן מיט ליבשאַפט, אַזוי ווי אַ טאַטע שטראָפט זיין קינד, מען טאָר אויך נישט רעדן קיין שלעכטס אויף יידן, ווייל דאָס קאָן אַרויסרופן אַ קטרוג אין הימל (זע „תולדות יעקב יוסף״, פּרשת קדושים. מער וועגן דעם אין „חסידות און לעבן״, פון מנשה אונגער).

דער קאָזשעניצער מגיד איז דעריבער געווען אַ גאַנץ אַנדערער מגיד, ווי די מתנגדישע מגידים. אין זיינע דרשות האָט ער דערציילט מעשיות און ער האָט צוגעצויגן די יידן מיט זיינע גוטע רייד. דער המון עם האָט ליב באַקומען אַזאַ מין בעל דרשן, וואָס וואַרפט נישט אָן קיין פּחד און מאָלט נישט מיט אויסטערלישע פאַרבן, ווי מען וועט בראָטן די נשמות אין גיהנום.

דער קאָזשעניצער מגיד האָט אויך צוגעצויגן מיט זיינע דרשות אַ סך חסידים און ער האָט זיי געלערנט, זיי זאָלן מער זיך אָפּגעבן מיט די כוונות פון דער תפילה.

קיין קאָזשעניץ האָבן אָנגעהויבן צו קומען אַ סך חסידים און אויך פרויען, וואָס האָבן געדאַרפט געהאָלפן ווערן אויף פאַרשידענע קראַנקהייטן. און פּונקט אַזוי ווי די ערשטע רביים, די באַגרינדער פון חסידות האָבן נישט געקאָנט לערנען דעם דרך פון חסידות מיט דעם פּשוטן

מענטשן, נישט צו געבן די סגולות און קמיעות, ווי דער בעל־שם־טוב אַליין האָט זיך נוהג געווען, אַזוי האָט אויך דער קאָזשעניצער מגיד דאָס זעלבע געטאָן. ער האָט געהאַלטן, אַז דער צדיק איז אַ שותף צו הקדוש־ברוך־הוא אין מעשה בראשית, דעריבער קאָן דער צדיק משפיע זיין אַ סך טובות אויף דער וועלט („עבודת ישראל" אין די „לקוטים"). דער קאָזשעניצער מגיד האָט געגעבן קמיעות. צו אים זיינען אויך געקומען פּאַליאַקן זיך היילן און זיי האָבן געהאַלטן הייליק זיינע קמיעות (זע צ. ב. ראַבינאָוויטש „המגיד מקוזניץ", זייט 40).

דאָס וואָס דער קאָזשעניצער מגיד האָט געגעבן קמיעות, האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן שטורעם אין קאָזשעניץ. דער קאָזשעניצער רב, ר' שלמה, אַן אייניקל פון ר' אַביש, אב"ד פון פראַנקפורט דמיין, האָט אים שטאַרק גערודפט. עס איז געווען נאָך דער מחלוקה צווישן ר' יעקב עמדין (געבוירן געוואָרן אין יאָר 1697, נפטר געוואָרן אין יאָר 1776) און ר' יונתן אייבעשיץ (געבוירן געוואָרן אין יאָר 1690, נפטר געוואָרן אין יאָר 1794), ווען מען האָט ר' יונתן אייבעשיץ חושד געווען אין שבתי צביאיזם. מען האָט דערנאָך אויף יעדן, וואָס האָט געגעבן אַ קמיע, געקוקט מיט חשד. דעריבער האָט מען אָנגעהויבן אויך שטאַרק צו רודפן דעם קאָזשעניצער מגיד.

פאַראַן קמיעות צווישן די אייניקלעך פון קאָזשעניצער מגיד, וואָס מען האַלט אַז זיי זיינען געשריבן געוואָרן פון קאָזשעניצער מגיד אַליין. אין הויז פון מיין פאָטער, דעם זשאַבנער רבין, ר' שלום דוד אונגער זצ"ל, איז געווען אויך אַ קמיע פון קאָזשעניצער מגיד. אָבער ווען דער פאָטער מיינער איז געוואָרן אַן איידעם פון רבין ר' משה האָראָוויץ זצ"ל, פון ראַזוואַדאָוו, האָט דער ראָזוואַדאָווער רבי, אים געבעטן ער זאָל די קמיעות אַוועקגעבן עמיצן. דער ראָזוואַדאָווער רבי האָט געהאַלטן, אַז קמיעות קאָנען אויך ברענגען שלעכטס אויף מענטשן, ווייל די שדים יאָגן זיך צו פאַרניכטן די קמיעות.

האָט מיין פאָטער די קמיעות נישט מיטגעבראַכט קיין ראָזוואַדאָוו, נאָר ער האָט זיי איבערגעלאָזט אין זשאַבנע. אין אַ קורצער צייט אַרום איז אויסגעבראָכן אַ שריפה אין זשאַבנע, און דאָס הויז פון מיין זיידן, מיין פאָטערס פאָטער, דער רבי ר' יעקב יצחק זצ"ל, איז אינגאַנצן פאַר־ברענט געוואָרן. האָבן חסידים אין דעם געזען אַן עונש פון ראָזוואַדאָווער זיידן זכרונו לברכה...

די רדיפות אויפן קאָזשעניצער מגיד זיינען אויך פאַרשטאַרקט גע־וואָרן דורך דעם קעגנער פון חסידות ר' דוד פון מאַקאָוו, ווייל דער



דער זשאבנער רבי ר' שלום דוד אונגער זצ"ל
(דאָס בילד איז אָראָפּגענומען געוואָרן אָן זיין וויסן
עטלעכע וואָכן פאַר זיין פטירה)

קאָזשעניצער מגיד האָט זיך געהאַט באַמיט ביי די וואַרשעווער דרוקער זיי זאָלן נישט דרוקן ר׳ דוד מאַקאָווערס אַנטי־חסידישן ספר „זמיר עריצים", וואָס איז אגב יאָ אָפּגעדרוקט געוואָרן. די פאַרפאָלגונגען אויפן קאָזשעניצער מגיד זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט געמוזט אַנט־לויפן פון קאָזשעניץ קיין זשעלעכאָוו, וואו ער האָט געוואוינט זיין רבי, ר׳ לוי יצחק, וועלכער איז דערנאָך געוואָרן רב אין באַרדיטשעוו.

די חסידישע לעגענדע דערציילט, אַז דער רבי ר׳ לוי יצחק האָט געוואָלט לייגן אין חרם אַריין דעם קאָזשעניצער רב, אָבער ביינאַכט איז אים געקומען צו חלום דער זיידע פון קאָזשעניצער רב, ר׳ אַביש פון פראַנקפורט, און ער האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל נישט מעניש זיין זיין אייניקל...

אויף דער השתדלות פון רבין, ר׳ לוי יצחק, האָט קאָזשעניץ צוריק־גענומען ר׳ ישראל אַלס מגיד אין שטאָט, און ער האָט זיך ווייטער געפירט אויף זיין חסידישן דרך. נאָך דער פטירה פון רבין, ר׳ בער פון מעזריטש (תקל״ג—1773) און נאָכדעם ווי ר׳ לוי יצחק איז אין יאָר תקל״ה—1775) אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין באַרדיטשעוו, איז דער קאָזשעניצער מגיד דעמאָלט געווען דער איינציקער רבי, וואָס האָט פאַרשפרייט דאָס חסידות אין פוילן.

דער קאָזשעניצער מגיד האָט געפירט אַ ישיבה אין קאָזשעניץ, ער האָט אויפגעשטעלט אַ סך תלמידים. זיין דרך אין לערנען איז געווען נישט דער אָנגענומענער אין פוילן — ער האָט נישט ליב געהאַט דעם פלפול. זיין שיטה אין לערנען איז געווען מבאר צו זיין די ראשונים. אין דעם זין איז ער געגאַנגען אין דרך פון ליטוויש לערנען, לויטן נוסח פון ווילנער גאון. דער קאָזשעניצער מגיד האָט ליב געהאַט צו פאַר־גלייכן דעם תלמוד־ירושלמי צום תלמוד בבלי. ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון רמב״ם און האָט זיך תמיד אויף אים סומך געווען אין עניני־הלכה.

## קאַפּיטל ד

# דאָס חסידות פון קאָזשעניצער מגיד

א מענטש קאָן אַמאָל אָפּנאַרן אַנדערע, אָבער ערגער איז, ווען ער נאַרט זיך אַליין, האָט דער קאָזשעניצער מגיד געזאָגט. — דער קאָזשעניצער מגיד הערט טענות פון אַ יידענע וועגן איר מאַן און ווענדט זיי אָן אין אַ תפילה. — ער האַלט, אַז מען טאָר נישט מחמיר זיין אין הלכות טריפות. — אַ מעשה וועגן אַ געשטאָר־בענעם קצב, וואָס האָט געהאַט אַ דין תורה מיט אַ שוחט.

צו פאַרשטיין די גרויסקייט פון קאָזשעניצער מגיד און זיין דרך אין חסידות, קאָן מען דורך צוויי אופנים: דורך מעיין זיין אין זיינע ספרים און דורך די מעשיות, וואָס ווערן וועגן אים דערציילט.

אין די ספרים זיינע דערזעען מיר, וואָס פאַר אַ גאון ער איז געווען, אין נגלה, אין קבלה און דורך די מעשיות, וואָס ווערן וועגן אים דערציילט, קאָן מען דערקענען זיין באַציאונג צו די לומדים און צו דעם פשוטן יידן.

מיר פאַרשטייען, אַז די מעשיות וואָס ווערן וועגן אים דערציילט, זיינען על־פי־רוב לעגענדעס, אָבער זיי גיבן אונדז אַ פאַרשטעלונג וועגן דעם קאָזשעניצער מגיד, ווייל דאָס, וואָס חסידות האָט וועגן אים דערציילט אַזאַ און אַזאַ מעשה און נישט וועגן אַן אַנדערן רבין, איז אַ באַווייז, אַז די מעשה האָט זיך צוגעפּאַסט צו זיין כאַראַקטער און צו זיין שיטה אין חסידות.

אַזוי, למשל, ווערט וועגן אים דערציילט, אַז איינמאָל איז צו אים געקומען אַ ייד, וואָס מען האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער פאַסט פון שבת צו שבת און טראָגט אַ זאַק אויף זיין לייב.

געוויינלעך וואָלט מען אַזאַ יידן געהאַלטן פאַר אַן איש קדוש, פאַר אַ הייליקן יידן, אָבער דער קאָזשעניצער מגיד האָט געגעבן אַ קוק אויף דעם יידן און ער האָט דערפילט, אַז עס שפירט זיך פון אים די גאווה.

זאָגט צו אים דער קאָזשעניצער מגיד:
„דער יצר הרע האָט איך אַריינגענאַרט אין זאַק אַריין, ווייל דער, וואָס זאָגט בלויז אַנדערע, אַז ער פאַסט פון שבת צו שבת און בסוד עסט ער, דער נאַרט אָפּ נאָר אַנדערע, אָבער דער, וואָס פאַסט טאַקע פון שבת צו שבת, — נאַרט נישט בלויז אָפּ אַנדערע, נאָר אויך זיך אַליין״!...

דער קאָזשעניצער מגיד האָט געטייטשט דעם מאמר חז״ל: איזה גבור הכובש את יצרו״ פאַרוואָס שטייט „יצרו״? ווייל יעדער מענטש האָט זיך זיין אייגענעם יצר הרע — איינער האָט אַ יצר־הרע צו געלט, אַ צווייטער צו כבוד און אַן אַנדערער צו צדקות. דעריבער זאָגן אונ־דזערע חכמים: ווער איז אַ גבור? ווער עס קאָן כובש זיין זיין איי־גענעם יצר הרע״ (מצמיח ישועה, זייט 65).

דער קאָזשעניצער מגיד האָט אויך טיילמאָל דערפילט, וואָס עס טוט זיך ביי יענעם טיף אין האַרצן.

איינמאָל, ווערט דערציילט, איז צו אים געקומען אַ ייד מיט אַ קוויטל און אין קוויטל איז געשטאַנען אַז זיין ווייב איז קראַנק און אַז ער בעט דעם קאָזשעניצער מגיד ער זאָל פאַר איר מתפלל זיין זי זאָל האָבן אַ רפואה שלימה. דער קאָזשעניצער מגיד האָט געוואוסט, אַז צווישן מאַן און ווייב גייט תמיד אַן אַ מחלוקה, און אַז אין האַרצן וויל גאָר דער מאַן אַז זיין ווייב זאָל אַוועק פון דער וועלט, כדי ער זאָל קאָנען נאָך אַמאָל חתונה האָבן מיט אַן אַנדערער.

זאָגט צו אים דער קאָזשעניצער מגיד: „עס שטייט אין פסוק „רבות מחשבות בלב איש״ (משלי י״ט, כ״א), — אַ סך מחשבות גייען אויף אין דיין האַרצן, אַז דיין ווייב וועט שטאַרבן און דו וועסט קאָנען חתונה האָבן מיט אַ צווייטער, אָבער ווי שטייט ווייטער אין פסוק? „עצת ד׳ תקום״, מיט גאָטס הילף וועט זי אויפשטיין און וועט געזונט ווערן פון איר קראַנקהייט״...

אַמאָל ווידער האָט דער קאָזשעניצער מגיד געקאָנט נעמען אַ פשוט וואָרט פון אַ יידענע און דערפון מאַכן אַ שטיק תפילה. מיט דעם איז ער געווען ענלעך צו זיין רבין, ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער.

ווערט דערציילט, אַז איינמאָל איז צו אים געקומען אַ יידענע און אים געגעבן אַ קוויטל, דער רבי זאָל מתפלל זיין, אַז זי זאָל צוריק־געפונען חן אין די אויגן פון איר מאַן, ווייל דער מאַן וויל זי אָפּגטן און נעמען אַן אַנדערע.

— פאַרוואָס האָט דיך דער מאַן פיינט באַקומען? — האָט דער קאָזשעניצער מגיד געפרעגט.

— מיין מאַן טענהט, אַז איך בין מיאוס געוואָרן, — האָט די יידענע געענטפערט.

— אפשר ביסטו טאַקע מיאוס געוואָרן? — האָט דער קאָזשעניצער מגיד ווייטער געפרעגט.

— בין איך דען נישט שיין געווען אין זיינע אויגן אונטער דער חופה? פאַרוואָס האָט ער מיך איצט פיינט באַקומען? — האָט זיך די יידענע צעוויינט.

האָט דער קאָזשעניצער מגיד אויך אָנגעהויבן צו וויינען און ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און ער האָט אַזוי געזאָגט:

— רבונו של עולם! פאַרוואָס האָסטו פיינט באַקומען דיין פאָלק ישראל? אמת, מיר זיינען טאַקע איצט מיאוס, ווייל מיר האָבן געזינדיקט, אָבער געדענק דיינע רייד, וואָס דו האָסט געזאָגט, ווען מיר זיינען יונג געווען, ווי דו אַליין האָסט געזאָגט: „זכרתי לך חסד נעוריך, אהבת כלולותיך!". ווען מיר זיינען מיט דיר געשטאַנען אונטער דער חופה בשעת מתן תורה, ווען מיר האָבן געזאָגט „נעשה ונשמע", זיינען מיר געווען שיין אין דיינע אויגן, און פאַרוואָס האָסטו געוואָרפן אויף אונדז אַן אומחן און האָסט אונדז איבערגעלאָזט אין ביטערן גלות?"... (די אַלע דריי מעשהלעך ווערן געבראַכט אין „עשר אורות", ז"ט 74 און 79).

דער קאָזשעניצער מגיד האָט אויך געהאַלטן, אַז מען דאַרף מקיל זיין אין שאלות וועגן כשר, טריפה. ער האָט מתרעם געווען אויף די, וואָס זיינען תמיד מחמיר.

ווערט טאַקע וועגן אים דערציילט אַזאַ חסידישע מעשה:

אין קאָזשעניץ האָט געוואוינט אַ קצב. זיין נאָמען איז געווען אייזיק. אייזיק איז געווען אַן ערלעכער ייד און האָט געלעבט דערפון, וואָס ער האָט אַליין שווער געאַרבעט. איינמאָל איז דער קצב קראַנק געוואָרן און ער איז געשטאָרבן. ווען די אלמנה האָט זיך אויפגעהויבן פון דער שבעה, האָבן אָנגעהויבן צו קומען די בעלי חובות און געפאָדערט, זי זאָל אָפּגעבן די חובות, וואָס איר מאַן האָט געמאַכט. איר מאַן האָט אָבער איר נישט איבערגעלאָזט אַפילו אויף אַ מזון סעודה אחת, איז די אלמנה געגאַנגען אויפן בית הקברות, האָט זיך געוואָרפן אויפן קבר פון איר מאַן און זי האָט ביטער געוויינט.

נאָך אַ פּאָר טעג האָט דער קאָזשעניצער מגיד געשיקט רופן צו זיך די אלמנה און ער האָט אָנגעהויבן ביי איר אויספרעגן וויפיל חובות זי דאַרף אָפּצאָלן און וויפיל זי דאַרף האָבן אויף פרנסה אויף אַ וואָך. די אלמנה איז שטאַרק צעשראָקן געוואָרן. זי האָט געמיינט, אַז דער קאָזשעניצער מגיד וועט אויך פאַרלאַנגען זי זאָל אָפּצאָלן די חובות,

וואָס איר מאָן האָט געמאַכט. אָבער ווי דערשטוינט איז די אלמנה געוואָרן ווען זי האָט דערהערט, ווי דער קאָזשעניצער מגיד זאָגט צו איר, אַז פון היינט אָן און ווייטער וועט ער פאַר איר באַצאָלן אַלע חובות און ער וועט זי אויך אויסהאַלטן מיט פּרנסה.

האָט די אלמנה געפרעגט דעם קאָזשעניצער מגיד: „פאַרוואָס בין איך דאָס זוכה?" אָבער דער קאָזשעניצער מגיד האָט גאָרנישט גע־ענטפערט. ערשט ווען דער שוחט פון קאָזשעניץ איז געשטאָרבן, איז אויפגעדעקט געוואָרן דער סוד.

און די מעשה איז אַזוי געווען:

אַ פּאָר וואָכן נאָכדעם ווי דער קצב איז געשטאָרבן, איז ער גע־קומען דעם שוחט צו חלום און האָט פון אים פאַרלאַנגט, ער זאָל מיט אים גיין צו אַ דין־תורה.

די ערשטע נאַכט האָט דער שוחט געמיינט, אַז עס איז בלויז אַ נאַרישער חלום, און האָט זיך דערפון גאָרנישט געמאַכט. אָבער אַז דער חלום האָט זיך איבערגעחזרט נאַכט נאָך נאַכט, איז דער שוחט געגאַנגען צום קאָזשעניצער מגיד אים פרעגן אַן עצה, וואָס ער זאָל טאָן. דער קאָזשעניצער מגיד האָט געעצהט דעם שוחט, אַז אויב דער קצב וועט אים נאָכאַמאָל קומען צום חלום און וועט פון אים פאַרלאַנגען, ער זאָל מיט אים גיין צו אַ דין־תורה, זאָל ער מסכים זיין און טאַקע האָבן די דין־תורה אין זיין בית־דין־שטוב.

און אַזוי איז טאַקע געווען. דער פאַרשטאָרבענער קצב איז ווידער געקומען דעם שוחט צו חלום, און דער שוחט האָט מסכים געווען צו שטעלן זיך מיט אים צו אַ דין־תורה.

דער קאָזשעניצער מגיד האָט גלייך אויף מאָרגן געשיקט אַ שליח־מיוחד אויפן בית־הקברות. ער האָט דריי מאָל אָנגעקלאַפּט מיט אַ שטעקן אין קבר פון קצב און האָט אים געזאָגט, אַז דאָס קאָזשעניצער בית־דין פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל קומען האַלטן אַ דין־תורה מיטן שוחט פון שטאָט.

אויפן צווייטן טאָג האָבן די דיינים צוזאַמען מיטן מגיד זיך גע־זעצט אין בית־דין־שטוב. עס איז געקומען צוגיין דער שוחט און מען האָט אָפּגעטיילט אַ פּערטל שטוב מיט אַ ליילעך, כדי דער נפטר זאָל קאָנען קומען:

דאָס בית־דין האָט אָנגעהויבן:

„דער מת ר' אייזיק דער קצב פון דער שטאָט קאָזשעניץ רופט צו אַ דין־תורה דעם שוחט פון אונדזער שטאָט. מיר ווילן הערן די טענות".

און באַלד האָט זיך דערהערט אַ פאַרווייטאָגט קול פון אונטער דעם ליילעך:

„דו, שוחט, ביסט שולדיק אין מיין טויט און אינעם הונגער, וואָס עס ליידן מיין ווייב און די קליינע קינדער. דו האָסט תמיד מחמיר געווען אין הלכות טריפות. דאָס רוב בהמות, וואָס דו האָסט געשאָכטן, האָסטו טריפה געמאַכט, און אַזוי האָב איך דורך דיר פאַרלוירן מיין גאַנץ פאַרמעגן און איך בין געוואָרן אַ גרויסער בעל־חוב. פון גרויס צער און יסורים בין איך קראַנק געוואָרן און בין געשטאָרבן. איך פאַר־לאַנג דערפאַר, אַז דו זאָלסט באַצאָלן מיינע חובות און מפרנס זיין מיין ווייב און קליינע קינדער".

דער קאָזשעניצער מגיד, צוזאַמען מיט די דיינים האָבן מעיין געווען אינעם דין און דער קאָזשעניצער מגיד האָט געפסקנט, אַז דער שוחט זאָל אָפּצאָלן אַלע חובות און ער זאָל מפרנס זיין זיין גאַנץ לעבן די אלמנה פון קצב און די קליינע קינדער.

ווען דער שוחט איז אַרויסגעגאַנגען, האָט דער קאָזשעניצער מגיד געפרעגט דעם נפטר, דערציילט ווייטער די חסידישע לעגענדע: „זאָג מיר, אייזיק, מיט וואָס האָסטו זוכה געווען, אַז דו זאָלסט זיך קאָנען אָפּ־געבן אויף יענער וועלט מיט געלט־זאַכן? דו ביסט זיכער אַרויס־געגאַנגען ריין פון בית־דין של־מעלה. טאָ, זאָג מיר טאַקע, ווי אַזוי מען האָט דיך מקבל פנים געווען אין הימל?"

און דער פאַרשטאָרבענער קצב האָט געענטפערט:

„ווען איך בין געקומען אין הימל אַריין, זיינען מיר אַנטקעגנגעלאָפן די מלאכי־חבלה און האָבן מיך געוואָלט אַריינוואַרפן אין גיהנום אַריין, אויף איין זייט פון דער וואָגשאָל האָט מען אַרויפגעלייגט פעק עבירות און דער פסק וואָלט זיכער געווען אַרויסגעגעבן געוואָרן, אַז איך דאַרף אַריין אין גיהנום. אָבער אין דער לעצטער רגע איז געקומען אַ מלאך, אַ מליץ־טוב און ער האָט דערציילט, אַז איינמאָל ווען איך בין נאָך יונג געווען און איך בין געווען אַ בעל־עגלה, בין איך אַמאָל געפאָרן מיט אַ פור יידן תלמידי־חכמים, אויפן וועג זיינען אָנגעפאַלן גזלנים און האָבן געוואָלט דערהרגענען די תלמידי־חכמים. איך האָב נישט געהאַט מיט וואָס צו פאַרטיידיקן די תלמידי־חכמים, האָב איך געכאַפּט דעם דישל פון דער פור און האָב מיט אים אָנגעהויבן צו פאָכען אויף לינקס און רעכטס. איך האָב דעמאָלט צעשלאָגן אַ סך גזלנים און אַלע זיינען אַנטלאָפן. אַזוי אַרום האָב איך אָפּגעראַטעוועט די תלמידי חכמים.

„צוליב דער דאָזיקער גוטער טאַט, וואָס איך האָב געטאָן, האָט דער קצב ווייטער דערציילט, איז אַרויס דער פסק־דין, אַז איך זאָל

באַקומען גן־עדן. אָבער עס זיינען געבליבן שטיין חובות, וואָס איך האָב מיר אָנגעבאָרגט ביים לעבן און איך האָב זיי נישט באַצאָלט. דעריבער האָב איך גערופן דעם שוחט צו אַ דין־תורה, ווייל צוליב אים בין איך געוואָרן אַ בעל־חוב, ווייל ער האָט שטאַרק מחמיר געווען אין הלכות טריפות".

און דער קאָזשעניצער מגיד האָט טאַקע געפסקנט, צוזאַמען מיט די דיינים, אַז דער שוחט זאָל אָפּצאָלן אַלע חובות, וואָס דער קצב האָט געמאַכט און אַז ער זאָל מפרנס זיין דעם קצבס ווייב און די קליינע קינדער און ער זאָל ברענגען וואָכנגעלט צום קאָזשעניצער מגיד, און דער מגיד וועט עס איבערגעבן דער אלמנה. („שמע שלמה", וואַרשע, תרפ"ה, געבראַכט אויך אין ספר „המגיד מקוזניץ", פון צ. מ. ראַבי־נאָוויטש, זייט 143).

דער קאָזשעניצער מגיד האָט געהאַלטן, אַז חסידים זיינען ווי יעגערס מיט ביקסן אויף די אַקסלען און זיי דאַרפן תמיד זיין אויף דער וואַך.

און ווי דער סדר איז געווען פון קאָזשעניצער מגיד, האָט ער ליב געהאַט צו רעדן מיט משלים. ווערט טאַקע וועגן אים דערציילט, אַז זיין חסיד, דער גרויסער גביר ר' יוזפא פון קוזמיר, האָט גענומען פאַרן צו זיין איידעם, דעם גאון ר' משולם זלמן אשכנזי, וועלכער איז געווען רב אין לובלין. און ווייל דער לובלינער רב איז געווען אַ מתנגד, האָבן די חסידים נישט נוהג כבוד געווען אין אים. איינמאָל האָט ר' יוזפא זיך באַקלאָגט פאַרן קאָזשעניצער מגיד, אַז די חסידים האַלטן נישט בכבוד זיין איידעם.

האָט אים דער קאָזשעניצער מגיד געענטפערט:

„איך וועל דיר געבן אַ משל: איינמאָל האָט אַ לייב געלערנט זיין קליין לייבעלע, ווי אַזוי ער זאָל זיך פירן אויף דער וועלט: „זאָלסט וויסן זיין", האָט דער גרויסער לייב געזאָגט, „אַז דו ביסט דער מלך פון די חיות, דו דאַרפסט פאַר קיינעם קיין מורא נישט האָבן, אַ חוץ פאַר אַ מענטשן".

איז דורכגעגאַנגען דורכן וואַלד אַן אַלטער מענטש, וואָס איז קוים געקראָכן אָנגעלענט אויף אַ שטעקן.

פרעגט דער יונגער לייב:

— אָט, פאַר אַזאַ איינעם דאַרף איך מורא האָבן?"

— ניין, — ענטפערט דער גרויסער לייב — ער איז אַמאָל געווען אַ מענטש, אָבער איצט איז ער אַן עובר־בטל.

דערנאָך איז דורכגעגאַנגען אַ קינד.

פרעגט ווידער דער יונגער לייב:

— אָט, פאַר אַזאַ איינעם דאַרף איך זיך שרעקן?

— ניין, — האָט אים דער פאָטער, דער לייב, געלערנט, — ער וועט אַמאָל זיין אַ מענטש.

און פּלוצלינג איז דורכגעגאַנגען דורכן וואַלד אַ יעגער מיט אַ ביקס אויף די אַקסל.

— אָט דאָס איז ער! האָט דער אַלטער לייב געשריגן, און נאָך איידער דער לייב האָט באַוויזן צו אַנטלויפן האָט דער יעגער אָנגע־שטעלט זיין ביקס און האָט אים דערשאָסן...

„און אַזוי זיינען די חסידים", האָט דער קאָזשעניצער מגיד אויס־געלאָזט, „זיי זיינען נישט קיין אַלטע לייט, עובר־בטלניקעס. זיי זיינען נישט קיין קינדער, וואָס וועלן ערשט אויפוואַקסן מענטשן, נאָר זיי זיינען מענטשן! זיי זיינען יעגערס, וואָס האַלטן זייערע ביקסן גרייט, און ווי איז צו דעם, וואָס הויבט אָן מיט זיי" (געבראַכט אין שאלות־ותשובות „בית משולם", פון ר' משולם זלמן אשכנזי, אין סוף פון ספר).



דער רבי ר' שמחה בונם פון פשיסכע

# קאַפּיטל ה

# דער קאָזשעניצער מגיד איז זיך משתדל פאַר יידן

דער קאָזשעניצער מגיד באַווייזט אַ מופת דעם „חוזה" פון לובלין. — ער ווערט אויסגעקליבן אין אַ דעלעגאַציע בטל צו מאַכן דאָס שחיטה־געזעץ־אָפּצאָל. — תורהלעך און ווערטלעך פון קאָזשע־ניצער מגיד.

אַ סך תלמידים האָט דער רבי ר' אלימלך פון ליזשענסק געהאַט, אָבער פאַרשפּרייט דאָס חסידות אין פּוילן האָבן נאָר דריי: דער קאָזשע־ניצער מגיד, דער „חוזה" (ר' יעקב יצחק האָראָוויץ) פון לובלין און דער רבי ר' מענדעלע פון רימענאָוו.

אָט די דריי צדיקים האָבן געהאַט כמעט איין דרך אין חסידות און זיי האָבן אויפגעשטעלט הונדערטער תלמידים, וואָס אַ גרויסע צאָל פון זיי זענען געוואָרן רביים אין גאַליציע און אין פּוילן.

און די אַלע רביים האָבן זיך געהאַלטן זייער נאָענט. זיי האָבן צוזאַמען אַרויסגעגעבן תקנות פאַר די יידן אין פּוילן און זיי האָבן איינער פון אַנדערן גאָר שטאַרק געהאַלטן.

דער קאָזשעניצער מגיד גיט אַ טיטל דעם „חוזה" פון לובלין אין אַ בריוו צו אים: „הרב המאור הגדול בתורה ובחסידות איש אלקים קדוש הוא..."

און ווען דער „חוזה" פון לובלין האָט חתונה געהאַט מיט זיין צווייט ווייב און זי האָט נישט געהאַט קיין קינדער, איז זי געפאָרן צום קאָזשעניצער מגיד, ער זאָל איר געבן אַ ברכה...

צום ברית איז געקומען דער קאָזשעניצער מגיד קיין לובלין.

די חסידישע לעגענדע דערציילט מיט אַלע פּרטים ווי אַזוי די רביצין איז געקומען קיין לובלין זיך פּראָווען צו האָבן קינדער.

און די מעשה ווערט אַזוי דערציילט:

דער לובלינער רבי האָט געהאַט אַ חסיד, ר' לייב די מימילוס. דער דאָזיקער חסיד האָט געהאַט אַ שוועגערין, וועלכע האָט געהייסןביילע. זי איז געווען אַן אייניקל פון „פני יהושע" *). און עס האָט זיך מיט איר נישט געטראָפן קיין שידוך. דער חסיד ר' לייב פלעגט תמיד אין קוויטל איינשרייבן אַז דער לובלינער רבי זאָל אים בענטשן, אַז ס'זאָל זיך מאַכן אַ „שידוך הגון" פאַר זיין שוועגערין. אָבער דער „חוזה" פון לובלין האָט אים כסדר געזאָגט ער זאָל וואַרטן.

ווען די רביצין פון „חוזה" פון לובלין, טילע, איז זייער קראַנק געוואָרן און זי איז געשטאָרבן, האָט דערנאָך דער „חוזה" געשיקט אַ שדכן צו ר' לייבן, און מ'האָט זיין שוועגערין אָנגעשלאָגן אַ שידוך מיטן „חוזה" פון לובלין. דער חסיד ר' לייב און די שוועגערין זיינע האָבן ביידע מסכים געווען אויפן שידוך, און דער „חוזה" פון לובלין האָט חתונה געהאַט מיט ר' לייבס שוועגערין.

אָבער די צווייטע רביצין פון לובלינער „חוזה" האָט נישט געהאַט קיין קינדער, איז זי געפאָרן קיין קאָזשעניץ און געגעבן אַ קוויטל דעם קאָזשעניצער מגיד.

ווען די רביצין פון „חוזה" איז אָנגעקומען קיין קאָזשעניץ, איז דער קאָזשעניצער מגיד איר אַנטקעגנגעגאַנגען און ער האָט געזאָגט: „ביי מיר זענט איר נישט קיין רביצין. ביי מיר וועט איר עסן און טרינקען, און דערנאָך וועט איר צוהערן מיין תפילה — און איר וועט געהאָלפן ווערן".

און דער קאָזשעניצער מגיד איז געווען אַזאַ חלוש, אַז ער האָט זיך אַליין גערופן דאָס „זעקל ביינער" (אַזוי שטייט פאַרשריבן אין „עשר אורות", זייט 76). און ער האָט זיך געשטעלט דאַוונען מיט גרויס התלהבות און ער האָט געשריגן ווי אַ לייב. נאָכן דאַוונען איז די לובלינער רביצין אַהיימגעפאָרן און זי איז געוואָרן מעוברת, און שבת פרשת חוקת האָט זי געבוירן אַ ייִנגל.

האָט מען פאַרבעטן דעם קאָזשעניצער מגיד ער זאָל קומען אויפן ברית. ווען דער קאָזשעניצער מגיד איז געפאָרן קיין לובלין דורך פּילאַווו, איז דער פירשט טשאַרטאָריסקי אים אַנטקעגנגעפאָרן און האָט אים פאַרבעטן ער זאָל אַריינפאָרן צו אים אין פּאַלאַץ אַריין.

אָבער דער קאָזשעניצער מגיד האָט נישט אָנגענומען די איינלאַדונג

*) ר' יעקב יהושע פאַלק, רב און פוסק, געבוירן אין קראָקע אין יאָר תמ"א—1680, נפטר געוואָרן אין יאָר תקט"ז—1756 אין אָפנבאַך און געקומען צו קבורה אין פראַנקפורט אַם מאַין.

און ער האָט געענטפערט, אַז ער מוז איצט בויטיק פאָרן קיין לובלין, און ווען ער וועט צוריקפאָרן וועט ער אָפּטרעטן אין זיין פּאַלאַץ.

ווען דער קאָזשעניצער מגיד איז אָנגעקומען קיין לובלין, זיינען אַלע גאַסן געווען פול מיט מענטשן, עס זיינען אויך געקומען אַ סך פריצים און פריצהטעס, וואָס האָבן געוואָלט אַז דער קאָזשעניצער מגיד זאָל זיי בענטשן.

צווישן זיי איז אויך געווען אַ פריצהטע מיט אַ קינד, וואָס האָט זיך פאַרברענט די פיס און עס האָט נישט געקאָנט גיין. האָט דער קאָזשעניצער מגיד געזאָגט צו דער פריצהטע: „זאָג מיר צו, אַז דו וועסט נישט העכערן די אַרענדעס ביי די יידן וואָס האַלטן דיינע שענקן אין די דערפער, וועט דיין זון געהאָלפן ווערן".

האָט די פריצהטע דאָס צוגעזאָגט, האָט דער קאָזשעניצער מגיד געגעבן אַ באַפעל צו איר זון, ער זאָל ברענגען פייער פאַר זיין ליולקע־ציבעק; האָט זיך איר זון גלייך אויפגעשטעלט און ער האָט אָנגעהויבן צו גיין... („עשר אורות", זייט 77).

די רביים האָבן אַזוי שטאַרק געהאַלטן פון קאָזשעניצער מגיד, אַז איינמאָל האָט דער רבי ר' מענדעלע פון רימענאָוו זיך שטאַרק פאַר־דביקהט ביי שלוש סעודות און דערנאָך האָט ער געזאָגט: „איך האָב געהערט אַ בת־קול אויסרופן אין הימל, אַז ווער עס לעבט אין דעם דור פון קאָזשעניצער מגיד, און זעט אים נישט, דער וועט נישט זוכה זיין צו זען דאָס פּנים פון משיח"!...

האָט דאָס דערהערט דער רבי ר' הערש אלימלך פון דינאָוו, האָט ער גלייך נאָך הבדלה גענומען זיין פעקל און שטעקן און האָט זיך געלאָזט גלייך גיין צופוס קיין קאָזשעניץ. ער איז געגאַנגען מיט זיינע לעצטע כוחות, האָט אין ערגעץ נישט געוואָלט רוען, כדי ער זאָל וואָס שנעלער אָנקומען קיין קאָזשעניץ. דער דינאָווער רבי איז אין קאָזשעניץ נישט געגאַנגען אויף דער אכסניה, נאָר גלייך אַוועק צום קאָזשעניצער מגיד. דער קאָזשעניצער מגיד איז שוין דעמאָלט געווען זייער שלאַף, איז ער געלעגן אין בעט און חסידים זיינען געשטאַנען אַרום זיין בעט. ווי נאָר דער דינאָווער רבי איז אַריינגעקומען, האָט ער זיך צוגעשטופּט צום בעט, ער האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַן אַקסל פון אַ חסיד, כדי צו זען די הייליקע צורה פון קאָזשעניצער מגיד, און דערנאָך האָט ער געזאָגט: „געלויבט איז השם יתברך, איך האָב זוכה געווען מיט דער בלויזער ראיה זיך קונה צו זיין אַ רבין"!...

אויף וויפיל דער קאָזשעניצער מגיד איז געווען פאַרערט אין פוילן, קאָן עדות זאָגן די באַשרייבונג פון איינעם וואָס האָט געלעבט

אין זיין דור, ר׳ אברהם זוסמאַן, וועלכער איז אין זיינע יונגע יאָרן געפאָרן קיין לאָנדאָן און איז דורך דעם רב ר׳ נתן אַדלער אויפגענומען געוואָרן פאַר אַ שוחט אין לאָנדאָן. אין איינעם פון זיינע ספרים („ברוך מבנים״, ווילנע תרכ״ט, זייט 97; דאָס ווערט אויך געבראַכט אין ספר „המגיד מקוזניץ״ פון צ. מ. ראַבינאָוויץ, זייט 77), דערציילט ר׳ אברהם זוסמאַן, אַז „ווען איך בין געווען אַ זיבן־אַכט־יאָריק יינגל, איז געווען אַ גרויסע חתונה אין זשעליכאָוו. עס האָט חתונה געהאַט דער בחור ר׳ מאָטעלע, אַן אייניקל פון רבין ר׳ יעקב יצחק פון לובלין, מיט דער טאָכטער פון דעם נגיד ר׳ אביגדור פון זשעליכאָוו. זיינען אויף דער חתונה געווען דער קאָזשעניצער מגיד און דער רבי פון לובלין און זייערע גרעסטע תלמידים און זייערע תלמידימס תלמידים. און עס זענען געקומען חסידים אָן אַ צאָל אַזוי, אַז די הייזער פון שטאָט האָבן די אַלע חסידים נישט געקענט אַריינעמען, און מען איז כמעט געלעגן אויף די גאַסן. די חופה האָט מען געשטעלט פרייטיק. מיטוואָך איז געקומען צופאָרן קיין זשעליכאָוו דער רבי פון לובלין, זיינען אים אַנטקעגנגעגאַנגען מיט וועגענער און צופוס אַלע גדולים און אַ סך חסידים און די אַנגעזעענסטע מענטשן פון שטאָט. מער פון אַ מייל איז מען אים אַנטקעגנגעגאַנגען, ערשט פאַרנאַכט איז מען געקומען אין שטאָט אַריין און אַלע וועגענער האָבן אַרומגערינגלט דעם וואָגן, וואו עס איז געזעסן דער רבי פון לובלין. מען האָט אַרומגעקרייזט דעם מאַרק מיט שטורקאַצן אַ פּאָר מאָל און אין אַלע פענצטער האָבן געברענט ליכט, און די שמחה, וואָס איז דעמאָלט געווען אין שטאָט, איז געווען אין לשער און אין לספר...

מיט אַ טאָג שפּעטער איז אָנגעקומען דער אַלטער מגיד פון קאָזשעניץ, און אויך אים האָט מען דעם זעלביקן כבוד צוגעטיילט... און פרייטאָג נאָך האַלבן טאָג איז געווען די חופה פאַר דער שול. איך געדענק, אַז אין דעם טאָג זיינען געווען די גאַסן פול מיט רעגנוואַסער, האָט מען געלייגט ברעטער אויף דער ערד, פון דעם הויז, וואו דער קאָזשעניצער מגיד איז איינגעשטאַנען, ביז צו דער שול. דער רבי ר׳ שמעון דייטש, דער רב פון זשעליכאָוו איז געגאַנגען אין דער זייט פון קאָזשעניצער מגיד אין דער גרויסער בלאָטע, און ער האָט אים אָנגעהאַלטן ביי דער רעכטער האַנט, און פון דער צווייטער זייט איז געגאַנגען אַ צווייטער גדול און האָט אים אָנגעהאַלטן ביי דער לינקער זייט. די ברכות־אירוסין און נשואין אונטער דער חופה האָט געזאָגט דער קאָזשעניצער מגיד, און דער רבי פון לובלין האָט געלייענט די כתובה

(דער קאָזשעניצער מגיד איז געווען קלענער אין וואוקס און עלטער פון לובלינער רבין), און שבת פאַר מנחה איז דער קאָזשעניצער מגיד געקומען אין שול אַריין און ער האָט געהאַלטן אַ דרשה פאַרן עולם, און אויך דער רבי פון לובלין איז דאָרט געווען און ער האָט אויסגעהערט די דרשה...״

די דאָזיקע באַשרייבונג איז זייער כאַראַקטעריסטיש, ווייל זי גיט אונדז אַ בילד ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען אַ רבישע חתונה אין די צייטן פון קאָזשעניצער מגיד און פון „חוזה״ פון לובלין.

* * *

דער קאָזשעניצער מגיד איז נישט געווען בלויז אַ יושב־אוהל, וואָס עס איז אים בלויז נוגע יידישקייט און חסידות, נאָר ער האָט זיך אויך געמישט אין געזעלשאַפטלעכע ענינים.

ווי אַלע מנהיגים פון יענעם דור, האָט אויך דער קאָזשעניצער מגיד פאַרשטאַנען, אַז פאַר יידן וועט זיין דאָס בעסטע, ווען עס וועט זיין שלום אויף דער וועלט; ער האָט געגלויבט, אַז עס איז בעסער פאַר יידן ווען עס הערשט דער מלך סטאַניסלאַוו פּאָניאַטאָווסקי, איידער עס זאָל הערשן די שליאַכטע, וועלכע איז געווען פאַראייניקט אין „קאָנפעדעראַציעס״ און די פּריצים האָבן זיך געשלאָגן איינער מיטן צווייטן, און אין די דאָזיקע מלחמות איז דער ייד תמיד געפאַלן דער קרבן...

און איר יאָר 1812, ווען עס האָט געהאַלטן, אַז עס זאָל אָנגענומען ווערן אַ געזעץ, אַז יידן זאָלן דינען אין מיליטער, האָבן חסידים געשיקט אַ דעלעגאַציע צו דעם פּוילישן קריגס־מיניסטער יוזעף פּאָניאַ־טאָווסקי, וועלכער איז, לויט דער חסידישער לעגענדע, געווען איינער פון די פּוילישע פאַרערער פון קאָזשעניצער מגיד, און די חסידים האָבן אויסגעפּועלט ביי אים ער זאָל מבטל זיין די גזירה. אָנשטאָט די יידן זאָלן דינען אין מיליטער, איז באַשטימט געוואָרן אַז די יידן זאָלן אָפּצאָלן זיבן הונדערט טויזנט גילדן אַ יאָר...

אין יאָר תקע״א (1711) איז פאָרגעקומען אַן אסיפה פון פאָר־שטייער פון אַלע קהלות אין פּוילן, אַ מין „ועד ארבע הארצות״. די אסיפה האָט אויסגעקליבן צוואַנציק דעלעגאַטן, וועלכע זאָלן זיך שטעלן פאַרן פינאַנץ־מיניסטער און פאַרן פּוילישן קעניג, אויסצופּועלן ביי זיי, אַז מען זאָל בטל מאַכן דעם שחיטה־שטייער־געזעץ, וואָס האָט דעמאָלט שטאַרק געדריקט די יידישע באַפעלקערונג. די אָרטיקע רעגירונגס־באַאַמטע האָבן אויסגענוצט דעם דאָזיקן שטייער ווי זיי האָט זיך

געוואַלט, און זיי האָבן אָנגעשטאָפּט זייערע קעשענעס מיט יידיש געלט.

צווישן די אויסדערוויילטע צוואַנציק פאַרשטייער, כלל־טוער און גדולי התורה איז אויך געווען דער קאָזשעניצער מגיד. דערנאָך האָט דער גובערנאַטאָר פון דעם ראַדאָמער ראַיאָן מודיע געווען דעם פינאַנץ־מיניסטער, אַז דער קאָזשעניצער מגיד וועט נישט קאָנען קומען, „ווייל ער איז אַלט און שוואַך".

* * *

דער קאָזשעניצער מגיד האָט מיט זיינע תורות און ווערטלעך געגעבן אונדז אַ באַגריף ווי ער האָט געטראַכט וועגן פאַרשידענע יידישע ענינים. אַזוי, למשל, האָט דער קאָזשעניצער מגיד נישט געהאַלטן פון די יידן, וואָס האָבן זיך איינגערעדט, אַז זיי זיינען מיוחסים. איינמאָל, דערציילט די חסידישע לעגענדע, איז צו אים געקומען אַ ייד, אַ גרויסער יחסן. דער גרויסער בעל־יחוס האָט געהאַלטן אין איין באַרימען זיך פאַרן קאָזשעניצער מגיד, וואָס פאַר אַ גרויסע זיידעס ער האָט געהאַט. זאָגט דער קאָזשעניצער מגיד צו די חסידים: „צווישן מיר און אים איז דער איינציקער אונטערשייד, וואָס מיט אים לאָזט זיך אויס דער יחוס און מיט מיר הייבט ער זיך אָן..."

דער קאָזשעניצער מגיד האָט אויך געהאַלטן, אַז עס דאַרף הערשן שלום צווישן די יידן, און ער האָט אַמאָל געזאָגט: „ווען יידן זאָלן מאַכן שלום און געבן איינער דעם צווייטן די האַנט, וואָלטן פון אַלע הענט געוואָרן איין האַנט, און די דאָזיקע האַנט וואָלט געקאָנט דערגרייכן ביז צום כסא־הכבוד"...

דער קאָזשעניצער מגיד האָט זיך אויך דערלויבט אַמאָל צו רעדן צו גאָט לויטן נוסח פון ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער.

ווען דער קאָזשעניצער מגיד האָט געלערנט דעם מאמר אין דער גמרא (פסחים פ"ז, ע"ב) „לא הגלה הקב"ה את ישראל, אלא כדי שיתוספו עליהם גרים" (גאָט האָט נישט פאַרטריבן די יידן, נאָר כדי עס זאָלן צוקומען גרים), האָט דער קאָזשעניצער מגיד אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און האָט געזאָגט: „רבונו של עולם, וואָס טויגן דיר די רווחים? דו בעסער הויב צוריק אויף דעם קרן — נעם די יידן אַרויס פון גלות, און וואַרט נישט אויף קיין רווחים!"...

דער קאָזשעניצער מגיד האָט אַמאָל מיט אַ פּאָר שטריכן געגעבן צו פאַרשטיין וואָס חסידות איז: „ווען מען פרעגט אַ פּראָסטן יידן", האָט דער קאָזשעניצער מגיד געזאָגט: „וואו איז גאָט? וועט ער ענט־פערן: ,אין הימל'; ווען מען פרעגט די זעלבע פראַגע אַ ייד וואָס

קאָן לערנען, הויבט ער אָן רעכענען: פון דער ערד צום הימל איז ת״ק פרסה (פינף הונדערט מייל), פון איין הימל צום צווייטן הימל איז ווידער ת״ק פרסה... און ער וועט אַזוי רעכענען און רעכענען, ביז ער וועט ענטפערן וואו דער כסא־הכבוד געפינט זיך. פרעגט ווידער די זעלבע פראַגע אַ מקובל, וועט ער אייך אויסרעכענען די אַלע אייבערשטע וועלטן, ביז ער וועט קומען צו כסא הכבוד. אָבער אַז איר פרעגט די דאָזיקע פראַגע אַ חסיד, ענטפערט ער אייך גלייך: ,גאָט איז אומעטום׳ !...״

דער קאָזשעניצער מגיד האָט אַמאָל געלערנט אַ קמצן אַ גביר, ווי אַזוי מען דאַרף עסן. איינמאָל, דערציילט די חסידישע לעגענדע, איז צו אים געקומען אַ קאַרגער גביר. פרעגט אים דער קאָזשעניצער מגיד, וואָס עסטו יעדן טאָג? ענטפערט דער קמצן: „אַ שטיקל פאַר־דאַרט ברויט מיט זאַלץ, מיט אַ ביסל געקאָכט וואַסער״.

שטראָפט אים דער קאָזשעניצער מגיד: „דאָס איז נישט קיין דרך; דו דאַרפסט לעבן אויף דער וועלט, דו דאַרפסט עסן פעטע עופות מיט יויך און טרינקען גוטן וויין!״...

האָט דער גביר צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך פון היינט אָן און ווייטער זיך שוין אַזוי נוהג זיין ווי דער קאָזשעניצער מגיד האָט אים געזאָגט.

ווען דער קאַרגער ייד איז אַרויסגעגאַנגען, האָבן די חסידים גע־פרעגט דעם קאָזשעניצער מגיד פאַרוואָס ער הייסט אים עסן אַזעלכע גוטע סעודות.

ענטפערט דער קאָזשעניצער מגיד:

„פאַרוואָס זאָלט איר נישט פאַרשטיין? ווען דער קמצן, דער גביר וועט עסן פעטע עופות, וועט ער וויסן, אַז דער אָרעמאַן דאַרף לכל הפחות האָבן אַ שטיקל ברויט. אָבער אויב ער אַליין וועט זיך באַנוגענען מיט אַ שטיקל־פאַרדאַרט ברויט, וואָס וועט ער שוין געבן דעם אָרעמאַן?״

## קאַפּיטל ו

# דער קאָזשעניצער מגידס דרך אין חסידות

די קמיעות וואָס ער האָט געגעבן. — ווי אַזוי ר׳ שמעון דייטש, דער זשעליכאָווער רב, איז פון אַ מתנגד געוואָרן אַ חסיד. — אַ חסידישע מעשה ווי אַזוי מלאכים אין הימל זיינען געלאָפן הערן דעם קאָזשעניצער מגיד מקבל שבת זיין.

דער קאָזשעניצער מגיד איז געווען אַ חוץ אַ גרויסער גאון אין נגלה אויך איינער פון די גרעסטע מקובלים אין זיין דור. עס איז גענוג זיך צו באַקענען מיט די ספרים אויף חסידות און קבלה, וואָס ער האָט מחבר געווען, מען זאָל דערזען וואָס פאַר אַ גרויסער בעל מקובל ער איז געווען.

צווישן דעם קאָזשעניצער מגידס ספרים זיינען שטאַרק אָנגענומען געוואָרן זיינע ספרים: „אור ישראל" אויף תקוני זוהר און „נזר ישראל" אויפן זוהר.

דער קאָזשעניצער מגיד האָט אייגנטלעך נישט אָפּגעטיילט נגלה פון נסתר; ער האָט געהאַלטן אַז מען קאָן נישט פאַרשטיין גרינטלעך קיין בלאָט גמרא, אויב מען באַנעמט עס נישט על פי קבלה...

און די חסידישע לעגענדע דערציילט, אַז איינמאָל איז דער רבי ר׳ זושע פון אַניפּאָליע געגאַנגען צוזאַמען מיט דעם קאָזשעניצער מגיד אין בית המדרש אַריין, וואו דער מגיד האָט געזאָגט דעם שיעור גמרא. פּלוצים האָט דער רבי ר׳ זושע אַרויפגעלייגט זיין קאָפּ אויפן שטענדער און פאַרשטעלט די אויגן. ווען מען האָט אים דערנאָך געפרעגט פאַר־וואָס ער האָט דאָס געטאָן, האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט דערזען די גאַנצע פמליא של מעלה, וואָס איז אַראָפּגעקומען הערן דעם שיעור גמרא, בעת דער קאָזשעניצער מגיד האָט געלערנט...

דער קאָזשעניצער מגיד איז געגאַנגען אין דער שיטה פון חסידות

און קבלה אין דעם דרך פון ליאַדיער רבין ר׳ שניאור זלמן — דעם באַגרינדער פון דער חב״דער שיטה.

דער אונטערשיד פון דער קבלה פון חסידות, ביז דער ריינער קבלה פון דעם אר״י הקדוש אָדער פון ר׳ משה קורדובירו באַשטייט אין דעם, וואָס די קבלה האָט זיך באַשעפטיקט מיט וועלט־פּראָבלעמען און חסידות — מיט דעם מענטשן.

אָבער ווי ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי זאָל האָבן דערקלערט, ליגט דער אונטערשיד צווישן חסידות און קבלה אין דעם, וואָס די קבלה האָט געמאַכט פון דער געטלעכקייט אַ מענטש און דאָס חסידות האָט געמאַכט פון דעם מענטש אַ געטלעכקייט...

דער קאָזשעניצער מגיד האָט אויך געהאַט גרויסע ידיעות אין פילאָזאָפיע, אַסטראָלאָגיע און העכערער מאַטעמאַטיק. דאָס קאָנען מיר זען פון די פאַרשידענע תורות וואָס זיינען צעשפּרייט אין זיינע ספרים.

פון זיינע תורות קאָן מען אויך אויסלערנען אַז ער האָט געהאַט אַ פאַרשטענדעניש פאַר פּסיכאָלאָגיע און פאַר קינדער־דערציאונג. ער ברענגט תמיד משלים פון לעבן אַרום.

דער קאָזשעניצער מגיד האָט שטאַרק פאַרערט דעם רמב״ם, ער האָט געהאַלטן, אַז אין הימל האָט מען זיך צוגעהערט צו דעם וואָס דער רמב״ם זאָגט.

חסידות דערציילט אין נאָמען פון קאָזשעניצער מגיד, אַז ווען דער רמב״ם האָט געשריבן, אַז „דער וואָס גלייבט אַז גאָט קאָן מען זיך פאָרשטעלן אין אַ געשטאַלט — דער איז אַן אַפּיקורס״, זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון גן־עדן „תלי תלים״ פון נשמות וואָס האָבן אַזוי געגלויבט. האָט דאָס דערפילט דער ראב״ד און ער האָט געקריגט וועגן דעם אויפן רמב״ם, דערנאָך ערשט זיינען די נשמות צוריק געבראַכט געוואָרן אין גן־עדן אריין...

דער קאָזשעניצער מגיד האָט זיך איינגעשאַפט פאַרשידענע כתבי־יד אין הלכה און קבלה און ער האָט זיך באַמיט ביי די דרוקער זיי זאָלן די ספרים אַרויסגעבן.

און כאָטש דער קאָזשעניצער מגיד איז געווען אַ גרויסער מקובל, איז זיין דרך אין יידישקייט געווען דער דרך פון חסידות, — תמימות־דיקייט און דאַווענען מיט התלהבות. חסידים דערציילן, אַז דער קאָזשע־ניצער מגיד האָט געדאַוונט מיט אַזאַ ברען, אַז ער האָט נישט איינמאָל אינמיטן דאַווענען געחלשט פאַר גרויס דביקות. איינמאָל, דערציילט זיין זון, דער רבי ר׳ משה אליקום בריעה, איז אים פשוט דאָס חיות אויס־

געגאַנגען ביים זאָגן „כתר״, און מען האָט אים אויפגעמונטערט דערמיט, וואָס מען האָט אים גערופן ביי זיין נאָמען.

דער עיקר עבודה איז געווען ביים קאָזשעניצער מגיד — דאָס האַרץ. די חסידישע לעגענדע דערציילט, אַז איידער דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזשענסק איז נסתלק געוואָרן, האָט ער איינגעטיילט די אברים פון זיין גוף צווישן זיינע תלמידים. זיין תלמיד, דעם רבין ר׳ מענדעלע פון רימענאָוו, האָט ער געגעבן די נשמה; דעם רבין ר׳ אברהם יהושע העשיל פון אַפּט האָט ער געגעבן דעם כוח פון זיין מויל; דעם „חוזה״ פון לובלין, ר׳ יעקב יצחק האָראָוויץ, האָט ער געגעבן זיינע אויגן, און דעם רבין ר׳ ישראל — דעם קאָזשעניצער מגיד, האָט ער געגעבן זיין האַרץ...

און דאָס דאַווענען ביים קאָזשעניצער מגיד איז געווען אַ מין עבודה, אַזוי ווי עס האָט געטאָן דער כהן־גדול אין בית־המקדש.

אָט ווי אַזוי עס ווערט געשילדערט אין די חסידישע ספרים דעם קאָזשעניצער מגידס דאַווענען:

„זייער אַ שוואַכער און אויסגעדאַרטער איז געווען דער קאָזשעניצער מגיד; ער איז געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז די דאָקטוירים האָבן זיך געחידושט ווי אַזוי ער איז מאריך ימים. זיינע פיס זיינען געווען אַזוי דין, ווי די פיס פון אַ שעפּסל און מען האָט אים געמוזט טראָגן אויף אַ שטול פון זיין הויז אין בית המדרש אַריין. אָבער ווי נאָר ער איז אַריינגעקומען אין בית המדרש, האָט ער באַקומען עפּעס אַ נייעם כוח, און גלייך געגעבן אַ שפרונג אַראָפּ פון דער שטול און האָט אַ געשריי געטאָן: „מה נורא המקום הזה״, אַז די ווענט האָבן אַזש געציטערט. זיינע פיס זיינען געווען אַזוי שוואַך, אַז ער האָט ניט געקאָנט אָנטאָן קיין שיך, ער איז געגאַנגען אין די בלויזע זאָקן און אויף דער ערד איז געווען אונטערגעשפּרייט אַ דיוואַן פון פעל, כדי ער זאָל קאָנען שטיין. זיין גוף איז געווען אַזוי אויסגעדאַרט, אַז מען האָט אים כסדר געמוזט האַלטן איינגעוויקלט אין האָז־פעלכלעך און אין קישנס... און תמיד איז ער געלעגן אין בעט, ווי אַ קראַנקער מענטש. און אַלע זיינע רייד זיינען געווען מיט אַ ניגון, אַזוי ווי מען לערנט גמרא... און אין דער פרי, ווען מען האָט געבראַכט דעם קאָזשעניצער מגיד אין בית המדרש אַריין, זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט איןביידע זייטן פון בית המדרש צוויי שורות פון חסידים, מיט ברענענדיקע ליכט אין זייערע הענט, און דער קאָזשעניצער מגיד איז דורכגעגאַנגען צווישן די צוויי שורות מענטשן אָנגעטאָן אין טלית און תפילין מיט אַ ספר תורה אין דער האַנט, און ער האָט געטאַנצט ביז ער איז אָנגעקומען צום אָרון־

קודש. דאָרט האָט ער אַריינגעשטעלט דאָס ספר־תורה אין אָרון־קודש אַריין און דערנאָך האָט ער ווייטער געטאַנצט, ביז מען האָט אַריינגעשטעלט די ליכט אין די הענג־לייכטער אַריין. און ער איז בעת דעם גאַנצן דאַווענען געשטאַנען אָדער געזעסן. ווען מען האָט פאַרענדיקט די שמונה עשרה האָט ער זיך אָוועקגעזעצט אויף דעם דיוואַן געמאַכט פון פעל, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט אויף דער ערד, און אַזוי האָט ער פאַרענדיקט דאָס דאַוונען. דערנאָך האָט מען אים אויף אַ שטול צוריקגעטראָגן אַהיים. אין הויז האָט מען דעם קאָזשעניצער מגיד אַריינגעלייגט אין בעט אַריין אַ שוואַכן און אַ קראַנקן... אַזוי האָט זיך דער קאָזשעניצער מגיד נוהג געווען יעדן טאָג...״

און איינמאָל, דערציילן אַלטע חסידים, האָט מען דעם קאָזשעניצער מגיד פאַרבעטן צו אַ ברית מילה. ווען ער איז צוגעקומען צו דער פור צו פאָרן צום ברית, האָט מען אים געוואָלט אונטערהעלפן — האָט זיך דער קאָזשעניצער מגיד אויסגעדרייט און האָט געזאָגט: „שוטים וואָס איר זייט, וואָס דאַרף איך אייער הילף? איך האָב ברוך השם גענוג כוח, אַזוי ווי עס שטייט אין פּסוק „וקוי ה׳ יחליפו כוח״ (ישעיהו, מ׳, ל״א) — גאָט גיט מיר כוח״, און גלייך איז ער אַרויפגעשפּרונגען אויף דעם וואָגן.

דער קאָזשעניצער מגיד איז אויך געווען אַ גרויסער בעל־מנגן, און ער אַליין האָט ליב געהאַט צו זינגען. ווען ער איז געקומען בעתן דאַווענען צו „שירו לד׳ שיר חדש״, האָט ער געזונגען מיט זייער אַ מתיקותדיק קול (זע „ספרן של אהרן״, זייט 55).

ביים טיש האָט דער קאָזשעניצער מגיד אַ סך געזונגען. ער האָט געמאַכט די „המוציא״ אויף אַ קול מיט גרויס התלהבות, און ער האָט פון צייט־צו־צייט אַרויסגעלאָזט אַ גרויסן קרעכץ: „מאַמע״!...

דער קאָזשעניצער מגיד, דערציילן חסידים, האָט דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט באַקומען פון די פּדיונות, צעטיילט צו די אָרעמעלייט. און ווען עס איז, אין יאָר תקל״ח (1778), אויסגעבראָכן די גרויסע שריפה אין קאָזשעניץ און די גאַנצע שטאָט איז פאַרברענט געוואָרן, האָט דער קאָזשעניצער מגיד אויפגעבויט אַ גאַנצע גאַס מיט הייזער און די הייזער אַוועקגעגעבן די אָרעמעלייט. די גאַס איז אָנגערופן געוואָרן אויף זיין נאָמען, דעם „מגידס גאַס״, ביז צו דער גאָר לעצטער צייט. אויך די שול האָט דער קאָזשעניצער מגיד אויסגעבויט און געזען אַז זי זאָל האָבן שיינע באַצירונגען פון אויסוויייניק און פון אינעווייניק. אָבער זיין אייגן הויז, וואָס איז געבליבן שטיין ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז געווען אַ קליינס און אַן איינגעפאַלענס. דאָס הויז האָט אינגאַנצן

געהאַט דריי קליינע צימערלעך, און אין מיטן איין צימער האָט זיך געפונען אַן עמוד, וואָס דאַרויף זאָל האָבן דער קאָזשעניצער מגיד געלערנט און געדאַוונט.

וועגן דעם קאָזשעניצער מגיד האָבן חסידים דערציילט מעשיות, וואָס פּאַסן זיך פאַרן בעש״ט. פאַרשטייט זיך, אַז דער קאָזשעניצער מגיד איז נישט געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, וואָס די חסידים האָבן דערציילט, דאָס איז געווען דער כאַראַקטער פון דעם חסידישן פאָלקס־מענטש צו שטעלן זיין רבין אויף דער העכסטער מדרגה און אים צו צו האַלטן פאַר אַ גרויסן בעל־מופת. דעריבער זיינען די מופתים וואָס ווערן דערציילט וועגן קאָזשעניצער מגיד אָפט מאָל אויסטערלישע, אָבער זיי זיינען פאָרט אינטערעסאַנט פון קולטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, ווייל זיי דריקן אויס דעם געמיט־צושטאַנד פון פאָלק.

און אָט איז אַ מאָדנע מעשה, וואָס ווערט דערציילט וועגן קאָזשעניצער מגיד:

אין דער שטאָט זשעליכאָוו איז געווען רב ר׳ שמעון אשכנזי, גערופן ר׳ שמעון דייטש. ער איז געווען אַ גרויסער מתנגד, שפּעטער איז ער געוואָרן אַ רבי.

ווי אַזוי איז דאָס פאָרגעקומען, אַז פון אַ ייד אַ דייטש זאָל ווערן אַ רבי פון חסידים? כדי דאָס צו פאַרענטפערן, האָט די חסידישע פאַנטאַזיע אויסגעוועבט אַזאַ מעשה:

איינמאָל איז ר׳ שמעון דייטש זייער קראַנק געוואָרן, און ערב שבת פאַרנאַכט האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה. צוליב דער הייליקייט פון שבת האָט מען אים נישט גלייך געבראַכט צו קבורה, נאָר מען האָט געוואַרט ביז מוצאי שבת.

שבת־צו־נאַכטס זיינען געקומען די חברה־קדישא־לייט זיך מתעסק זיין מיט אים, זיי האָבן זיך געגרייט צו דער טהרה, אָבער פּלוצלינג דערזעט אַ ייד, אַז אויף דעם פּנים פון נפטר קומען אַרויס שווייס־טראָפּן. האָט מען דעם מת אויפגעהויבן פון דער ערד און אים צוריק אַרויפגעלייגט אויפן בעט, און ווי דערשטוינט זיינען זיי געוואָרן, ווען זיי האָבן דערזען, אַז דער מת הויבט זיך אָן צו רירן און ביסלעכווייז קומט ער צוריק צו זיין חיות און עפנט די אויגן.

און נאָכדעם ווי דער רבי ר׳ שמעון דייטש איז אויפגעקומען פון זיין היגערפלעט, האָט ער דערציילט וואָס עס האָט זיך מיט אים פאַרלאָפן ערב שבת.

„פרייטיק פאַרנאַכט בין איך אַרויפגעקומען אין הימל אַריין זייער שפּעט, די פּמליא של מעלה האָט זיך געגרייט צו קבלת־שבת. מיר

האָט מען געגעבן אַ חדר־מיוחד. ווען איך בין דאָרט אַריינגעקומען, האָט איך געהערט אַ גרויסן רעש און גערודער. די מלאכים זיינען געלאָפן הין־און־צוריק און האָבן אָנגעזאָגט די בשורה, אַז „דער קאָזשעניצער מגיד גייט מקבל שבת זיין". איך האָב זיך אויך געשטופּט און געוואָלט זיין צווישן דעם גרויסן עולם־מלאכים. אָבער מען האָט מיר נישט דערלויבט אַריינצוגיין: „ווער עס האָט נישט געזען דעם קאָזשעניצער מגיד בעת זיין לעבן", האָבן די מלאכים געזאָגט, „דער האָט נישט קיין רעכט אָנצוקוקן זיין פּנים". שבת אין דער פרי איז ווידער געוואָרן אַ רעש אין הימל: „דער קאָזשעניצער מגיד גייט דאַווענען שחרית".

איך בין געלאָפן מיט די לעצטע כוחות און די מלאכים האָבן מיר דאָס מאָל דערלויבט צוגענענען צום קאָזשעניצער מגיד. איך האָב אים געזאָגט: „גוט שבת!" דער קאָזשעניצער מגיד האָט זיך פאַרשטעלט זיין פּנים מיטן טלית און ער האָט גאָרנישט געענטפערט. האָב איך זיך שטאַרק צעוויינט: פאַרוואָס זאָל איך נישט קאָנען זען דאָס פּנים פון קאָזשעניצער מגיד? האָבן די מלאכים אויף מיר רחמנות באַקומען און זיי האָבן מיך געעצהט, אַז איך זאָל קומען צו שלוש־סעודות, דעמאָלט ווען עס איז „רעווא דרעווין", וועל איך די זכיה האָבן אים צו זען.

ווען איך בין געקומען צו שלוש־סעודות האָט דער קאָזשעניצער מגיד ווידער פאַרשטעלט זיין פּנים און ער האָט געזאָגט צו מיר: „שמעון, דו ביסט נאָך אַ יונגערמאַן!", און ער האָט מיך אָנגעכאַפּט ביים אויער און האָט מיך געגעבן אַ וואָרף אַראָפּ אויף דער ערד, — אַט אַזוי האָב איך זיך צוריק אויפגעכאַפּט און איך בין צוריק לעבעדיק געוואָרן".

ווען דער רבי ר' שמעון דייטש האָט פאַרענדיקט דערציילן די מעשה, האָט ער גלייך געדונגען אַ פור און פאַרטאָג איז ער געפאָרן צום קאָזשעניצער מגיד. ווען דער רבי ר' שמעון דייטש איז אַריינגעקומען צום קאָזשעניצער מגיד אין שטוב אַריין, איז דער קאָזשעניצער מגיד אים אַנטקעגנגעלאָפן און ער האָט צו אים געזאָגט: „דאָס בין איך!"

און פון דעמאָלט אָן איז ר' שמעון דייטש געוואָרן אַ חסיד פון רבין ר' ישראל דעם קאָזשעניצער מגיד און פון „חוזה" פון לובלין („שיחות חיים", זייט 41).

צווישן די תלמידים פון קאָזשעניצער מגיד זיינען געווען אַ סך רבנים, באַוואוסטע גאונים און רביים, ווי: ר' אליעזר הלוי הורביץ, רב אין טאַניגראַד און מחבר פון די ספרים „נועם מגדים" אויף תורה און „אמרות טהורות" אויף תהלים; דער רבי ר' איתמר פון קאָנסקי־וואָלי, מחבר פון ספר „משמרת איתמר" (ער איז אויך געווען אַ תלמיד

פון „חוזה" פון לובלין); ר' אריה לייב ליפשיץ, רב אין ווישניצע, מחבר פון די ספרים „שאלות ותשובות אריה דבי עילאי", און „ארי שבחבורה", אויף מסכת כתובות; דער רבי ר' גדליה פון זשעליכאָוו; דער רבי ר' גרשון פון ריטשיוואל; דער רבי ר' דוב־בער פון ראַדישיץ (ער איז אויך געווען אַ תלמיד פון „חוזה" פון לובלין); דער רבי ר' יצחק פון אָזשעראָוו; דער רבי ר' יצחק מאיר אַלטער פון גער, מחבר פון ספר „חדושי הרי"ם"; דער רבי ר' יהודה לייב פון אַניפּאָלי, מחבר פון ספר „אור הגנוז"; דער רבי ר' יעקב אריה פון ראַדזימין; דער רבי ר' ישעיה מושקאַט פון פּראַגע־וואַרשע, מחבר פון די ספרים „הרי בשמים", „עצי בשמים".

## יְצַוֶּה צוּר חַסְדּוֹ

לרבי דב־בר המגיד ממזריטש




דעם מעזריטשער מגידס ניגון אויף „יצוה צור חסדו"

## קאַפּיטל ז

# דער קאָזשעניצער מגיד איז מתיר אַן עגונה און רופט אַרויס אַ שטורעם אין פּוילן

אַ מעשה מיט אַ יידן פון כמעלניק וואָס האָט פאַרלאָזט זיין ווייב פון סטאַשעוו און ער האָט זיך געשמדט. — די פרוי בלייבט זיצן אַן עגונה און דער קאָזשעניצער מגיד איז זי מתיר. — דער לובלינער רב, געריפן „דער אייזערנער קאָפּ״ טרעט אַרויס קעגן קאָזשעניצער מגיד, און זאָגט אַז ער האָט געפעלשט אַ תשובה פון פראַנקפורטער רב.

צו דעם קאָזשעניצער מגיד האָט מען זיך געווענדט פון גאַנץ פּוילן מיט פאַרשידענע שאלות, אויף וועלכע ער האָט געענטפערט מיט גרויס חריפות.

עס איז באמת שווער צו פאַרשטיין, ווי אַזוי דער קאָזשעניצער מגיד האָט געהאַט צייט פאַר דעם אַלעם. געשילדערט ווערט ער אין די חסידישע ספרים אַלס אַ ייד אַ חלוש, בלויז הויט און ביין, דאָס דאַווענען האָט געדויערט שעהנוויז; געקומען זיינען חסידים זיך פראַווען אין די הונדערטער יעדן טאָג; קובע געווען האָט דער מגיד יעדן טאָג פאַר־שידענע שיעורים אין קבלה, און דערצו האָט ער נאָך געלערנט יעדן טאָג מיט בחורים, און אַ חוץ דעם אַלעם האָט ער נאָך געשריבן חידושי תורה, און תשובות צו פאַרשידענע גדולים פון זיין דור.

זיינע ספרים אויף הלכה זיינען: „בית ישראל״ (גרויסער פאָרמאַט) אויף פאַרשידענע מסכתות; „בית ישראל״ (קליינער פאָרמאַט) אויף פסחים, ביצה, חגיגה, מועד קטן; „מגיד מישרים״ אויף שבת, וואָס איז לעצטנס געדרוקט געוואָרן פון כתב־יד; דערצו זיינען צוגעדרוקט געוואָרן אין זיינע חסידישע ספרים הגהות צו אַלע טיילן פון שולחן ערוך, און אַ באַזונדער ספר מיטן נאָמען „עגונת ישראל״ (וואַרשע תר״מ—1880), וואָס

האָט אויסגערופן אַ גרויסן שטורעם אין יענער צייט אין גאַנץ פוילן.

זיינע ספרים אויף קבלה זיינען: „אור ישראל" (אויף תיקוני זוהר), „נזר ישראל" (אויפן זוהר), „נר ישראל" (אַ פירוש אויפן ספר „התמונה"), זיינע ספרים אויף חסידות זיינען: „עבודת ישראל", „יקר מפז", „גאולת ישראל" (אויף די ספרים פון מהר"ל) „אבות" מיט אַ פירוש „אבות ישראל", פון מגיד און זיין זון ר' משה אליקום בריעה „גבורת ישראל" (אויף דער הגדה של פסח) און הגהות צום ספר „רזיאל המלאך".

דאָס ספר „עגונת ישראל" באַהאַנדלט אַ פראַגע פון אַן עגונה, וואָס דער קאָזשעניצער מגיד האָט מתיר געווען.

ווער עס איז באַקאַנט מיט דער שיטה פון חסידות, דער ווייסט, אַז די מנהיגים פון חסידות האָבן תמיד געזוכט מקיל צו זיין אין פאַרשידענע ענינים אין הלכה. זיי זיינען געווען די פאַרשטייער פון פשוטן פאָלק און האָבן תמיד געזוכט אין יעדער שאלה צו געפינען אַ היתר. אַזוי איז עס געווען ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין ענינים פון כשר און טריפה, בנוגע טעפל לעפל, און אַזוי איז עס געווען אין עניני־נשים וועגן גטין און קדושין.

דעריבער איז דער קאָזשעניצער מגיד אין אַ שאלה פון אַן עגונה געזוכט אַ היתר.

די שאלה, וואָס מען האָט געפרעגט דעם קאָזשעניצער מגיד איז אָבער געווען אַ פאַרוויקלטע, און דער קאָזשעניצער מגיד האָט געדאַרפט אַרויסווייזן גרויס גאונישקייט כדי צו געפינען אַ היתר.

וואָס איז געווען די שאלה? אָט איז בקיצור דער גאַנצער אינהאַלט פון דער שאלה און תשובה. (זי ווערט אויך איבערגעגעבן אין ספר „המגיד מקוזניץ", פון צ. מ. ראַבינאָוויץ, זייט 48־51).

אין דער שטאָט כמעלניק איז געווען אַ יונגערמאַן, וואָס זיין נאָמען איז געווען שרגא פייוול. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ פרוי פון דער שטאָט סטאַשעוו און אַ יאָר נאָך דער חתונה איז דער יונגערמאַן פאַרשוואונדן פון זיין הויז. די קרובים פון זיין פרוי האָבן אים אַרומגעזוכט אין אַלע שטעט אין פוילן אין ערגעץ אים נישט געקאַנט געפינען. די פרוי איז געבליבן זיצן אַן אומגליקלעכע עגונה.

אָבער אַכט יאָר שפּעטער, אין דער צייט פון דער נאַפּאָלעאָנישער מלחמה מיט רוסלאַנד, האָבן זיך אויפגעהאַלטן רוסישע סאָלדאַטן אין הויז פון דער פרויס עלטערן, אין סטאַשעוו. אין אַ שמועס מיט זיי האָבן די סאָלדאַטן דערציילט, אַז דער פרויס מאַן, שרגא פייוול, פון כמעלניק,

האָט זיך געשמדט און איז געוואָרן אַ סאָלדאַט אין דער רוסישער אַרמיי.

מיט יאָרן שפּעטער האָבן די עלטערן פון דער פרוי ווידער באַ־קומען אַ בריוו, אַז איר מאַן איז אַריינגעטראָטן אין דער פּרייסישער אַרמיי. די עלטערן האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַמיען אויפצוזוכן איר מאַן און אים צווינגען ער זאָל איר געבן אַ גט. נאָך לאַנגע אַרומזוכענישן איז זיי געלונגען צו געפינען דעם געשמדטן שרגא פייוול אין אַ פּריי־סישער קאַזאַרמע. עס האָט זיך זיי איינגעגעבן אים צו ברענגען קיין סטאַשעוו, ער זאָל זיין פרוי געבן אַ גט, כדי זי זאָל נישט בלייבן זיצן קיין אייביקע עגונה. אָבער ביז מען האָט זיך גענומען שרייבן דעם גט אין בית־דין שטוב, איז דער מאַן נאָכאַמאָל פאַרשוואונדן פון שטאָט און מען האָט אים אין ערגעץ נישט געקאָנט געפינען.

אין אַ צייט אַרום האָבן די רבנים פון סטאַשעוו באַקומען פון אים אַ בריוו, אַז ער גיט זיי אַ „כוח הרשאה" (אַ דערלויבעניש) צו שרייבן אַ גט אין זיין נאָמען פאַר זיין פרוי. די רבנים האָבן געוואַרט אַ שטיקל צייט, כדי מברר צו זיין דעם דין. אינצווישן איז אָנגעקומען אַ בריוו פון קאָמאַנדיר פון דער פּרייסישער אַרמיי, אַז דער מומר, שרגא פייוול, איז געהרגעט געוואָרן אין אַ שלאַכט אין דער מלחמה מיט נאַפּאָלעאָנס חיילות.

די רבנים פון סטאַשעוו האָבן די שאלה געשיקט צום קאָזשעניצער מגיד. די שאלה איז פון הלכהשן שטאַנדפּונקט געווען זייער אַ שווערע. אויף צוויי וויכטיקע פראַגן האָט מען געדאַרפט ענטפערן: ערשטנס, צי קאָן מען אָנערקענען דעם „כוח הרשאה", וואָס דער געשמדטער מאַן האָט געשיקט צו די רבנים פון סטאַשעוו, און צווייטנס, צי איז דער קאָמאַנדיר פון דער פּרייסישער אַרמיי באַגלייבט עדות צו זאָגן, אַז שרגא פייוול איז געהרגעט געוואָרן אין דער מלחמה און דעמאָלט וועט די פרוי גאָר קיין גט נישט דאַרפן.

דער קאָזשעניצער מגיד האָט געענטפערט אַ לאַנגע תשובה און ער האָט געפסקנט, אַז די פרוי איז מער נישט קיין עגונה, אָבער ער האָט נישט געוואָלט שטעלן אַליין אויף זיך, האָט ער געשיקט זיין תשובה צו די גאונים פון זיין צייט, זיי זאָלן אויך מסכים זיין אויפן היתר.

אויף וואָס פאַר אַ סמך האָט דער קאָזשעניצער מגיד מתיר געווען די עגונה?

דער דין איז, אַז אַ מענטש שרייבט צו אַ סופר, אַז ער גיט אַ „כוח הרשאה" צו שרייבן פאַר זיין ווייב אַ גט און ער שרייבט צו די עדות, אַז

זיי זאָלן חתמענען דעם גט, טאָר דער סופר נישט שרייבן דעם גט און די עדות טאָרן נישט חתמענען, ביז זיי הערן נישט דאָס זאָגן פון אים אַליין (אַזוי פסקנט דער שולחן־ערוך, אבן עזר, סימן כ״ב).

לויט דעם דאָזיקן דין וואָלט מען דאָך נישט געדאַרפט אָנערקענען דאָס בריוול, וואָס דער געשמדטער מאַן האָט געשריבן צו די רבנים פון סטאַשעוו, אַז ער גיט זיי אַ „כוח הרשאה״ צו שרייבן אַ גט צו זיין ווייב. אָבער דער קאָזשעניצער מגיד האָט זיך סומך געווען אויף אַן אַנדערער הלכה, פון רמב״ם, וואָס פסקנט, אַז אויב איינער איז געליימט געוואָרן און ער איז ביים קלאָרן שכל און מען זאָגט אים, אַז מען גייט שרייבן אַ גט צו זיין ווייב און ער שאָקלט מיטן קאָפּ דריי מאָל, אַז ער איז מסכים, פסקנט דער רמב״ם (אין הלכות גירושין, פ״ב), אַז מען מעג שרייבן אַ גט. דער קאָזשעניצער מגיד נעמט אָן אַז דאָס בריוול פון דעם מומר איז אין דער זעלבער בחינה, וואָס דאָס שאָקלען מיטן קאָפּ פון אַ געליימטן און מען מעג דעריבער אויפן סמך פון דעם „כוח הרשאה, וואָס דער געשמדטער מאַן האָט געגעבן צו די רבנים אין שטאַשעוו שרייבן אַ גט.

בנוגע דער צווייטער פראַגע, צי דער קאָמאַנדיר פון דער פרייסישער אַרמיי, וועלכער איז אַ גוי, איז באַגלייבט עדות צו זאָגן אויף אַ יידן, אַז ער איז געשטאָרבן, איז באמת דער דין, אַז דאָס עדות־זאָגן פון אַ גוי איז כשר, אויב עס איז „מסיח לפי תומו״ (אויב ער זאָגט עס צופעליק, נישט ווען מ׳פרעגט אים). אָבער אין דעם פאַל פון דער דאָזיקער עגונה קאָן זיין, אַז דער קאָמאַנדיר האָט געשריבן אַן ענטפער אויף אַ פראַגע — הייסט עס שוין נישט „מסיח לפי תומו״, וואָלט מען זיך אויף זיין עדות־זאָגן נישט געדאַרפט סומך זיין. אָבער דער קאָזשעניצער מגיד פסקנט, אַז מ׳קאָן יאָ אָננעמען דאָס עדות־זאָגן פון קאָמאַנדיר, און מען דאַרף דער פרוי מתיר זיין, זי זאָל מעגן חתונה האָבן, „כדי עס זאָלן נישט בלייבן זיצן יידישע פרויען עגונות״, און „די חכמים האָבן נישט געוואָלט מחמיר זיין אין עגונות, נאָר פאַרלייכטערן״. דעריבער איז דער קאָזשעניצער מגיד מתיר דער פרוי חתונה צו האָבן. און כדי יוצא צו זיין קעגן אַלע ספקות, פסקנט דער קאָזשעניצער מגיד, אַז מען דאַרף דער פרוי געבן אַ גט, אָבער זי דאַרף אויך נעמען חליצה, ווייל טאָמער איז דער גט נישט כשר, און מען דאַרף זיך סומך זיין אויפן פרייסישן קאָמאַנדיר, אַז דער מאַן איז געשטאָרבן, און ער האָט דאָך נישט איבערגעלאָזט קיין קינדער — דאַרף די פרוי דעריבער נעמען חליצה...

דער מגיד האָט געשיקט די שאלה און זיין תשובה צו דעם גאון ר' פנחס הלוי האָראָוויץ, דער רב פון פראַנקפורט־אַם־מאַין, און צו אַנדערע גדולים פון זיין דור: צו ר' אריה־לייב, דער רב פון וואָלאָ־טשיסק, (ער איז געווען אַ תלמיד פון מעזריטשער מגיד און איז אויף דער עלטער געפאָרן קיין ארץ ישראל); צו ר' יוסף הויכגעלערנטער, זאַמאָשטשער רב; צום בראָדער רב ר' מאיר בר' צבי; צו ר' אפרים זלמן מרגליות פון בראָד; צו ר' יצחק אברהם כץ, רב אין פינטשעוו; צו ר' שמשון בריסקער און צו ר' שמחה, הרב אין בויבערקע.

אַלע רבנים האָבן מסכים געווען מיטן קאָזשעניצער מגיד און האָבן מתיר געווען דער עגונה.

אָבער ווי דער דאָזיקער היתר פון קאָזשעניצער מגיד איז באַקאַנט געוואָרן אין דער וועלט, האָט זיך דערין אַנגעכאַפּט דער לובלינער רב, ר' עזריאל האָראָוויץ, וועלכער איז געווען אַ גרויסער גאון און איז צוליב זיין חריפות אַנגערופן געוואָרן „דער אייזערנער קאָפּ", און ער איז אַרויסגעטרעטן קעגן קאָזשעניצער מגיד.

„דער אייזערנער קאָפּ" איז געווען אַ גרויסער מתנגד און אַ שטאַרקער קעגנער פון לובלינער רבין, ר' יעקב יצחק האָראָוויץ, גערופן דער „חוזה". ער איז געווען אַן איש אמת און אַן עומד על דעתו, האָט שטאַרק געשטעלט אויף זיך אַליין. דאָ, האָט דער לובלינער רב גע־טראַכט, וועט ער נישט בלויז קאָנען שלאָגן דעם קאָזשעניצער מגיד, נאָר דעם גאַנצע חסידות, ווען ער וועט אויפווייזן, אַז די רביים זענען נוטה מתיר צו זיין עגונות, ווייל זיי טרעטן אָפּ פון יידישן וועג.

„דער אייזערנער קאָפּ" האָט אָנגעשריבן אַ תשובה קעגן דעם קאָזשעניצער מגיד, וואָס איז דערנאָך אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַ קונטרס „דברי ריבות". אין דעם קונטרס צעשטערט ער אַלץ, וואָס דער קאָזשעניצער מגיד האָט געבויט, און קומט צום אויספיר, אַז דער עגונה טאָר מען נישט מתיר זיין. אין זיין קאַמף קעגן חסידות איז „דער אייזערנער קאָפּ" געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט זיך דערלויבט צו באַשולדיקן דעם קאָזשעניצער מגיד, אַז ער האָט געפעלשט די תשובה פון דעם גאון ר' פנחס הלוי האָראָוויץ, דער רב פון פראַנקפורט־אַם־מאַין.

דער אָנפאַל פון „אייזערנעם קאָפּ" אויפן קאָזשעניצער מגיד האָט אויפגערודערט די גאַנצע חסידישע וועלט אין פוילן אין יענער צייט.

אָבער דער קאָזשעניצער מגיד האָט אויך נישט געשוויגן. ער איז אַרויסגעקומען מיט אַ תשובה, אין וועלכער ער ברענגט נאָך ראיות פאַרוואָס מען דאַרף מתיר זיין דער עגונה. ער וואַרפט אָפּ אַלע שאלות,

וואָס דער לובלינער רב האָט געשטעלט, און ענטפערט מיט נאָך מער חריפות, פאַרוואָס ער האָט מתיר געווען דער עגונה חתונה צו האָבן. און דאָס ווידער, וואָס דער לובלינער רב איז אים חושד, אַז ער האָט געפעלשט די תשובה פון פראַנקפורטער גאון, — שרייבט דער קאָזשעניצער מגיד— אַז „ער קאָן אָנפרעגן דעם גאון אַליין, צי איך האָב צוגעגעבן אָדער אַראָפּגענומען אַפילו איין אות פון זיין תשובה...״ (די דאָזיקע תשובה ווערט געבראַכט אין ספר „גבעת פנחס״, פון פראַנקפורטער רב, צום סוף פון ספר, סימן ל״א).

און דער קאָזשעניצער מגיד פאַרענדיקט: „עס איז נישטאָ וואָס מאריך צו זיין. יעדער ייד, וואָס זוכט דעם אמת, וועט זען, אַז ער (דער לובלינער רב) האָט געהאָט אַן אַנדער כוונה... בלויז מיר ווי צו טאָן... און די רעכטפערטיקע וועלן דערזען דעם אמת, און די שטערן, וואָס לייכטן אין הימל, וועלן באַלייכטן די פינצטערניש פון דער עגונה... און מיר זאָלן זוכה זיין צו דער שמחה פון ציון...״

אָט אַזוי האָט זיך געענדיקט דער רעש אין פוילן וועגן דער עגונה, וועמען דער קאָזשעניצער מגיד האָט מתיר געמאַכט חתונה צו האָבן.



בריוו פון רבין ר׳ משה קאָזשעניצער

## קאַפּיטל ח

# פּוילישע פירשטן באַזוכן דעם קאָזשעניצער מגיד

דער פּוילישער פירשט אַדאַם טשאַרטאָרסקי איז געווען אַ „חסיד" פון קאָזשעניצער מגיד. — פּוילישער אָפיציר באַשרייבט דעם קאָזשעניצער מגיד. — פאַרוואָס דער קאָזשעניצער מגיד האָט זיך אַמאָל צעוויינט פאַר כל־נדרי. — די טייערע חפצים וואָס דער קאָזשעניצער מגיד האָט באַקומען פון די פּוילישע פריצים.

וועגן קאָזשעניצער מגיד איז פאַראַן אַן אינטערעסאַנטע באַשרייבונג פון אַ פּוילישן אָפיציר, מיטן נאָמען לעאָן דאָמבראָווסקי. די דאָזיקע באַשרייבונג איז זייער וויכטיק פאַר דער פאָרשונג פון חסידות, ווייל די הויפּט־מאַטעריאַלן פאַר דער חסידות־פאָרשונג, קומט, לעת־עתה, נאָך אַלץ פון לעגענדעס און חסידישע מעשה־ביכלעך. קיין אַנדערע מקורים האָבן מיר דערווייל נישט, און יעדער נייער דאָקומענט, יעדע באַשרייבונג, איז פאַר די היסטאָריקער פון חסידות אַ געווינס, בפרט נאָך ווען די באַשרייבונג קומט נישט פון אַ משכיל וועלכער האָט געהאַט אַ נעגאַטיווע באַציאונג צו חסידות, נאָר פון אַ מענטש מן הצד, פון אַ פּאָליאַק, אַ פּוילישן אָפיציר מיטן נאָמען לעאָן דאָמבראָווסקי, וואָס דערציילט, מסיח־לפי תומו, אין זיינע זכרונות, ווי אַזוי ער האָט געזען דעם קאָזשעניצער מגיד. דערצו נאָך גיט דער פּוילישער אָפיציר לעאָן דאָמבראָווסקי אַ בילד פון קאָזשעניצער מגידס הויז, ווי אַזוי דער קאָזשעניצער מגיד האָט אויסגעזען און דערביי דערציילט ער אַ גאָר טשיקאַווע מעשה וועגן קאָזשעניצער מגיד, און וועגן דעם פירשט אַדאַם טשאַרטאָריסקי.

נאָר, כדי בעסער צו פאַרשטיין, ווי אַזוי דער פּוילישער פירשט טשאַרטאָריסקי קומט צום קאָזשעניצער מגיד, מוזן מיר קודם כל דערציילן וועגן די טשאַרטאָריסקיס זיינען געווען.

דער הויפּט פון דער פירשטלעכער משפּחה טשאַרטאָריסקי איז געווען אַדאַם קאַזשימיר. נאָך דעם טויט פון פּוילישן קעניג אויגוסט (1763), האָט ער קאַנדידירט פאַר קעניג, אָבער עס איז אויסגעקליבן געוואָרן זיין קעגנער פּאָניאַטאָווסקי. נאָך דער ערשטער צעטיילונג פון פּוילן, איז אַדאַם קאַזשימיר טשאַרטאָריסקי באַשטימט געוואָרן פאַר דעם פּוילישן מיליטערישן מאַרשאַל. ער איז געווען אַ שטאַרקער קעמפער פאַר דער באַפרייאונג פון פּוילן און אַ קעגנער פון רוסלאַנד, וואָס האָט זיך אַריינגעמישט אין די אינערלעכע ענינים פון פּוילן.

זיין זון, אַדאַם געאָרג טשאַרטאָריסקי, איז געווען דערציאונגס־מיניסטער אין ליטע און רייסין און ער האָט זיך באַמיט צו פאַרשפּרייטן בילדונג אויך צווישן די יידן. ער האָט געטראַכט צוריק־אויפצושטעלן פּוילן אונטער דעם שוץ פון רוסלאַנד און ער איז געווען אַ פריינט פון רוסישן צאַר אַלעקסאַנדער. ער האָט זיך באַטייליקט אין ווינער קאָנגרעס און אין פּוילישן אויפשטאַנד פון יאָר 1831. צום סוף איז ער פאַרטריבן געוואָרן קיין פּאַריז.

די משפּחה טשאַרטאָריסקי האָט געוואוינט אין פּולאַווע (פּילעוו), אין לובלינער קרייז...

אָט דער דאָזיקער פירשט אַדאַם טשאַרטאָריסקי איז געפאָרן צום קאָזשעניצער מגיד און האָט פון אים שטאַרק געהאַלטן. די חסידישע לעגענדע ווייסט צו דערציילן פאַרשידענע מעשיות, ווי אַזוי עס האָט געהערשט אַ פריינטשאַפט צווישן דעם קאָזשעניצער מגיד און דעם פּוילישן פירשט אַדאַם טשאַרטאָריסקי. דער קאָזשעניצער מגיד האָט נישט אַנדערש גערופן דעם פּוילישן פירשט ווי „מיין אַדאַם". ווערט דערציילט, אַז ווען דער פירשט האָט זיך געפּדיונט ביים קאָזשעניצער מגיד, אַז זיין ווייב זאָל האָבן אַ קינד, האָט דער קאָזשעניצער מגיד אַזוי מתפּלל געווען: „רבונו של עולם, דו האָסט אַזוי פיל גויים אויף דער וועלט — זאָל זיין נאָך איין גוי !..."

און אָט וואָס דער פּוילישע אָפיציר לעאָן דאָמבראָווסקי דערציילט וועגן זיין באַזוך צוזאַמען מיט דעם פּוילישן פירשט טשאַרטאָריסקי ביים קאָזשעניצער מגיד (אין זיינע זכרונות אויף פּויליש: „פּאַמיענטניק", 1882):

„מען האָט אַמאָל געשיקט סקאַבערינסקי (דער סעקרעטאַר פון פירשט טשאַרטאָריסקי) קיין דאַנציג איינצומאָנען עלף טויזנט גילדן. סקאָבערינסקי האָט דאָס געלט, וואָס ער האָט באַקומען, באַהאַלטן אין אַ פּעסל. ער האָט דאָס פּעסל געשטעלט אונטער זיינע פיס און ער איז צוריקגעפאָרן קיין פּולאַווע. אויפן וועג איז אויף אים, און אויף זיינע

דינער, געפאַלן אַ שטאַרקער שלאָף, זיי זיינען אַזוי דורכגעפאָרן צוויי סטאַנציעס און זיינען געשלאָפן. ביי דער דריטער סטאַנציע האָבן זיי זיך אויפגעכאַפּט, האָט סקאָבערינסקי דערזען, אַז דאָס פּעסל געלט איז צוגעגנבעט געוואָרן. אַלע זיינע זוכונגען זיינען געוועזן אומזיסט. ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין פּולאַווע אָן דעם געלט. עס זיינען דורכגעגאַנגען יאָרן, און די גנבה איז שוין כמעט ווי פאַרגעסן געוואָרן. און פּלוצלינג באַקומט דער פירשט אַ בריוו פון דעם באַוואוסטן רב, דעם מגיד פון קאָזשעניץ, וועלכער ווערט ביי די יידן פאַררעכנט פאַר אַ הייליקן און אין דעם בריוו שרייבט דער קאָזשעניצער מגיד דעם פירשט, אַז די אבידה האָט זיך אָפּגעזוכט, און מען קאָן זי צוריקבאַקומען נאָר מיט דריי תנאים: 1) אַז דער פירשט זאָל מוחל זיין די גנבים; 2) אַז ער זאָל זיך באַנוגענען צוריקצובעקומען בלויז צען טויזנט גילדן, ווייל אינצווישן איז פאַרלוירן געוואָרן טויזנט גילדן, און 3) אַז דער פירשט זאָל נישט חוקר ודורש זיין דעם רב, ווי אַזוי די גנבה איז געפונען געוואָרן.

„דער פירשט האָט מסכים געוועזן אויף די דריי באַדינגונגען און דאָס געלט איז אים אָפּגעגעבן געוואָרן.

„דערנאָך האָט דער פירשט באַשלאָסן צו באַזוכן דעם מגיד צוזאַמען מיט דעם פאַן טשאַלעצקי. איך בין אויך געוועזן בעת דעם דאָזיקן באַזוך. מיר זיינען געוואָרן קיין קאָזשעניץ אין באַגלייטונג פון אַ צאָל מענטשן, ווייל דער פירשט איז קיינמאָל נישט אַרויסגעפאָרן אָן דער באַגלייטונג פון זיינע מענטשן. ווען מיר זיינע געגאַנגען צום הויף פון מגיד וואָס געפינט זיך צווישן נישט ריינע גאַסן, איז נאָך אונדז נאָכ־געגאַנגען אַ המון יידן. זיי האָבן אויסגעדריקט גרויס צופרידנקייט, וואָס דער מאַרשאַל און אַזאַ גרויסער הערשער זאָל גיין באַזוכן זייער הייליקן. די פרייד האָבן זיי אַרויסגעוויזן דורך פאַרשידענערליי אופנים. אַ טייל פון זיי האָבן אויפגעהויבן זייער קול, און אַנדערע האָבן געזונגען און געטאַנצט. און אין אָט דעם גרויסן טומל זיינען מיר אַריין אין הויז פון קאָזשעניצער מגיד. גלייך פון פאָרהויז זענען מיר אַריין אין אַ גרויסן צימער. אונטער אַ ווענטל איז געלעגן דער הייליקער אין אַ בעט אויף אַ סך קישנס. ער איז געוועזן אַ זקן פון אַ נייגציק יאָר (דאָס איז אַ גוזמא, ווייל דער קאָזשעניצער מגיד איז נפטר געוואָרן אַלט זייענדיק 78 יאָר). ער איז געוועזן איינגעוויקלט אין ווייסע בגדים און זיין באָרד, וואָס איז געוועזן ווייס ווי שניי, האָט דערגרייכט ביז צו זיין גאַרטל. זיין פנים איז געוועזן קליין, דאַר און פול מיט קנייטשן. דער פירשט האָט זיך דערנענטערט צום בעט, ער האָט אָנגעהויבן מיט אים צו רעדן פּויליש. דער מגיד האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, אָבער ער האָט גאָר נישט

געענטפערט. דער פירשט האָט געמיינט, אַז דער מגיד פאַרשטייט נישט קיין פויליש, האָט ער מיט אים אָנגעהויבן צו רעדן דייטש, אָבער דער מגיד האָט ווייטער געשוויגן. דער מאַרשאַל האָט אָנגעהויבן מיט אים צו רעדן העברעאיש, ווייל אויך די דאָזיקע שפּראַך האָט ער געקאָנט, אָבער אָן דערפאָלג. זעענדיק, אַז מיר קאָנען נישט אַרויסבאַקומען פון הייליקן אַפילו קיין איין וואָרט, זיינען מיר צוריקגעגאַנגען אויף דער אכסניה צו עסן מיטאָג. עס האָבן אונדז באַגלייט ווי פריער אַ המון יידן, וועלכע האָבן אויסגעדריקט זייער באַגייסטערונג פאַרן כבוד פון מגיד: „אַ גרויסער חכם איז אונדזער מגיד", האָבן זיי כסדר געזאָגט. איך ווייס נישט צי דאָס עקשנותדיקע שווייגן ווערט ביי זיי פאַררעכנט פאַר אַ חכמה, אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, איז דער מגיד געווען זייער אַ גוטער מענטש. פון גאַנצן לאַנד זיינען מענטשן תמיד געקומען קיין קאָזשעניץ מיט וועגענער און זיי האָבן געפירט געלט פאַר דעם הייליקן. ער האָט אַלץ צוגענומען, אָבער יעדן פרייטיק האָט ער צעטיילט דאָס גאַנצע געלט צווישן די אָרעמעלייט...

„דערנאָך האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז דאָס געלט איז צוגעגנבעט געוואָרן דורך אַ פּאָסט-באַאַמטן, וועלכער האָט געזען ווי די מענטשן שלאָפן. ער האָט דאָס געלט באַהאַלטן אונטער אַ בוים. דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון זיין פּאָסטן. ער האָט חתונה געהאַט און האָט אויסגעגעבן טויזנט גילדן זיך איינצואָרדענען. אָבער ווי אַזוי דער קאָזשעניצער מגיד האָט זיך דערוואוסט פון אים און ווי אַזוי ער האָט ביי אים צוגענומען דאָס איבעריקע געלט, איז געבליבן אַ סוד..."

עס איז געווען אַ גליק, וואָס די משכילים האָבן די דאָזיקע באַשרייבונג פון דעם פּוילישן אָפיציר נישט געזען, ווען נישט, וואָלטן זיי שוין געמאַכט די ריכטיקע אויספירן. אַז דער קאָזשעניצער מגיד איז מסתמא געווען פאַרבונדן מיט אַ חברה-גנבים, אַז ער האָט גענומען אַ חלק אין די טויזנט גילדן, אַזוי ווי עס האָט געפּאַסט פאַר די משכילים. אָבער, מיר, וואָס האָבן אַן אָביעקטיוון קוק אויף חסידות, קאָנען פון דעם באַשרייבונג יאָ עפּעס אָפּלערנען: ראשית כל, גיט מען אונדז אַ בילד, ווי דער קאָזשעניצער מגיד האָט אויסגעזען, ווי אַזוי ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן און והשנית, מוז זיין געדרונגען, אַז דער פּוילישער פירשט טשאַרטאָריסקי איז גאָר נישט געווען באַפריינדעט מיט דעם קאָזשעניצער מגיד, ווי די חסידישע לעגענדע שטעלט דאָס פאָר. ווען יאָ, לייגט זיך נישט אויפן שכל, אַז דער פירשט זאָל טראַכטן, אַז דער קאָזשעניצער מגיד פאַרשטייט נישט קיין פויליש און ער הויבט מיט אים דערפאַר אָן צו רעדן דייטש. אויב דער פירשט וואָלט גוט געקענט דעם

קאָזשעניצער מגיד, וואָלט ער זיכער געוואוסט, אַז דער קאָזשעניצער מגיד האָט פאַרשטאַנען פּויליש. דערצו איז שווער צו גלויבן, אַז דער פירשט טשאַרטאָריסקי זאָל האָבן געקאָנט אַזוי גוט העברעאיש, אַז ער האָט געפּרוּווט רעדן העברעאיש מיט דעם קאָזשעניצער מגיד, ווי דער פּוילישער אָפּיציר שרייבט. עס קאָן מעגלעך זיין, אַז דער פירשט האָט געוואָלט אויסגעפינען ביים קאָזשעניצער מגיד, ווער דער גנב איז, און ער האָט מיט אים געוואָלט רעדן אויף אַזאַ שפּראַך, אַז דער פּוילישער אָפּיציר און זיינע אַנדערע מענטשן זאָלן נישט פאַרשטיין, אָבער דער קאָזשעניצער מגיד האָט געהאַלטן דעם סוד, וואָס ער האָט צוגעזאָגט דעם פּוילישן פאָסט-באַאַמטן, און ער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן, כאָטש דאָס האָט פון אים פאַרלאַנגט אַזאַ אדם-חשוב ווי אַ פּוילישער פירשט.

אינטערעסאַנט איז, אַז די דאָזיקע מעשה האָט אויך אַן אָפּקלאַנג אין דער חסידישער מעשה-ליטעראַטור (דאָס באַווייזט ווידער אַמאָל, אַז מען דאַרף נישט אַוועקמאַכן אַלע חסידישע מעשיות. וואָלטן מיר נישט געפונען קיין ענלעכע מעשה באַשריבן פון אַ פּוילישן אָפּיציר, וואָלטן מיר געווען געזאָגט, אַז דאָס איז אַ פאַנטאַזיע פון אַ חסיד, וואָס האָט געוואָלט גרויס מאַכן דעם קאָזשעניצער מגיד). און אָט ווי דער חסידישער נוסח גייט (געבראַכט אין „עשר אורות", זייט 76) ...„דער קצין ר' שלמה קאָנסקיוואָלי, פלעגט האַנדלען מיט וועלדער פון דער פירשט טשאַרטאָריסקי. איינמאָל האָט ער געבראַכט פעסלעך גאָלדענע רענדלעך פון פּאַריז קיין פּילעוו (פּולאַווע). האָבן אים געפעלט צוויי פעסלעך. האָט דער פירשט פאַרלאַנגט, אַז ר' שלמה זאָל מיט אים פאָרן צום קאָזשעניצער מגיד. האָט דער קאָזשעניצער מגיד געזאָגט צום פירשט: „איך בין שוואַך, איך ליג אין בעט און איך האָב עס נישט געגנבעט".

דערויף האָט דער פירשט געענטפערט: „דאָס האָב איך געוואוסט, אָבער איך ווייס, אַז מיט דיין תפילה וועט מען מיר צוריקגעבן די גנבה". האָט דער קאָזשעניצער מגיד געזאָגט: „אויב איר וועט מיר צוזאָגן, אַז איר וועט מיך נישט פרעגן פון וואַנען איך האָב דאָס געלט גענומען, וועט די גניבה צוריקגעבראַכט ווערן..."

און דורך דער תפילה פון קאָזשעניצער מגיד איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקה צווישן די גנבים און דעם בעל-העגלה און זיי זיינען געפאָרן צום קאָזשעניצער מגיד זיך אויסגלייכן, האָט דער קאָזשעניצער מגיד זיי איבערגערעדט זיי זאָלן צוריק אָפּגעבן די גניבה און זיי האָבן אַזוי געטאָן..."

די חסידישע לעגענדע דערציילט אויך, אַז איינמאָל האָט דער

פירשט אַדאַם טשאַרטאָריסקי געלויבט דעם קאָזשעניצער מגיד פאַר זיין ברודער. האָט דער ברודער אים אויסגעלאַכט און האָט אים געזאָגט: „וואָרט, דו וועסט זען ווי איך וועל אָפּנאַרן דיין „ראַבין", איך וועל צו אים אַריינפאָרן און איך וועל אים בעטן ער זאָל זיך „מאָדליען" (מתפלל זיין) פאַר מיין קינד, וואָס איז מכלומרשט קראַנק, וועסטו זען ווי ער וועט נישט וויסן, אַז איך נאַר אים אָפּ..."

די צוויי ברידער האָבן זיך געוועט אין אַ גרויסן געוועט, צי מען וועט קאָנען אָפּנאַרן דעם קאָזשעניצער מגיד — צי ניט. דער ברודער פון פירשט טשאַרטאָריסקי איז גלייך אַריינגעפאָרן צום קאָזשעניצער מגיד, און האָט אים געגעבן אַ פּדיון און אים געבעטן, ער זאָל מתפלל זיין פאַר זיין קינד, וואָס איז געפערלעך קראַנק.

דער מגיד האָט אויסגעהערט, וואָס דער ברודער פון פירשט האָט צו אים געזאָגט, און ער האָט אים געענטפערט מיט אַ שמייכל: „פאָר טאַקע גלייך אַהיים, ווייל דיין קינד האַלט ביים שטאַרבן, דו וועסט אים אפשר נאָך קאָנען זען פאַר זיין טויט".

דער ברודער פון פירשט איז אַרויס פון מגידס הויז און ער האָט זיך צעלאַכט אויף אַ קול:

„נו, זעסטו שוין ווי מען קאָן דיין ראַבין אָפּנאַרן? איצט האָסטו ניט בלויז באַוויזן וואָס פאַר אַ נאַר דו ביסט געווען, נאָר דו האָסט אויך פאַרלוירן דאָס גוט, וואָס דו האָסט איינגעשטעלט אין געוועט..."

דער פירשט, וואָס האָט געהאַלטן פון קאָזשעניצער מגיד, האָט אים געעצהט ער זאָל וואָס שנעלער אַהיימפאָרן. „אַז דער „ראַבין" זאָגט, דאַרף מען אים גלויבן! פאָר פריער אַהיים און דערנאָך וועל איך איבערשרייבן דאָס גוט אויף דיין נאָמען, אויב עס וועט זיך אַרויס־שטעלן, אַז דער „ראַבין" האָט טאַקע גאָר ניט געוואוסט!..."

אָבער דער ברודער זיינער האָט זיך ניט אַזוי שטאַרק געאיילט אַהיימצופאָרן, און ווען ער איז אין אַ פאָר טעג אַרום אַהיימגעקומען, האָט מען אים אויסגעזאָגט אין זיין פּאַלאַץ די טרויעריקע בשורה, אַז זיין קינד איז מיט עטלעכע טעג צוריק קראַנק געוואָרן און גלייך גע־שטאָרבן...

ווי עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעשטעלט, לאָזט אויס די חסידישע לעגענדע, איז דאָס קינד געשטאָרבן אין דעם זעלבן טאָג, ווען דעם פירשטס ברודער איז געווען ביי דעם קאָזשעניצער מגיד, און ווען דער קאָזשעניצער מגיד האָט אים געעצהט ער זאָל גלייך אַהיימפאָרן, ווייל אָפשר וועט ער נאָך קאָנען זען דאָס קינד לעבעדיק...

און דער ברודער זיינער, דער גראַף טשאַרטאָריסקי, האָט געוואוינט אַ גוט ביי זיין ברודער...

* * *

דער קאָזשעניצער מגיד האָט נישט געהאַט קיין געהויבענע מיינונג וועגן דעם פירשט טשאַרטאָריסקי, דאָס קאָן מען זען פון דער פאָלגענ־דיקער חסידישער מעשה, וואָס ווערט געבראַכט אין ספר „התגלות הצדיקים”, פון ראָזענטאַל, וואַרשע (עס פעלט דאָס יאָר פון דרוק, זייט 8. די זעלבע מעשה איז אויך באַארבעט געוואָרן פון משה פיינקינד אין זיין בוך „גוטע יידן אין פוילן”, וואַרשע, 1936, זייט 159), און עס ווערט דערציילט, אַז איינמאָל, ערב יום־כפור פאַרנאַכט, ווען דער קאָזשעניצער מגיד האָט געדאַרפט זאָגן פאַרן עמוד „כל נדרי”, ווי זיין סדר איז געווען, האָט ער זיך שטאַרק צעוויינט. דערנאָך האָט ער געפרעגט די חסידים, צי עס איז ווער דאָ פון פילעוו, האָט זיך איינער אָנגערופן, אַז ער איז פון אַ דאָרף נעבן פילעוו. האָט דער מגיד אים געפרעגט, צי ער ווייסט עפּעס וועגן דער הונט פון פירשט טשאַרטאָריסקי. האָט דער דאָרפס־ייד געענטפערט, אַז „יאָ”. און דער דאָרפס־ייד האָט דער־ציילט ווי גרויס דער הונט איז און אַז דער פירשט האָט פאַר דעם הונט באַצאָלט טויזנט אַכט הונדערט רענדלעך, אַז ער האָט פאַר אים אויס־געבויט אַ הייזל און ער האָט מאכל ומשקה געווען דעם הונט פון די בעסטע מאכלים, אָבער איינמאָל האָט זיך דער הונט פאַרזינדיקט, ער האָט געכאַפּט אַ שטיק פלייש אין דעם רשות פון בעל הבית. האָט אים דער פירשט פאַרטריבן.

און ווי דער קאָזשעניצער מגיד האָט דאָס דערהערט, האָט זיין פּנים אויפגעשיינט און ער האָט אָנגעהויבן צו זאָגן „כל נדרי”.

מוצאי יום־כפור זיינען די חסידים אַריין צום קאָזשעניצער מגיד און האָבן אים געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט געדאַרפט וויסן פאַר „כל נדרי” וועגן דעם פירשט טשאַרטאָריסקיס הונט. האָט דער קאָזשעניצער מגיד זיי דערציילט, אַז אין הימל איז געווען ערב יום־כפור אַ גרויסער רעש, דער שטן האָט מקטרג געווען אויף די יידן צוליב דעם, וואָס דער פירשט טשאַרטאָריסקי האָט געגעבן אַ גרויסע נדבה אַ יידן און די מעשה איז אַזוי געווען: אַ ייד אַן אָרעמאַן פון מיעכאָוו, ביי קראָקע, איז געגאַנגען איבער דער מדינה קלייבן געלט פאַר אַ נדן פאַר זיין טאָכטער. דער ייד איז געווען אַ שעמעוודיקער און ער האָט ווייניק צונויפגעזאַמלט.

איינמאָל האָט דער ייד זיך געזעצט אויף אַ שטיין, אינמיטן וועג,

און ער האָט זיך שטאַרק צעוויינט אויף זיין ביטערן מזל, איז צופעליק דורכגעפאָרן דער פירשט טשאַרטאָריסקי אין זיין קאַרעטע. האָט דער פירשט אים געפרעגט: „וואָס וויינסטו?" האָט דער ייד דערציילט וועגן זיין גרויסן צער. האָט דער פירשט רחמנות באַקומען אויף דעם אָרעמאַן יידן און ער האָט אַרויסגענומען אַ וועקסל אויף הונדערט רענדלעך און האָט עס געגעבן דעם אָרעמען יידן.

איז גלייך געוואָרן אַ גרויסער רעש אין הימל, אַז די יידן אין פוילן ווילן נישט געבן אַלע צוזאַמען דעם אָרעמען יידן, וואָס דער פוילישער פירשט אַליין האָט אים געגעבן. האָט דאָס דערפילט דער קאָזשעניצער מגיד און ער האָט געוואָלט ממתיק זיין די דינים, האָט ער געהייסן דעם דאָרפס־ייד, פון נעבען פּילעוו, ער זאָל דערציילן ווי דער פירשט טשאַרטאָריסקי איז אַן אויסברענגער, אַז פאַר אַ הונט האָט ער באַצאָלט טויזנט און אַכט הונדערט רענדלעך און אַז ביים גראַף איז געלט בלאָטע, אָבער די יידן אין פוילן זיינען אַליין אָרעמעלייט און יעדע פּרוטה, וואָס זיי גיבן צדקה, איז דעריבער מער חשוב ווי די הונדערטער רענדלעך, וואָס דער פירשט טשאַרטאָריסקי וואַרפט אַוועק. אַזוי אַרום האָט דער קאָזשעניצער מגיד מלמד זכות געווען אויף די יידן. דעריבער האָט ער דערנאָך געקאָנט אָנהויבן זאָגן „כל נדרי"...

וועגן קאָזשעניצער מגיד געפינען מיר אויך אין די „מעמואַרן" פון אַנאַ פּאָטאָצקאַ (געבוירן אין יאָר 1776, געשטאָרבן אין יאָר 1867), וואָס זיינען געשריבן אין פראַנצויזיש. אין די דאָזיקע מעמואַרן דער־ציילט אַנאַ פּאָטאָצקאַ, אַז אַ גרויסער שוועדישער אַסטראָלאָג, אַ גרויסער חשוב אין די פירשטלעכע הויפן און פוילן, באַזונדערס ביים גראַף פּאָניאַטאָווסקי, איז ספּעציעל אַמאָל געקומען פון שוועדן צום באַרימטן „ראַבין" פון קאָזשעניץ, כדי מיט אים צו האָבן אַ שמועס וועגן שווערע אַסטראָלאָגישע פראַגעס...

דער קאָזשעניצער מגיד פלעגט באַקומען אַ סך טייערע מתנות פון די פוילישע פּריצים, וואָס זיינען דערנאָך צעטיילט געוואָרן צווישן די קינדער. אין די רביאישע הויפן ביי די אייניקלעך פון קאָזשעניצער מגיד, האָבן זיך געפונען אַ סך אַנטיק־זאַכן, וואָס האָבן אָפּגעשטאַמט פון קאָזשעניצער מגיד.

אַזוי איז אין הויז פון מיין פאָטער, זכרונו לברכה, וועלכער איז גע־ווען פון קאָזשעניצער מגידס גזע, געווען אַ וואַנט־זייגער, וואָס מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַן אַנטיק. דער דאָזיקער זייגער האָט געשטאַמט פון קאָזשעניצער מגיד. דער זייגער איז געשטאַנען אויף צוויי מאַר־מאָרנע זיילן, ווי אַ טויער, און אַרום דעם זייגער אין דער הויך, איז

געוועז אין אַ גלאָז וואַסער מיט קינסטלעכע פישעלעך. יעדע שעה האָט דער זייגער אויסגעשפּילט אַ „קראַקאָוויאַק” און אַנדערע אַלטע פּוילישע לידלעך. דער זייגער האָט געהאַט אַ מעכאַניזם, אַ וואַלץ מיט ציינדלעך און אַ קאַם. די ציינדלעך פון וואַלץ זיינען געווען אַזוי אויס־געשטעלט, אַז ווען זיי האָבן זיך געדרייט אַרום דעם קאַם, האָט דער קאַם אויסגעשפּילט אַ פּויליש לידל.

דער דאָזיקער טייערער זייגער איז געווען ביי אונדז אין הויף ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה. ווען מיין פאָטער, זכרונו לברכה, איז מיט זיין גאַנץ בני־בית און גבאים אַוועק קיין וויען, האָט ער איבערגעלאָזט דעם הויף אויף הפקר.

קיין זשאַבנע זיינען דערנאָך אָנגעקומען אונגאַרישע הוסאַרן שיצן די שטאָט. אין הויף איז געוואָרן איינקוואַרטירט אַן אונגאַרישער אָפיציר. און ווען ער האָט דערזען די פאַרשידענע טייערע חפצים, וואָס זיינען פאַראַן אין הויז, האָט ער זיי אַלע איינגעפּאַקט און זיי אָפּגעשיקט צו זיך אַהיים. ער איז נאָך געווען אַזוי „נאָבעלדיק”, אַז ער האָט איבער־געלאָזט זיין וויזיט־קאַרטע ביי איינעם אַ חסיד פון שטעטל, אויף וועלכער ער האָט געשריבן, אַז ער נעמט צו די אַלע זאַכן, ווייל ער וויל ניט, אַז זיי זאָלן אַריינפאַלן אין די הענט פון די רוסן. די רוסן זיינען דערנאָך אַריין אין שטעטל און געמאַכט אַ חורבן פון גאַנצן הויף.

ביי אונדז אין הויז איז אויך געווען אַ קליין זילבערן פּושקעלע, וואָס מען האָט געהאַלטן צו שמעקן בשמים. דאָס פּושקעלע האָט אָפּגעשטאַמט, האָט מען געזאָגט, פון קאָזשעניצער מגיד. דאָס זילבערנע פּושקעלע האָט מיין פאָטער, זכרונו לברכה, תמיד באַנוצט צו שמעקן בשמים ביי הבדלה. דעריבער האָט ער עס מיטגענומען מיט זיך, ווען מען איז אַנט־לאָפן קיין ווין. אַזוי אַרום איז עס אָפּגעהיט געוואָרן, עס זאָל נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון דעם אונגאַרישן אָפיציר, און דערנאָך איז עס אַריבערגעגאַנגען בירושה צו מיר. אין מיין רשות איז אויך פאַראַן אַ זילבערן חנוכה־לעמפּל אין דער פאָרם פון אַן אָרון־קודש, וואָס שטאַמט אָפּ פון קאָזשעניצער מגיד און ווערט באַטראַכט פאַר אַן אַנטיק־זאַך.

## קאַפּיטל ט

# דער קאָזשעניצער מגיד און דער פּוילישער אויפשטאַנד פון יאָר 1794

דער גביר שמואל זביטקאָווער האָט געראַטעוועט די יידן פון פּראַגע בעת דעם אויפשטאַנד. — די רייכע קאָזשעניצער חסידים, וואָס זיינען געווען אַריינגייער אין פּוילישן קעניגלעכן הויף. — הורך זיי האָט דער קאָזשעניצער מגיד זיך דערוואוסט וועגן די גזירות וואָס די רעגירונג פּלאַנט אַרויסצוגעבן אויף יידן און ער האָט זיי אָפּגעשריגן. — דאָס „מלאכים ניגונדל״, וואָס דער קאָזשעניצער מגיד האָט געהערט זינגען. — דער קאָזשעניצער מגיד שטיצט דעם אַלטן יידישן ישוב אין ארץ ישראל.

דער קאָזשעניצער מגיד האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף די פּוילישע רעגירונגס־קרייזן און אויפן הויף פון פּוילישן קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט.

די הויכע פּוילישע רעגירונגס־באַאַמטע האָבן געוואוסט פון קאָזשעניצער מגיד, אַ דאַנק דעם, וואָס צווישן קאָזשעניצער מגידס חסידים, האָבן זיך געפונען עטלעכע גאָר גרויסע יידישע גבירים, ווי ר׳ יוזפאַ מאַנדעלסבערג פון קוזמיר, שמואל זביטקאָווער און בערקאַ בערגסאָן און זיין ווייב טעמערל, וועלכע זיינען געווען אַריינגייער אין פּוילישן קעניגלעכן הויף.

דער גביר ר׳ יוזפאַ איז געבוירן געוואָרן אין אָפּט און ער איז געווען אַ יוגנט־חבר פון קאָזשעניצער מגיד. זיי האָבן ביידע געלערנט אין דער ישיבה פון רבין ר׳ שמעלקע, וועלכער איז געווען דעמאָלט רב אין ריטשעוואל און דערנאָך איז ער געוואָרן רב אין ניקלשבורג.

ר׳ יוזפאַ האָט זיך דערנאָך באַזעצט אין יוזעפאָוו, אין לובלינער קרייז און האָט געהאַנדלט מיט וועלדער, ער האָט עקספּאָרטירט האָלץ

פון פוילן דורך דאַנציג קיין אויסלאַנד. ער האָט געהאַט דעם רעגירונגס מאָנאָפּאָל אויף אַלע זאַלץ־גרובנס, וואָס פוילן האָט פאַרמאָגט. אַ פינף הונדערט משפחות האָבן געאַרבעט אין זיינע פאַרשידענע אונטערנע־מונגען; ער איז געווען אַזאַ אדם־חשוב אין פוילן, אַז דער פוילישער קעניג פּאָניאַטאָווסקי האָט אים געגעבן צוויי מעדאַלן אַלס אויסדרוק פון אָנערקענונג פאַר דער גוטסקייט, וואָס ער האָט געטאָן פאַר פוילן.

דער יידישער גביר ר׳ יוזפא האָט זיך אויף זיינע עלטערע יאָרן באַזעצט אין קוזמיר. דאָרט האָט ער עוסק געווען אין לערנען און ער האָט געגומען איידעמס גרויסע עילויים פון פוילן. איינער פון זיינע איידעמס איז געווען ר׳ משולם זלמן אשכנזי, דער אב־בית־דין אין לובלין.

דורך דעם יידישן גביר ר׳ יוזפא, האָט דער קאָזשעניצער מגיד זיך געקאָנט דערוויסן, וואָס עס קומט פאָר אין די פוילישע רעגירונגס־קרייזן, וואָס פאַר אַ נייע גזירות די מלוכה פּלאַנט אַרויסצוגעבן אויף יידן און ער האָט זיך באַמיט דורך זיין השפעה אין פוילישן הויף די גזירות מבטל צו מאַכן.

דער צווייטער רייכער חסיד פון קאָזשעניצער מגיד איז געווען שמואל זביטקאָווער פון פּראַגע־וואַרשע, וועלכער איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר דעם גרעסטן יידישן גביר אין פוילן. ער איז געווען אַ סוחר פון בהמות און פעלן. געהאַט אַ סך פאַבריקן און ער איז געווען דער צו־שטעלער פון פּראָוויאַנט פאַר דעם פוילישן מיליטער. דערצו נאָך איז ער געווען דער האַנדלס־פאַרמיטלער צווישן דעם קעניג פרידריך פון פרייסן און דעם קעניג פּאָניאַטאָווסקי פון פוילן.

לויט ווי דער קדוש דר. ע. רינגעלבלום האָט געשריבן אין „ציון״ (שנה ג׳, ספר ג׳) וועגן שמואל זביטקאָווער, האָט שמואל זביטקאָווער אין זיינע יונגע יאָרן געבויט אַ שול און אַ מקוה, און ער האָט געגרינדעט דעם בית הקברות אין פּראַגע, ביי וואַרשע.

שמואל זביטקאָווער איז אַריין אין דער יידישער געשיכטע צוליב דער לעגענדע, וואָס איז פאַרשפּרייט אין גאַנץ פוילן, ווי אַזוי ער האָט געראַטעוועט די יידישע קהילה בעת דעם קאָסטשושקאָ־אויפשטאַנד פון יאָר 1794.

די וואַרשעווער יידן האָבן דעמאָלט געקעמפט ווי העלדן פאַר פוילנס באַפרייאונג צוזאַמען מיט דעם פוילישן מיליטער, אונטער דער קאָמאַנדע פון בערעק יאָסעלעוויטש, וועלכער האָט געגרינדעט אַ יידישן באַטאַליאָן צו פאַרטיידיקן די שטאָט.

ביי פּראַגע האָט זיך צעפלאַקערט אַ גרויסע שלאַכט צווישן דעם

רוסישן מיליטער אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל סואוואָראָוו און דעם פּוילישן מיליטער, און כאָטש דאָס פּוילישע מיליטער צוזאַמען מיט דעם יידישן באַטאַליאָן האָבן געקעמפט ווי לייבן, האָט געזיגט דאָס רוסישן מיליטער. אַ פּופצן טויזנט פּוילישע סאָלדאַטן, צוזאַמען מיט אַן אַכט הונדערט יידן פון יידישן באַטאַליאָן זיינען דעמאָלט געפאַלן אין שלאַכט.

און די לעגענדע דערציילט, אַז ווען די רוסישע קאָזאַקן האָבן זיך אַריינגעריסן קיין פּראַגע, האָבן זיי געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף יידן. האָט זיך דעמאָלט אָנגעזעצט שמואל זביטקאָווער צווישן צוויי פעסער געלד, אין איין פאַס האָט ער געהאַט גאָלדענע מטבעות, און אין צווייטן זילבערנע, און ער האָט געלאָזט וויסן די קאָזאַקן, אַז פאַר יעדן לעבעדיקן יידן, וועט דער קאָזאַק באַקומען דריי גילדענע רענדלעך און פאַר יעדן טויטן יידן בלויז איין זילבערנע מטבע.

האָבן זיך די קאָזאַקן באַמיט צו ברענגען צו שמואל זביטקאָווער אין הויף אַריין וואָס מער לעבעדיקע יידן און אויך די אומגעקומענע יידן האָבן די קאָזאַקן צונויפגענומען.

אַזוי אַרום האָט שמואל זביטקאָווער געראַטעוועט דאָס לעבן פון הונדערטער יידן, און די אומגעקומענע קדושים האָט ער געבראַכט צו קבר ישראל.

און די לעגענדע לאָזט אויס, אַז אין דעם זעלבן יאָר איז שמואל זביטקאָווער געשטאָרבן, ווייל אין הימל איז געוואָרן אַ רעש, אַז שמואל זביטקאָווער האָט זיך איינגעקויפט די גאַנצע וועלט מיט דער דאָזיקער מצוה, און ער דאַרף באַקומען גן־עדן. מען האָט אָבער מורא געהאַט, אַז ער וועט ווייטער זינדיקן, האָט מען אים צוגענומען, און ווען שמואל זביטקאָווערס נשמה איז געקומען אין הימל אַריין, זיינען מלאכים אים אַנטקעגן געגאַנגען מיט אַ מאַרש.

דערוואוסט דערפון, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין הימל, דערציילט די חסידישע לעגענדע, האָט מען זיך דורך דעם, וואָס איינמאָל, אין אַ שבת, ווען דער קאָזשעניצער מגיד האָט געדאַוונט שחרית פאַרן עמוד, האָט ער פלוצלינג אָנגעהויבן צו זינגען אויף „אל אדון על כל המעשים" אַ נייעם מאַרש, וואָס די חסידים האָבן דאָס קיינמאָל פריער נישט געהערט. נאָכן דאַוונען האָבן די חסידים געפרעגט דעם קאָזשעניצער מגיד ווער עס האָט אים אויסגעלערנט דעם דאָזיקן מאַרש. דערציילט די חסידישע לעגענדע, אַז דער קאָזשעניצער מגיד זאָל האָבן געענטפערט, אַז ער האָט געהערט דעם דאָזיקן מאַרש זינגען די מלאכים אין הימל, בעת זיי האָבן באַגלייט שמואל זביטקאָווערס נשמה אין גן־עדן, ווייל די איינציקע

מצוה פון ראַטעווען יידן האָט איבערגעוואויגן די וואָגשאָל פון אַלע זיינע עבירות, וואָס ער האָט געטאָן.

מיר גיבן איבער די מעשה אַזוי ווי מיר האָבן זי געהערט דער־ציילן אין דעם חסידישן הויף פון מיינע עלטערן, הגם מיר פאַרשטייען, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ לעגענדע, איז זי אָבער פאַרט כאַראַק־טעריסטיש פאַר דעם קוק פון חסידות אויפן לעבן, אַז מיט ראַטעווען יידן קאָן מען זוכה זיין אַריינצוקומען אין גן־עדן אַריין, כאָטש מען איז נישט געווען קיין אָפּגעהיטענער ייד!...

דער דאָזיקער מאַרש, וואָס דער קאָזשעניצער מגיד האָט דעמאָלט געזונגען, איז דערנאָך געוואָרן אַ „סקאַרבאָווער" ניגון אין די רבישע הויפן פון דער ראָפּשיצער גזע. מען האָט דעם מאַרש געזונגען ראש־השנה אויף „אין קצבה"...

און עס איז כדאי דאָ צו איבערגעבן, אַז איינמאָל, האָט דער רבי ר' יהושעלע דזשיקאָווער, דער זון פון רבין ר' מאירל דזשיקאָווער ווען ער איז נאָך געווען אַ ייִנגל, געפרעגט זיין פאָטער:

„טאַטע, קאָנען די מלאכים אין הימל נישט זינגען קיין שענערן מאַרש?" (דער מאַרש איז אַ טיפּיש־פּוילישער מאַרש).

האָט דער רבי ר' מאירל דזשיקאָווער געענטפערט:

„פאַר שמואל זביטקאָווער איז אַזאַ מאַרש אויך גענוג שיין געווען!"

אויך שמואל זביטקאָווערס זון, בערקא (בער) בערגסאָן (פון אים שטאַמט אָפּ דער גרויסער פראַנצויזישער פילאָזאָף אַנרי בערגסאָן) איז געווען אַ גרויסער גביר. ער איז געווען אַ רעגירונגס־אונטערנעמער.

בערקא בערגסאָן, צוזאַמען מיט זיין ווייב טעמערל, זיינען געווען שטאַרקע אָנהענגער פון קאָזשעניצער מגיד. טעמערל פלעגט אַ סך אונטערשטיצן די תלמידים פון קאָזשעניצער מגיד און פון „זעהער" (חוזה) פון לובלין. צווישן אירע אָנגעשטעלטע אין אירע האַנדלס־אונטערנעמונגען אין וואַרשע זיינען געווען: דער רבי ר' שמחה בונם פון פּשיסכע און דער רבי ר' יצחק פון וואָרקע (איידער זיי זיינען געוואָרן רביים).

בערקא בערגסאָן האָט גענומען פאַר אַן איידעם ר' ישכר בער האָראָוויץ, וועלכער איז געווען אַן אייניקל פון רבין ר' שמעלקע פון ניקלשבורג. צו דער חתונה איז פאַרבעטן געוואָרן דער קאָזשעניצער מגיד צו קומען קיין וואַרשע. די חתונה איז געפּראַוועט געוואָרן מיט גרויס פּראַכט, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַ גביר. צוליב דעם וואָס דער קאָזשעניצער מגיד איז געקומען צו דער חתונה, זיינען אַ סך חסידים געקומען צופאָרן קיין וואַרשע.

און די חסידישע לעגענדע דערציילט, אַז דער קאָזשעניצער מגיד האָט זיך פאַרזוימט צו קומען צו דער חופה. ווען מען האָט אים דערנאָך געפרעגט די סיבה, האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט געדאַרפט אַ סך מתקן זיין, כדי די נשמה פון שמואל זביטקאָווער זאָל זיין ראוי זיך צו קאָנען באַהעפטן מיט דער נשמה פון רבין ר׳ שמעלקא...

און דער קאָזשעניצער מגיד האָט געהאַלטן, אַז שמואל זביט־קאָווער האָט תשובה געטאָן, און זיין נשמה איז געליטערט געוואָרן דערמיט, וואָס ער האָט געטאָן איין גרויסע מצווה (ווי מיר האָבן פריער דערציילט). ווייל דאָס איז געווען דער דרך פון קאָזשעניצער מגיד. אין זיינע תורות ווערט נישט איינמאָל געזאָגט, אַז „עס זיינען פאַראַן צוויי אופנים פון תשובה טאָן: איין דרך איז צו פאַסטן און זיך מסגף זיין, און דער צווייטער דרך איז — אַ העכערער: אַז אַפילו דורך עסן און טרינקען קאָן מען קומען צו אמתער תשובה („עבודת ישראל״, פרשת ויגש), ווייל דער עיקר תשובה איז חרטה האָבן, צו האָבן אַזאַ חרטה, וואָס זאָל קומען פון האַרצן (דאָרט, פרשת נח), און „ווען אַפילו אַ מענטש איז געווען אַ רשע, אויב נאָר ער טוט תשובה, דורך אמתער חרטה, קאָן ער געלייטערט ווערן...״ (דאָרט, פרשת פרה).

„יעדער מענטש דאַרף זיין אַן עניו״, האָט דער קאָזשעניצער מגיד געלערנט זיינע חסידים, „און דער אמתער צדיק דאַרף זיין דער גרעסטער עניו און דאַרף אין זינען האָבן דעם כלל״.

דער אמתער צדיק דאַרף געדענקען, אַז די עיקר עבודה זיינע דאַרף זיין „אהבת ישראל״, עניוות און אין זינען האָבן דעם כלל ישראל. (דאָרט, פרשת וישלח).

אָט, דעריבער, האָט דער קאָזשעניצער מגיד זיך אָפּגעגעבן מיט כלל זאַכן, אַפילו מיט פּאָליטיק, כדי צו העלפן די יידן אין פוילן.

* * *

דער קאָזשעניצער מגיד האָט אויך איינגעפלאַנצט אין די הערצער פון זיינע חסידים אַ גרויסע ליבע צו ארץ ישראל. אין זיינע תורות ווערט אָפט דערמאָנט וועגן ביטערן גלות, וועגן דער גאולה, וועגן גאולת הארץ און וועגן גאולת ירושלים.

דער קאָזשעניצער מגיד האָט אָבער נישט גערעדט בלויז וועגן אַ „ירושלים של מעלה״, וואָס דאַרף אויסגעלייזט ווערן און אויסגעבויט ווערן, ווען משיח וועט קומען, נאָר ער האָט אויך געהאָלפן באַפעסטיקן דעם אַלטן יידישן ישוב אין ארץ־ישראל.

אַזוי איז פֿאַראַן אַ בריוו, געחתמעט פֿון קאָזשעניצער מגיד פֿון יאָר (תקנ"ד—1795) אין וועלכן ער רופֿט די יידן אין פּוילן, זיי זאָלן שטיצן דעם חסידישן ישוב אין ארץ־ישראל. דאָס איז געווען נאָכדעם, ווי עס זיינען אָפּגעפֿאָרן אַ גרויסע גרופּע חסידים קיין ארץ־ישראל. דער רבי ר' אברהם פֿון קאַליסק האָט דאַן אַרויסגעשיקט אַ שד"ר (שליחא דרבנן) ר' אפרים פישל פֿון צפת, ער זאָל פֿאָרן צו די רביים אין פּוילן, זיי זאָלן שטיצן דעם חסידישן ישוב אין ארץ־ישראל. דער שד"ר, ר' אפרים פישל, איז געווען ביים רבין ר' מרדכי פֿון נעשכיז, ביים רבין ר' אברהם יהושע העשל פֿון אַפּט, ביים „חוזה" פֿון לובלין און ביים קאָזשעניצער מגיד. אַלע האָבן דעם שד"ר געגעבן המלצה־בריוו, אַז מען זאָל אים געבן געלט פֿאַר דעם יידישן ישוב אין הייליקן לאַנד.

אָט די דאָזיקע בריוו האָבן געלייגט דעם פֿונדאַמענט צו גרינדן דעם „כולל פּוילן" פֿאַר ארץ־ישראל, האָבן מחזק געווען דעם אַלטן יידישן ישוב ביז עס האָט זיך אָנגעהויבן די נייע עליה...

און זאָל דאָ פֿאַרצייכנט ווערן, אַז די אייניקלעך פֿון קאָזשעניצער מגיד זיינען געווען כמעט פֿון די ערשטע רביים פֿון אונדזער דור, וואָס האָבן געהאָלפֿן בויען ארץ־ישראל. די ערשטע צוויי חסידישע קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל זיינען געגרינדעט געוואָרן דורך דעם קאָזשע־ניצער רבינס אייניקלעך; דורך דעם רבין ר' ישראל האָפּשטיין פֿון קאָזשעניץ און דורך דעם רבין ר' יחזקאל טאַוב פֿון יאַבלאָניע. עס איז דעמאָלט געגרינדעט געוואָרן אַ חברה אויפֿן נאָמען פֿון קאָזשעניצער מגידס ספֿר „עבודת ישראל". די דאָזיקע געזעלשאַפֿט האָט געגרינדעט אין ארץ־ישראל צוויי חסידישע קאָלאָניעס: „כפֿר חסידים" און „כפֿר עטא".

אויך דער דראָהאָביטשער רבי, ר' חיים מאיר יחיאל שפּירא, אַן אייניקל פֿון קאָזשעניצער מגיד, איז געווען פֿון די ערשטע רביים נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס האָט זיך באַזעצט מיט זיינע קינדער אין ארץ־ישראל. ער האָט אַפֿילו געוואָלט גרינדן אַן איינבינדער קאָ־אָפּעראַטיוו אין ירושלים.

אין ירושלים האָט אויך געוואוינט דעם קאָזשעניצער מגידס אייניקל, ר' ישעיה שפּירא, וועלכער איז געווען אַ ציוניסטישער עסקן.

אָט אַזוי האָט דעם קאָזשעניצער מגידס תורות וועגן „חיבת הארץ", משפּיע געווען אויף זיינע אייניקלעך און זיי זיינען אַליין געוואָרן „חלוצים", פֿון נייעם ישוב אין ארץ־ישראל.

## קאַפּיטל י

# די פּטירה פון קאָזשעניצער מגיד

זיין קאַמף קעגן נאַפּאָלעאָנען. — חסידישע מעשיות, וואָס ווערן וועגן דעם דערציילט. — זיינע קינדער: דער רבי ר׳ משה און זיין טאָכטער פּערעלע די רביצין. — דער „שרף" פון מאָגעלניצע. — די גראָדזיסקער דינאַסטיע.

די פּטירה פון קאָזשעניצער מגיד איז אַרומגעקראַנצט געוואָרן מיט פאַרשידענע לעגענדעס.

די חסידישע לעגענדע האָט געשטעלט דעם קאָזשעניצער מגיד צוזאַמען מיט דעם „חוזה" פון לובלין און דעם רבין ר׳ מענדעלע פון רימענאָוו אַלס אָנפירער פון דער מלחמה צווישן נאַפּאָלעאָן און רוסלאַנד. דער קאָזשעניצער מגיד, צוזאַמען מיטן „חוזה" פון לובלין זיינען געווען קעגן נאַפּאָלעאָן, און דער רבי ר׳ מענדעלע פון רימענאָוו איז געווען פאַר נאַפּאָלעאָנען.

די חסידישע לעגענדע דערציילט אַז דער רבי ר׳ נפתלי צבי פון ראָפּשיץ איז געווען דער, וואָס האָט משפיע געווען אויפן קאָזשעניצער מגיד, ער זאָל ווערן אַ קעגנער פון נאַפּאָלעאָנען. איינמאָל איז דער ראָפּשיצער רבי געקומען קיין קאָזשעניץ אויף שבת. ער האָט זיך פריטיק אַריינגעלייגט אין קאָזשעניצער מגידס בעט און האָט זיך נישט געוואָלט אויפהייבן, ביז דער קאָזשעניצער מגיד וועט אים צוזאָגן אַז ער וועט מתפלל זיין אויף נאַפּאָלעאָנס מפלה. און דער קאָזשעניצער מגיד האָט מסכים געווען. שבת אין דער פרי ביים לייענען די פּרשה יתרו „נבל תבל (שמות י״ח, י״ז) האָט דער קאָזשעניצער מגיד געלייענט „נפוליון תפול" (נאַפּאָלעאָן וועט פאַלן) און פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהייבן נאַפּאָלעאָנס מפּלות אויפן רוסישן פראָנט.

אַן אַנדער חסידישע לעגענדע דערציילט אַז דער קאָזשעניצער מגיד האָט פּורים ביים לייענען די מגילה „נפול תפול" געלייענט נאַפּאָלעאָן תפול (ע. נ. פרנק: „יהודי פולין בימי מלחמות נפוליון", זייט 51).

אין „עשר אורות״ (זייט 74) ווערט אויך געבראַכט אַ מעשה, אַז ווען נאַפּאָלעאָן האָט דערזען אַז עס הייבט אים אָן צו גיין שלעכט, ווייל דער קאָזשעניצער מגיד איז קעגן אים, האָט זיך נאַפּאָלעאָן פאַרשטעלט פאַר אַ פּויער וואָס פאַרקויפט הינער און ער איז אַוועק צו דער קאָזשעניצער רביצין איר פאַרקויפן אַן עוף און אַזוי אַרום האָט ער געהאַפּט, וועט ער משפיע זיין אויפן קאָזשעניצער מגיד, ער זאָל האַלטן מיט אים, אָבער דער קאָזשעניצער מגיד האָט אים דער־קענט. נאַפּאָלעאָן האָט אַראָפּגענומען די מאַסקע, וואָס ער האָט געטראָגן אויפן פּנים און ער האָט געפרעגט דעם קאָזשעניצער מגיד צי ער וועט געווינען די מלחמה. דער מגיד האָט אים געענטפערט אַז ער וועט פאַרלירן און ער האָט אים געגעבן סימנים פון זיין מפּלה.

די חסידישע לעגענדע דערציילט אויך אַז ווען דער פּוילישער מאַרשאַל יוזעף פּאָניאַטאָווסקי איז דורכגעגאַנגען מיט זיין אַרמיי דורך קאָזשעניץ צו העלפן נאַפּאָלעאָנען קעגן רוסלאַנד, איז די גאַנצע שטאָט מיטן מגיד בראש אים אַנטקעגנגעגאַנגען. ווען מאַרשאַל פּאָניאַטאָווסקי האָט געפרעגט דעם מגיד, צי ער וועט געווינען די מלחמה, האָט דער מגיד געגעבן אַ קרעכץ און געענטפערט „ניין״. און ער האָט דערנאָך געזאָגט צו זיינע חסידים: „אַ שאָד״ אַזאַ מענטש, וואָס געהער צו די חסידי אומות העולם ווייל ער האָט באַפרייט די יידן צו דינען אין מיליטער, און ער וועט מער נישט אַהיימקומען און שטאַרבן אויף זיין בעט״ („עשר אורות״, זייט 76).

דער קאַמף וואָס דער קאָזשעניצער מגיד האָט געפירט אין הימל קעגן נאַפּאָלעאָנען — דערציילט די חסידישע לעגענדע — האָט אים זייער אָפּגעשוואַכט, אַזוי אַז ער פלעגט שוין גאַנצע טעג ליגן אין בעט און גאָר נישט עסן. ער האָט וועגן זיין קראַנקהייט מודיע געווען דעם „חוזה״ פון לובלין און דער "חוזה״ האָט אים באַפוילן ער זאָל זיך שטאַרקן און דער „יוד הקדוש״ האָט אים געשיקט צוויי מנגנים פון זיינע שענסטע חסידים, זיי זאָלן פאַר אים שפּילן און זינגען, כדי אים צו שטאַרקן. דער מגיד האָט זיך זייער געפרייט מיט די מנגנים און האָט געדאַנקט דעם „יוד הקדוש״, וואָס ער האָט אים אַריינגעפירט אין „עולם הנגינה״ וואָס מיט זייערע נייע ניגונים, וואָס זיי האָבן געזונגען פּרייטיק־צו־נאַכט האָבן זיי אים מחיה געווען (נפלאות היהודי, זייט 59).

דער קאָזשעניצער מגיד איז וואָס אַמאָל אַלץ קראַנקער געוואָרן. אין אַ בריוו צום רבין ר׳ ישראל פון פּיקאָוו, דעם זון פון ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער, האָט דער קאָזשעניצער מגיד געשריבן, אַז ער זאָל

פאַר אים מתפלל זיין און ער זאָל בעטן די חסידים זיי זאָלן גיין אויפן קבר פון זיין פאָטער פאַר אים מתפלל צו זיין. („שפתי צדיק", זייט 13, אויספירלעכער אין „המגיד מקוזניץ" זייט 100—101).

און אין יאָר תקע"ה (1815), אין דעם יאָר ווען דער „חוזה" פון לובלין האָט געוואָלט ברענגען די גאולה שמחת תורה ביי די הקפות, מיט דער הילף פון קאָזשעניצער מגיד (אויספירלעכער וועגן דעם אין מיין בוך „פשיסכע און קאָצק", זייט 51—61), האָט מען אין הימל נישט צוגעלאָזט דערצו, און ערב סוכות, י"ד תשרי איז דער קאָזשעניצער מגיד נפטר געוואָרן.

אויף זיין קבר איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַן „אוהל" און טויזנטער חסידים פלעגן אויף דער יאָרצייט קומען קיין קאָזשעניץ מתפלל זיין אויפן קבר. אָט איז דער נוסח פון דער מצבה:

„עטרת תפארת ישראל

הוא הגבר הוקם על בימיו נראה פועל

אל צדקת ה' עושה ומשפטיו עם ישראל

תורת אמת בפיהו ורבים השיב מעון

עובד ד' מעודו, והארץ האירה מכבודו

הוא כבוד אדמו"ר הגאון החסיד איש

אלהים המפורסם, מופת הדור איש חי

רב פעלים אוהב את המקום אוהב י ש ר א ל

במהו"ר שבתי זצלה"ה. זה זכרו לדור

דור צדיק ומ"מ דקוזיניץ

נפטר בערב חג הסוכות שנת גאל ישראל".

* * *

נאָך דער פּטירה פון קאָזשעניצער מגיד איז זיין זון ר׳ משה אליקום בריעה געוואָרן רבי. די שטאָט־יידן האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ פּשוטן מענטש און האָט אים געוואָלט מאַכן פאַר אַ חזן, ווייל ער איז נישט געווען אַזאַ גאון ווי זיין פאָטער. מען האָט אים גערופן דער „תהלים־זאָגער״, אָבער די חסידישע לעגענדע דערציילט אַז דער „חוזה״ פון לובלין האָט געהייסן אים מאַכן פאַר אַ רבין. ער האָט אויף אים גע־טייטשט דעם פּסוק „ויהי בנסוע הארון״ — (ווען דער ארון־קודש — געמיינט דעם קאָזשעניצער מגיד — ציט אַוועק) — ויאמר משה״ (במדבר י׳, ל״ה) זאָל משה ווערן רבי״.

דער רבי ר׳ משה האָט מחבר געווען די ספרים: „דעת משה״, „באר משה״ און אַנדערע ספרים.

דער רבי ר׳ משה איז געווען אַן איידעם פון ר׳ יהודה לייב הכהן דער מחבר פון „אור הגנוז״, איינער פון די תלמידים פון רבין ר׳ דוב־בער פון מעזריטש. נאָכדעם ווי ר׳ משהס ערשטע פרוי איז געשטאָרבן האָט ער גענומען פאַר אַ ווייב די טאָכטער פון רבין ר׳ אלעזר פון ליזשענסק, אַ זון פון רבין ר׳ אלימלך פון ליזשענסק.

דער רבי ר׳ משה איז נפטר געוואָרן אין יאָר תקפ״ה (1825) און זיין זון ר׳ אלעזר איז געוואָרן רבי אין קאָזשעניץ, וואָס פון אים האָט זיך צעשפּרייט די קאָזשעניצער דינאַסטיע.

דער קאָזשעניצער מגיד האָט געהאַט אַ טאָכטער פּערעלע. זי איז געווען אַ רביצין וואָס האָט גענומען קוויטלעך ביי חסידים. איר מאַן, ר׳ אביעזר זעליג שפּיראָ, האָט געשטאַמט פון גרויסן יחוס. ער איז געווען רב אין גריניץ. דער קאָזשעניצער מגיד, דערציילט די חסידישע לעגענדע, האָט אים אָנגעזאָגט ער זאָל נישט ווערן קיין רבי.

דער קאָזשעניצער מגיד האָט זיך אָבער געשפּיגלט אין זיין טאָכטער פּערעלע, ער פלעגט זי מיטנעמען, נאָך אַלץ קינד, צום רבין ר׳ אלימלך פון ליזשענסק.

פּערעלע האָט די ערשטע יאָרן נאָך דער חתונה קיין קינדער נישט געהאַט. חסידים האָבן זי גערופן „די פרומע פּערעלע״, און זיי האָבן געזאָגט, אַז זי האָט זיך נישט געוואָלט פירן ווי דער סדר איז פון פרויען... האָט דער מגיד פאַר אַ סגולה איר געלאָזט מאַכן אַ פּריצישן „סאַק־פּאַלטאָ״ מיט צוועלף זילבערנע קנעפּ, צו זעקס אין אַ ריי, אַזוי ווי עס איז דעמאָלט געווען די מאָדע ביי די פּריצטעס. די פרומע טאָכ־טער האָט אָנגעטאָן דעם „פּאַרשייטן״ מלבוש און די סגולה האָט גע־האָלפן: זי האָט געבוירן אַ זון, וואָס זי האָט אים אַ נאָמען געגעבן

חיים מאיר יחיאל, און די חסידים האָבן אים דערנאָך גערופן „דער שרף״.

ווען דער „שרף״ איז אונטערגעוואַקסן, האָט מען מיט אים געטאָן אַ שידוך מיטן רבין ר׳ אלימלכס פון ליזשענסק אַן אייניקל, מיט דער טאָכטער פון כמעלניקער רב, ר׳ אליעזר.

דער „שרף״ איז אַלס יינגל געפאָרן צום „חוזה״ פון לובלין, צום אַפּטער רבין, גערופן אויפן נאָמען פון זיין ספר „אוהב ישראל״.

די רביצין פערעלע האָט זיך געפירט „מעשה רבי״. איר פאָטער, דער מגיד, האָט פון איר שטאַרק געהאַלטן. ער פלעגט הייסן זיינע חסידים זיי זאָלן זיך ביי איר מזכיר זיין און איר געבן פדיונות.

די „פרומע פערעלע״ האָט געטראָגן אַ טלית־קטן אונטער איר לאַנ־גער ויידענער „שובע״ און מיט אַ זיידענעם גאַרטל פאַרבונדן. זי האָט זיך יעדן טאָג געטובלט אין דער מקוה, פאַרן דאַווענען; זי האָט געפאַסט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק; זי האָט געדאַוונט איינגעהילט אין אַ גרויסן טלית פון קאָפּ ביז די פיס, און ווי דער קענער פון חסידות אין פוילן, משה פיינקינד, גיט אַן אין זיין בוך „גוטע יודן אין פוילן״ (וואַרשע, 1936, זייט 252), האָט זי אויך געלייגט תפילין, און איר געוויין ביים דאַווענען איז געגאַנגען עד לב השמים...

איר זון, דער מאָגעלניצער רבי, אָדער דער „שרף״, האָט געהאַט אַ גרויסן עולם חסידים און תלמידים, וועלכע זיינען אַליין געווען רביים, ווי ר׳ אליעזר קאָזשעניצער, ר׳ עמנואל פשעדבאָרזשער, ר׳ שלמה ראַדאָמסקער, ר׳ ישראל יצחק ראַדישיצער, ר׳ בעריש וואָלבאָזשער און אַנדערע גוטע יידן.

דער מאָגעלניצער האָט געהאַט צוויי קינדער: ר׳ יעקב יצחק, גערופן ר׳ יעקעלע (ער איז געווען דערנאָך רב אין בלענדאָוו און נאָך דער פּטירה פון מאָגעלניצער רבין געוואָרן זיין ממלא מקומו אין מאָגעלניצע. ער איז נפטר געוואָרן, כ״ד סיון, תרמ״ב (1882), און אַ צווייטן זון, ר׳ אלימלך, וועלכער האָט געגרינדעט די „גראָדזשיסקער דינאַסטיע״.

דער מאָגעלניצער רבי, דער „שרף״, איז נפטר געוואָרן יונגער־הייט, ט״ו אייר, תר״ט (1849), אין וואַרשע און דאָרט געקומען צו קבורה.

דער יתום ר׳ אלימלך האָט זיך אויפגעצויגן ביים רבין ר׳ אליעזר קאָזשעניצער, אויך אַן אייניקל פון קאָזשעניצער מגיד. ווען ר׳ אלימלך

איז אונטערגעוואָקסן, איז ער געוואָרן אַן איידעם פון ריזשינער רבין. ער איז דערנאָך געוואָרן רב אין גראָדזשיסק, און ווען דער רבי ר׳ אליעזר קאָזשעניצער איז נפטר געוואָרן, האָבן די קאָזשעניצער חסידים אים געקרוינט פאַר אַ רבין.

דער רבי ר׳ אלימלך איז געבליבן וואוינען אין גראָדזשיסק און דאָרט איז געשאַפן געוואָרן די גרויסע רבישע דינאַסטיע.

דער רבי ר׳ אלימלך האָט איינגעפירט אין פוילן אַ טייל פון ריזשינער דרך: ער האָט זיך געמישט אין מילי דעלמא, אין כלל־זאַכן ער איז געווען אַ קעגנער פון יעדער מאָדערניזירונג פון דעם חדר, בפרט נאָך ווען די פאָדערונגען פון פאַרוועלטלעכן דעם חדר איז געקומען פון דער צאַרישער רעגירונג, וואָס איר איינציקע כוונה איז געווען: צו רוסיפיצירן די יידן אין פוילן און זיי צו אַסימילירן. ער האָט אָבער געקעמפט מיט די אַלטע יידישע אויסגעפרואוווטע מיטלען — מיט השתדלות...

ווען עס איז אַרויס די „גזירה" פון וואַרשעווער שול־קוראַטאָר און רוסיפיקאַטאָר לאַפוכין, אַז מען זאָל לערנען רוסיש אין די חדרים און תלמוד־תורהס, האָט דער גראָדזשיסקער רבי צונויפגערופן קיין אָטוואָצק אַן אַסיפה פון אַלע פוילישע גוטע יידן און רבנים, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אויך געפונען דער גערער רבי, דער „שפת אמת", דער סאָכאַטשאָווער רבי, דער אַלעקסאַנדערער רבי, דער וואָרקער רבי און אַנדערע רביים און רבנים. אויף דער אסיפה האָט מען צונויפגענומען אַ סומע פון צען טויזנט רובל און מען האָט באַשלאָסן דאָס געלט צו געבן דעם ווייב פון וואַרשעווער גובערנאַטאָר גורקע אַלס אַ מתנה פאַר דעם „רויטן קרייץ", אין וועמעס שפיץ זי איז געשטאַנען, און אַזוי אַרום האָט מען געהאָפט ווען מען די גזירה אָפּשרייען.

אמת, די גזירה האָט מען נישט אָפּגעשריגן, אָבער דאָס השתדלות האָט געפועלט: מען האָט אויפגעהערט צו רודפן אַזוי שטאַרק די מלמדים, וועלכע האָבן נישט איינגעפירט דעם לימוד פון דער רוסישער שפּראַך אין זייערע חדרים...

* * *

דער גראָדזשיסקער רבי האָט געהאַט אַ בן יחיד, ר׳ יחיאל מאיר, ער איז יונגערהייט געשטאָרבן, ער האָט איבערגעלאָזט אַ זון, ר׳ ישראלטשע, וועלכע האָט, זייענדיק עטלעכע און זיבעציק יאָר אַלט, נאָכאַמאָל חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון כענטשינער רבין, ר׳ חיים שמואל שטערנפעלד, וועלכע האָט געהייסן ברכהלע, און זי איז

געווען אַן אלמנה. איר ערשטער מאַן, ר׳ יהושע העשל תאומים פרענקל איז געווען רב אין סאַסעוו.

חסידים דערציילן, אַז צומאָרגנס נאָך דער חופה פון גראָדזשיסקער רבין מיט ברכהלען, האָט איר פֿאָטער, דער כענטשינער, אים געוואונטשן מזל־טוב מיט אַ בן־זכר.

צו ניין חדשים האָט ברכהלע געבוירן אַ זון (ער איז דערנאָך געווען דער פּיאַסעטשנער רבי, ר׳ קלמישל אין וואַרשע, וועלכער איז געווען אַ גרויסער חובב ציון). זי האָט געהאַט אַ צווייטן זון, ר׳ אליהו שפּיראָ.

אָבער נישט לאַנג איז באַשערט געווען דעם אַלטן גראָדזשיסקער רבין זיך צו פרייען מיט די בני זקונימלעך, און ער איז נפטר געוואָרן ערב ראש חודש ניסן, תרנ״ב (1892), זייענדיק אַן ערך פופציק יאָר רבי.

דער גראָדזשיסקער רבי, ר׳ אלימלך, האָט מחבר געווען צוויי חסידישע ספרים: „אמרי אלימלך״ און „דברי אלימלך״.

זיינע תלמידים און מקורבים זיינען געווען די רביים: דער אָסטראָווצער רבי, ר׳ יחיאל מאיר; דער שידלאָווצער רבי, ר׳ נתן, און נאָך אַ סך אַנדערע גוטע יידן.

נאָך דער פּטירה פון גראָדזשיסקער רבין האָט זיין אייניקל, ר׳ ישראלטשע שפּיראָ, דער מחבר פון די חסידישע ספרים „אמונת ישראל״ און „בינת ישראל״, איבערגענומען דעם גראָדזשיסקער עולם.

ר׳ ישראלטשע איז געווען אַן איידעם פון רבין ר׳ אשרל פון סטאָלין. אַזוי אַרום איז ער געווען אַן אייניקל פון די גרויסע רביאישע דינאַסטיעס: פון רבין ר׳ אלימלך פון ליזשענסק, פון ריזשינער, פון קאָזשעניצער און פון אַנדערע גרויסע רבישע דינאַסטיעס.

דער רבי ר׳ ישראלטשע האָט געפירט אַ גרויסן רבישן הויף אין גראָדזשיסק. ער האָט געהאַט אַ סך חסידים אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער. ער האָט זיך אויך געמישט אין כלל־ענינים, און ווען היטלער, ימח שמו, האָט אין סעפּטעמבער 1939, פאַרנומען פּוילן, האָבן די חסידים זיינע אין אויסלאַנד געמאַכט גרויסע באַמיאונגען אַרויסצוראַטעווען דעם רבין.

די חסידים אין אויסלאַנד האָבן איינגעלייגט וועלטן. זיי האָבן אים געמאַכט אַ פּאַספּאָרט פון אַן אַנדער מלוכה און זיי האָבן געגעבן כּאַבאַר די געשטאַפּאָ־פירער זיי זאָלן דעם רבין אַרויסלאָזן.

אָבער זייערע באַמיאונגען זיינען געווען אומזיסט.

דער גראָדזשיסקער רבי, וועלכער איז דעמאָלט שוין געווען אין

וואַרשעווער געטאָ, האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן זיינע ברידער, די יידן און די חסידים זיינע. אַדרבה, ער האָט גאָר געשטאַרקט די הערצער פון די יידן אין וואַרשעווער געטאָ און זיי פאַרלייכטערט די פייניקונגען פון די נאַציס.

און ווען עס איז געקומען דער טאָג פון פאַרניכטונג, ווען די ערשטע טראַנספּאָרטן מיט יידן זיינען געשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע צו פאַרגאַזונג, האָט דער רבי זיך נישט באַמיט זיך אויסצובאַהאַלטן און זיך צו ראַטעווען אין אַ באַנקער, נאָר צוזאַמען מיט די הונדערטער טויזנטער יידן איז ער געגאַנגען צו די טויטן־וואַגאָנען מיטן קלאָרן באַוואוסטזיין, אַז ער גייט מקדש השם זיין.

איינער פון די געראַטעוועטע פון טרעבלינקע, וועלכער איז געווען אַן עד ראיה, ווי אַזוי דער גראָדזשיסקער רבי האָט פאַרבראַכט זיינע לעצטע מינוטן, האָט איבערגעגעבן דעם רב הראשי פון מדינת ישראל ר׳ יצחק אייזיק הלוי הערצאָג, וועלכער האָט אין יאָר תש״ו (1946), באַזוכט די די־פּי קעמפּס אין דייטשלאַנד, ווי אַזוי דער גראָדזשיסקער רבי האָט געטרייסט די יידן.

דער עד־ראיה האָט דערציילט:

מען האָט געבראַכט דער גראָדזשיסקער רבי אויפן גרויסן פּלאַץ פאַרן קרעמאַטאָריום אין טרעבלינקע. עס זיינען געווען טויזנטער יידן פון וואַרשע. איז צו אייך ייד צום רבין און האָט אים געפרעגט:

— רבי, וואָס זאָגט איר איצט?

האָט דער גראָדזשיסקער רבי אויסגערופן:

— הערט אויס, ברידער און שוועסטער, קינדער פון געטלעכן פאָלק. נישט מיר דאַרפן מהרהר זיין נאָך דעם אייבערשטנס מעשים. אויב עס איז אויף אונדז נגזר געוואָרן מיר זאָלן זיין די קרבנות פון חבלי־משיח אין דער איצטיקער תקופה פון דער גאולה און פאַרברענט צו ווערן אין די פלאַמען — איז וואויל צו אונדז, וואָס מיר האָבן זוכה געווען דערצו, און דאָס וואָס די חז״ל האָבן געזאָגט „יתא ולא אחמיניה״, זאָל ער קומען און מיר זאָלן נישט זיין דערביי, איז די כוונה געווען, איידער מען האָט דערגרייכט די דאָזיקע תקופה. אָבער מיר, וואָס מיר האָבן שוין דערגרייכט דעם זמן־גאולה, דאַרפן מיר זיך פרייען וואָס מיר האָבן זוכה געווען, אַז אונדזער אַש וועט זיין אַ כפרה פאַרן גאַנצן כלל ישראל. איך זאָג אייך דעריבער, אַז איך זאָלט נישט זיין געפאַלן ביי זיך. איר זאָלט נישט צוזאַמענבראָכן ווערן. איר זאָלט נישט וויינען, ווען איר וועט גיין אויף קידוש השם. אדרבה, מיט שמחה און מיט אַ

ניגון, פונקט אַזוי ווי רבי עקיבא אין זיין צייט, זאָלט איר מקדש השם זיין מיט דעם „שמע ישראל" אויף די לעפצן און מיטן „אחד".

אָט אַזוי האָט דער גדאָרזשיסקער רבי געטרייסט די יידן אויפן איינזאַמלונגס־פּלאַץ אין טרעבלינקע, ווען ער איז צוזאַמען מיט זיי אַריין אין קרעמאַטאָריום פאַרברענט צו ווערן אויף קידוש השם...



די מאָגעלניצער שול

# דער „חוזה" פון לובלין

# קאפיטל א

# דער „חוזה" פון לובלין

**דער רבי ר' יעקב יצחק האראוויץ, גערופן דער „חוזה" פון לובלין, וואס האט איינגעפירט חסידות אין פוילן. — ער איז געווען א תלמיד פון רבין ר' אלימלך פון ליזשענסק. — ער שטעלט דעם צדיק אין צענטער פון דער וועלט. — ער אנטלויפט פון זיין כלה אין דער נאכט פון די שבע־ברכות.**

דער רבי, וואס האט איינגעפירט חסידות אין פוילן, איז געווען דער „חוזה" פון לובלין — ר' יעקב יצחק האראוויץ (געבוירן אין יאר תק"ה—1745 — און נפטר געווארן אין יאר תקע"ה—1815).

דער „חוזה" פון לובלין איז געווען א זון פון דעם גאון און רב ר' אברהם אליעזר הלוי האראוויץ פון שעבערשין. מ'האט אויפן שעבער־שינער רב געזאגט, אז ער געדענקט זעקס הונדערט בלאט גמרא מיט תוספות אויף אויסנווייניק. דער זיידע זיינער איז געווען ר' יעקב קאפל, דער ארענדאר פון דארף ליקאווי, לעבן שטעטל טשארני־גראד, וועלכער האט געשמט פאר א גרויסן מכניס אורח.

דער „חוזה" פון לובלין איז אין זיינע יונגע יארן געווען ביים רבין ר' בער, דער מגיד פון מעזריטש; ער האט געלערנט אין דער ישיבה פון רבין ר' שמעלקע פון ניקעלשבורג, וועלכער איז אין יענער צייט געווען רב אין ריטשיוואל. אין דער דאזיקער ישיבה האבן אויך געלערנט ר' לוי יצחק פון בארדיטשעוו, ר' ישראל, דער מגיד פון קאזשעניץ, ר' מרדכי בענעט און אנדערע גאונים און מנהיגים פון חסידות.

דער „חוזה" פון לובלין איז דערנאך געווארן א תלמיד פון רבין ר' אלימלך פון ליזשענסק, וועלכער איז דעמאלט געווען רב אין לאנצוט. צוערשט האט דער „חוזה" אויך געוואוינט אין לאנצוט;

און ווען ער האָט זיך דערנאָך באַזעצט אין לובלין, איז דאָרט געוואָרן דער צענטער פון חסידות.

צענדליקער און צענדליקער תלמידים זיינע זענען אַליין געוואָרן רביים. גענוג צו דערמאָנען די רביים: „דער יוד הקדוש" (ר' יעקב יצחק פון פשיסכע), דער רבי ר' בונם פון פשיסכע, דער ראָפשיצער רבי ר' נפתלי צבי האָראָוויץ, דער רבי ר' מאיר הלוי פון אָפּט. דער רבי ר' דודל לעליוער, דער רבי ר' משה טייטלבוים פון אוהעל (אונגאַרן), דער רבי ר' הערש אלימלך פון דינאָוו, דער רבי ר' יחזקאל פון קוזמיר, דער רבי ר' קלמיש פון קראָקע (מחבר פון „מאור ושמש"), דער רבי ר' הערש פון זידיטשויו, דער רבי ר' שלום פון בעלז, דער רבי ר' שמעון פון יעריסלאָוו, דער רבי ר' מרדכי דוד אונגער פון דאָמבראָווע און נאָך צענדליקער רביים. (בלויז איינער פון „חוזה"ס פיר קינדער, ר' יוסף פון טאַרטשין, איז געווען אַ רבי.)

פון „חוזה" פון לובלין זענען געבליבן דריי ספרים: „דברי אמת", „זאת זכרון" און „זכרון זאת".

ס'איז אויך פאַרבליבן אַ גרויסע צאָל מעשיות, וואָס געפינען זיך אין חסידישע מעשה־ביכלעך — און דאָך איז נאָך ביז איצט נישט פאַראַן קיין אויספירלעכע מאָנאָגראַפיע וועגן דער דאָזיקער גרויסער פּערזענלעכקייט.

אַפילו די נייע חסידות־פאָרשער אין ישראל, וועלכע האָבן אין די לעצטע פאָר יאָר אַרויסגעגעבן מאָנאָגראַפיעס וועגן די גייסטיקע מנהיגים פון חסידות אין פוילן, — אויך זיי האָבן זיך נאָך נישט צוגערירט צום גייסטיקן ריז, וואָס הייסט דער „חוזה" פון לובלין.

אָבער פאַרוואָס האָט מען נאָך נישט געשריבן וועגן דעם „חוזה" פון לובלין? ווייל עס איז שווער אים תופס צו זיין. עס איז שווער אַרויסצושיילן פון די אַלע חסידישע מעשיות און מופתים, וואָס ווערן וועגן אים דערציילט, — זיין פּערזענלעכקייט. אויך פון זיינע ספרים זעט זיך נישט שטאַרק אַרויס די גרויסקייט, אַזוי ווי פון אַנדערע חסידישע ספרים פון די תלמידים פון רבין ר' בער פון מעזריטש און פון רבין ר' אלימלך פון ליזשענסק.

ווען מען וויל זיך באַקענען מיט דער פּערזענלעכקייט פון „יוד הקדוש" פון פשיסכע, מיטן רבין ר' בונם פון פשיסכע, מיט דעם ראָפּשיצער רבין, קאָן מען אָנווייזן אויף זייער דרך אין חסידות; קאָן מען פאַרשטיין פאַרוואָס זיי האָבן צוגעצויגן צו זיך אַזויפיל חסידים. אָבער אַז מען קומט צום „חוזה" פון לובלין, איז שווער משיג



דער רבי ר׳ משה טייטלבוים פון אוהעל,
דער תלמיד פון „חוזה" פון לובלין

צו זיין אין וואָס זיין כוח איז געלעגן וואָס ער איז געוואָרן דער צענטער פון חסידות אין פוילן, און וואָס דורך אים האָט זיך פאַרשפּרייט דאָס גאַנצע חסידות אין פוילן.

באַקענט מען זיך מיט זיינע דריי פריער דערמאָנטע ספרים, זעט מען, אַז ער האָט געשטעלט דעם צדיק אין צענטער פון דער וועלט, אַז אַלץ דרייט זיך אַרום דעם צדיק. גאָט אַליין גלוסט שטאַרק נאָך די תפילות פון די צדיקים — זאָגט דער „חוזה" פון לובלין („זכרון זאת", בהר).

און עס איז אינטערעסאַנט: עס איז פאַראַן אַ חסידישע מעשה, אַז דער לובלינער רב, ר' עזריאל האָראָוויץ, גערופן דער „אייזערנער קאָפּ", וועלכער איז געווען אַ גרויסער גאון און מתנגד, האָט אַמאָל געפרעגט דעם „חוזה" פון לובלין, פאַרוואָס מען פאָרט צו אים.

— פאַרוואָס קומען אַזויפיל חסידים צו אייך? — האָט אים דער „אייזערנער קאָפּ" געפרעגט — וואָס זעען זיי ביי אייך? פאַרוואָס קומען זיי נישט צו מיר? איך בין דאָך אַ גרעסערער תלמיד חכם פון אייך!

האָט אים דער „חוזה" געענטפערט:

— אויך איך חידוש זיך, פאַרוואָס זיי קומען צו מיר. וואָס בין איך דען, און וואָס זעען זיי אַזוינס ביי מיר? פאַרוואָס קומען זיי נישט צום גאון און רב פון אונדזער שטאָט, וועלכער איז טאַקע אַ גרויסער גאון?! נאָר עס קאָן זיין, אַז דערפאַר טאַקע, וואָס איך בין גאָרנישט ווערט, קומט מען צו מיר, און ווייל איר חידושט זיך, פאַרוואָס מען קומט נישט צו אייך — פאַרלאָזט מען אייך און מען וויל צו אייך נישט קומען... („סדר הדורות החדש").

אָבער אַפילו די חסידישע מעשהס, וואָס ווערן דערציילט וועגן לובלינער רבין, זענען זייער אינטערעסאַנטע. זיי זענען אַנדערש פון די מעשהס, וואָס זענען דערציילט געוואָרן פון אַנדערע רביים.

דאָס אַליין, וואָס דער רבי פון לובלין האָט באַקומען דעם טיטל „חוזה", איז זייער מאָדנע.

„חוזה" הייסט אויף יידיש זעער, אָבער עס מיינט זען מיט די גייסטיקע אויגן. נאָך איידער עס איז אויפגעקומען דער באַגריף נביא ביי יידן, איז שוין דער טיטל „חוזה" געווען באַקאַנט, און ווי די חסידישע לעגענדע דערציילט, האָט דער לובלינער רבי באַקומען דעם דאָזיקן טיטל, ווייל ווען ער איז נאָך געווען גאָר יונג, האָט ער זיך פאַרבונדן די אויגן, כדי ער זאָל נישט קוקן אויף דער וועלט. צוויי און אַ האַלב יאָר איז ער אַרומגעגאַנגען פאַרבונדן די אויגן, און

דער רבי ר' אלימלך פון ליזשענסק האָט אויף אים דערנאָך געזאָגט, אַז דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געוואָלט זען די וועלט, האָט ער זוכה געווען צו זען וואָס עס טוט זיך „מה למעלה, מה למטה, מה לפנים, מה לאחור" (וואָס עס איז אויבן און וואָס אונטן, וואָס פאַר אים און וואָס הינטער אים).

און אויף ווי ווייט די אויגן פונעם „חוזה" פון לובלין זענען געווען אויסגעאַרבעט, קאָן מען זען פון דער חסידישער מעשה, וואָס ווערט דערציילט וועגן זיין אַנטלויפן פון זיין כלה אין דער נאַכט פון די שבע־ברכות.

ווי נאָר דער „חוזה" פון לובלין, — דערציילט די חסידישע מעשה, — איז אַלט געוואָרן אַ פערצן יאָר, האָט מען אים גערעדט שידוכים מיט די גרעסטע גבירים פון פוילן. יעדער איינער האָט געוואָלט זיך איינקויפן אין זיין יחוס און האָבן אַזאַ אבן טוב ביי זיך אין הויז.

איז געווען אַ ייד אַ גביר, אַן אַרענדאַר, אין אַ דאָרף לעבן קראַסניגראַד, וועלכער האָט געהאַט אַ טאָכטער אַ יפת תואר, און ער האָט געוואָלט האָבן פאַר זיין טאָכטער אַ מאַן אַן עלוי. איז דער דאָזיקער אַרענדאַר אַוועקגעפאָרן אין דער ישיבה פון רבין ר' שמעלקע קיין ריטשיוואַל, און האָט דאָרט געפונען דעם עלוי ר' יעקב יצחק. ער האָט אָנגעבאָטן אַ נדן וויפיל דעם עלויס פאָטער ר' אברהם אליעזר הלוי פון שעבערשין האָט פאַרלאַנגט. ער האָט אויך צוגעזאָגט אויסצוהאַלטן אַלע חתונה־הוצאות און צו געבן קעסט — ווי לאַנג דער יונגער עלוי וועט וועלן.

האָט דער שעבערשינער רב זיך דורכגערעדט מיט זיין שווער ר' יעקב קאָפּל פון דאָרף ליקאָווי, און ביידע האָבן מסכים געווען אויפן שידוך. אַז מען זאָל פרעגן דעם חתן, צי ער איז אויך מסכים — האָט מען דעמאָלט ניט געטראַכט. וואָרעם וואָס האָט אַ פערצן־יעריק יינגל געקאָנט וויסן פון אַזעלכע זאַכן? אַזוי האָט מען זיך דעמאָלט נוהג געווען אין אַלע חסידישע שטובן אין פוילן, און אַזוי האָט מען חתונה געמאַכט קינדער — און אַזוי האָט מען געטאָן מיט דעם עלוי ר' יעקב יצחק.

און די מחותנים האָבן אָפּגעשמועסט די זמן־החתונה.

די חתונה איז פאַרגעקומען אין קראַסניגראַד. דער מחותן, דער פאָטער פון דער בת־יחידה, האָט געמאַכט אַ חתונה כיד־המלך. ס'זענען געקומען צו דער חתונה אַ סך תלמידים פון דער ישיבה אין ריטשע־וואַל, וואָס האָבן געלערנט צוזאַמען מיטן חתן און פאַרשידענע אנשים־מכובדים פון חתנס צד.

די חופּה האָט געדאַרפט געשטעלט ווערן פרייטיק בייטאָג — אַזוי ווי מען האָט זיך נוהג געווען אין די חסידישע הייזער. דאָנערשטיק ביינאַכט, אַ טאָג פאַר דער חופּה, איז דער חתן געזעסן צווישן די מחותנים. מ׳האָט געפּראַוועט דעם „חתן־מאָל״. אָבער פּלוצלינג, נאָכדעם ווי דער חתן האָט געזאָגט אַ פּשטל פאַר די מחותנים, האָט ער איינגערוימט זיין זיידן ר׳ יעקב קאַפּל אַ סוד, אַז ער וויל מען זאָל אַריינפירן צו אים די כלה, כדי מקיים צו זיין דעם מאמר פון דער גמרא „אסור לאדם לקדש את האשה עד שיראנה״ (אַ מאַן טאָר נישט מקדש זיין אַ פרוי, סיידן ער האָט זי פריער געזען). דער זיידע זיינער, ר׳ יעקב קאַפּל איז נבהל ונשתומם געוואָרן. וואָס הייסט אַ חתן וועט זען די כלה פאַר דער חופּה? וואו איז דאָס געהערט געוואָרן? אַודאי האָבן די מחותנים געוואוסט פון דעם דאָזיקן מאמר אין דער גמרא. און נישט בלויז האָבן זיי געוואוסט, נאָר אויך די דורות, וואָס זענען געווען פאַר זיי, האָבן דערפון געוואוסט. אָבער דאָך האָט מען אויסגעגעבן קינדער, און מ׳האָט נישט געוויזן די כלה פאַר דער חופּה. און דאָ פּלוצלינג פאַרלאַנגט דער פערצן־יעריקער חתן אַזאַ זאַך!

האָט מען אָנגעהויבן איינטענהן מיטן חתן — אים אויפגעוויזן, אַז עס איז נישט שייך; אַז אַלע מחותנתטעס זאָגן, אַז די כלה איז אַ יפת־תואר, וואָס אַזוינס האָט מען נאָך נישט געזען. אָבער אַלע דיבורים האָבן גאָרנישט געהאָלפן. דער חתן האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס, אַז ער וועט נישט גיין מאָרגן צו דער חופּה, אויב ער וועט פריער נישט זען די כלה.

האָט מען געמוזט צוליב טאָן דעם חתן: עס איז דאָך פאָרט פאַראַן אַזאַ מאמר אין דער גמרא! און מ׳האָט אַריינגעפירט די כלה. און ווי נאָר דער יונגער חתן האָט געגעבן אַ קוק אויף דער כלה, — דערציילט די חסידישע מעשה, — איז ער בלאַס געוואָרן ווי קאַלך. ער האָט באַלד נאָך דער סעודה איינגערוימט אַ סוד זיין פאָטער און זיידן, אַז ער וועט אַנטלויפן נאָך פאַר דער חופּה.

דער פאָטער און זיידע האָבן אויף אים אָנגעשריגן: „וואָס הייסט מבייש זיין אַ יידישע טאָכטער?! און פאַרוואָס טאָקע געפעלט דיר נישט דער שידוך?״

און ווען דער זיידע זיינער, האָט דערנאָך מיט אים לאַנג איינגעטענהט, האָט דער יונגער חתן געזאָגט:

— זיידע, ווען מען האָט אויפגעהויבן דעם דעקטוך פון דער כלה, האָב איך געזען אויף דער כלהס שטערן — דאָרט וואו איך

האָב געהאָפּט צו זען דעם צלם אלוקים — גאָר אַ שתי וערב, אַ צלם, רחמנא לצלן!...

אָבער אַ מנהג איז געווען ביי יידן אין יענער צייט — נישט אָפּצולאָזן אַ שידוך. „עס איז לייכטער צו שניידן פּאַרמעט (אַ גט), ווי צו צערייסן פּאַפּיר" (תנאים) האָט מען געזאָגט, און מ'האָט געפּועלט ביים חתן, ער זאָל גיין פרייטיק צו דער חופּה.

פרייטיק־צו־נאַכטס האָבן די מחותנים געטאַנצט ס'מצוה־טענצל מיט דער כלה; שבת־צו־נאַכטס, ביי דער גרויסער סעודה, האָט מען נאָכאַמאָל געטאַנצט דאָס מצוה־טענצל. מ'האָט אויסגערופן דרשה־געשאַנק. יידן האָבן זיך משמח געווען, און קיינער האָט נישט באַמערקט דעם צער, וואָס איז געווען אויסגעגאָסן אויפן פּנים פון יונגען חתן.

און נאָכדעם ווי מ'האָט חתן־כלה אַהיימגעפירט, איז אינמיטן דער נאַכט דער חתן נעלם געוואָרן, און מ'האָט נישט געוואוסט וואו ער איז אַהינגעקומען.

אַ קורצע צייט שפּעטער האָט זיך גע'רעש'ט אין גאַנץ קראָסניגראַד. מען האָט דערציילט, אַז דעם רייכן אַרענדאַרס טאָכטער, וועלכע האָט חתונה געהאַט מיטן עלוי ר' יעקב יצחק, האָט זיך געשמדט און זי האָט חתונה געהאַט מיטן פּריצס אַ זון, און וואוינט טאַקע אינעם הויף פון פּריץ...

חסידים האָבן דערנאָך געזאָגט, אַז דער יונגער עלוי האָט טאַקע אויגן, וואָס זעען ווייט, און דעריבער האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן דער „חוזה".



די חתימה פון „חוזה" פון לובלין

# קאַפּיטל ב

## דער „חוזה" קעמפט מיטן שטן

א חסידישע מעשה ווי אַזוי דער שטן האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ פרוי און געוואָלט איבעררעדן דעם „חוזה" צו זינדיקן. — דער „חוזה" פאַרט זעען זיין מלמד. — ווערטלעך פון „חוזה". — וואָס חסידים האָבן געזאָגט וועגן „חוזה".

ווען דער יונגער חתן ר׳ יעקב יצחק איז אַנטלאָפן מוצאי שבת נאָך די שבע־ברכות פון זיין כלה, איז ער געלאָפן ביי נאַכט איבער שטעגן און וועגן ביז ער האָט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ וואַלד. פלוצ־לינג האָט אָנגעהויבן צו פאַלן אַ שניי און באַדעקט דעם גאַנצן וואַלד, עס איז געווען אַ גרויסער שניי־שטורעם. דער יונגער יעקב יצחק איז נישט אָפּגעשטאַנען פון לויפן. אָבער מיט אַמאָל דערפילט ער ווי זיינע כוחות לאָזן זיך אים אויס. עס האָט אים אַרומגענומען אַזאַ קעלט, אַז אַלע אברים זענען אים אָפּגעפרוירן געוואָרן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ בוים, ער האָט דערפילט, אַז עס איז כלות־הנפש און ער האָט געזאָגט דעם פסוק „בידך אפקיד רוחי", (צו דיר גאָט פאַרטרוי איך מיין נשמה), האָבנדיק די כוונה צו שטאַרבן.

און פלוצלינג האָט ער דערזען פון דערווייטנס לייכטן אַ גרויס ליכט. ער איז אַהינגעגאַנגען, האָט ער געזען אַ קרעטשמע. מיט איין אָטעם איז ער אַריין אין דער קרעטשמע, און ווי פאַרוואונדערט איז ער געוואָרן, ווען ער האָט אין דער קרעטשמע קיינעמען ניט געטראָפן, אַ חוץ אַ יונגע פרוי, אַ יפת־תואר, וואָס האָט זיך אַרומ־געדרייט און אַריינגעלייגט האָלץ אין אַן אויוון, עס זאָל נאָך ווארעמער זיין אין שטוב.

דער יונגער יעקב יצחק האָט זיך ממש מחיה געווען מיט דער וואַרעמקייט, אָבער ווען ער האָט אויסגעפונען, אַז אין דעם גאַנצן הויז

איז מער נישטאָ ווי בלויז די פרוי, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז עס איז אַן עבירה צו זיין מיט אַ פרוי איין הויז אַליין.

האָט דער יונגער יעקב יצחק נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. בלייבן אין שטוב איז אַן עבירה, צוריק אַרויסגיין, וועט ער זיכער נישט קאָנען אויסהאַלטן די קעלט. און דאָ איז די יפת־תואר צו אים צוגעשטאַנען און האָט צו אים גערעדט מיט זיסע רייד, אַז ער זאָל בלייבן אין שטוב און האָט אים גאָר געגעבן אָנצוהערן, אַז ער זאָל מיט איר זינדיקן.

יעקב יצחק איז געשטאַנען פאַר אַ גרויסן נסיון, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט, פון זינט ער איז געקומען צו זיין שכל, ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער זאָל נישט טאָן קיין שום זאַך, וואָס זאָל דערפון נישט אַרויסקומען אַ נחת רוח פאַר דעם אויבערשטן, און וואָס פאַראַ מין נחת־רוח וועט דער רבונו של עולם האָבן, ווען ער וועט טאָן דעם רצון וואָס די אשה וויל פון אים?

און אין איין אָטעם איז דער יונגער יעקב יצחק אַרויסגעלאָפן פון דער קרעטשמע.

ער האָט אויסגעהאַלטן דעם נסיון. און דער יונגער יעקב יצחק האָט פּלוצלינג דערזען, אַז די גאַנצע קרעטשמע איז פאַרשוואונדן. עס איז אויס די שניי־זאַווערוכע, און אַז ער איז שוין גאָר אין עק פון וואַלד. דאָרט שטייט די קרעטשמע פון ר' דניאל, אַ חסיד פון רבין ר' אלימלך פון ליזשענסק.

איז דער יונגער יעקב יצחק אַריין אין דער קרעטשמע און האָט דאָרט געדאַוונט, ער האָט דערוואָרעמט זיין גוף מיט אַ גלעזל טיי.

דער אַרענדאַר האָט אים געגעבן צו עסן און צו טרינקען, אויך וואַרימע מלבושים, און אים אָפּגעשיקט מיט זיין פערד און וואָגן צום רבין ר' אלימלך.

און ווי נאָר דער יונגער יעקב יצחק האָט איבערגעטראָטן די שוועל פון רבין ר' אלימלכס חדר־המיוחד מקבל שלום צו זיין, האָט דער רבי ר' אלימלך צו אים געזאָגט:

— שלום עליכם יוסף הצדיק, דער בעל־דבר האָט פאַרלוירן זיין שפּיל!

און דער יונגער יעקב יצחק איז געבליבן אַ תלמיד פון רבין ר' אלימלך פון ליזשענסק.

וועגן דער גרויסקייט פון „חוזה" פון לובלין איז אויך פאַראַן פאַרשידענע מעשיות אין ספר „נפלאות הרבי". אָט וועלן מיר דאָ ברענגען איינע פון זיי, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש ווי אַזוי די חסידים

האָבן אַרום דעם „חוזה" פון לובלין געוועבט לעגענדעס, וואָס וואָלטן געפּאַסט פאַר דעם בעל־שם־טוב, אָדער פאַרן אר"י־הקדוש.

איינמאָל, דערציילט די חסידישע מעשה, איז דער „חוזה" אַרויסגעפאָרן מיט עטלעכע תלמידים זיינע אין אַ ווייטער שטאָט אַריין. ווען עס איז געקומען פרייטיק, איז דער בעל העגלה געקומען מיט זיין פערד און וואָגן אויף אַ שייד־וועג. דער בעל העגלה האָט געפרעגט דעם לובלינער רבין אויף וועלכן וועג ער זאָל פאָרן. האָט דער „חוזה" געענטפערט: לאָז אָפּ די לייצעס פון דיין האַנט און וואוהין די פערד וועלן גייען, אַהין וועלן מיר פאָרן.

אָפּפאָרנדיק אַזוי אַ פּאָר מייל, האָבן זיי דערזען פון דערווייטנס הייזער. די פור איז אַריינגעפאָרן אין שטאָט, אָבער זיי האָבן דערזען, אַז זיי זענען נישט אין דער שטאָט וואוהין זיי האָבן געוואָלט פאָרן. האָט דער „חוזה" צו זיי געזאָגט, אַז זיי טאָרן נישט אויסזאָגן, אַז עס פאָרט אַ רבי, ווייל די שטאָט איז אַ מתנגדישע, און אַזוי ווי דער „חוזה" האָט, ווי דער סדר איז, נישט געהאַט קיין מטבע אין קעשענע, האָבן די תלמידים נישט געקאָנט קויפן קיין שפּייז אויף שבת.

פרייטיק פאַרנאַכט זענען זיי געגאַנגען אין בית המדרש אַריין דאַווענען. דער „חוזה" האָט געדאַוונט זייער לאַנג און מיט גרויס התלהבות, אַזוי, אַז ווען ער האָט פאַרענדיקט דעם קבלת־שבת, איז שוין קיינער נישט געווען אין בית המדרש אים אַהיימצונעמען אויף שבת. עס איז נאָר געבליבן אַן אַלטער מאַן, וועלכער איז אַליין געווען אַן אָרעמאַן. דער זקן האָט פאַרבעטן דעם „חוזה" צו זיך, און נאָכדעם ווי זיי האָבן געמאַכט קידוש, געגעסן די סעודה און געבענטשט, פרעגט אים דער זקן פונוואַנען ער איז:

— פון לובלין.

— קענסטו דאָרט „אים"?

— יאָ, איך קען „אים".

— דערצייל מיר עפּעס וועגן „אים" — האָט דער אַלטער גערעדט מיט אַ ציטערנדיק קול.

— פאַרוואָס ווילסטו וויסן וועגן „אים"?

— ווייל אין מיינע יונגע יאָרן בין איך געווען אַ באַהעלפער, האָב איך געהאַט אַ השגחה אויף „אים". ער האָט אָבער קיין שום עילויאישקייט דעמאָלט נישט אַרויסגעוויזן, און ווי נאָר איך האָב דערהערט, אַז ער איז געוואָרן אַן אדם גדול, האָב איך באַקומען גרויס חשק אים צו זען, אָבער איך האָב נישט קיין געלט אויף הוצאות צו פאָרן

צו „אים" און איך בין שוין אַלט און שוואַך, איך זאָל גיין צו „אים" צופוס.

— קאָנסטו עפּעס דערציילן וועגן „אים"? — האָט דער „חוזה" געפרעגט.

— יאָ, איך געדענק, אַז ער פלעגט טיילמאָל פאַרפאַלן ווערן אויף גאַנצענע שעהן. איך פלעג אים שלאָגן דערפאַר, אָבער איינמאָל האָב איך ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז איך וועל אויסגעפינען וואוהין ער גייט. בין איך אים נאָכגעגאַנגען און האָב אים געפונען זיצן צווישן אַ קופּע מוראַשקעס און שרייען „שמע ישראל, ד' אלוקינו ד' אחד". פון דענסטמאָל אָן האָב איך אים שוין מער נישט געשלאָגן.

איצט האָט דער „חוזה" פון לובלין פאַרשטאַנען פאַרוואָס די פערד האָבן אים געבראַכט אין דער דאָזיקער שטאָט. און ער האָט צו דעם אַלטן מאַן געזאָגט:

— איך בין דאָס ד ע ר אויף וועמען איר פרעגט זיך נאָך!...

ווי דער אַלטער מאַן האָט דאָס דערהערט, איז ער פאַרחלשט געוואָרן און מען האָט אים קוים אָפּגעמינטערט.

מוצאי־שבת איז דער „חוזה" מיט זיינע תלמידים אָפּגעפאָרן פון דער דאָזיקער שטאָט און דער אַלטער מאַן איז זיי געגאַנגען באַגלייטן. און ווען ער איז אַהיימגעקומען איז ער גלייך פאַרשלאָפט געוואָרן און געשטאָרבן.

דער „חוזה" פון לובלין איז מיט זיינע תלמידים אָנגעקומען אין אַ דאָרף אַריין. ער האָט זיך געזעצט פּראַווען די מלוה־מלכה און אין מיטן דער סעודה האָט ער געזאָגט:

— מען דאַרף צוריקפאָרן אין שטאָט אַריין צו זיין אויף דער לויה פון דעם זקן.

אָט דערפאַר האָט ער געהייסן, דער „חוזה" — לאָזט אויס די חסידישע מעשה, ווייל ער האָט געהאַט אָפענע אויגן און האָט געזען זייער ווייט.

און נאָך ווערט דערציילט וועגן גרויסקייט פון „חוזה" פון לובלין.

ווען דער „חוזה" פון לובלין איז געבוירן געוואָרן, האָט מען אים געגעבן אַ כוח, אַז ער זאָל זען פון איין עק וועלט ביזן צווייטן, אָבער, ווען דער „חוזה" האָט דערזען אַזוי פיל שלעכטס אויף דער וועלט, האָט ער געבעטן דעם רבונו של עולם, מען זאָל ביי אים צונעמען די דאָזיקע ראיה. האָט מען באַגרענעצט זיין כוח פון זען אויף פיר הונדערט מייל.

ווען דער „חוזה" האָט געקוקט אויפן שטערן פון אַ מענטשן,

האָט ער געזען זיין שורש נשמה ביז צו אדם הראשון. דאָס זעלבע איז אויך געווען, ווען ער האָט אַריינגעקוקט אין קוויטל, וואָס אַ חסיד האָט אים געגעבן, דערציילן חסידים.

דער „חוזה" האָט געקאָנט זאָגן דעם חסיד פון וועמען ער קומט צי פון קינען צי פון הבלען, אויך וויפיל מאָל ער איז שוין געווען אויף דער וועלט און וואָס ער האָט מתקן געווען און קאַליע געמאַכט אין זיינע גלגולים, מיט וואָס פאַר אַן עבירה ער איז געשטרויכלט געוואָרן און צוליב וועלכער מצוה איז ער דערהויבן געוואָרן.

ווען דער „חוזה" איז געווען ביים רבין ר' מרדכי נעשכיזער, האָט ער זיך פאַר אים באַקלאָגט, אַז צוליב דעם וואָס ער זעט אויפן שטערן וואָס דער מענטש האָט געטאָן, ווערט פאַרמינערט ביי אים דאָס געפיל פון אהבת ישראל צו דעם יידן. האָט ער געבעטן דעם נעשכיזער רבין ער זאָל פאַר אים מתפלל זיין, מ'זאָל ביי אים אין הימל צונעמען די דאָזיקע סגולה. האָט דער נעשכיזער רבי אים גע־ענטפערט:

— דאָס וואָס עס איז נגזר געוואָרן אין הימל, קען מען נישט ענדערן!... („קהל חסידים", „פעולת הצדיקים", „דברים ערבים", נפלאות הרבי", „אוהל הרבי").

און זיין תלמיד, דער ראָפשיצער רבי ר' נפתלי צבי האָראָוויץ, האָט אַמאָל געזאָגט:

„איך זאָג עדות אויף מיין רבין ר' איציקל פון לובלין, אַז ווען עס איז צו אים געקומען אַ חסיד צום ערשטן מאָל, האָט ער פון אים אַרויסגענומען די נשמה. ער האָט זי אויסגעוואַשן, אַראָפּ־גענומען יעדן פלעק און די נשמה צוריקגעגעבן אַזוי ריין, ווי אין דער שעה ווען ער איז געבוירן געוואָרן" („נפלאות הרבי").

דער „חוזה" אַליין, דער, וועלכער האָט געשטעלט דעם צדיק פאַרן גאַנצן צענטער פון דער וועלט, דער, וואָס האָט אין זיך אַליין געגלויבט, אַז ער איז בכוח צו זען, וואָס עס טוט זיך פון איין עק וועלט ביזן צווייטן, האָט געזאָגט:

„אויב עס וועלן דיר זאָגן אַלע גדולי־הדור, אַז דו ביסט אַ צדיק — זאָלסטו אים נישט גלויבן, און אויב עס וועט צו דיר קומען אליהו הנביא, אָדער אַ מלאך פון הימל און וועט דיר זאָגן, אַז דו ביסט אַ צדיק — גלויב נישט, און ווען אַפילו כביכול אַליין, דער אין־סוף, ברוך הוא וברוך שמו, וועט דיר זאָגן, אַז דו ביסט אַ צדיק — גלויב בלויז אין דער רגע, ווען דער רבונו־של־עולם האָט דיר דאָס

געזאָגט, אָבער נישט אויף דער אַנדערער רגע וואָס קומט נאָך אים" („מעשה צדיקים").

און דער „חוזה" האָט געזאָגט:

„איך האָב ליבער דעם רשע וואָס ווייסט, אַז ער איז אַ רשע, ווי דעם צדיק, וואָס ווייסט, אַז ער איז אַ צדיק" („מקדש מעט", חלק א').

און נאָך האָט דער „חוזה" געלערנט:

„עס שטייט „צדק צדק תרדוף", פאַרוואָס שטייט צוויי מאָל „צדק", נאָר אויב עמיצער רעדט זיך איין, אַז ער איז שוין אַ צדיק און ער דאַרף שוין צו גאָרנישט שטרעבן, דעמאָלט קען אים גאָרנישט דער צדיק. מען דאַרף זיך כסדר יאָגן נאָכן צדק. עס זאָל זיך דיר אויסדוכטן, אַז דו ביסט ווי אַ קינד, וואָס האָסט נאָך גאָרנישט געטאָן, דעמאָלט קען מען ווערן דער אמתער צדיק"!...



אַ בריוו פון רבין ר' שמחה בונם פון פשיסכע, אַ תלמיד פון „חוזה" פון לובלין

## קאַפּיטל ג

# ווי אַזוי דער „חוזה״ איז געוואָרן אַ חסיד

משיח קאָן נישט קומען צוליב די „מדרגה־יידן״, זאָגט דער „חוזה״ פון לובלין. — עס זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן אַ גרויסע תאווה צו ווערן רביים, פונקט אַזוי ווי מענטשן יאָגן זיך נאָך געלט. — אַ מעשה מיט אַ יידישן בעל־עגלה, וואָס האָט געהאָלפן אַן אָרעמער כלה קויפן אַ טלית פאַר איר חתן. — דער „חוזה״ טענהט זיך אויס מיט אַ מגיד. — יעדער איינער באַקומט דאָס, וואָס ער האָט פיינט. — אַ מתנגד האָט געוואָלט אויספּרואוון דעם „חוזה״.

דער „חוזה״ איז געקומען צו חסידות ווען ער איז נאָך געווען גאָר יונג. געמאַכט פאַר אַ חסיד האָט אים דער רבי ר׳ זושע פון אַנעפּאָליע. דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען דער רבי ר׳ זושע איז געגאַנגען אָפּריכטן גלות, און ער האָט געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט פאַרשטעלטערהייט, דערציילט אַן אַנדערע חסידישע לעגענדע.

איינמאָל איז דער רבי ר׳ זושע געקומען קיין שעבערשין, וואו עס האָט געוואוינט דעם „חוזה״ס פאָטער, דער שעבערשינער רב, ר׳ אברהם אליעזר הלוי האָראָוויץ. דער רבי ר׳ זושע האָט געדאַוונט הינטערן אויוון, דעם קאָפּ פאַרדעקט מיטן טלית. פּלוצלינג האָט ר׳ זושע אויפגעדעקט דעם טלית — האָט ער געטראָפן שטיין דאָס קליינע יינגל יעקב יצחק שטאַרק וויינען. ר׳ זושע האָט ווידער פאַרדעקט זיין קאָפּ מיטן טלית, און דאָס יינגל האָט אַזוי געוויינט אַ גאַנצע שעה. דערנאָך איז צו אים צוגעגאַנגען ר׳ זושע און האָט צו אים געזאָגט:

— דיין נשמה האָט זיך אויפגעוועקט אין דיר. גיי צו מיין ברודער אלימלך און לערן ביי אים תורה. (ספר „פעולת הצדיקים״).

ווי עס ווייזט אָבער אויס, איז דער „חוזה״ קודם כל אַוועק אין דער ישיבה פון רבין ר׳ שמעלקע פון ניקלשבורג, און דאָרט האָט ער געלערנט חסידות. דער „חוזה״ האָט זיך שטאַרק מסגף געווען,

האָט אים איינמאָל דער רבי ר' שמעלקע געשיקט צו ר' זושע מיט אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט אים געשריבן:

„ווען ער איז געווען קליין, האָסטו אין אים מעורר געווען דאָס הייליקע געוויין; וועק אין אים איצט אויף די הייליקע שמחה"... (ספר „נפלאות יצחק").

דערנאָך, ווען דער „חוזה" איז געווען אַ תלמיד פון רבין ר' אלימלך פון ליזשענסק, האָט ער זיך אַזוי שטאַרק געפייניקט, אַז ער האָט אַמאָל געהאַט באַשלאָסן אינגאַנצן זיך מקריב צו זיין פאַרן אויבערשטן. אין ליזשענסק איז געווען אַ גרויסער באַרג. איז דער „חוזה" אַרויף אויפן באַרג מיט דער דעה זיך פון דאָרטן אַראָפּ־צוואוואַרפן פאַר גאָט. אָבער אים איז שטילערהייט נאָכגעגאַנגען זיין חבר ר' זאַלקע פון גראָדזשיסק. און ווען ער האָט דערזען, אַז דער „חוזה" האַלט שוין ביים אַראָפּשפּרינגען פון באַרג, האָט ער אים אָנגעכאַפּט ביים גאַרטל און אים נישט געלאָזט דאָס טאָן.

לימים, ווען דער „חוזה" איז שוין געווען אַ גרויסער רבי אין לובלין, איז אויך זאַלקע געוואָרן זיין חסיד. האָט אים איינמאָל דער „חוזה" אַריינגערופן און האָט אים געזאָגט:

— איך וואָלט דיך געדאַרפט שטאַרק ליב האָבן, ווייל דו ביסט געווען מיין פאָטער אין מיין ערשטן גלגול; אָבער ווען איך דערמאָן זיך וואָס דו האָסט געטאָן צו מיר, קאָן איך דיך נישט ליב האָבן מיט מיין גאַנצן האַרצן... (ספר „אוהל אלימלך").

אויפן „חוזה" פון לובלין האָבן חסידים געזאָגט, אַז ער זעצט אַריין אין יעדן חסיד אַ נייע נשמה אין זיין גוף און אַ התעוררות פאַר שמחה.

איינמאָל האָט דער „חוזה" געזאָגט:

„עס איז מיר שווער צו פאַרשטיין: צו מיר קומען חסידים, וואָס זענען שטאַרק פאַרמרה־שחורהט, און ווען זיי פאַרן פון דאַנען אַוועק, לייכטן זיי אינגאַנצן אויף, און איך אַליין בין (דאָ האָט ער מסתמא געוואָלט זאָגן פאַרמרה־שחורהט, אָבער ער האָט געזאָגט) שוואַרץ און לייכט נישט..." (ספר „תפילה למשה").

און כאָטש צום „חוזה" זענען געקומען געהויבענע מענטשן — חסידים, וואָס אַ סך פון זיי זענען דערנאָך געוואָרן רביים, דאָך האָט דער „חוזה" אַליין מער געהאַלטן פון די פּשוטע מענטשן.

איינמאָל האָט דער „חוזה" געזאָגט צו זיין תלמיד דעם „יוד הקדוש":

— איך בין געווען זיכער, אַז האַיאָר וועט קומען משיח. און ווייסטו

פאַרוואָס ער איז נישט געקומען? די פּשוטע יידן האָבן געטאָן תשובה מיטן גאַנצן הארצן, אָדער זיי קאָנען נאָך תשובה טאָן. פון זיי איז קיין שום מניעה נישט פאַראַן. דער אָפּהאַלט איז נאָר פון די געהויבענע יידן — פון די, וואָס זיצן פאַרשלאָסן ביי זיך און זיי זענען נישט מסוגל זיך מכניע צו זיין — ממילא קאָנען זיי נישט קומען צו דער אמתער תשובה... (ספר „תולדות אדם").

און איינמאָל, ווידער, פרייטיק־צו־נאַכטס פאַר קידוש, איז דער „חוזה" אַריין אין זיין חדר און פאַרשלאָסן הינטער זיך די טיר. דערנאָך האָט זיך די טיר פּלוצלינג געעפנט, און דער „חוזה" איז אַרויס פון חדר. דאָס הויז איז געווען פול מיט גרויסע תלמידים זייַנע, אַלע צדיקים, וואָס זענען געגאַנגען אָנגעטאָן אין ווייסע בעקעשעס, אַזוי ווי דער מנהג איז געווען אין יענער צייט. האָט דער „חוזה" זיך געווענדט צו די אַרומיקע און ער האָט געזאָגט:

— ס'שטייט אין פּסוק „ומשלם לשונאיו על פניו להאבידו", איז מפרש דער תרגום: „מען צאָלט די שונאים פאַר זייערע גוטע מעשים אויף דער וועלט, כדי מען זאָל זיי אומברענגען אויף יענער וועלט". פרעג איך אייך: בשלמא, אויב דער רשע איז להוט נאָך געלט, פאַרשטיי איך — מען גיט אים געלט אויף דער וועלט; איז ער להוט נאָך כבוד — גיט מען אים אַ סך כבוד. ווי איז אָבער, אַז ער האָט נישט ליב — נישט קיין געלט און נישט קיין כבוד, נאָר ער האָט ליב צו האָבן מדריגות אָדער צו ווערן אַ רבי? וואָס טוט מען דעמאָלט? איז דער ענטפער, אַז דער, וואָס איז משתוקק צו האָבן הויכע מדריגות, גיט מען אים הויכע מדריגות, און דער, וואָס גאַרט צו ווערן אַ רבי, לאָזט מען אים ווערן אַ רבי, כדי ער זאָל פאַרלירן זיין חלק עולם הבא (ספר „שיחות חיים").

עס דערציילן חסידים, אַז איינמאָל איז געקומען אַ גרופּע חסידים קיין לובלין מיט אַ פור. ווען זיי האָבן געהאַלטן ביים אַריינגיין צום „חוזה", האָט דער בעל־העגלה זיי געבעטן, זיי זאָלן מיטנעמען זיין קוויטל צו געבן דעם רבין. האָבן די חסידים אים צוליב געטאָן.

ווען דער רבי האָט געלייענט דאָס קוויטל, האָט ער אויסגערופן:

— אוי, ווי עס שיינט דער נאָמען פון דעם דאָזיקן ייד!!

האָבן די חסידים זיך אָנגעקוקט שטאַרק פאַרוואונדערט — זיי האָבן געוואוסט, אַז דער בעל־העגלה איז אַ גרויסער גראָבער יונג.

און דער „חוזה" האָט ווייטער געזאָגט:

— עס שיינט פאַר מיר אין דער איצטיקער רגע זיין נשמה ווי אַ לויטער ליכט...

זענען די חסידים אַרויס זוכן דעם בעל־העגלה, אָבער זיי האָבן אים נישט געפונען אויף דער אכסניה. זענען זיי געגאַנגען פון גאַס צו גאַס. פלוצלינג האָבן זיי דערזען, אַז עס קומט זיי אַנטקעגן אַ לוסטיקע חברה מיט אַ קאַפּעליע, מיט טרומייטערס און פויקן אין דער שפּיץ, און הינטער זיי אַ גרויסער עולם, וואָס טאַנצט און זינגט, און אינמיטן גייט דער בעל־העגלה, וואָס ער איז לוסטיקער און פריילעכער פון אַלעמען. זענען די חסידים צוגעגאַנגען צו אים און האָבן אים געפרעגט וואָס די שמחה איז ביי אים אַזוי גרויס, האָט ער זיי דערציילט:

נאָכדעם ווי איר זענט אַוועק צום רבין, האָב איך מיך געטראַכט — איך וועל גיין זיך אַביסל משמח זיין. בין איך מיר אַזוי געגאַנגען גאַס־איין גאַס־אויס, ביז איך האָב דערהערט אַ קול פון געזאַנג, וואָס איז אַרויסגעקומען פון אַ שטוב. בין איך מיר אַריינגעגאַנגען אינעווייניק. האָב איך געזען, אַז מען מאַכט דאָרט חתונה צוויי יתומים. האָב איך מיט זיי מיטגעטרונקען, געזונגען און זיך משמח געווען. אָבער פלוצלינג איז אויסגעבראָכן אַ קריגערײַ און דערנאָך אַ געוויין. די כלה האָט נישט געהאַט קיין געלט צו קויפן אַ טלית דעם חתן, ווי דער מנהג איז. עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז די תנאים זאָלן צעריסן ווערן — און ס'זאָל זיין אויס חתונה. האָב איך רחמנות געקראָגן אויף דער כלה: איך האָב נישט געקאָנט צוקוקן איר בושה. האָב איך אַרויסגענומען וויפיל געלט איך האָב געהאַט אין מיין קעשענע און געגעבן דער כלה, זי זאָל האָבן צו קויפן אַ טלית. דערפאַר בין איך אַזוי פריילעך...

האָבן די חסידים ערשט פאַרשטאַנען דעם זאָג פונעם „חוזה". (ספר „סדר הדורות").

דער „חוזה" האָט געקאָנט מיט אַ וואָרט יענעם טרעפן אין פינטל אַריין.

חסידים דערציילן, אַז איינמאָל איז געקומען אַ גרויסער מגיד אין אַ שטאָט אַריין. זענען אים געקומען הערן אַלע יידן פון שטאָט. פלוצלונג, אינמיטן דער דרשה, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער „חוזה" איז געקומען. האָבן אַלע יידן פאַרלאָזט דעם מגיד און זענען געגאַנגען מקבל פנים זיין דעם „חוזה". דער מגיד האָט מיטאַמאָל דערזען, אַז ער איז געבליבן איינער אַליין אין בית המדרש, איז ער אויך געגאַנגען אָנקוקן דעם רבין וואָס האָט ביי אים צוגענומען דעם גאַנצן עולם. אַריינגעקומען אויף דער אכסניה, האָט ער געטראָפן

זיצן דעם „חוזה" ביים טיש, און אַ שטויס קוויטלעך און פּדיונות זענען געלעגן פאַר אים. האָט דער בעל־דרשן געפרעגט דעם „חוזה":

— גיט מיר צו פאַרשטיין, איך דרשן שוין דאָ עטלעכע טעג און איך האָב נאָך נישט באַקומען קיין פּרוטה, און דער רבי איז ערשט מיט אַ שעה צוריק געקומען, און שוין האָט ער אָנגעזאַמלט אַזויפיל געלט?!

האָט דער „חוזה" אים געענטפערט:

— דער טעם איז מסתמא דערפאַר, וואָס יעדער איינער איז מעורר אין האַרצן פונעם אַנדערן דאָס, וואָס ער האָט נישט ליב. איך האָב פיינט געלט, קריגן די חסידים די זעלבע מידה; איר האָט ליב געלט, גייט דאָס אויך איבער צו די חסידים... (ספר „נפלאות הרבי").

און מיט דעם ווייטן קוק, וואָס דער „חוזה" האָט געהאַט, האָט ער אַמאָל אויך געפועלט, אַז ווען עס איז צו אים אַריינגעקומען אַ מתנגד, איז ער אַרויס אַ חסיד. אַזאַ מעשה האָט זיך פאַרלאָפן מיט דעם מתנגד ר' דוד פּיעטריקאָווער.

דער לובלינער רב, ר' עזריאל, איז געווען אַ גרויסער גאון, און מ'האָט אים גערופן דער „אייזערנער קאָפּ". ער איז אָבער געווען אַ גרויסער מתנגד און געקריגט אויף דעם „חוזה"ס דרך. ער האָט געהאַט אַ זון, אויך אַ תלמיד חכם, וואָס זיין נאָמען איז געווען אפרים פישל, און ער איז געשטאַנען אין אַ שידוך מיטן בראָדער גאון ר' אברהם לייב האַראָוויצס אַ טאָכטער, אַן אייניקל פון ר' איציקל האַמבורגער. דער פאָטער פון דער כלה האָט געבעטן זיינס אַ פריינט, אַ תלמיד חכם, ר' דוד פּיעטריקאָווער, ער זאָל אַריבערפאָרן קיין לובלין און פאַרהערן דעם חתן צו זען, צי ער איז ראוי צו נעמען זיין טאָכטער רייזל. ער האָט אים אויך מיטגעגעבן אַ כוח הרשאה: אַז אויב דער חתן וועט אים געפעלן, זאָל ער תיכף שליסן דעם שידוך און שרייבן תנאים. ר' דוד איז געקומען קיין לובלין, פאַרהערט דעם חתן. און אַזוי ווי ער האָט אויסגעפונען, אַז דער חתן איז טאַקע אַ גדול, האָט ער געשלאָסן דעם שידוך און געשריבן תנאים.

איידער ר' דוד איז אַוועקגעפאָרן, האָט ער געוואָלט זען דעם „חוזה", אויסצוגעפינען צי דער רבי איז עפּעס אַ תלמיד חכם, ווייל ר' דוד פּיעטריקאָווער איז געווען אַ גרויסער מתנגד.

ווי ר' דוד איז אַריינגעקומען צום „חוזה" אין שטוב און האָט געגעבן שלום דעם רבין, רופט זיך אָן דער „חוזה":

— מיר איז קשה דער פּסוק וואָס זאָגט, אַז נאָכדעם ווי שאול האָט געהאַט אַרומגעזוכט די אייזלען דריי טעג און האָט זיי נישט

געפונען, בעת ער האָט זיך שוין געהאַט מיאש געווען פון זיי, געוואָלט צוריק אַהיים גיין, האָט צו אים דער משרת געזאָגט: לאָמיר גיין צום נביא שמואל: „והוא יגיד לנו את דרכנו אשר ה ל כ נ ו עליה" און ער וועט אונדז זאָגן דעם וועג, וואָס מיר זיינען געגאַנגען, איז דאָך די קשיא, וואָס שטייט עפּעס אַ לשון עבר „הלכנו" דעם וועג, וואָס מיר זיינען געגאַנגען, בעת זיי האָבן גאָר געדאַרפט פרעגן מיט אַ לשון עתיד, אויף וועלכן וועג זיי זאָלן גיין, כדי צו געפינען די אייזלען? נאָר דער תירוץ איז — האָט דער „חוזה" ווייטער געזאָגט — אַז זיי זיינען גאָרנישט געגאַנגען פרעגן וועגן די אייזלען, וועגן וועלכע זיי האָבן זיך שוין געהאַט אינגאַנצן מיאש געווען, נאָר זיי האָבן אים געוואָלט פרעגן גאָר אַן אַנדערע זאַך, אַזוי ווי עס איז ידוע, אַז יעדן טראָט וואָס אַ מענטש מאַכט, מוז זיין צוליב עפּעס אַ תכלית, וואָס די השגחה האָט געפירט, אַז דער מענטש זאָל דאָרט אַהינגיין, האָבן זיי געוואָלט וויסן, וואָס דער תכלית איז געווען פון זייער גיין, וואָרים עס איז דאָך זיכער נישט געווען צו געפינען די אייזלען, ווייל זיי האָבן דאָך זיי נישט געפונען, האָט דאָך געמוזט זיין אַן אַנדערער תכלית אין זייער גאַנג; דערויף האָט זיי טאַקע דער נביא שמואל געענטפערט, אַז די השגחה האָט זיי גאָר געשיקט צוליב אַן אַנדערן צוועק, כדי מען זאָל אים זאַלבן פאַר אַ קעניג. איר זייט דאָך געקומען שליסן אַ שידוך — האָט דער „חוזה" אויסגעלאָזט — אָבער פון דעם שידוך וועט גאָרנישט ווערן, מוז דאָך זיין אַן אַנדערער תכלית אין אייער קומען אַהער, און דאָס מוזט איר אַליין אויסגעפינען, פאַרט לחיים ולשלום...

ר' דוד האָט דעם גאַנצן שמועס נישט פאַרשטאַנען: סטייטש, עס וועט זיין אויס שידוך, אַז איך האָב שוין די תנאים אין דער קעשענע? אָבער ווען ר' דוד איז אַהיימגעקומען, האָט ער געפונען אַ בריוו פון בראָדער מחותן, אַז ער האָט דעם שידוך אָפּגעלאָזט, און דער מתנגד ר' דוד פיעטריקאָווער איז פון דעמאָלט אָן געוואָרן אַ הייסער חסיד פון „חוזה" פון לובלין. איצט האָט ער שוין פאַרשטאַנען דעם רבינס דיבורים, אַז עס מוז זיין אַ אַנדערער תכלית אין זיין נסיעה קיין לובלין.

דער תכלית איז געווען צו געפינען אַ שעת־הכושר זיך מדבק צו זיין אין דעם צדיק...

— דערמיט וואָס מען קאָן קאַליע מאַכן שידוכים איז מען נאָך אַלץ ניט קיין רבי — האָט דער „אייזערנער קאָפּ" באַמערקט, ווען מען האָט אים דערציילט, וואָס דער „חוזה" האָט געזאָגט...

# קאַפּיטל ד

## די פּטירה פון „חוזה"

אַ ייד דאַרף הייליקן אַלע זיינע איברים. — מער פון אַלעם דאַרף מען זיך היטן פון עצבות. — מען דאַרף אַרויסרייסן פון זיך יעדן שמץ פון גאווה, לערנט דער „חוזה". — ווי דער „אייזערנער קאָפּ" האָט געוואָלט כאַפּן דעם „חוזה". — דער „חוזה" האָט געהאַט אַ מנהג אַליין צו באַדינען אָרעמעלייט. — דער זמר פון „חוזה" פרייטיק־צונאַכטס.

דער „חוזה" פון לובלין האָט געהאַלטן אַז יעדער ייד דאַרף אַזוי אויסאַרבעטן זיינע איברים, אַז זיי זאָלן נישט וועלן טאָן קיין שום זאַך קעגן דעם אויבערשטנס ווילן.

חסידים האָבן אַמאָל געפרעגט דעם „חוזה" פאַרוואָס שטייט צוערשט אין פסוק. „וישלח אברהם את ידו" (און אברהם האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט) און דערנאָך שטייט: „ויקח את המאכלת" (און ער האָט גענומען דאָס מעסער). איז דער ערשטער טייל נישט איבעריק?

האָט דער „חוזה" געענטפערט:

— אברהם אבינו האָט געהייליקט אַלע זיינע איברים זיי זאָלן נישט טאָן קיין שום זאַך קעגן רצון־הבורא. און ווען גאָט האָט אים געזאָגט ער זאָל מקריב זיין זיין זון יצחק אויף דער עקידה, האָט ער געפילט אַז זיינע איברים ווילן נישט אויספירן דעם רבונו של עולמס באַפעל, דעריבער האָט ער געמוזט אַליין אויסשטרעקן זיין האַנט, מאַכן זי פאַר אַ שליח, די האַנט זאָל ווערן נעמען דאָס מעסער... (מבשר טוב).

דער „חוזה" האָט אויך געוואָרנט זיינע חסידים זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן אין עצבות.

אַ חסיד האָט זיך אַמאָל באַקלאָגט פאַרן „חוזה", אַז די שלעכטע תאוות דריקן זיין הארץ. דעריבער איז ער אַריינגעפאַלן אין עצבות.

האָט דער „חוזה" אים געזאָגט:

— מער פון אַלעמען היט זיך פון עצבות, וואָס דאָס איז ערגער און שאַדט מער פון אַ חטא, וואָרום די גאַנצע כוונה פון יצר הרע איז נישט אַז דער מענטש זאָל זינדיקן, נאָר דורך דער עבירה זאָל ער אַריינפאַלן אין עצבות. (אוהל הרבי).

אַ חסידישע מעשה איז פאַראַן, אַז אין לובלין האָט געוואוינט אַ ייד, וואָס איז געווען אַ גרויסער בעל עבירה, און ווען דער דאָזיקער חוטא האָט געוואָלט שמועסן מיטן „חוזה" האָט ער געקאָנט אַריינקומען צום רבין און דער רבי האָט אים אויפגענומען און מיט אים גערעדט, אַזוי ווי ער וואָלט געווען זיינס אַ מקורב.

זיינען אַ סך חסידים אויפגעבראַכט געוואָרן אויף אַזאַ דרך און איין חסיד האָט געזאָגט צום צווייטן:

— ווי איז דאָס מעגלעך, אַז אונדזער רבי זאָל נישט זעען וואָס פאַראַ זינדיקער דער דאָזיקער מענטש איז? אונדזער רבי ווערט דאָך אָנגערופן „חוזה", ווייל מען זאָגט, אַז ער זעט וואָס עס טוט זיך פיר הונדערט מייל אַרום, אונדזער רבי, זאָגן די אַלטע חסידים, קאָן זען אויפן שטערן פון אַ מענטשן אין וועלכן גלגול ער געפינט זיך, איז ווי אַזוי קומט דאָס אַז ער זעט נישט אַז דער דאָזיקער מענטש איז פול מיט עבירות?

אָבער ווער וועט וואָגן פרעגן דעם רבין אַזעלכע קשיות?

ביז איינמאָל האָט זיך איינגעשטעלט אַ חסיד, אַ ברענענדיקער און ער איז אַריין צום רבין אין זיין חדר־המיוחד און האָט אים געפרעגט די פראַגע, וואָס האָט אַ סך חסידים געדריקט אויפן האַרצן.

האָט דער „חוזה" אים געענטפערט:

— אוודאי ווייס איך דאָס זעלבע וואָס איר, ווער דער דאָזיקער מענטש איז, אָבער איר ווייסט דאָך, ווי ליב איך האָב שמחה און ווי פיינט איך האָב עצבות. דער דאָזיקער מענטש איז אַזאַ גרויסער חוטא, אַז ער האָט גאָר נישט קיין חרטה. אַנדערע, ווען זיי זינדיקן, האָבן לכל הפחות חרטה אויף איין רגע, נאָך דעם ווי זיי האָבן געזינדיקט און דערנאָך טוען זיי ווידער עבירות, אָבער דער דאָזיקער מענטש, ווייסט גאָר נישט פון קיין צער. ער האָט נישט קיין שום מחשבה פון חרטה קריגן אויף זיינע עבירות, אַפילו נישט אויף קיין רגע, ער איז דעריבער קיינמאָל נישט אין עצבות, נאָר ער איז תמיד אין שמחה, און האָט די שמחה, וואָס קוועלט תמיד אַרויס פון זיין האַרצן, ציט מיך אַזוי שטאַרק צו צו אים (אוהל נפתלי).

אָט דאָס איז געווען דער הויפט־דרך פון „חוזה" פון לובלין.

און נאָך אַ זאַך האָט מען געלערנט אין לובלין: אַרויסרייסן פון

זיך יעדן שמץ פון גאווה. גרויסהאַלטן זיך איז ערגער ווי די גרעסטע עבירה.

צום בולטסטן כאַראַקטעריזירט דאָס די פאָלגענדע מעשה.

עס ווערט דערציילט:

איינער פון די חסידים פון לובלין האָט געפאַסט פון שבת צו שבת. ערב שבת נאָך חצות האָט אים אָנגעכאַפּט אַזאַ הונגער אַז ער האָט געמיינט אַז ער וועט עס מער נישט קאָנען אויסהאַלטן, האָט ער פּלוצלונג דערזען פון דער ווייטנס אַ ברונעם. איז ער צו צום ברונעם כאַפּן אַ שלוק וואַסער, אָבער ער האָט זיך גלייך באַרעכנט: „צוליב איין שעה וואָס איך דאַרף נאָך פאַסטן, זאָל איך קאַליע מאַכן אַלץ וואָס איך האָב אויפגעטאָן אַ גאַנצע וואָך? און ער האָט גובר געווען דעם יצר־הרע און נישט געטרונקען. אין דער שעה איז זיין האַרץ אָנגעפילט געוואָרן מיט גאווה, וואָס ער האָט געקאָנט אויסהאַלטן דעם נסיון. ווען ער האָט זיך דערמאָנט אַז ער איז געכאַפּט געוואָרן אין גאווה, האָט ער צו זיך געזאָגט, איך וועל בעסער גייען טרינקען וואַסער, און איבעררייסן דאָס פאַסטן, איידער אַריינפאַלן אין דער נעץ פון גאווה. איז ער ווידער צוגעגאַנגען צום ברונעם און ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביים אָנשעפּן אַ קרוג וואַסער, האָט ער פּלוצלונג דערפילט אַז דער גאַנצער דורשט איז אים אַוועק. און פאַרנאַכט ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען איז ער אַוועק אין בית המדרש פון „חוזה". ווי אָבער ער האָט זיין שוועל איבערגעטרעטן האָט דער „חוזה" צו אים געזאָגט: „פאַרלייגט אַ לאַטע" ((זכר צדיק).

דער שאַרפער זאַג פון „חוזה" פון לובלין איז געקומען דערפאַר, ווייל כאָטש דער חסיד האָט געפאַסט משבת לשבת, האָט ער אָבער איין רגע געהאַט אַ שמץ פון גאווה...

דער „חוזה" איז געווען איינער פון די גדולי התורה. ער איז אָבער געווען אַ נחבא אל הכלים, אַ באַהאַלטענער און האָט נישט געוואָלט אַז די וועלט זאָל וויסן אַז ער קאָן לערנען, אָבער ווען ער איז געווען מיט זיך האָט ער געלערנט ש"ס און די ספרי ראשונים. דאָס קען מען זען פון די חידושי תורה זיינע וואָס זיינען פאַרצייכנט געוואָרן אין סוף פון זיין חסידישן ספר „דברי אמת".

די מתנגדים האָבן אים געהאַלטן פאַר נישט קיין גרויסן למדן און האָבן תמיד אים פאַרטשעפּעט מיט שאלות, וואָס זאָל אים ווײַ טאָן.

דערציילן חסידים, אַז אין לובלין איז געווען אַ פּשוטער ייד, אַן עם הארץ, וואָס האָט געוואָלט טאָן עפּעס אַ מצווה. וואָס האָט ער

געטאָן? ער האָט געקויפט אַ טוצן קעמלעך און יעדן ערב שבת איז ער געגאַנגען אין מרחץ אַריין האָט געטיילט די קעמלעך צו אָרעמע־לייט, זיי זאָלן זיך קאָנען אויסקעמען דעם קאָפּ לכבוד שבת. ווען דער „חוזה" האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער געזאָגט:

— דאָס איז גאָר אַ גרויסע מצווה, הלואי איך זאָל האָבן אַ חלק אין זיין מצווה.

האָט מען דאָס צוגעטראָגן צום לובלינער רב. ר' עזריאל האָראָ־וויץ, דעם „אייזערנעם קאָפּ", האָט ער געשמייכלט און געזאָגט:

— די גמרא זאָגט (מנחות, דף ע"ג) אַז ווען דוד המלך איז אַריינ־געגאַנגען אין מרחץ און ער האָט זיך געזען נאַקעט, האָט ער געזאָגט: אוי, איך בין נאַקעט אָן מצוות. איז אויב עס איז אַזאַ גרויסע מצווה צו טיילן קעמלעך אין מרחץ האָט דאָך דוד המלך געקאָנט יעדעס מאָל, ווען ער איז געגאַנגען אין באָד אַריין, מיטנעמען מיט זיך אַ פּאָר קעמלעך און זיי צעטיילן צווישן די אָרעמעלייט, וואָלט ער דאָך געווען געקאָנט מקיים זיין אַ מצווה?

האָט דער „חוזה" געהערט די שאַרפע קשיא, וואָס דער „אייזערנער קאָפּ" האָט געפרעגט, און ער האָט געענטפערט:

— זאָל מיר דער רב מוחל זיין וואָס צוליב זיין גרויס חריפות האָט ער פאַרגעסן אין אַ בפירושע משנה (סנהדרין דף כ"ב) וועלכע זאָגט אַז אַ יידישן מלך זעט מען נישט ווען ער שערט זיך אָפּ, ווען ער איז נאַקעט און נישט ווען ער איז אין באָד, קומט דאָך אויס אַז דוד המלך האָט נישט געקאָנט מקיים די מצווה פון טיילן קעמלעך אין באָד צווישן די אָרעמעלייט, ווייל ווען ער איז געגאַנגען אין זיין באָד אַריין, האָט דאָך קיינער נישט געטאָרט זיין דאָרט מיט אים... (שרי המאה).

ווי די חסידים דערציילן האָט דער „חוזה" געהאַט אַ מנהג אַליין צו באַדינען די אָרעמעלייט, וואָס זיינען געקומען צו אים אין שטוב אַריין, איינמאָל איז אַריינגעקומען אַן אָרעמאַן צום „חוזה", האָט דער „חוזה" אים דערלאַנגט עסן, דער „חוזה" האָט געוואַרט ביז דער אָרעמאַן האָט אָפּגעגעסן און האָט דערנאָך צוגענומען די כלים און זיי אַריינגעטראָגן אין קיך אַריין. זאָגט דער אָרעמאַן צום „חוזה":

— מילא, אַז דער רבי איז מיך משמש, פאַרשטיי איך, איר ווילט מקיים זיין אַ מצווה, אָבער פאַרוואָס טראָגט איר אַרויס די כלים אין קיך אַריין?

האָט דער „חוזה" אים געענטפערט:

— אויך דאָס אַרויסנעמען די כלים פון קדשי־קדשים האָט גע־דאַרפט טאָן דער כהן גדול אַליין אום יום כפור (נפלאות הרבי).

דער „חוזה" פון לובלין פלעגט פרייטיק־צו־נאכטסביים טיש זיך תמיד פארמוחן און דערנאך אנהייבן צו זינגען „לאל אשר שבת מכל המעשים". איינמאל, דערציילן חסידים, האט דער „חוזה" זיך גאר שטארק פארמוחט. די חסידים האבן געווארט א שעה, נאך א שעה. עס איז שוין נאך חצות און דער רבי זיצט נאך אלץ ביים טיש שטארק פארדביקהט, אזוי ווי ער וואלט גאר נישט געווען אויף דער וועלט. קיינער פון די חסידים האט נישט געוואגט אפצורייסן דעם „חוזה" פון די עולמות־העליונים, ביז דער „חוזה" אליין האט זיך אויפ־געכאפט און ער האט אנגעהויבן צו זינגען דער זמר „לאל אשר שבת" מיט א נייעם ניגון.

## לָאֵל אֲשֶׁר שָׁבַת

לרבי יעקב יצחק, החוזה מלובלין




דעם „חוזה"ס ניגון אויף „לאל אשר שבת"

די חסידים האבן שטארק הנאה געהאט פון ניגון. נאכן בענטשן האט דער „חוזה" דערציילט די חסידים, אז ער האט אין הימל געהערט דעם דאזיקן ניגון. פון זינט דעמאלט, איז איינגעפירט אין די הויפן פון די ראפשיצער אייניקלעך צו זינגען דעם דאזיקן ניגון יעדן פרייטיק־צו־נאכט.

דער „חוזה" איז נפטר געווארן אין תשעה באב אין יאר תקע"ה (1815) *).

חסידים דערציילן, אז די ראשי הקהל לייט וועלכע זיינען געווען מתנגדים, האבן נישט געוואלט געבן א קבר פארן „חוזה" צווישן די חשובי העיר, נאר געהייסן אים קובר זיין לעבן פלויט. זיי האבן אבער

*) וועגן דער „נפילה" און פטירה פונעם „חוזה", ווי אויך וועגן די מחלוקה מיט זיין תלמיד דעם „יוד הקדוש", האבן מיר אויספירלעך געשריבן אין בוך „פשיסכע און קאצק".

מסכים געווען, אַז מען זאָל דאָרט אַליין פאַר אים אויסקלייבן אַ קבר. איז דער ראָפּשיצער רבי אַרויף אויפן בית־הקברות, געזוכט צווישן די קברים און האָט באַשטימט אַז אויף אַן אָרט לעבן פּלויט זאָל מען גראָבן אַ קבר און ווען מען האָט דעם „חוזה" קובר געווען האָט מען זיך דערוואוסט אַז ער ליגט לעבן אַ גרויסן צדיק, ר' שכנא האָט ער גע־הייסן, וואָס האָט נישט געהאַט קיין מצבה. אויף וועמענס קבר דער „חוזה" פלעגט תמיד אין אַן עת צרה מתפלל זיין.

אויפן „חוזה"ס מצבה איז אויסגעקריצט די פאָלגנדיקע שורות:

„עדה המצבה הזאת, מצבת קודש קדושת רבינו
גאון עוזינו מאור עינינו חמדת לבבינו
וכל בית ישראל יבכו כי חשך אור בעדינו
ביום שריפת בית אלקינו
הוא יום פטירת איש קדוש המקו'
פאר הדור מו' כבוד הרב החסיד
המפורסם בכל קצוי ארץ מו"ה
יעקב יצחק בהרב מו"ה אברהם
אליעזר הלוי הורוויץ זצוק"ל
אשר רבים השיב מעון
ורבים הלכו לאורו
ראו ושמחו בני דורו
ושמחה נהפך ליגון ביום חמר
ט' אב שנת ארץ רעשה לפ"ק".

פון „חוזה"ס קינדער האָט קיינער נישט געוואָלט זיין קיין רבי, בלויז זיין מיטלסטער זון ר' יוסף פון טאַרטשין, וועלכער איז געווען אַן איידעם פון ר' מרדכי פון קאָזשעניץ, איז געוואָרן אַ רבי, אָבער די מערסטע חסידים פון „חוזה", זיינען געפאָרן צו זיינע תלמידים.

דריי און דרייסיק תלמידים פונעם „חוזה" זיינען געוואָרן רביים. און זיי האָבן פאַרשפּרייט דאָס חסידות אין פּוילן.

פון „חוזה" זיינען געדרוקט געוואָרן די ספרים: „זאת זכרון", „זכרון זאת", „דברי אמת", אַלע דריי חבורים זיינען אויף די פּרשיות פון דער תורה און צום סוף פון ספר „דברי אמת" זיינען פאַראַן חידושים אין הלכה אויף די מסכתות שבת, בבא קמא, חולין און אַנדערע מסכתות.

אויך זיינען פאַראַן לקוטים פון אַנדערע אויפן סמך פון זכרונות און דברים שבעל־פה אינעם ספר: „אהל תורה", געטיילט אין דריי

טיילן: אור התורה, אור החכמה, אור נפלאות (צוזאַמענגעשטעלט פון ר׳ משה מנחם וואלדן) און אַנדערע ספרים.

דער „חוזה״ האָט אויך געגעבן אַ צאָל הסכמות אויף ספרים, צווישן זיי אויפן „דגל מחנה אפרים״ פון ר׳ משה חיים אפרים (דעם בעש״טס אייניקל) און אויפן ספר „לקוטי מוהר״ן״ פון ר׳ נחמן בראַסלאַווער.

אין ספר „עשר אורות״ זיינען אויך איבערגעדרוקט געוואָרן בריוו און הסכמות פון „חוזה״. ווײַל מען אָבער זען דאָס גרויסקייט פון „חוזה״ פון לובלין, דאַרף מען נישט אַרײַנקוקן אין זיינע ספרים, נאָר זיך צוהערן צו די רייד פון זיינע תלמידים, די פאַרשידענע רביים, וואָס האָבן פאַרשפרייט דאָס חסידות אין פוילן. ווי אַ בוים וואָס האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען, אַזוי שטייט דער „חוזה״ פון לובלין אין דער חסידישער באַוועגונג. און ווי אַ בוים וואָס האָט ברייטע צווייגן, אַזוי האָט דאָס חסידות אין לובלין זיך צעצווייגט אין פאַרשידענע טיילן פון פוילן און גאַליציע.



הסכמה פון „חוזה״ צום ספר „דגל מחנה אפרים״ פון רבין ר׳ משה חיים אפרים פון סאַדילקאָוו

# דער רבי ר׳ מענדעלע פון רימענאָוו

# קאַפּיטל א

# דער רבי ר׳ מענדעלע פון רימענאָוו

וויִ אַזוי ער איז געוואָרן אַ חסיד פון רבין ר׳ אלימלך פון ליזשענסק. — ער האָט געלערנט אין דער ישיבה פון רבין ר׳ שמעלקע פון ניקלשבורג.

איינער פון די אָנגעזענסטע תלמידים פון רבין ר׳ אלימלך פון ליזשענסק, איז געווען דער רבי ר׳ מענדעלע, וועלכער איז געווען דער גרינדער פון דער גרויסער חסידישער דינאַסטיע רימענאָוו (רומאַנאָוו) אין גאַליציע.

די חסידות־פאָרשער האָבן ליידער ביז איצט ווייניק אָפּגעשאַצט די גרויסע פּערזענלעכקייט פון דעם רבין ר׳ מענדעלע און וואָס פאַר אַ ראָל ער האָט געשפּילט אין דער געשיכטע פון חסידות.

גענוג צו דערמאָנען, אַז דער גרויסער היסטאָריקער ש. דובנאָוו, אין זיין בוך „די געשיכטע פון חסידיזם" (זייט 242), שרייבט וועגן רבין ר׳ מענדעלע נישט מער ווי, אַז „אין דער חסידישער ליטעראַטור ווערט וועגן אים דערציילט גאָר ווייניק, און אין זיינע דרשות, וואָס זיינע תלמידים האָבן אָפּגעדרוקט נאָך זיין טויט („מנחם ציון") איז שווער צו געפינען עפּעס נייעס און אָריגינעלעס". דאָך האַלט דובנאָוו, אַז דער רבי ר׳ מענדעלע האָט געמוזט זיין באַרימט צווישן די חסידים, בלויז דערפאַר, וואָס דער פאַנאַטישער מתנגד ר׳ דוד מאַקאָווער, האָט אים אריינגענומען אין דעם צעטל פון די צדיקים, וואָס ער האָט אָנגערופן „ראשי בריוני". אָט דאָס איז דער איינציקער סימן וואָס דובנאָוו האָט געפונען, אַז ער האָט געמוזט זיין אַ גרויסער צדיק...

אויך די אַנדערע חסידות־פאָרשער, ווייסן על פּי רוב נאָר צו דערציילן וועגן גרויסקייט פון רבין ר׳ מענדעלע, נאָר אויף אַזוי ווייט, ווי עס האָט אַ שייכות צו דער לעגענדע אַז דער רבי ר׳ מענדעלע האָט געהאַלטן מיט נאַפּאָלעאָנען און ער האָט געהאָפט אַז ווען נאַפּאָלעאָן

וועט זיגן איבער רוסלאַנד וועט קומען אַ ישועה אויף יידן, אָבער דאָס איז בלויז איין עפּיזאָד פון זיין לעבן. דער רבי ר׳ מענדעלע האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אין חסידות און דאָס ווילן מיר געבן אין די קומענדיקע קאַפּיטלען.

* * *

דער רבי ר׳ מנחם מענדל איז געבוירן געוואָרן אין ניי־שטאָט (רוסיש־פּוילן), אין יאָר תק״ה—1745, (אַזוי גיט אָן א. מארקוס אין „חסידות״, זייט 117), אין שטוב פון זיין פאָטער ר׳ יוסף חריף און זיין מוטער ביילע.

וועגן זיין קינדהייט און וואָס פאַר אַ דערציאונג ער האָט באַקומען, ווייסן מיר בלויז דאָס, אַז ווען ער איז נאָך גאָר יונג געווען האָט ער אָנגעהויבן צו וואַנדערן פון איין ישיבה אין דער צווייטער אַריין, ביז ער איז אָנגעקומען אין דער ישיבה פון ר׳ שמעלקע פון ניקלשבורג. דאָרט האָט ער געלערנט אַ היבשע פּאָר יאָר. אַזוי ווי דער רבי ר׳ שמעלקע איז געווען אַ תלמיד מובהק פון דעם רבין ר׳ דוב בער פון מעזריטש, האָט דער רבי ר׳ שמעלקע פאַרשפּרייט די חסידישע שיטה צווישן זיינע תלמידים.

און דאָרט, אין ניקלשבורג, האָט דער רבי ר׳ מענדעלע צום ערשטן מאָל זיך באַקענט מיט דעם נייעם דרך פון חסידות און ער איז דאָרט געווען אַ חבר פון די שפּעטערדיקע רביים פון קאָזשעניץ און לובלין.

ווייזט אָבער אויס, אַז דאָס לאַנד מעהרן איז נישט געווען מסוגל, אַז די נייע חסידישע באַוועגונג זאָל זיך דאָרטן פאַרשפּרייטן. האָט דער יונגער ר׳ מענדעלע פאַרלאָזט די שטאָט ניקלשבורג און איז אָנגעקומען צום רבין ר׳ אלימלך פון ליזשענסק.

און אַזוי ווי דאָס ווערן אַ חסיד פון רבין ר׳ אלימלך איז געווען אַ גרויס געשעעניש אין דער חסידישער וועלט, האָט די חסידישע פאַנ־טאַזיע נישט געקאָנט דורכלאָזן אַזאַ געלעגנהייט און נישט אַריינפלעכטן אַ לעגענדע וועגן זיין אָנקומען צום ערשטן מאָל צום רבין ר׳ אלימלך.

און דערציילט ווערט אַזוי:

ווען דער יונגער ר׳ מענדעלע האָט געוואַנדערט חדשים לאַנג איבער דערפער און שטעט, ביז ער איז אָנגעקומען צום רבין ר׳ אלימלך, איז ער איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט געקומען אין אַ דאָרף אַריין לעבן דער שטאָט ליזשענסק. אַזוי ווי ער איז שוין געווען אַ מידער פון זיין נע־ונד זיין אַזאַ לאַנגע צייט, האָט ער געטראַכט זיך אָפּצורוען אין דער יידישער קרעטשמע, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן וועג.

די באַלעבאָסטע פון דער קרעטשמע האָט אים זייער גוט אויפ־גענומען, האָט אים אָפּגעגעבן אַ באַזונדער חדר און ר׳ מענדעלע אַליין האָט גאָר נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס מען גיט אים אָפּ אַזוי פיל כבוד.

אָבער אינמיטן דער נאַכט, ווען אַלע אורחים זיינען שוין איינגע־שלאָפן אויף דער אכסניה, און די פויערים זיינען זיך שוין צעגאַנגען פון דער שענק, האָט פלוצלינג דער יונגער ר׳ מענדעלע דערפילט, אַז אַ פרוי האָט געעפנט די טיר און איז אַריין צו אים אין צימער. און ווען ער האָט זיך פאַר שרעק אַ כאַפּ־אויף געגעבן פון בעט, האָט ער געטראָפן שטיין פאַר זיין בעט די קרעטשמערקע...

האָט דער רבי ר׳ מענדעלע קיין סך נישט געטראַכט און איז אין בלויזן העמד אַנטלויפן דורך דעם פענצטער אין פעלד אַריין, און איז אַזוי אין איין אָטעם געלאָפן איבער וועלדער און פעלדער, ביז ער איז פאַרטאָג אָנגעקומען קיין ליזשענסק און איז גלייך אַריינגעלאָפן אין בית המדרש אַריין פון רבי ר׳ אלימלך. איז דער רבי ר׳ אלימלך אים אַנטקעגנגעלאָפן און האָט אים געזאָגט:

— שלום עליכם, יוסף הצדיק!...*)

די חסידים זיינען געווען זיכער, אַז דאָס האָט דער שטן אָנגע־שטעלט די גאַנצע מעשה, כדי דער רבי ר׳ מענדעלע זאָל נכשל ווערן איידער ער באַגעגנט זיך מיטן רבין ר׳ אלימלך!...

און נאָך דערציילט די חסידישע לעגענדע, אַז ווען דער רבי ר׳ מענדעלע איז נאָך געווען אַ יונגער בחור האָט ער געהאַט גרויס חשק צו פאָרן צום רבין ר׳ אלימלך. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין געלט אויף הוצאות־הדרך, האָט ער זיך פאַרדונגען פאַר אַ משרת ביי אַ בעל־עגלה. זיין אַרבעט איז געווען צו היטן דעם וואָגן און די פערד ווען זיי רוען פון וועג.

איינמאָל איז געווען אַ גרויסער פראָסט אינדרויסן. דער בעל־עגלה און די פאָרערס זיינען געזעסן אין דער וואַרעמער אכסניה און זיי האָבן געגעסן און געטרונקען, אָבער מענדל, וואָס איז געווען אָנ־געטאָן אין אַ לייכטן מלבוש מיט צעריסענע שטיוול, איז געגאַנגען אויף און אָפּ פאַרן וואָגן און ער האָט געפּאַטשט מיט די הענט:

„געלויבט איז דער בורא־עולם, — האָט ער זיך געזונגען — וואָס מיר איז קאַלט! געלויבט איז דער אייבערשטער, וואָס איך בין

---

*) די זעלבע מעשה ווערט אויך דערציילט וועגן „חוזה" פון לובלין.

הונגעריק!״ ער האָט געשפּרונגען פון איין פוס אויפן צווייטן און ער האָט געזונגען אַ ליוב געזאַנג צום באַשעפער פון דער וועלט מיט אַ פריילעכן ניגון.

איינער פון די געסט פון דער אכסניה, וואָס איז געקומען צו פאָרן פון וועג, האָט געזען ווי דער יונגער מענדל טאַנצט און זינגט אין דער קעלט, זאָגט ער צו אים:

— יונגער בחור, וואָס זינגסט דו דיר?

— איך לויב דעם אייבערשטן, — האָט מענדל געענטפערט — וואָס איך בין געזונט און איך פיל אַזוי שטאַרק אַז איך בין הונגעריק.

— פאַרוואָס עסטו דו נישט? — האָט דער פרעמדער געפרעגט.

— דערויף דאַרף מען האָבן געלט — האָט ער געענטפערט.

האָט דער גאַסט גערופן איינעם פון זיינע משרתים, זיי זאָלן היטן דעם וואָגן און מענדלען האָט ער מיטגענומען מיט זיך אין דער אכסניה און ער האָט געהייסן מען זאָל אים מאכיל ומשקה זיין. דערנאָך האָט ער אים פאַרשאַפט אַ פּאָר גאַנצע שטיוול און אַ קורץ פעלצל, געמאַכט פון שעפסן־פעל, אַזוי ווי עס טראָגן די דאָרפס־יידן.

ווען מענדל איז אָנגעקומען קיין ליזשענסק, איז ער גלייך אַוועק צום הויז פון רבין ר׳ אלימלך. ער איז שנעל אַריין די משמשים זאָלן אים נישט באַמערקן, אינעם רבינס חדר המיוחד, וואו דער רבי ר׳ אלימלך איז געזעסן פאַר אַן אָפן ספר פאַרטראַכט אין טיפע רעיונות.

דעם רבין ר׳ אלימלכס זון, ר׳ אלעזר, האָט געגעבן אַ וואונק צו דעם פרעמדן יונגן בחור, ער זאָל אַרויס פון חדר און וואַרטן אין דרויסן פאַר דער טיר, נישט צו שטערן דעם רבין אין מיטן לערנען. אָבער דער רבי ר׳ אלימלך האָט פּלוצלינג געגעבן אַ הייב־אויף זיינע אויגן, און ער האָט אָנגעכאַפּט זיין זון ביי דער האַנט און ער האָט געזאָגט: „לאָזערל, לאָזערל, וואָס ווילסטו פון דעם יונגנמאַן, הייליקע פונקן פליען אַרום זיין קאָפּ!״... (עטרת מנחם).

און פון דעמאָלט אָן איז דער יונגער ר׳ מענדעלע געוואָרן אַ תלמיד פון רבין ר׳ אלימלך. ער איז דאָרטן געוועזן אַ פּאָר יאָר און האָט געשעפּט תורה פון זיין רבין... מען האָט דעם יונגן בחור גערעדט אַ שידוך מיט דער טאָכטער פון אַ באַלעבאַטישן ייד פון פּריסטיק (גאַליציע), וועלכער האָט אים געגעבן אַ שיינעם נדן און צוגעזאָגט קעסט.

נאָך דער חתונה האָט ער געגעסן קעסט ביים שווער. ער איז געזעסן יומם־ולילה און געלערנט, און דער שווער זיינער האָט אים

אויסגעהאַלטן מיט אַלע הצטרכותן. עס איז פאַרגאַנגען אַ פּאָר יאָר, דער שווער האָט געטראַכט, אַז זיין איידעם איז שוין גענוג געזעסן אויף זיינע פּלייצעס, האָט ער אים געוואָלט מאַכן פאַר אַ סוחר, אָבער דער יונגער ר׳ מענדעלע האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער וויל זיך נישט אָפּרייסן פון זיין לערנען. איז דער שווער אויף אים בייז געוואָרן און האָט אים פאַרטריבן פון זיין הויז און האָט אויך געוואָלט אויספּועלן ביי זיין טאָכטער, אַז זי זאָל זיך מיט אים גטן, אָבער ר׳ מענדעלעס ווייב האָט נישט געוואָלט הערן דערפון און זי האָט געזאָגט אַז זי איז מסכים, צוזאַמען מיט איר מאַן, צו הונגערן.

און דער יונגערמאַן ר׳ מענדעלע איז געזעסן טאָג און נאַכט על התורה ועל העבודה, האָט זיך מסגף געווען און האָט אַ סך געפאַסט. ער האָט יעדן בייַנאַכט געהאַט גלגול־שלג (יידן אין פּריסטיק האָבן ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה נאָך אָנגעוויזן אויף דעם באַרג, פון וואַנען דער רבי ר׳ מענדעלע פלעגט זיך אין די יונגע יאָרן אַראָפּ־קאָלערן אַ נאַקעטער יעדע נאַכט פון דעם הויכן באַרג שניי).

און די אָרעמקייט איז דערווייל אין שטוב געוואַקסן פון טאָג צו טאָג ביז עס איז שוין געקומען אַזוי ווייט, אַז דאָס ווייב זיינס האָט אַפילו מער נישט געהאַט קיין גראָשן צו קויפן אַ לאַבן ברויט. איז זי איינמאָל אַוועק צום בעקער און האָט אים געבעטן ער זאָל איר געבן אַ ברויט אויף באָרג, און זי וועט אים אין אַ פּאָר טעג אַרום אָפּצאָלן דעם חוב, איז אַרויס דער בעקער מיט אַ רוגזה: ווי אַזוי זי וואָגט גאָר צו קומען צו אים בעטן אויף באָרג, בעת זי ווייסט, אַז זי האָט אים נאָך נישט אָפּגעצאָלט דעם אַלטן חוב...

האָט זי אָנגעהויבן פאַר אים צו וויינען און צו קלאָגן, אַז דער מאַן אירער זיצט שוין דריי טעג רצופים אין בית־המדרש און האָט אין זיין מויל קיין שטיקל ברויט נישט געהאַט, בעט זי אים ער זאָל זיך אויף איר דערבאַרעמען.

זאָגט צו איר דער בעקער:

— אויב איר וועט מיר צוזאָגן, אַז איך וועל האָבן אייער חלק עולם הבא, וועל איך אייך געבן אַ ברייטל אויף באָרג...

איז דאָס ווייב פון רבין ר׳ מענדעלע אַרויסגעגאַנגען מיט אַ שווער האַרץ, אָבער ווען זי איז שוין אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט, האָט זי זיך דערמאָנט, אַז איר מאַן קוקט שוין זיכער אַרויס אויף איר, זי זאָל אים ברענגען עפּעס עסן, און דאָס האַרץ איז איר צעגאַנגען פאַר ווייטיק. איז זי צוריק אַריינגעגאַנגען צום בעקער און האָט אים גע־

זאָגט, אַז זי איז מסכים אָוועקצוגעבן איר גאַנצן חלק עולם הבא, נאָר דערפאַר פאַרלאַנגט זי, אַז ער זאָל איר כאָטש געבן אַ ברויט מיט אַ קעז...

האָט דער בעקער זיך זייער דערפרייט פון איר ענטפער און ער האָט איר געגעבן אַלץ וואָס זי האָט פאַרלאַנגט און זי איז דערמיט אַוועק אין בית המדרש אַריין.

און ווען זי איז אַריינגעקומען אין פּאָליש אַריין, און האָט אַוועקגעלייגט פאַר איר מאַן דאָס ברויט מיטן קעז, האָט איר מאַן, ר׳ מענדעלע, דערזען אַז זי שטייט עפּעס זייער טרויעריק, האָט ער זי געפרעגט פאַרוואָס איר האַרץ איז אַזוי באַטריבט, האָט זי אים דערציילט די גאַנצע מעשה, וואָס ס׳האָט זיך מיט איר פאַרלאָפן און זי האָט אויסגעלאָזט:

— דו ווייסט דאָך, ווי איך בין זיך מצער און בין זיך מקריב פאַר דיר און איצט וועל איך שוין אַפילו קיין עולם־הבא נישט האָבן!...

האָט ר׳ מענדעלע איר געענטפערט:

— דו האָסט דיר שוין צוריק קונה געווען עולם־הבא אין איין מינוט, ווייל דאָס האַרץ איז מיר געווען אַזוי פאַרחלשט, אַז איך וואָלט זיכער מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן דעם הונגער און די חכמים זאָגן דאָך (משנה, סנהדרין דף ט״ז) אַז: „כל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא״, (ווער עס דערהאַלט ביים לעבן איין יידן איז גלייך ווי ער וואָלט דערהאַלטן אַ וועלט). האָסטו דיר צוריק געקויפט עולם־הבא...

די אָרימקייט איז אין שטוב ווייטער געוואַקסן און נישט איינמאָל פלעגט דאָס ווייב זיינס מוזן גיין צו איר פאָטער און בעטן ער זאָל איר אַרויסהעלפן שבת צו מאַכן.

און איינמאָל, ווערט דערציילט, איז ר׳ מענדעלע אַהיימגעקומען אינמיטן דער נאַכט פון דער מקוה אַ האַלב פאַרפרוירענער, האָט ער געבעטן זיין ווייב זי זאָל פאַר אים אָנוואַרעמען אַ ביסל טיי. דאָס ווייב זיינס האָט אָבער נישט געהאַט אין שטוב אַפילו קיין שפּענדל אויף איינצוהייצן דעם אויוון. איז זי אַוועק אויפן הויף פון איר פאָטער צונויפקלייבן אַ פּאָר שטיקלעך האָלץ, אין דרויסן איז געווען אַ גרויסער פראָסט, אַזוי, אַז זי איז שיער פאַר קעלט נישט פאַרפרוירן געוואָרן.

און ר׳ מענדעלע פלעגט אין דעם גאַנצן גרויסן דחקות און נויט כסדר פאָרן צום רבין ר׳ אלימלך און ביי אים אָפּזיין אַ היפּשע צייט

און על־פּי־רוב אויך איבער אַלע ימים טובים. און דער רבי ר׳ אלימלך האָט זיך אַזוי געשפּיגלט אין זיין תלמיד, אַז ער האָט אים תמיד מכבד געווען אויף די ימים נוראים צו דאַווענען פאַרן עמוד שחרית.

איין איינמאָל, דערציילט די חסידישע לעגענדע, האָט דער רבי ר׳ אלימלך אין ראש השנה אַרומגעזוכט דעם רבין ר׳ מענדעלע און ער האָט אים אינערגיץ נישט געקאָנט געפינען, האָט ער נאָך אים געשיקט אַ שליח אויף דער אכסניה, און ערשט דאָרטן האָט מען אים געטראָפן. האָט דער רבי ר׳ אלימלך דערנאָך אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון אים, האָט אים דער רבי ר׳ מענדעלע געענטפערט, אַז אַזוי ווי ער ווייסט, אַז אַ בעל־תפילה אין די ימים נוראים דאַרף לכל הפּחות לערנען יעדן טאָג אַ בלאַט גמרא און אַזוי ווי ער איז דאָס לעצטע יאָר געווען שטאַרק פאַרטאָן און ער האָט פאַרגעסן צו לערנען יעדן טאָג אַלע זיינע שעורים, האָט ער דעריבער נישט געוואָלט זיין קיין בעל־תפילה. האָט אים דער רבי ר׳ אלימלך באַרואיקט און ער אַליין האָט אים צוגעשטעלט צום עמוד...

און ווען ר׳ מענדעלעס שווער האָט געזען, אַז זיין איידעם גייט אַלץ נישט „בדרך הישר", האָט ער ביי זיך געטראַכט, וואָס וועט ער אויספירן, אַז זיין טאָכטער מיטן איידעם וועלן אַזוי הונגערן? האָט ער זיך איבערגעבעטן מיט זיין איידעם און ער האָט ר׳ מענדעלען צוריק גענומען אויף קעסט, — דעמאָלט האָט ר׳ מענדעלע נאָך מער זיך פאַרטיפט אין לערנען און עוסק געווען אין חסידות.

בערך אין יאָר תקנ״ו (1796) האָט זיך דער רבי ר׳ מענדעלע אַריבערגעקליבן פון פּריסטיק קיין רימענאָוו, ער האָט אָבער צוליב אַ סיבה, וואָס איז אונדז נישט באַקאַנט, זיך צוריקגעצויגן קיין פּריסטיק און ערשט אין יאָר תקס״ז (1807) האָט ער זיך באַזעצט אויף שטענדיק אין רימענאָוו, און דאָרט געגרינדעט דעם רימענאָווער הויף. קיין רימע־נאָוו פלעגן אָנקומען הונדערטער חסידים פון דער גאַנצער געגענט און זיין שם האָט דערגרייכט איבער גאַנץ גאַליציע...

און דער רבי ר׳ מענדעלע האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף זיין גאַנצער סביבה מיט זיין שטרענגקייט און מיט זיין נישט וועלן אָוועק־גיין אַפילו כחוט השערה פון דעם אַלטן וועג...

דער רבי ר׳ מענדעלע האָט געהאַט אַ שטאַרקע השגחה, אַז די בתי־מדרשים אין שטאָט זאָלן שיין אויסזען.

אַזוי ווערט דערציילט, אַז איינמאָל איז אָנגעקומען אַ ידיעה אין שטאָט, אַז די מיליטערישע קאָמאַנדע זוכט אַן אָרט פאַר שפּייכלערס

פאַר פּראָוויאַנט און ווי מען האָט זיך דערוואוסט, וויל די מיליטערישע קאָמאַנדע אויסקלייבן די שול צו מאַכן דאָרטן די שפּייכלערס.

זיינען די יידן אַוועקגעלאָפן צום רבין ר׳ מענדעלע און האָבן אים דערציילט פון דער שלעכטער בשורה, וואָס זיי האָבן געהערט און זיי האָבן אויסגעלאָזט, אַז איין האָפענונג איז נאָך פאַראַנען, אַז עס זאָל פון דעם גאָר נישט ווערן, ווען די קאָמאַנדע וועט זיך דערוויסן, אַז דער דאַך פון דער שול איז צעבראָכן און עס רעגנט אַריין אַ גאַנצן ווינטער...

האָט דער רבי ר׳ מענדעלע זיך אויפגעשטעלט און האָט אָנגעהויבן אויסצומוסרן דעם עולם און האָט געזאָגט:

— איצט ווייס איך שוין פאַרוואָס מען האָט געוואָלט אויסקלייבן די שול פאַר שפּייכלערס, אַז איר האַלט אַזוי נישט בכבוד אַ מקום קדוש, האָט איר אייך בעסער נישט פאַרדינט!...

און דער רבי ר׳ מענדעלע האָט גלייך געהייסן דינגען בעלי־מלאכות זיי זאָלן זיך שטעלן פאַרריכטן דעם דאַך...

די בעלי־בתים פון שטאָט האָבן אַזוי געטאָן ווי דער רבי האָט זיי געהייסן, הגם אין האַרצן האָבן זיי געהאַט תרעומות אויפן רבין, ווייל זיי זיינען געווען זיכער, אַז איצט וועט זיך די מיליטערישע קאָמאַנדע זיכער נישט וועלן אָפּזאָגן פון דער שול...

אָבער ווי נאָר מען האָט פאַרענדיקט דאָס פאַרריכטן דעם דאַך, איז גלייך אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז די מיליטערישע קאָמאַנדע האָט באַשלאָסן איינצואָרדענען זייערע שפּייכלערס אינעם דערבייאיקן שטעטל דיקלע... און דאָ ערשט האָבן אַלע בעלי בתים דערזען, לאָזט אויס די חסידישע לעגענדע, דאָס גרויסקייט פונעם רבין ר׳ מענדעלע...

## קאַפּיטל ב

# דער רבי ר׳ מענדעלע קעמפט קעגן די נייע מאָדעס

די תקנות וואָס זיינען פאַרשריבן אין רימענאָווער פּנקס. — די גזירות פון די רוסישע און עסטרייכישע רעגירונגען קעגן די יידישע בגדים. — פאַבריקאַנטן פון עסטרייך שטעלן זיך איין פאַר דער יידישער קאַפּאָטע. — יעדעס וואָרט האָט אַ נשמה — לערנט דער רבי ר׳ מענדעלע.

ווען דער רבי ר׳ מענדעלע האָט שוין געהאַט אַ גרויסן עולם חסידים, האָט ער נישט פאַרגעסן אין דער שטאָט גופא. ער פלעגט אַרויסגעבן פאַרשידענע תקנות אין שטאָט.

צווישן די תקנות, וואָס דער רבי ר׳ מענדעלע האָט אַרויסגעגעבן, איז אויך באַקאַנט די תקנה קעגן דער חברה קדישא.

די חברה קדישא פלעגט אין יענער צייט רייסן פּאַסן פון די יורשים, וואָס זיינען געבליבן נאָך אַ ייד, אַ גביר, זי פלעגט זיך הייסן געבן אַ סך געלט פאַר אַ קבר פאַר אַ בכבודיקן פּלאַץ אויפן בית־הקברות.

דער רבי ר׳ מענדעלע האָט אַמאָל בדרך־הלצה געזאָגט אַז: „ווען נישט, וואָס מען טאָר נישט מהרהר זיין און נאָכקלערן נאָך מעשה בראשית, וואָלט איך געפרעגט: צוליב וואָס האָט דער בורא באַשאַפן די חברה קדישא?״...

האָט דער רבי ר׳ מענדעלע אַרויסגעגעבן אַ תקנה אַז די חברה קדישא טאָר נישט נעמען צופיל געלט פאַר אַ קבר.

דער רבי ר׳ מענדעלע האָט אויך געפירט אַ קאַמף צו דערהאַלטן די אַלטע יידישע קליידונג. ניט צולאָזן, אַז די „נייע מאָדעס״ זאָלן זיך אַריינרייסן אין דעם יידישן פאָלקסטימלעכן לעבן.

שוין דער קייזער יאָזעף דער צווייטער פון עסטרייך האָט געמיינט, אַז ער וועט טאָן אַ גרויסע הומאַניטאַרע טאַט, ווען ער האָט נישט בלויז דערלויבן די יידן צו מעגן זיך קליידן אין די זעלבע מלבושים ווי די אַנדערע איינוואוינער פון לאַנד, נאָר ער וועט זיי אויך צווינגען אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די ספּעציעלע יידישע מלבושים, וואָס די יידן האָבן דעמאָלט געמוזט טראָגן.

און אין יאָר 1789 האָט דער קייזער יאָזעף דער צווייטער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די יידן מוזן בייטן זייערע ספּעציעלע בגדים.

אָבער די גזירה־געבער אין ווין האָבן נישט געקאָנט משיג זיין, אַז דאָס, וואָס עס איז פריער אויף די יידן אַרויפגעלייגט געוואָרן ווי אַ שטראָף, איז דערנאָך זיי געוואָרן אייגנס און טייער. עס איז אמת, אַז די יידן זיינען פון אָנפאַנג געצוואונגען געוואָרן דורך פאַרשידענע געזעצן און דעקרעטן צו מוזן טראָגן קאָמישע און אייגענאַרטיקע מלבושים, מען זאָל זיי דערקענען, אַז זיי זיינען יידן, אָבער מיט דער צייט זיינען די יידן צוגעוואוינט געוואָרן צו זייערע בגדים און זיי האָבן זיך נישט געוואָלט מיט זיי שיידן. זיי, די פרומע יידן, וואָס זיינען געווען קאָנסערוואַטיוו, האָבן מורא געהאַט, אַז מיטן איבערבייטן די בגדים וועט חס־ושלום די גאַנצע יידישקייט אונטערגיין.

און עס איז אינטערעסאַנט, אַז אַפילו די גרויסע פאַבריקאַנטן פון נידער־עסטרייך, אַרום ווין, זיינען געווען פאַראינטערעסירט, אַז די יידן זאָלן טראָגן אייגענע יידישע מלבושים. אַזוי ברענגט דער היסטאָריקער ד״ר פיליפּ פרידמאַן אין זיין דייטשישן בוך „די גאַליצישע יידן אין קאַמף פאַר זייער גלייכבאַרעכטיקונג״ (זייט 109), אַז די גרויסע פאַבריקאַנטן פון ווין האָבן זיך געווענדט צום קייזער יאָזעף דעם צווייטן און פון אים פאַרלאַנגט, אַז דאָס געזעץ וועגן צווינגען יידן אויסצוטאָן זייערע ספּעציעלע בגדים זאָל אָפּגעלייגט ווערן אויף לכל הפחות צוויי יאָר, ווייל אַן ערך פון עלף טויזנט אַרבעטער דערנערן זיך פון די פאַבריקן, וואָס אַרבעטן אויס די יידישע בגדים.

דער קייזער האָט זיך טאַקע צוגעהערט צו אָט דער ביטע פון די פאַבריקאַנטן, און בפרט ווען ער האָט זיך דערוואוסט, וואָס פאַר אַ שטורעם עס האָט זיך אויפגעהויבן צווישן דעם אָרטאָדאָקסישן יידנטום אין גאַליציע, ווען זיי זיינען געוואויר געוואָרן פון זיין „הומאַניטאַרן געזעץ״.

דער קייזערלעכער דעקרעט איז דערנאָך געענדערט געוואָרן אַזוי, אַז: „יעדער ייד קאָן מיט זיין גוטן ווילן בייטן זיינע בגדים״. דאָס

הייסט, ער איז מער נישט מחויב צו מוזן טראָגן זיינע אייגענע יידישע קליידער, נאָר מיט זיין גוטן ווילן קאָן ער אָנטאָן די אייראָפּעאישע קליידער.

אָבער די פאָרשטייערס פונעם אָרטאָדאָקסישן יידנטום, די רבנים, און בפרט די רביים, האָבן אָנגעהויבן צו קעמפן אויך קעגן דער דאָזיקער „בייער גזירה". זיי האָבן אָנגעווענדט אַלע מיטלען, אַז די יידן זאָלן ווייטער גיין אין זייערע ספּעציפישע בגדים.

ענלעכע קאַמפן זיינען אויך פאָרגעקומען אין רוסלאַנד און רוסיש־פוילן מיט יאָרן שפּעטער, ווען די רוסישע רעגירונג האָט דערקלערט אַ קאַמף די יידישע בגדים אויף לעבן און טויט און האָט אַרויס־געגעבן שווידערלעכע גזירות ווי אַזוי מען זאָל צווינגען די יידן, זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זייערע ספּעציעלע בגדים (אויספירלעכער וועגן דעם געפינט זיך אין ד״ר י. שאַצקיס אַרבעט, אין די „היסטאָרישע שריפטן" פון ייוואָ, באַנד 1, זייטן 732־736, און אין שאול גינזבורגס „היסטאָרישע ווערק", דריטער באַנד).

די רביים אין פוילן האָבן דעמאָלט אָנגעפירט אַ מוראדיקן קאַמף און אַ טייל פון זיי, ווי, למשל, דער וואָרקער רבי, ר׳ יצחק, דער טשעכאַנאָווער רבי ר׳ יצחק לאַנדוי און דער אַלטער גערער רבי ר׳ איטשע מאיר, האָבן געהאַלטן, אַז לויט דעם יידישן דין דאַרפן די יידן קעמפן ביז מסירת נפש ממש, קעגן דער גזירה אויף „בגדים".

און די משכילים, וועלכע האָבן נאָך געזוכט „צו זיין מיט אַלע גוים גלייך", האָבן געזען די איינציקע ישועה פאַר יידן אויך דערין, ווען זיי וועלן אַראָפּוואַרפן פון זיך די יידישע קאַפּאָטע.

דער קאַמף אין פוילן אין יענע יאָרן (1850—1870) איז געווען אַזוי גרויס, אַז צוליב אַ מסירה האָט מען דעם גערער רבין אַפילו אַריינגעזעצט אין דער וואַרשעווער תפיסה. נאָר איינער איז געווען צווישן די רביים, וואָס האָט געהאַלטן, אַז די גאַנצע יידישקייט ליגט נישט אין דער אייל קאַפּאָטע, וואָס די רוסישע קאָזאַקן האָבן אונטער־געהאַקט ביי די יידן — דאָס איז געווען דער קאָצקער רבי ר׳ מענדעלע, און ער האָט בפירוש געזאָגט:

„איך האָב נישט געזען קיין שום דין וועגן דעם, אַז מען זאָל זיך דאַרפן לאָזן הרגענען דערויף (צוליב דער גזירה אויף די בגדים) און מפקיר זיין צוליב דעם יידיש בלוט".

נאָר אַזוי ווי דער קאָצקער רבי איז געווען אין אַלע אַנדערע ענינים אַן אויסנאַם אין דער חסידישער וועלט, אַזוי איז ער אויך אין דעם פּרט געווען אַ יחיד. אָבער די אַלע אַנדערע רביים האָבן

געהאַלטן, אַז מען דאַרף זיך ממש מוסר נפש זיין און נישט צו בייטן די אַלטע יידישע בגדים.

אַזוי האָט אויסגעזען דער קאַמף אין רוסיש־פּולין. די עסטרייכישע רעגירונג איז אָבער נישט געווען אַזאַ באַרבאַרישע ווי די רוסישע און אירע געזעצן וועגן די יידישע בגדים זיינען געווען מילדערע. דערפאַר אָבער האָבן אַ טייל יידן אפשר זיך געלאָזט איבעררעדן און האָבן אָנגעהויבן זיך צו קליידן לויט דער דעמאָלטיקער מאָדע.

דאָס האָט הפּנים געבראַכט דערצו, אַז אַ סך רביים האָבן אָנגע־הויבן ביסלעכווייז אַרויסצוטרעטן קעגן די „נייע מאָדעס...״ און בפרט דער רבי ר׳ מענדעלע פון רימענאָוו וואָס האָט דערין געזען אַ געפאַר אַז עס וועט אונטערגראָבן דאָס גאַנצע יידישקייט.

דערצו נאָך האָט גורם געווען דאָס, וואָס די רביים האָבן מורא געהאַט, אַז דערמיט, וואָס די יידן און בפרט די יידישע פרויען וועלן זיך קליידן מיט דער מאָדע און אין שיינע מלבושים, וועט עס „אויפ־רייסן די אויגן פון די קריסטלעכע איינוואוינער״.

דער רבי ר׳ מענדעלע האָט גערופן אַן אסיפה פון אַלע יידן פון דער שטאָט רימענאָוו און געמאַכט תקנות קעגן דער נייער מאָדע. ער האָט די אסיפה, הפּנים, געהאַלטן אַזוי וויכטיק, אַז ער האָט באַפוילן צום ראַפּשיצער רבין, ער זאָל ספּעציעל קומען צו פאָרן קיין רימענאָוו.

ביי דער אסיפה זיינען אָנגענומען תקנות קעגן דער מאָדע. און אָט וואָס שטייט פאַרשריבן אין דעם אַלטן פּינקס פון דער חברה „בקור חולים״ פון דער שטאָט רימענאָוו:

(די תקנות זיינען פאַרשריבן אין לשון־קודש, מיט אַ סך יידישע ווערטער. מיר ברענגען זיי, לויט דער העתקה פון ספר „אם לבינה״, זייטן 33־34).

„אין טאָג פון כ״ז ניסן פון יאָר תקע״ה (1815) האָט דער רבי (ר׳ מענדעלע) געהייסן דעם ראַפּשיצער רבין, ער זאָל צונויפ־רופן אַן אַסיפה, און ווען עס האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלע ראשים און די אויסדערוויילטע פון דער שטאָט — האָט דער ראַפּשיצער רבי פאַר זיי פאָרגעלייענט די פאָלגענדיקע תקנות אין נאָמען פון רבין ר׳ מענדעלע, און אַלע האָבן די תקנות אָנגענומען בפה אחד.

„און דאָס זיינען די תקנות:

„א) די ווייבער זאָלן נישט גיין אין קיין „שטערן־טיכלעך״ און אין אַ „גרונט״ און אַפילו שיך פון דער נייער מאָדע זאָלן זיי ניט

טראָגן. נאָר אין שלייערן זאָלן זיי גיין, אַזוי ווי זייערע מוטערס זיינען געגאַנגען, און זיי זאָלן ניט טראָגן אויפן קאָפּ אַ רויט טיכל און שיך וואָס מען רופט „סאַנדאַלקעס.״

(ווייזט אויס, אַז דאָס „שטערן־טיכל,״ וואָס איז דערנאָך גע־וואָרן אַזוי טראַדיציאָנעל־יידיש, אַז נאָר רביצינס און נשים־צדקניות האָבן עס געטראָגן, איז אויך געוואָרן דעמאָלט פאַררעכנט צווישן די „נייע מאָדעס.״)

„ב) די בתולות זאָלן נישט גיין מיט אויפגעדעקטע האָר אויפן קאָפּ און מיט קריינדלעך און אויך נישט אין „דייטשע העמדער״.

„ג) די ווייבער און מיידלעך זאָלן נישט זיצן אין מאַרק אום שבת און יום־טוב און זיי זאָלן נישט גיין שפּאַצירן מחוץ פון דער שטאָט, מכל־שכן מיט מענער.

„ד) ווייבער זאָלן נישט גיין און פאָרן אָן אַ שומר, און ווייבער וואָס גייען מעלקן קי אָן אַ שומר, זאָל מען אסרן זייער מילך.

„ה) אויב אַ שניידער וועט נייען אַ בגד לויט דער נייער מאָדע, זאָל מען אים צום ערשטן מאָל קנסענען, און אויב ער וועט נאָך אַמאָל עובר זיין דערויף, זאָל מען אים נישט לאָזן אַרבעטן, אַזוי ווי עס ווערט געבראַכט אין פּינקס פון דער חברה חייטים.

(ווייזט אויס, אַז ס׳איז וועגן דעם אָנגענומען געוואָרן תקנות צווישן די שניידערס און פאַרשריבן געוואָרן אין פּינקס פון דער חברה חייטים.)

„ו) מען זאָל אויסקלייבן ממונים, וואָס זאָלן האָבן אַ השגחה אויף די וואָגן און מאָסן אין שטאָט.

„ז) מען זאָל זאָרגן, אַז עס זאָל זיין יעדן טאָג אַ מנין (צו דאַווענען אין שול).

„ח) מען זאָל שטאַרק משגיח זיין, אַז מען זאָל נישט מחלל שבת זיין אין שטאָט און בפרט אויף די „שענקערס,״ אַז זיי זאָלן האַלטן גויים אום שבת און יום־טוב.

„ט) מען זאָל זיך מער פאַראינטערעסירן מיט די אָרימעלייט און די אביונים, די לערנערס, און מען זאָל עפענען אַ תלמוד־תורה פאַר די אָרימע קינדער.

„י) מען זאָל וואָרענען די שניידערס, אַז זיי זאָלן נייען אַרבע־כנפותן, וואָס זאָלן דערגרייכן ביז צו די קני.

„יא) די מענער זאָלן נישט גיין מיט „קאָלנערס,״ נאָר מיט

א „קרייז״, אַזוי ווי מען איז פאַרצייטנס געגאַנגען, און אויך נישט אין אַ בגד פון דער נייער מאָדע.״

דערנאָך קומען נאָך צוויי תקנות, איינע וועגן דער חברה־קדישא, אַז זי זאָל מאַכן אַ „קלפי״ (וואַלן) צווישן ראש־השנה און יום־כפור, און אַ צווייטע, אַז מען זאָל אויסמיידן זיך „צו לאָדענען אין רעגירונגס־געריכטן״.

דער רימענאָווער רבי האָט איינגעפירט נאָך אַ תקנה, אַז עס זאָלן נישט שפּילן קיין מוזיקאַנטן אויף קיין חתונה, און אַז יעדן ראש־חודש זאָלן אַרומגיין משגיחים איבער די געוועלבן זען, צי מען גיט די ריכטיקע וואָגן.

און איינמאָל, ווערט דערציילט, האָט דער רבי ר׳ מענדעלע גע־שיקט זיין משרת ר׳ הערש, וועלכער איז נאָך דער פּטירה פון רבין ר׳ מענדעלע געוואָרן רבי, ער זאָל זען אין שטאָט, צי די וואָגן און מאָסן זיינע ריכטיקע. איז ער אַריינגעקומען צו אַ ייד אַ למדן און האָט ביי אים אין געוועלב געטראָפן אַ נישט־ריכטיקע מאָס. האָט דער בעל־הבית געזאָגט צו דעם רבינס משרת, אַז די וואָג באַנוצט ער מער נישט. האָט אָבער ר׳ הערש אים אָנגעוויזן, אַז אַפילו בלויז האַלטן אַ פאַלשע וואָג אין געוועלב איז שוין אַן עבירה. האָט דאָס אַביסל פאַרדראָסן דעם בעל־הבית דעם למדן, און ער רופט זיך אָן צו אים: „דו, הערש, קענסט שוין לערנען אויך?״

ר׳ הערש משרת איז געוואָרן רויט פאַר בושה, אָבער ער האָט איש נישט אָפּגעלאָזט ביז ער האָט ביי אים צוגענומען די מאָס. ווען ער איז געקומען צום רבין ר׳ מענדעלע, האָט ער אים גאָרנישט דערציילט דערפון, נאָר די אַנדערע מענטשן האָבן דעם רבין אויסגעזאָגט, וואָס עס האָט זיך פאַרלאָפן אין געוועלב פון דעם למדן. האָט דער רבי ר׳ מענדעלע תיכף געהייסן רופן אַן אסיפה אין שול און האָט אָנגעזאָגט דעם שמש, אַז ער זאָל ביי יעדער טיר פון אַ יידיש הויז קלאַפּן אין שול אַריין, נאָר ער זאָל אויסלאָזן די שטוב פון דעם למדן. זיינען אַלע יידן געקומען צולויפן אין שול אַריין און דער רימענאָווער רבי האָט פאַר זיי געזאָגט אַ דרשה, זיי אָנגעוויזן ווי האַרב די עבירה איז, ווען מען גיט נישט קיין ריכטיקע מאָס. האָט זיך דערוואוסט דער למדן, וואָס פאַר אַ רעש עס איז אין שטאָט, און אַז אַלץ איז צוליב אים. איז ער געלאָפן אין שול אַריין אין די זאָקן, מקבל נזיפה זיין פון רבין, אַרויסצונעמען פון אים אַ תשובה און בעטן ער זאָל אים מוחל זיין. האָט ער געטראָפן, דערציילט מען, שטייען ר׳ הערש משרת אין פאַר־

הויז פון דער שול און זאָגן תהילים, מתפלל זיין, אַז די קפדה פון רבין ר׳ מענדעלע זאָל דעם למדן נישט שאַטן...

און די תקנות פון דעם רבין ר׳ מענדעלע קעגן די „מאָדעס״ האָבן געהאַט אַ פּעולה. דאָך האָט זיך זיין תלמיד ר׳ הערש אלימלך דינאָווער דערנאָך זיך באַקלאָגט אין זיינע הוספות צום ספר „סור מרע״ (אבות פ״ו), אַז „כאָטש דער רבי ר׳ מענדעלע האָט פּשוט זיך מוסר נפש געווען, אַז מען זאָל נישט גיין אין די נייע מאָדעס, דאָך האָבן זיינע תקנות געווירקט נאָר בלויז אין זיין סביבה״.

דער רבי ר׳ מענדעלע האָט אויך געהאַט איינגעפירט אַ תקנה, אַז די געלטער פון קמחא דפסחא זאָלן אָנפאַרטרויט ווערן צו איין מענטשן און אונטער דער השגחה פון דעם שטאָט־רב אָדער דיין.

איינמאָל האָבן די בעלי־בתים פון דער שטאָט זשימגרוד געוואָלט פּורץ גדר זיין און אָנפאַרטרויען די געלדער פון קמחא דפסחא צו אַ פּאָר בעלי בתים, האָט זיי געשריבן אַ שאַרפן בריוו דער תלמיד פונעם רבין ר׳ מענדעלע, דער רבי ר׳ הערש משרת. דער בריוו איז געשריבן געוואָרן אין יאָר תר״ג (1843) און עס ווערט צווישן אַנדערן געזאָגט אַז: „דער מנהג איז איינגעפירט געוואָרן דורך דעם רבין ר׳ מענדעלע, אַז אין יעדער שטאָט זאָל זיין איין ייד וואָס זאָל זיך באַשעפטיקן מיט דעם קמחא דפסחא, אונטער דער השגחה פונעם דיין און איר ווילט דעם מנהג מבטל זיין? עס טאָר אַזוינס נישט געשען!...״

און אַזוי ווי דער עיקר קאַמף פונעם רבין ר׳ מענדעלע איז געווען קעגן די נייע מאָדעס, וועט זיין אינטערעסאַנט צו ברענגען אַן אויסצוג פון אַ בריוו, וואָס דער רבי ר׳ מענדעלע אַליין האָט וועגן דעם געשריבן צו זיינעם אַ חסיד קיין אונגאַרן אין יאָר תקע״ב, (1812). אינעם בריוו שרייבט דער רבי ר׳ מענדעלע צווישן אַנדערן, אַז דאָס וואָס עס וואַקסט די קנאה און שנאה צו יידן נעמט זיך דערפון, וואָס „די יידישע קינדער האָבן זיך אָנגעהויבן צו קליידן אַזוי ווי די גויים, און ווייבער גייען שוין אָנגעטאָן אַזוי פאַרשאַרט, אַז מען דערקענט זיי שוין נישט, אַז זיי זיינען יידישע קינדער... אויך איז אויפגעקומען אַ נייע מאָדע אין פּוילן, וואָס מען קנעפּלט די קנעפּלעך פון די מלבושים פון לינקס אויף רעכטס... און עס האָט שוין געבראַכט דערצו, אַז עס איז אַרויס אַ כרוז קעגן דעם פון די רבנים פון קראָקע... אויך האָט מען זיך אָנגעהויבן מתיר צו זיין צו גיין אום שבת מיט אַ „פּאַראַסאָל״, וואָס דאָס איז אַ גרויסע עבירה, און אָנשטאָט צו זיצן שבת אין שטוב און לערנען תורה, גייט מען גאָר שפּאַצירן!...״

און דער רבי ר׳ מענדעלע עצהט דעם חסיד זיינעם ער זאָל וועגן דעם שרייבן צו די רבנים פון פרעשבורג און פון אויבן־ישן, נאָר ער זאָל זיי נישט שרייבן בלויז אין זיין נאָמען, נאָר אין נאָמען פון **אַלע** רבנים אין פוילן, כדי זיינע ווערטער זאָלן מאַכן מער רושם...

און חסידים דערציילן, אַז דאָס, וואָס דער רבי ר׳ מענדעלע האָט געפירט אַ קאַמף קעגן דער נייער מאָדע, דאַרף מען עס ניט אויס־טייטשן אַזוי, אַז ער האָט נישט געוואָלט, אַז די יידישע קינדער זאָלן זיך קליידן שיין, נאָר אַז „זיי זאָלן נישט אויפרייסן די אויגן פון די גוים".

און איינמאָל, דערציילן די חסידים, האָט אַ גביר פון דער שטאָט רימענאָוו חתונה געמאַכט זיינע אַ טאָכטער, האָט ער איר געמאַכט זייער אַ שיינעם אויסשטייער און גאָר טייערע קליידער לויט דער לעצטער מאָדע. האָט אים געשיקט רופן דער רבי ר׳ מענדעלע און ער האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט געמאַכט אַזוינע שיינע קליידער? ענט־פערט אים דער גביר, אַז ער ווייסט נישט פאַרוואָס דער רבי וויל אסרן, אַז די יידישע טעכטער זאָלן זיך אָנטאָן שיינע קליידער. און דער גביר האָט געזאָגט:

— מיר ווייסן דאָך, אַז גאָר פאַרצייטנס האָט עזרא הסופר מתקן געווען, אַז סוחרים זאָלן אַרומגיין איבער די שטעטלעך און דערפער מיט זייערע סחורות, כדי די יידישע טעכטער זאָלן זיך קאָנען שיין צירן...

— דו האָסט אַ טעות — האָט אים דער רבי ר׳ מענדעלע גע־ענטפערט — אויב דו מיינסט, אַז איך וויל, אַז די יידישע טעכטער זאָלן נישט זיין שיין; איך וויל נאָר, אַז זייער שיינקייט זאָל לייכטן אין די יידישע שטובן און נישט אין דרויסן, עס זאָל אויפרייסן די אויגן פון אונדזערע שונאים!...

אַ חוץ די אַלע שטאָטישע ענינים, מיט וואָס דער רבי ר׳ מענדעלע האָט זיך אָפּגעגעבן אין שטאָט און אַ חוץ די אַלע ענינים, מיט וועלכע ער איז געווען פאַרנומען אַלס רבי, האָט ער אויך אָנגעפירט מיט כולל ארץ־ישראל, און אַ גרויסער טייל פון אונגאַרן האָט דעמאָלט גע־הערט צום גאַליציאַנער כולל, אַזוי ווי מיר קאָנען דאָס זען פון אַ בריוו, וואָס דער רבי ר׳ משה טייטלבוים פון אוהעל האָט געשריבן צום „חתם סופר". ר׳ משה סופר פון פרעשבורג. (געדרוקט אין ספר „חוט המשולש").

* * *

דער רבי ר׳ מענדעלע האָט געפּירט זיינע טישן אום שבת מיט גרויס יראה און מען האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער איז דער „מקור פון יראה". און איינמאָל, ווערט דערציילט, איז דער רבי ר׳ מענדעלע געווען אויף שבת ביים רבין פון לובלין. דאָרט אין לובלין איז ווידער געווען אַ מנהג, אַז די חסידים פלעגן רעשן ביים רבינס טיש, און אַזוי ווי דער רבי ר׳ מענדעלע איז צו דעם נישט געוואוינט געווען, וואָרים ביי זיינע טישן פלעגט זיין אַזוי שטיל, אַז מען האָט אַפילו געקאָנט הערן די ברענענדיקע שבת־ליכט צאַנקען, האָט דער רבי ר׳ מענדעלע אַ געשריי געגעבן:

— זאָל זיין שטיל!

איז דעמאָלט געפאַלן אַזאַ אימה, אַז אַלע חסידים זיינען ממש אויפ־געציטערט געוואָרן.

האָט דאָס דערפילט דער רבי פון לובלין, האָט ער זיך אויס־געדרייט צום רבין ר׳ מענדעלע און האָט אים געזאָגט:

— ר׳ מענדעלע, באַרואיקט אייך! און צו די חסידים האָט ער אַ וואונק געגעבן, זיי זאָלן ווייטער זיך נוהג זיין ווי תמיד און מען האָט ווייטער אָנגעהויבן צו טאַנצן און צו זינגען...

דער רבי ר׳ מענדעלע איז געווען אַ גרויסער עניו און ער פלעגט תמיד זאָגן, אַז ווען עס קומען צו אים אַ הונדערט חסידים, ווייסט ער, אַז פופציק חסידים קומען מיט אַן ערלעכע כוונה און די אַנדערע פופציק זיינען שוין פון „סמך־מם", וואָס דער שטן האָט זיי געשיקט, אָבער אַז עס קומען צו אים מיט אַמאָל מער חסידים אויף אַ שבת, קאָן ער זיך שוין גאָר נישט קיין עצה געבן, ווערט שוין דעמאָלט אַ גרויסע צעמישעניש!...

און איינמאָל איז צו אים אַריינגעקומען זיך געזעגענען זיין חסיד ר׳ פּיוויש פון זבאַרעזש. האָט זיך פאַר אים ר׳ פּיוויש באַקלאָגט, אַז ער איז שוין אַ זקן, אַ ייד פון איבער פיר און זיבעציק יאָר און ער האָט נאָך נישט תשובה געטאָן.

ענטפערט אים דער רבי ר׳ מענדעלע:

— איך בין אויך אויף די זעלבע צרות; אויך איך האָב נאָך נישט קיין תשובה געטאָן, טאָ לאָמיר זיך ביידע אָנווינטשן, אַז מיר זאָלן זוכה זיין צו אַ תשובה שלימה...

דער רבי ר׳ מענדעלע האָט אויך געהאַלטן, אַז מ׳דאַרף זיין זייער אָפּגעהיט מיט אַ וואָרט, און ער האָט תמיד געזאָגט צו זיינע חסידים:

— ווען אַ מענטש רעדט אַן איבעריק וואָרט, איז ער עובר אויפן לאו פון „לא תרצח", וואָרים יעדן וואָרט האָט אין זיך אַ נשמה, און

אויב איינער רעדט עס נישט אַרויס ווי מען דאַרף אין דער ריכטיקער צייט, איז גלייך, ווי ער וואָלט געקוילעט אַ נפש!...

דער רבי ר׳ מענדעלע האָט אָנגעזאָגט זיינע חסידים זיי זאָלן בכבוד האַלטן אָרימעלייט און איינמאָל האָט ער געזאָגט צו זיינעם אַ חסיד:

— האַלט אָן אויג אויף די אָרימעלייט, וואָס קומען צו דיר אין דאָרף אַריין, זיי זיי מקרב, וואָרים הגם עס זיינען צווישן זיי פּאַראַנען אַ סך גראָבע־יונגען, אָבער זיי ווייסן, אַז ווען אַן אָרימאַן גייט אַרום פון דאָרף צו דאָרף און וואַנדערט אַ גאַנצן טאָג און פּאַרנאַכט קומט ער צו דיר אין שטוב אַריין און איידער ער זעצט זיך נעבעך עסן דאָס פּאַרדאַרטע שטיקל ברויט אין אַ ווינקעלע, וואַשט ער זיך די הענט און שטעלט זיך דאַווענען מנחה־מעריב, ציטערן דעמאָלט אַלע מלאכים און שרפים אין הימל פאַר זיינע תפילות, וואָס לעכערן דורך די הימלען!...

אויך האָט דער רבי ר׳ מענדעלע געלערנט, אַז מען זאָל געבן אַ סך צדקה און ער האָט געזאָגט, אַז דערפאַר מאַכט מען נישט קיין ברכה אויף געבן צדקה, ווי אויף אַנדערע מצוות, ווייל מען דאַרף געבן צדקה מיטן גאַנצן האַרצן און מיט גרויס שמחה און צו אַזאַ מדרגה קאָן נישט יעדער ייד קומען...

ער אַליין האָט טאַקע געגעבן זייער אַ סך צדקה. אַזוי, למשל, איז פאַרשריבן געוואָרן אין „פנקס" פון דער חברה „ביקור חולים", פון רימענאָוו, וויפיל דער רבי ר׳ מענדעלע האָט צעשיקט צדקה, בלויז אין פּורים אַליין. און דער לאַנגער צעטל באַטרעפט אַן אַכט הונדערט און דריי־און־פערציק שיין, וואָס דאָס איז דעמאָלט געווען זייער אַ גרויסער סכום געלט...

דער רבי ר׳ מענדעלע האָט צוויי־און־צוואַנציק יאָר רצופים געזאָגט יעדן שבת תורה אויף דער פרשה פון מן, כדי ער זאָל אַראָפּברענגען שפע אויף דער וועלט...

און כאָטש דער רבי ר׳ מענדעלע האָט געוואוסט, אַז די שוחטים טוען אַ גרויסע מצווה ווען זיי שעכטן אַן עוף אָדער אַ בהמה, דאָך האָט ער ניט געעצהט זיינע חסידים זיי זאָלן ווערן שוחטים. אַזוי ווערט דערציילט, אַז איינמאָל איז צו אים אַריינגעקומען אַ חסיד און האָט זיך פאַר אים באַקלאָגט, אַז עס גייט אים שלעכט אין פּרנסה און ער וואָלט געוואָלט זיך לערנען שחיטות, האָט אים דער רבי ר׳ מענדעלע צוגעפירט צום פענצטער און האָט אים געזאָגט:

— זעסט די מחנות וואָראָנעס, וואָס זיצן אויפן בוים? דאָס זיינען די נשמות פון שוחטים־גלגולים!...

דער רבי ר׳ מענדעלע האָט אויך נישט געוואָלט, אַז מען זאָל אים שיקן חסידים, און אַז ער זאָל דאַרפן נעמען קוויטלעך ביי פרעמדע יידן. איינמאָל, ווערט דערציילט, איז צו אים געקומען אַ חסיד פון אונגאַרן און האָט אים אָפּגעגעבן אַ קוויטל. פרעגט אים דער רבי ר׳ מענדעלע, ווער עס האָט אים צו אים געשיקט. ענטפערט דער ייד:

— דער רב ר׳ משה טייטלבוים פון אוהעל.

זאָגט צו אים דער רבי ר׳ מענדעלע:

— ווען איר וועט אַהיימקומען, זאָגט אייער רב, אַז ער מעג שוין אויסטאָן דאָס שעם־מיצעל, און אַז ער מעג שוין אויך באַווייזן וואָס ער קאָן און ווער ער איז!

און דער אוהעלער רב איז דערנאָך געוואָרן אַ רבי.

עס ווערט אויך דערציילט וועגן רבין ר׳ מענדעלע מעשיות, וואָס זיי ווערן דערציילט וועגן אַנדערע רביים:

איינמאָל האָט דער רבי ר׳ מענדעלע דערציילט דעם לובלינער רבין, אַז ער האָט פאַרגאַנגענעם ראש השנה געהאַט אַ שווערן יום־טוב, וויל ווען ער האָט, פאַר תקיעת שופר, געהאַט אַן עלית הנשמה האָט ער דערזען אין הימל, אַז דער שטן ברענגט גאַנצע פורן מיט עבירות, איז ער געפאַלן אויף אַ המצאה און איז געוואָרן אַ „גוטער פריינט" מיטן שטן, ער האָט זיך אָנגעהויבן מיט אים צו חברן. און ווען דער שטן איז נאָכאַמאָל אַראָפּ אויף דער וועלט ברענגען אַנדערע עבירות, האָט זיך אינצווישן דער רבי ר׳ מענדעלע צוגעכאַפּט צו די וועגענער און צוגעגנבעט אַלע עבירות...

ווען דער שטן איז צוריקגעקומען אין הימל אַריין, האָט ער דערזען, אַז אַלע זיינע פורן מיט עבירות זיינען צוגעגנבעט געוואָרן, האָט ער געמאַכט אַ געוואַלד, אַז אין הימל זיינע פאַראַן גנבים, האָט מען אָנגעהויבן אַרומזוכן דעם גנב אין אַלע ווינקעלעך פון הימל ביז מען האָט געכאַפּט דעם רבין ר׳ מענדעלע, האָט מען אים גענומען פאַר אַ משפט צום בית־דין של־מעלה, האָט דאָס בית־דין געפסקנט, אַז ער זאָל אָפּגעבן די גנבה. אַזוי אָבער ווי דער רבי ר׳ מענדעלע האָט שוין מער נישט געהאַט די עבירות, האָט מען געפסקנט, אַז לויטן יידישן דין איז, אַז אויב אַ גנב האָט נישט צו באַצאָלן פאַר דער גנבה, דאַרף מען אים פאַרקויפן, האָט אים טאַקע גאָט אַליין אָפּגעקויפט פאַר זיינעם קנעכט... דערפאַר זאָגט מען אין די ראש־השנהדיקע תפילות: „לקונה עבדיו בדין" (גאָט קויפט זיינע קנעכט מיטן דין). (זע דאָס ספר „אם לבינה", אַן ענלעכע מעשה ווערט דערציילט אויך וועגן רבין ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו).

צען פון רבין ר׳ מענדעלעס חסידים און תלמידים זיינען געוואָרן רביים, ווי: דער רבי ר׳ הערש פון רימענאָוו, דער ראָפּשיצער רבי, דער דינאָווער רבי, דער זידיטשויווער רבי ר׳ אייזיקל, דער סאַמבאָרער רבי ר׳ משהלע, דער לענטשנער רבי און אַנדערע.

זיינע תלמידים האָבן אויך צווישן זיך געהאַט געשאַפן אַ חברה, וואָס זאָל זיך פירן לויטן רבינס שיטה אין חסידות. אין דער דאָזיקער חברה האָט מען אַריינגענומען נאָר די תלמידים, וועלכע האָבן געוואָלט זיך אָפּהיטן מיט יעדן איבעריק וואָרט און אַרבעטן איבער זיך טאָג און נאַכט.

אַזוי ווערט דערציילט, אַז דער תלמיד זיינער, דער רבי ר׳ צבי אלימלך פון דינאָוו, האָט געשריבן די תקנות פון דער חברה, און אַלע תלמידים האָבן זיך אונטערגעחתמעט, איז צווישן די פאַרשידענע תקנות, וואָס זיי האָבן געמאַכט, אויך געווען אַ תקנה, אַז: „די אונטערגעשריבענע נעמען אויף זיך אויסצוגעפינען יידן, חסידים, וועלכע זאָלן וועלן זיצן און לערנען און זיך אָפּגעבן מיט יידישקייט, אַרבעטן איבער זיך כדי זיך צו דערנענטערן צום חסידות פון רבין ר׳ מענדעלע. אויך זאָל מען זיין אָפּגעהיט פון יעדן איבעריקן וואָרט, אַזוי ווי דער רבי ר׳ מענדעלע האָט אונדז געלערנט, און ווער עס וועט עובר זיין דערויף, דער זאָל געקנסט ווערן מיט פאַרשידענע שטראָפן!...״

אויף דעם דאָזיקן כתב האָבן זיך אונטערגעשריבן אַ סך פון זיינע גאָר געהויבענע חסידים.

צווישן זיינע תלמידים האָט זיך אויך געפונען דער חסיד ר׳ זלקא פון סאַנדז. האָט מען וועגן אים דערציילט, אַז ער פלעגט יעדן ווינטער פאַרטאָג אויפהאַקן דאָס אייז פון טייך, זיך אַריינזעצן אינעם לאָך אַריין, זיך אָנטאָן אַ קאַפּעל אויפן קאָפּ און שעהן גאַנצע אַזוי לערנען זוהר ביי אַ ברענענדיק ליכט, וואָס ער האָט אַריינגעשטעקט אין אייז!...



אַ בריוו פון רבין ר׳ הערשעלע פון רימענאָוו

# קאַפּיטל ג

# מען האָט אַרעסטירט דעם רבי ר׳ מענדעלע צוליב אַ מסירה פון די מתנגדים

דער רבי ר׳ מענדעלע האָט געקאָנט רעדן „דייטש" און דערפאַר האָבן די תלמידים פון רבין ר׳ אלימלך אים גערופן דאָס „דייטשל". — ער ווערט אַרעסטירט צוזאַמען מיטן רבי ר׳ יעקב יצחק, דער „חוזה" פון לובלין און דעם רבי ר׳ אברהם יהושע העשל פון אַפּט. — דער ריכטער וויל ויסן וואָס דאָס איז אַזוינס חסידות. — דער רבי ר׳ מענדעלע קלערט אויף דעם ריכטער וועגן מהות פון חסידות און אַלע ווערן באַפרייט אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט געקאָנט רעדן „דייטש"... חסידישע ווערטלעך און שמועסן פון רבין ר׳ מענדעלע.

איינער פון די תלמידים פון רבין ר׳ מענדעלע איז געווען ר׳ יחזקאל פאַנעט, וועלכער איז געווען דער רב הכולל פון גאַנץ זיבנבירגן (אונגאַרן), אַ גרויסער גאון און מחבר פון דעם שאלות־און־תשובות ספר „מראה יחזקאל". ער האָט פאַרשריבן אַ סך תורות פונעם רבין ר׳ מענדעלע און זיי אָפּגעדרוקט אין אַ ספר מיטן נאָמען „מנחם ציון".

אַ צווייטער תלמיד זיינער, ר׳ שלמה לייב פון לענטשנע, וועלכער איז פריער געווען רב אין בוקאָווסק, האָט נאָך דער פּטירה פון רבין ר׳ מענדעלע אָנגעהויבן צו פאָרן צו ר׳ שמחה בונם פון פּשיסכע און אַזוי ווי די תלמידים פון לובלינער רבין האָבן געהאַט תרעומות אויפן פּשיסכער רבין און האָבן נישט געהאַלטן פון זיין דרך, האָט מען אָנגעהויבן צו רודפן אויך ר׳ שלמה לייב פון לענטשנע.

ווערט דערציילט, אַז איינמאָל זיינען זיך אַ סך רביים צונויפגעקומען קיין ליזשענסק אויף דעם יאָרצייט פון רבין ר׳ אלימלך, האָט אַ בעל־הבית פון שטאָט געמאַכט אַ סעודה פאַר אַלע רביים און

האָט פאַרבעטן דעם רבין פון ראָפּשיץ, דעם קאָמאַרנער רבין, דעם רבין ר׳ צבי אלימלך פון דינאָוו און אויך דעם רבין ר׳ שלמה לייב פון לענטשנע. און אַזוי ווי דער ראָפּשיצער רבי האָט דערזען אַריינ־קומען דעם לענטשנער רבין האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק פון טיש, האָבן זיך אויפגעשטעלט אַלע אַנדערע רביים און זיינען מיט אים מיטגעגאַנגען און עס איז נאָר פאַרבליבן דער דינאָווער רבי.

אויפן צווייטן טאָג האָט אַן אַנדער בעל־הבית געמאַכט אַ סעודה און ער האָט פאַרבעטן אַלע רביים, נאָר נישט דעם לענטשנער רבין.

ביי דער סעודה פרעגט דער ראָפּשיצער רבי דעם דינאָווער רבין פאַרוואָס ער איז נעכטן געבליבן זיצן בעת אַלע אַנדערע רביים האָבן זיך אויפגעשטעלט און פאַרלאָזט דעם טיש.

האָט דער דינאָווער רבי געענטפערט:

— ביי דער עקידה געפינען מיר, אַז גאָט האָט געזאָגט צו אברהם אָבינו: נעם דיין איין־און־איינציקן זון און ברענג אים פאַר אַ קרבן, און דערנאָך שטייט „ויקרא אליו מלאך... אל תשלח ידך אל הנער״, — און אַ מלאך האָט צו אים גערופן: זאָלסט נישט אויסשטרעקן דיין האַנט צום קינד. פרעגט זיך, פאַרוואָס האָט אים אויך צוערשט נישט געזאָגט אַ מלאך, אַז ער זאָל שעכטן זיין קינד?

— נאָר וויזט אויס — האָט דער דינאָווער רבי אויסגעלאָזט, — אַז צו שעכטן אַ מענטשן דאַרף מען אַפילו קיין מלאך פון גאָט נישט גלויבן, נאָר מען מוז עס הערן פון גאָט אַליין!...

האָט שוין דער ראָפּשיצער רבי פאַרשטאַנען, וואָס דער דינאָווער רבי האָט געמיינט און ער האָט אים מער ניט געטשעפּעט...

פון דעם רבין ר׳ מענדעלע האָבן נישט בלויז געהאַלטן זיינע חסידים און תלמידים, נאָר אויך דער קאָזשעניצער מגיד האָט אויף אים געזאָגט, אַז דערפאַר איז זיין נאָמען מענדעלע, ווייל „ער איז דאָס מענדעל פון די יידן״ (דאָס מיינט דער שוואַרצאַפּל פונעם אויג).

אויך דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזשענסק האָט שטאַרק געהאַלטן פון רבין ר׳ מענדעלע ווי נאָר ער איז אַנגעקומען צו אים. אַזוי ווערט דערציילט, אַז ווען דער רבי ר׳ מענדעלע איז געקומען קיין ליזשענסק, איז ער געגאַנגען אָנגעטאָן אין דייטשע מלבושים (ווייל ער איז געווען אַ תלמיד פון רבין ר׳ שמעלקע פון ניקלשבורג), האָבן די תלמידים אים מקנא געווען, וואָס דער רבי ר׳ אלימלך איז אים אַזוי שטאַרק מקרב און האָבן אים גערופן „דאָס דייטשל״, האָבן זיי איינמאָל גע־פרעגט דעם רבין ר׳ אלימלך: „מיט וואָס האָט דאָס „דייטשל״ אַזוי אויסגענומען? פאַרוואָס קומט אים מער התקרבות פון אַלע אַנדערע?״

— טייערע מיינע — האָט דער רבי ר׳ אלימלך זיי געענטפערט, — איר זעט אָט דאָס קליינע „דייטשל", ווען מען זאָל זיך אַרויפשטעלן אויף זיינע אַקסלען, וועט מען דעם הימל דערגרייכן !...

דאָס קענען רעדן דייטש איז אַמאָל דעם רבין ר׳ מענדעלע זייער צונוץ געקומען, דאָס איז געווען, ווען מען האָט אים געהאַט אַרעסטירט צוזאַמען מיטן „חוזה" פון לובלין".

די מעשה איז אַזוי געווען: דער „חוזה" פון לובלין האָט גע־וואוינט אַ שטיקל צייט אין לאַנצוט, איז איינמאָל געקומען צו אים אויף שבת דער אַפּטער רבי ר׳ אברהם יהושע העשל און דער רבי ר׳ מענדעלע פון רימענאָוו. אַזוי ווי די מתנגדים האָבן געהאַט אַ ביטער האַרץ אויף דעם רבין פון לובלין, האָט מען אים געמסרט, אַז ער וויל גרינדן אַ נייערע רעליגיעזע סעקטע, וואָס וועט זיין שעדלעך פאַרן מלכות און אַז ער שאַפט אָנהענגער פון פאַרשידענע טיילן פון לאַנד.

די מסירה האָט געהאַט אַ ווירקונג און מ׳האָט אַלע דריי רביים אַרעסטירט און זיי פאַרשיקט אין דער ריישער תפיסה (אַ שטאָט אין מערב־גאַליציע).

דער ריכטער האָט געוואָלט דערגיין, וואָס ער איז דער מהות פון חסידות. און אַזוי ווי דער רבי ר׳ מענדעלע איז געווען דער איינ־ציקער צווישן זיי וואָס האָט געקאָנט רעדן דייטש, איז ער געוואָרן זייער פירשפּרעכער.

— וואָס איז אייער טאָן — האָט דער ריכטער געפרעגט — צו וואָס פאַר אַ גלויבן געהערט איר ?

— מיר זיינען יידן — האָט דער רבי ר׳ מענדעלע געענטפערט — און דערצו זיינען מיר אויך חסידים און מיר דינען דעם אייבערשטן לויט אונדזער שטייגער.

— און צו וואָס זייט איר געקומען צו דעם „ראַבין" פון לאַנצוט, וואָס איז זיין באַשעפטיקונג ? — האָט דער ריכטער ווייטער גענומען פאַרשן.

— דער „ראַבין" פון לאַנצוט דינט דעם אייבערשטן מיט נאָך מער התמדה, זיינען מיר געקומען צו אים זיך אָפּלערנען פון זיינע גוטע מידות.

— און פאַרוואָס גייט איר אַלע אין ווייסע בעקעשעס ?

— דאָס איז בלויז אַ מאָדע אַזאַ — האָט דער רבי ר׳ מענדעלע אים געגעבן צו פאַרשטיין — פונקט אַזוי ווי דער ריכטער דאַרף ביי יעדן פּראָצעס גיין אָנגעטאָן אין שוואַרצע מלבושים !...

און דער סוף איז געווען, אַז צוליב דעם, וואָס דער רבי ר׳ מענדעלע האָט זיך געקאַנט אויסטענהן מיטן ריכטער, זיינע אַלע דריי רביים דעמאָלט באַפרייט געוואָרן.

דער רבי ר׳ מענדעלע האָט דאָס גאַנצע לעבן געהאַלטן פון „חוזה״ פון לובלין און תמיד געשטאַנען אויף זיין צד.

אַזוי ווערט דערציילט, אַז ווען עס איז אויסגעבראָכן די גרויסע מחלוקה צווישן דעם חוזה פון לובלין און דעם „יוד הקדוש״ (ר׳ יעקב יצחק פון פשיסכע) האָט דער קאָזשעניצער מגיד דעמאָלט געהאַלטן מיטן „יוד הקדוש״ און ער האָט געוואָלט מאַכן שלום צווישן זיי און אויך דער רבי ר׳ מענדעלע פון רימענאָוו האָט געוואָלט מאַכן שלום צווישן זייביידן.

ווען דער „יוד הקדוש״ איז געוואויר געוואָרן, אַז דער רבי ר׳ מענדעלע וויל ברענגען צו אַ שלום, איז ער געפאָרן צו אים.

אויפן גאַנצן וועג זיינען צו אים צוגעשטאַנען אַ סך חסידים, אַזוי אַז ווען דער „יוד הקדוש״ איז אַריינגעקומען קיין רימענאָוו, זיינע אַלע וועגן געווען פאַרלייגט מיט הונדערטער און הונדערטער חסידים. און אַזוי ווי גאַליציע איז דעמאָלט נאָך נישט געוואוינט געווען צו אַזוי פיל חסידים, האָט די נסיעה אויף אַלעמען געמאַכט אַ גאַר גרויסן רושם, און אַפילו דעם רבין ר׳ מענדעלעס אַן אייניקל, אַ קליין קינד, איז פאַר גרויס פרייד געגעבן אַ לויף אַריין צום רבין ר׳ מענדעלע מיט אַ געוואַלד:

— זיידע, משיח איז געקומען!...

אָבער דער רבי ר׳ מענדעלע האָט פריער געוואָלט אָנקוקן דעם „יוד הקדוש״ און דערגיין זיין דרך אין חסידות, און פאַרוואָס ער ציט צו אַזאַ גרויסן עולם. און חסידים דערציילן, אַז דער רבי ר׳ מענדעלע האָט דעמאָלט געטייטשט דעם פסוק: „מי יתן כל עם ד׳ נביאים״ (במדבר, י״א) בדרך הלצה, אַז „מי יתן, ווער וועט אונדז העלפן, אַז דאָס גאַנצע פאָלק וועט מיט אַמאָל ווערן נביאים, אַז אַלע וועלן ווערן חסידים!?...״

דער רבי ר׳ מענדעלע איז דערנאָך אַרויסגעגאַנגען אויף אַ שפּאַציר מיט דעם „יוד הקדוש״ זיי האָבן זיך זייער לאַנג געזאַמט אין פעלד. קיינער ווייס נישט, וואָס זיי האָבן צווישן זיך גערעדט, נאָר ווען זיי זיינען צוריקגעקומען אין שטוב אַריין, האָט דער רבי ר׳ מענדעלע געזאָגט, אַז דער „יוד הקדוש״ דאַרף צוריק ווערן אַ נכנע צום „חוזה״

פון לובלין, און דער „יוד הקדוש" איז באַלד אָפּגעפאָרן פון רימענאָוו און צו קיין שלום איז נישט געקומען...

פון רבין ר׳ מענדעלע דערציילן חסידים מעשיות, וואָס באַווייזן, אַז ער האָט ליב געהאַט צו זאָגן אַ וואָרט בדרך־הלצה, וואָס האָט געהאַט אַ טיפן מיין...

אַזוי ווערט דערציילט, אַז איינמאָל איז דער רבי ר׳ מענדעלע איינגעשטאַנען ביי אַ קרעטשמער אין אַ דאָרף. די קרעטשמערקע האָט געוואָלט צוגרייטן פיש פאַרן רבין צו דער סעודה און זיי קאָכן אַזוי ווי דער רבי האָט ליב, האָט זי אַריינגעשיקט פרעגן דעם רבין דורך איר קינד צי ער האָט ליב פעפער.

איז דאָס קינד אַריין צום רבין און האָט געפרעגט:

— רבי, די מאַמע האָט איך געהייסן פרעגן צי איר האָט ליב פעפער?

דער רבי ר׳ מענדעלע האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף פון דער שטול און אַ שריי געגעבן:

— פעפער האָב איך ליב? גאָט אַליין האָב איך ליב!...

און איינמאָל, דערציילט מען, איז די רביצין צו אים צוגעשטאַנען, הלמאַי ער גיט איר נישט גענוג געלד אויסצוהאַלטן די שטוב. דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען דער רבי ר׳ מענדעלע איך נאָך נישט נתגלה געוואָרן און דאָס דחקות אין שטוב איז געווען זייער גרויס.

רופט זיך אָן דער רבי ר׳ מענדעלע:

— רבקה — אַזוי האָט געהייסן זיין ווייב, — וואָס זאָל איך טאָן? וועסט מסתמא ווידער שרייען, פאַרוואָס איך זע נישט עס זאָל זיין אין שטוב שבת צו מאַכן?

— אַוודאי וועל איך שרייען — האָט די רביצין געענטפערט.

בשעת מעשה, אָבער, האָט זי דערזען עפּעס אַ בלישטשענדיקע זאַך אויף דער ערד, האָט זי זיך אַראָפּגעבויגן און זי האָט דערזען — דערציילן די חסידים — ווי אַ פוס פון אַ בענקל איז פון גינגאָלד. האָט זי גלייך אַרויסגענומען דעם פוס און געמאַכט שבת...

דערנאָך האָט דער רבי ר׳ מענדעלע צו איר געזאָגט:

— דו ווייסט, רבקה, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר וועסטו זיצן לעבן מיר אין גן־עדן אויף אַ פיס־בענקעלע בלויז מיט דריי פיסלעך, ווייל דאָס פערטע פיסל האָבן מיר פאַרנוצט אויף שבת!...

די רביצין האָט פאַרשטאַנען וואָס דער רבי ר׳ מענדעלע האָט

געמיינט, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס זי האָט ניט געקאָנט אַזוי רואיק ליידן דחקות ווי ער, און זי האָט זיך געווישט די אויגן פון צער...

דער רבי ר׳ מענדעלע האָט אויך אויף אַ פשוטן אופן געוואָלט דערקלערן די חסידים פאַרוואָס ער מאַכט נישט פאַר אַ ממלא מקומו, פאַר אַ רבין, זיין זון ר׳ נתן לייב (יהודה), נאָר זיין חסיד, ר׳ הערש משרת.

— ווען איך האָב געוואָלט אַראָפּברענגען אַ נשמה אויף דער וועלט, האָב איך געוואָלט אַראָפּברענגען די גרעסטע נשמה פון „עץ־הדעת״. האָב איך זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן בוים און אַראָפּגעריסן אַן עפּעלע, וואָס איז געוואַקסן אויפן סאַמע שפּיץ, איז דאָס עפּעלע אַראָפּגעפאַלן און דערפאַר איז מיין זון געבוירן געוואָרן אַזאַ חלוש!...

דער רבי ר׳ מענדעלע האָט געהאַט זיין אייגענעם דרך וועגן דעם מהות צדיק.

אַזוי ווערט געבראַכט אין „דברי מנחם״ אין זיין נאָמען, אַז:

„דער צדיק הדור, וואָס אַלע יידן קומען צו אים הערן זיין תורה, דאַרף נישט רעדן צו די יידן האַרבע שטראָף־רייד, נאָר ער דאַרף זיי צונעמען מיט גוטע דיבורים. ער דאַרף זיי נישט שווער מאַכן דאָס דינען דעם אייבערשטן, נאָר ער זאָל זיי צונעמען מיט אַ ווייך האַרץ און ער זאָל זיין נזהר אין יעדן וואָרט, וואָס ער רעדט אַרויס און ער זאָל געבן גוטע עצות, ווי אַזוי צו ווערן אַן ערלעכער ייד, אַזוי, אַז זיינע ווערטער זאָלן ביסלעכווייז אַריינדרינגען יענעם אין האַרצן אַריין, נישט מיט איינמאָל צעברעכן זיין גוף!...״



חתימה פון רבין ר׳ הערש (צבי) אלימלך פון דינאָוו,
אַ תלמיד פון רבין ר׳ הערשעלע רימענאָוווער

## קאַפּיטל ד

# דער רבי ר׳ מענדעלע, דער קאָזשעניצער מגיד און דער „חוזה״ פון לובלין ווילן ברענגען די גאולה

פּאַרוואָס דער ראָפּשיצער רבי האָט געהאַלטן מיטן לאדיער רבין און געבעטן אַז נאַפּאָלעאָן זאָל האָבן אַ מפּלה. — דער רבי ר׳ מענדעלע האָט זיך שטאַרק געגרייט אויף משיחן. — ער האָט אינעם לעצטן יאָר פאַר זיין פּטירה, געמאַכט יעדע נאַכט הקפות פון שמיני עצרת ביז חנוכה. — ווי אַזוי דער שטן האָט זיי אַלע בייגעקומען.

די חסידישע פאַנטאַזיע וואָס האָט צו יעדער גרויסער וועלט-געשעעניש צוגעטשעפּעט און אַריינגעפלאָכטן דעם חסידישן מנהיג — זיין רבין, האָט אויך אין דער מלחמה פון נאַפּאָלעאָנען קעגן רוסלאַנד, אין יאָר 1812, געפונען אַ ברייט פעלד צו וועבן פאַרשידענע לעגענדעס. בפרט נאָך, ווען דער גרויסער רבי ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי, דער באַגרינדער פון דער חב״דער שיטה, האָט זיך בפירוש גע-שטעלט אויף דער זייט פון צאַר און האָט אַרויסגעשיקט בריוו צו זיינע חסידים, וואו ער האָט זיי געשריבן, אַז „דעם ערשטן טאָג ראש-השנה פאַר מוסף האָט מען מיר געוויזן אין הימל, אַז אויב „באָנאַ-פּאַרטע״, דער שר פון פראַנקרייך, וועט זיגן, וועט דערהויבן ווערן דער יידישער מעמד און זייער עשירות, אָבער זייערע הערצער וועלן זיך אָפּקערן פון אונדזער פאָטער אין הימל; אויב אָבער אונדזער האַר אַלעקסאַנדער וועט זיגן, וועט טאַקע זיך מערן דאָס אָרימקייט ביי די יידן, אָבער דערפאַר וועט זיך שטאַרקן דאָס יידישקייט!״

פאַרוואָס דער ליאַדער רבי ר׳ שניאור זלמן האָט אָט דעם בריוו געשריבן, איז שווער צו פאַרשטיין.

פון די אַרכיוו־מאַטעריאַלן, וואָס זיינע געעפנט געוואָרן נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע, שטעלט זיך אַרויס, אַז דער ליאַדער רבי האָט נישט בלויז מורא געהאַט, אַז „אויב נאַפּאָלעאָן וועט זיגן, וועט זיך פאַרשפּרייטן אַפּיקורסות צווישן די יידן", נאָר אויך אַנדערע סיבות זיינען געווען דערביי...

צווישן די רביים, וואָס האָבן געהאַלטן מיט נאַפּאָלעאָנען, זיינען געווען: דער „חוזה" פון לובלין, דער קאָזשעניצער מגיד און דער רבי ר׳ מענדעלע פון רימענאָוו. ווייל זיי האָבן געגלויבט אַז עס איז אַ מלחמת גוג־ומגוג, וואָס וועט ברענגען משיחן.

צווישן די רביים פון פוילן, וואָס האָבן געהאַלטן מיטן צאַר, איז געווען בלויז דער ראָפּשיצער רבי.

מיר קאָנען איצט שוין מער ניט תופס זיין, פאַרוואָס, דער ראָפּשיצער רבי האָט זיך געשטעלט אויפן צד פון צאַר, צי זאָל עס טאַקע זיין בלויז דאָס אַליין, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז אויב נאַפּאָלעאָן וועט זיגן, וועט זיך פאַרשפּרייטן אַפּיקורסות ביי יידן, צי ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז „נאַפּאָלעאָן וועט נישט ברענגען משיחן און ער האָט מורא געהאַט, אַז אויב ער וועט זיגן און משיח וועט נישט קומען, וועט דאָס זיין אַ גאַר גרויסער קלאַפּ פאַר דער יידישער אמונה". ווי עס זאָל נישט זיין, ווערן דערציילט מוראדיקע מעשיות וועגן דעם, ווי אַזוי רביים האָבן צווישן זיך געפירט אַ מלחמה בעת דעם אַריינמאַרש פון נאַפּאָלעאָן קיין מאָסקווע, אַזוי, אַז ווען מען לייענט זיי איצט, קאָן עס מאַכן אַן איינדרוק, אַז נישט דאָס, וואָס נאַפּאָלעאָן איז פאַרנאַרט געוואָרן קיין מאָסקווע, אָדער דאָס, וואָס עס איז געווען אַ שטאַרק קאַל־טער ווינטער איז געווען די הויפּט סיבה, וואָס האָט געבראַכט צו זיין גרויסער מפּלה, נאָר דאָס, וואָס דער ראָפּשיצער רבי האָט באַוואויגן דעם קאָזשעניצער מגיד, ער זאָל זיך שטעלן אויף זיין צד, האָט געבראַכט צו נאַפּאָלעאָנס מפּלה.

אַזוי ווערט דערציילט, אַז דער ראָפּשיצער רבי האָט זיך אַמאָל אַריינגעלאָזט אין אַ שאַרפן שמועס מיט דעם רבין ר׳ מענדעלע פון רימענאָוו, און ער האָט אים אויפגעוויזן, אַז אויב נאַפּאָלעאָן וועט זיגן, וועלן זיין גרויסע שחיטות אויף יידן — האָט אים דערויף דער רבי ר׳ מענדעלע געענטפערט:

— ווען אַפילו מיר זאָלן דאַרפן גיין ביז די קני אין בלוט, בין

איך דערויף מסכים, אַבי משיח זאָל קומען און די וועלט זאָל אויס־געלייזט ווערן!

אינטערעסאַנט איז דאָ צו דערמאָנען, אַז נישט בלויז די חסידים האָבן געגלויבט, אַז נאַפּאָלעאָן וועט ברענגען משיחן, נאָר אַפילו דער האַמבורגער רב, דער גרויסער גאון ר׳ רפאל הכהן, דער מחבר פון ספר „תורת יקותיאל״, האָט געגלויבט, אַז אויב נאַפּאָלעאָן וועט זיגן, וועט משיח קומען, און אַזוי ווי ער האָט געהערט, אַז נאַפּאָלעאָן נעמט איין מדינה נאָך דער אַנדערער, האָט ער אָנגעהויבן צו לערנען „סדר קדשים״, כדי ער זאָל זיך צוגרייטן צו קאָנען טאָן די עבודה אין בית־המקדש, וואָס וועט זיכער בקרוב אויפגעבויט ווערן!...

אָבער דער ראָפּשיצער רבי האָט פּאָרט נישט מסכים געווען מיטן רבין ר׳ מענדעלע. און עס ווערט דערציילט, אַז יום־כפור פאַר מוסף איז צוגעגאַנגען דער רבי ר׳ מענדעלע צום רבין ר׳ נפתלי פון ראָפּשיץ און ער האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל מכוון זיין זיין בעת זיין דאַווענען ביים עמוד, אַז נאַפּאָלעאָן זאָל זיגן! אָבער דער ראָפּשיצער רבי האָט אים דאָס נישט געוואָלט צוזאָגן. און נאָך יום־כפור איז דער ראָפּשיצער רבי גלייך געפאָרן צום רבין פון לובלין און ביי אים געוואָלט פועלן, אַז ער זאָל מסכים זיין מיט אים, אַז נאַפּאָלעאָן זאָל האָבן אַ מפּלה, אָבער דער „חוזה״ האָט אים געזאָגט, אַז „ער וועט נישט אָפּטרעטן פון זיין וועג״... האָט דער ראָפּשיצער רבי מורא געהאַט, אַז ער וועט בלייבן איינער אַליין, איז ער געפאָרן צום קאָזשעניצער מגיד, כדי ביי אים צו פועלן, ער זאָל מסכים זיין מיט אים.

און דאָס איז געווען אין דער וואָך פון פרשת יתרו. דערציילן די חסידים, אַז דער ראָפּשיצער רבי איז אָנגעקומען קיין קאָזשעניץ ערב שבת, האָט ער זיך גלייך געלייגט אין קאָזשעניצער מגידס בעט אַריין, און ווען דער מגיד איז אַהיים געקומען פון דער מקוה, האָט ער גע־טראָפן ליגן דעם ראָפּשיצער רבין אין זיין בעט. דער ראָפּשיצער רבי האָט געזאָגט, אַז ער וועט זיך נישט רירן פון בעט, ביז דער מגיד וועט אים נישט צוזאָגן, אַז ער וועט מתפלל זיין, אַז נאַפּאָלעאָן וועט האָבן אַ מפּלה...

דער ראָפּשיצער רבי האָט דערנאָך געהאַט אַ לאַנגן שמועס מיט דעם קאָזשעניצער מגיד, און ער האָט אים איבערגעוואויגן אויף זיין צד...

וואָרים באַלד ביי קבלת שבת, האָט דער מגיד ביים זאָגן „מזמור שיר ליום השבת״ אַ געשריי געגעבן: „מיר הערן, אַז נאַפּאָלעאָן איז אַנטלאָפן פון מאָסקווע, אָבער מיר זאָגן: „להשמידם עדי עד!״

און צומאָרגנס, אין דער פרי, ביים דאַוונען, בעתן לייענען אין דער תורה, האָט דער מגיד געלייענט: „נבול תבול — נאַפּאָלעאָן תפול..." און דעמאָלט, זאָגן די חסידים, האָט ער אויסגעפּועלט אין הימל, אַז נאַפּאָלעאָן זאָל האָבן אַ מפּלה...

און די חסידישע פאַנטאַזיע איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַפילו דער גרויסער געלערנטער און פאַרהערער פון חסידות, אהרן מאַרקוס, דערציילט אין זיין בוך („חסידות") אַז נאַפּאָלעאָן האָט געזאָגט, אַז ביי אַלע שלאַכטן, וואָס ער האָט געפירט, האָט ער תמיד געזען אַ רויט־יידל, וואָס איז געגאַנגען פאַראויס פאַר אים (דער רבי ר' מענדעלע פון רימענאָוו איז, כידוע, געווען אַ רויטער און אַ קליינער — זאָגן חסידים, אַז נאַפּאָלעאָן האָט זיכער אים געמיינט...), אָבער ביי דער לעצטער שלאַכט זיינער, ביי דער וויסל, האָט ער מער נישט געזען „דאָס רויטע יידל", האָט ער שוין געוואוסט, אַז ער וועט האָבן אַ מפּלה...

דער רבי ר' מענדעלע איז אָבער געווען אַזוי זיכער, אַז אין דעם יאָר, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט געפירט די מלחמה, וועט קומען משיח, אַז ער האָט געזאָגט צו זיינע חסידים: „בעט פאַר מיר, איך זאָל אויסלעבן דאָס יאָר תקע"ה, זאָג איך אייך צו, אַז איר וועט דערהערן דעם שופר של משיח!"

אָבער די צייט איז נאָך נישט ראוי געווען, דערצו, זאָגן די חסידים, האָט זיך אויך דערין אַריינגעלייגט דער שטן, איז דעמאָלט געקומען צו אַ פּרוד צווישן די רבים אַליין, וואָרין דער ראָפּשיצער רבי האָט איבערגעוואויגן דעם קאָזשעניצער מגיד אויף זיין זייט, און טאַקע אין דעם זעלבן יאָר איז דער קאָזשעניצער מגיד נפטר געוואָרן (ערב סוכות, תקע"ה—1815) און דעם „חוזה" פון לובלין — דעם גרויסן זעער, האָט מען פאַרטונקלט די אויגן, האָט ער נישט געוואוסט, אַז דער קאָזשעניצער מגיד איז שוין נפטר געוואָרן, און שמחת־תורה פאַר די הקפות איז געשען די „גרויסע נפילה", ווען דער „חוזה" איז אַרויסגעפאַלן פון פענצטער... איז דער רבי ר' מענדעלע שוין געבליבן אינגאַנצן אַליין — אָבער ער האָט נאָך אַלץ געהאָפט, אַז ער וועט ברענגען משיחן...

און חסידים דערציילן, אַז אין דעם יאָר פון תקע"ה האָט דער רבי ר' מענדעלע געמאַכט הקפות יעדע נאַכט פון שמיני־עצרת ביז חנוכה...

דער רבי ר' מענדעלע האָט געהאַלטן, אַז אַ גרויסע מלחמה וועט פאַרקומען צווישן דעם שר פון אדום און דעם שר פון די יידן, און אַז מען דאַרף צוהעלפן מנצח צו זיין דעם שטן, און אַזוי־אַרום וועט משיח קאָנען קומען.

דער רבי ר׳ מענדעלע האָט אָבער נישט געוואוסט, אַז ער איז שוין געבליבן אַליין, אַז דער קאָזשעניצער מגיד איז שוין נפטר געוואָרן און אַז דער „חוזה" ליגט אַ חולה־מסוכן אין בעט...

האָבן אויך זיינע כחות אָנגעהויבן אויסצוגיין. די מלחמה מיט דער „סטרא־אחרא" — מיט דעם שטן, האָט אים אָפּגעשוואַכט.

און חסידים דערציילן, אַז דער רבי ר׳ מענדעלע האָט געוואוסט, אַז די מלחמה, וואָס ער האָט אונטערגענומען, איז אַ מסוכנדיקע, און אַז ער געפינט זיך אין אַ גרויס געפאַר... אָבער זיין אהבה צום כלל־ישראל, זיין נישט מער קאָנען סובל זיין דעם גלות, דאָס וועלן ברענגען משיחן מיט געוואַלט, „באַדיי מען זאָל זיך באָדן אין בלוט ביז צו די קניען!"... האָט אים בלינד געמאַכט און ער האָט נישט געזען, אַז עס איז „לא איכשר דרא", אַז דער דור איז נאָך נישט ראוי געווען צו דערזען דאָס גרויסע ליכט פון דעם גואל...

און דער רבי ר׳ מענדעלע — לאָזן אויס די חסידים — איז אויך נעבעך געפאַלן אַ קרבן...

און אין דעם זעלבן יאָר, באַלד נאָך פסח איז דער רבי ר׳ מענדעלע פאַרשלאָפט געוואָרן און איז שוין מער נישט אויפגעשטאַנען פון בעט... מען האָט געזען, אַז ער גרייט זיך צו יעדן טאָג און איז זיך מכין צו יענער וועלט... ביז עס איז געקומען ל״ג בעומר, ווען ער האָט אַריינגע־רופן זיינע תלמידים און האָט צו זיי געזאָגט:

— אוי גייט אויף מיר אַ וועלט!...

די תלמידים האָבן שוין פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט... און דער ראָפּשיצער רבי, דער געטרייסטער חסיד זיינער האָט אים געבעטן:

— זאָל אונדז דער רבי מגלה זיין, ווען משיח וועט קומען, ווען מיר וועלן אויסגעלייזט ווערן פון דעם ביטערן גלות!...

דער רבי ר׳ מענדעלע האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווייל, זיין פּנים איז געווען בלייך, מען האָט געזען באַשיינפּערלעך ווי ער פירט אַ מלחמה מיט זיך, צי ער זאָל יאָ מגלה זיין דעם קץ צי נישט, און צום סוף האָט ער געזאָגט צום ראָפּשיצער רבין:

„גרינגע ווערים מיט קופּערנע פּיסקלעך וועלן איבער אייך דורכ־גיין, ביז איר וועט דערלעבן די גאולה, און אַלץ דערפאַר ווייל איר האָט זיך צו מיר נישט צוגעהערט!..."

חסידים האָבן דערנאָך אויסגעטייטשט זיינע ווערטער, אַז ער האָט געמיינט: ווייל מען האָט נישט מיט אים געהאַלטן און געבעטן, אַז נאַפּאָלעאָן זאָל מנצח זיין, וואָס דעמאָלט וואָלט זיכער משיח געוועזן געקומען!...

און דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט צו זיינע מקורבים און האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן מאַכן אין אוהל פון זיין קבר אַ פענצטערל אין שטאָט אַריין, כדי ער זאָל קאָנען אַרויסקוקן און זען ווי אַזוי די שטאָט פירט זיך אויף...

און מער האָט דער רבי ר׳ מענדעלע נישט גערעדט.

די מקורבים וואָס זיינען געשטאַנען אַרום זיין בעט, האָבן געהערט ווי ער מורמלט די ווערטער „כרמי שלי לא נטרתי"... חסידים האָבן דערנאָך אויסגעטייטשט אַז ער האָט דערמיט געמיינט אַז נישט זיינע קינדער וועלן אים ירשענען נאָר אַז זיין תלמיד ר׳ הערש משרת וועט ווערן רבי.

און באַלד אויף צומאָרגנס איז דער רבי ר׳ מענדעלע נפטר געוואָרן. דאָס איז געווען י"ט אייר תקע"ה (1815).

* * *

## בבואו מאדום

**לרבי צבי הירש מרימנוב**



ניגון אויף „בבואו מאדום" פון רבין ר׳ הערשעלע פון רימענאָוו

דער רבי ר׳ מענדעלע פון רימענאָוו האָט איבערגעלאָזט צוויי זין ר׳ נתן יהודה־לייב און ר׳ יעקב ישראל, וועלכער איז יונג געשטאָרבן, און צוויי טעכטער.

נאָך דער פּטירה פון רבין ר׳ מענדעלע האָט דער ראָפּשיצער רבי געוואָלט אַז זיין עלטסטער זון, ר׳ נתן יהודה־לייב זאָל ווערן רבי, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפון און האָט געהייסן אַז ר׳ הערש משרת זאָל ווערן ממלא מקומו פון זיין פאָטער.

אויף דער מצבה שטייט אויסגעקריצט:

פּ״נ

הרב איש האלקי מוה״ר

מנחם מענדל בן הרב

הגדול מ׳ יוסף זצלה״ה

נתבקש בישיבה של

מעלה י״ט אייר תקע״ה

תנצב״ה

# קאַפּיטל ה

# תלמידים דערציילן וועגן גרויסקייט פון רבין ר' מענדעלע

**תורהלעך, ווערטלעך און מעשיות וועגן רבין ר' מענדעלע.**

די תלמידים פון רבין ר' מענדעלע האָבן דערציילט וועגן זייער רבין פאַרשידענע מעשיות און נאָכגעזאָגט תורהלעך און ווערטלעך. מיר וועלן דאָ ברענגען אַ טייל פון זיי.

## די דריי אבות

חסידים האָבן געזאָגט אויפן רבין ר' מענדעלע אַז ער איז איינער פון די דריי אָבות פון חסידות פון זיין צייט. זיי האָבן אויך אים געטייטשט דעם מאמר פון דער גמרא (ברכות דף ט"ז עמוד ב') „אין קורין אָבות אלא שלשה" (נאָר דריי רופן מיר אָן אָבות) און זיי זיינען: דער רבי ר' ישראל דער מגיד פון קאָזשעניץ, דער רבי ר' יעקב יצחק דער „חוזה" פון לובלין און דער רבי ר' מענדעלע פון רימענאָוו.

## שלעכטס און גוטס

אין הימל איז שכר און עונש גלייך. ווייל קיין שום שלעכטס זאָך נידערט נישט אַראָפּ פון הימל. נאָר דער וואָס קאָן נישט מקבל זיין דעם טוב (דאָס גוטע) ביי אים איז עס רע (שלעכט). דעראיבער קאָן מען טרעפן צוויי מענטשן וואָס שטייען איינערביים צווייטן, און פאַר איינעם זעט עס אויס ווי אַלץ איז גוט און עס פעלט גאָר נישט, און דעם צווייטן דוכט זיך אַז עס איז בלויז שלעכטס.

## דער רבי ר' מענדעלע האָט אַ ניצוץ־נשמה פון רי"ף

דער רבי ר' מענדעלע האָט אַ סך געלערנט די ראשונים און בפרט די ספרים פון רב יצחק אלפסי (הרי"ף), וואָס ער האָט געקענט

בעל־פה. און חסידים האָבן געזאָגט אַז דער רבי ר׳ מענדעלע האָט געהאַט אַ ניצוץ־נשמה פונעם רי״ף.

## דער רבי ר׳ מענדעלע האָט געשמט פאַר אַ גרויסן בעל־צדקה

דער רבי ר׳ מענדעלע האָט שטאַרק געזאָרגט וועגן די אָרימע־לייט פון זיין שטאָט. ער האָט געשמט פאַר אַ גרויסן בעל־צדקה. אין זיין הויז האָט מען יעדן טאָג געבאַקן ברויט צו צעטיילן די אָרעמע־לייט פון שטאָט, און ער האָט אויסגעהאַלטן אַ סך אָרעמעלייט מיט פרנסה. אויף זיין בני־בית, זאָגט מען, האָט ער זיך נישט שטאַרק אומגעקוקט.

איינמאָל איז צו אים אַריין זיין זון און האָט אים געפרעגט: „טאַטע, דו ווייסט דאָך אַז איך בין אַ גרויסער אביון, פאַרוואָס העלפסטו מיר נישט אַזוי ווי דו העלפסט אַנדערע אָרעמעלייט״?

האָט דער רבי ר׳ מענדעלע אים געענטפערט: „אויב איך וועל דיר געבן די גאַנצע פרנסה, וועסטו דאָך, חלילה, פאַרגעסן אַז מען דאַרף האָבן בטחון אין אייבערשטן״...

## ווען מען דאַרף געבן צדקה

חסידים דערציילן אַז מען האָט אַמאָל געפרעגט דעם רבין ר׳ מענדעלע פאַרוואָס ער צעטיילט אַזוי פיל געלט אָרעמעלייט, בעת זיין בני־בית לעבט אין דחקות און אין אָרעמקייט. האָט דער רבי ר׳ מענ־דעלע געענטפערט: „אונדזערע חכמים זאָגן (יבמות, דף ס״ג, עמוד א׳) „המלוה סלע לעני בשעת דחקו, עליו הכתוב אומר (ישעיה, נ״ח, ט) „אז תקרא וה׳ יענה״ (ווען איינער לייעט אַ סלע — אַזאַ מין מטבע, אַן אָרעמאַן בשעת עס איז אים שלעכט, אויף אים זאָגט דער פסוק: דעמאָלט וועסטו רופן און גאָט וועט דיר ענטפערן), איז דאָך לכאורה קשה, שלמה המלך האָט דאָך געזאָגט (משלי ט״ו, ט״ו) „כל ימי עני רעים״ — אַלע טעג פון אַן אָרעמאַן זיינען שלעכט, טאָ, פאַרוואָס זאָגן די חכמים: „לעני בשעת דחקו״ ווען איז דאָ אַ צייט ביים אָרעמאַן, וואָס עס איז אים נישט שלעכט? נאָר די כוונה פונעם בעל המאמר איז „בשעת דחקו״ — בשעת דעם ג ע ב ע ר א י ז ש ל ע כ ט און דאָך לייעט ער דעם אָרעמאַן זיינע לעצטע גראָשנס, וואָס ער פאַר־מאָגט, אויף אים זאָגט דער פסוק: „אז תקרא וה׳ יענה״ (שרי המאה, חלק ד׳, זייט 133).

און חסידות דערציילט, אַז איינמאָל איז געקומען אַן אָרעמאַן צום

רבין ר׳ מענדעלע און האָט פאַר אים אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ און אים דערציילט ווי שטאַרק ער איז אין דחקות און אָרעמקייט. האָט דער רבי ר׳ מענדעלע אים געגעבן אַ שיינע נדבה. ווען דער אָרעמאַן איז אַרויס פון ר׳ מענדעלעס הויז, האָט ער אים צוריקגערופן און האָט אים נאָכאַמאָל געגעבן אַ גרויסע נדבה. די חסידים און מקורבים, וואָס זיינען דעמאָלט דאָרט געשטאַנען, האָבן זיך שטאַרק פאַרוואונדערט און זיי האָבן דעם רבין ר׳ מענדעלע געפרעגט:

— פאַרוואָס האָט דער רבי געגעבן דעם אָרעמאַן צוויי מאָל נדבות?

האָט דער רבי ר׳ מענדעלע זיי געענטפערט:

„איך וועל אייך זאָגן דעם טעם. ווען דער אָרעמאַן איז צו צום ערשטן מאָל צו מיר אַריין און איך האָב געהערט וועגן זיין גרויסן צער און יסורים וואָס ער האָט, איז מיין האַרץ אין מיר איינגעגאַנגען האָב איך אויף אים באַקומען גרויס רחמנות, האָב איך אים געגעבן אַ נדבה, אָבער דאָס איז דאָך נישט געווען לשם צדקה, נאָר כדי צו באַרואיקן מיין האַרץ, צו שטילן מיין צער, דעריבער האָב איך דערנאָך דעם אָרעמאַן צוריקגערופן אים צוגעגעבן אַ נדבה, כדי טאַקע מקיים די מצוה פון געבן צדקה"... (דאָרט).

## די גרויסקייט פון הכנסת אורחים

איינמאָל איז אַ חסיד געקומען צום רבין ר׳ מענדעלע און האָט זיך פאַר אים באַקלאָגט אַז ער קאָן נישט מקיים זיין די מצוה פון הכנסת אורחים. זיין ווייב איז אַ מרשעת און ווען ער ברענגט אַן אורח אין שטוב אַריין, ווערט אַ קריגעריי אין הויז.

האָט דער רבי ר׳ מענדעלע אים געזאָגט: „גדולה הכנסת אורחין יותר מקבלת פני השכינה" (שבת, דף קכ"ז עמוד א׳) — די מצוה פון הכנסת אורחים איז גרעסער ווי מקבל צו זיין דאָס פנים פון דער שכינה. אין פלוג זעט דאָך אויס ווי דער בעל המאמר איז מגזם, נאָר כדי ריכטיק צו פאַרשטיין דעם מאמר, דאַרפן מיר געדענקען, וואָס אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט, אַז דאָרט וואו עס הערשט שלום בית, דאָרט רוט די שכינה. דעריבער זאָגט דער בעל המאמר אַז די מצוה פון הכנסת-אורחים איז גרעסער ווי דאָס מקבל זיין די שכינה, דאָס מיינט אַז ווען אַפילו דאָס מקיים זיין די דאָזיקע מצוה וועט שטערן דעם שלום-בית און די שכינה וועט זיך אָפּטאָן פון הויז, דאַרף מען זי דאָך מקיים זיין". (ספורי יעקב, חלק א׳ און אם לבינה).

## ווער עס קאָן זיין אַ רבי

איינמאָל איז געקומען אַ חסיד צום רבין ר׳ מענדעלע און ער האָט אים געבעטן ער זאָל אים מסמיך זיין, ער זאָל ווערן אַ רבי, ווייל ער פילט אַז ער איז געקומען צו אַזאַ גרויסע מדריגה, אַז ער איז שוין ראוי צו ווערן אַ מנהיג פון חסידים.

האָט דער רבי ר׳ מענדעלע אויף אים אַ קוק געגעבן און געשוויגן און דערנאָך האָט ער צו אים געזאָגט:

„ווען איך בין נאָך געווען אַ יונגערמאַן, האָב איך יעדער נאַכט צו חצות, געהערט אַ קול, וואָס האָט מיך אויפגעוועקט פון שלאָף און האָט גערופן: „מנחם! שטיי אויף אָפּצוריכטן חצות".

האָב איך זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט צו דעם דאָזיקן קול. אָבער איינמאָל, ביינאַכט, האָב איך געהערט אַן אַנדער קול, וואָס האָט גערופן: „ר ב י מנחם! שטיי אויף אָפּצוריכטן חצות!"...

אַ פחד איז מיך באַפאַלן. איך האָב אינגאַנצן געציטערט פאַר שרעק און איך האָב מיר געטראַכט: אפשר האָב איך נישט גוט געהערט דאָס קול? אָבער אין דער צווייטער נאַכט האָט דאָס קול מיך ווידער גערופן: „רבי מנחם!" און פון דעם דאָזיקן טאָג אָן, בין איך געזעסן פערציק טעג אין תענית און האָב מתפלל געווען, מען זאָל ביי מיר צונעמען די סמיכה צו זיין אַ רבי. אָבער די טויערן פון הימל זיינען געווען פאַרשלאָסן און דאָס קול האָט ווייטער יעדער נאַכט גערופן. דעמאָלט האָב איך געמוזט, פאַר אין ברירה, אָננעמען דעם עול וואָס מען האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט (דברים ערבים).

## ווי אַזוי דער רבי ר׳ מענדעלע איז געקרוינט געוואָרן פאַר אַ רבין

ווען דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזשענסק איז נפטר געוואָרן האָבן ס׳רוב חסידים מסכים געווען צו קרוינען ר׳ מענדעלע פון פריסטיק וואו ער האָט נאָך דעמאָלט געוואוינט, פאַר אַ רבין. זיינען די חסידים אָנגעקומען קיין פריסטיק ערב שבת נאָכמיטאָג. זיי זיינען אַריין אין ר׳ מענדעלעס הויז און זיי האָבן געזען ליגן אויפן טיש צוויי ראַזעווע ברייטלעך פאַר חלות, און צוויי ליכטלעך זיינען געווען אַריינגעשטעקט און ערדענע טעפּ אָנגעפילט מיט זאַמד. האָבן די חסידים געפרעגט די רביצין וואו ר׳ מענדעלע איז, האָט די רביצין זיי געענטפערט, אַז ער איז נאָך אין מקוה.

צווישן די חסידים איז אויך געווען ר׳ נפתלי ראָפּשיצער. איז ער גלייך אַוועק אין מאַרק און האָט געקויפט אַ ווייס טישטעך, שבתדיקע

גרויסע און קליינע חלות, גרויסע ליכט און שיינע לייכטער און האָט אין ר׳ מענדעלעס שטוב צוגעגרייט דעם טיש לכבוד שבת, און אַלע חסידים האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום דעם טיש.

ווען ר׳ מענדעלע איז אַריינגעקומען פון מקוה, האָבן זיך אַלע חסידים אויפגעשטעלט, אַזוי ווי מען גיט אָפּ כבוד אַ רבין, און זיי האָבן אים געוואונטשן: „גוט שבת רבי!"

דער רבי ר׳ מענדעלע איז נבהל ונשתומם געוואָרן און ער האָט צו זיי געזאָגט:

„דער וואָס ברענגט מיט זיך מיט ג ו ט ע ז אַ כ ן, מעג קומען אַפילו צו מיר, איך אַליין האָב גאָר נישט וואָס אייך צו געבן"...

און פון דעמאָלט אָן איז ר׳ מענדעלע געוואָרן אַ רבי פון חסידים. (שיחות יקרים).

דער רבי ר׳ מענדעלע האָט מיט זיין זאָג געוואָלט מרמז זיין די חסידים, אַז כאָטש ער נעמט אויף זיך דעם עול צו זיין אַ מנהיג פון חסידים, מוזן אָבער די חסידים אַליין מיט זיך מיטברענגען גוטע מידות — ער אַליין קאָן זיי גאָר נישט געבן...

## יעדער איינער דאַרף אַרבעטן פאַר זיך

איינמאָל, ערב ראש־השנה פאַרנאַכט, איז דער רבי ר׳ מענדעלע געקומען אין בית המדרש אַריין האָט ער געזען אַז אַ פערציק חסידים זיינען צו אים געקומען פון פאַרשידענע שטעט אויף יום־טוב.

האָט דער רבי ר׳ מענדעלע געזאָגט: איר זייט דאָך אַ גוטע חברותא, אָבער זייט וויסן אַז איך קאָן אייך אַלע נישט טראָגן אויף מיינע פלייצעס. יעדער איינער דאַרף אַרבעטן פאַר זיך אַליין (שיחות יקרים).

## יעדער איינער דאַרף אַליין מקבל זיין די תורה

איינמאָל, אין שבועות, ביים דאַווענען שחרית, פאַרן לייענען, איז דער רבי ר׳ מענדעלע אַרויסגעגאַנגען פון בית המדרש און איז אַריין צו זיך אין זיין חדר־המיוחד. נאָכדעם ווי ער האָט זיך דאָרט געזוימט אַ היבשע ווײַלע, איז ער צוריק אַריין אין בית־המדרש און ער האָט געזאָגט צו די חסידים:

„איך באַפריי אייך היינט פון דעם צוואַנג, וואָס מען האָט אייך געצוואונגען מקבל צו זיין די תורה, ווייל עס שטייט דאָך אַז גאָט האָט אויף די יידן אַרויפגעלייגט דעם באַרג סיני און האָט זיי געצוואונגען

מקבל צו זיין די תורה. היינט איז ווידער די ברירה ביי אייך, ווילט איר מקבל זיין די תורה ?״

האָבן אַלע חסידים אויסגערופן : „אויך איצט ווילן מיר מקבל זיין די תורה״ (עטרת מנחם).

## אמונה און בטחון

ווען מען פרעגט אַ פשוטן יידן — האָט דער רבי ר׳ מענדעלע געזאָגט — צי ער גלויבט אַז גאָט איז דער איינציקער אויף דער וועלט, וועט ער ענטפערן מיט אַ פול מויל : „וואָס פאַראַ שאלה איז דאָס ? אַלע ווייסן דאָך אַז גאָט איז דער איינציקער אויף דער וועלט״. אָבער ווען מען וועט אים פרעגן צי ער האָט בטחון אין אייבערשטן, אַז ער גרייט פאַר אים צו אַלץ וואָס ער דאַרף, וועט ער בלייבן פאַרטראַכט אַ רגע און ער וועט ענטפערן : „צו אַזאַ גרויסע מדריגה בין איך נאָך נישט געקומען״. אָבער אין דער אמתן איז אמונה און בטחון פאַרבונדן איינס מיט אַנדערן און איינס קאָן נישט זיין אָפּגעשיידט פונעם צווייטן, ביי וועמען עס איז שטאַרק די אמונה, ביי דעם איז שטאַרק דער בטחון. (מבשר טוב).

## דער כתב־התקשרות

די תלמידים פון רבין ר׳ מענדעלע האָבן צווישן זיך געמאַכט אַ כתב אויף וועלכן עס איז געשטאַנען אָנגעשריבן : „אנחנו חברים מקשיבים הסכמנו היום להיות חברים דורשי אמת וצדק ומבקשי ענווה ושואפים לשוב בכל לב אליו יתברך שמו, כדי שלא יהיה מסך מבדיל בינינו ובין קדושתו״ (מיר חברים האָבן היינט מסכים געווען צו זיין דורשי אמת וצדק און מבקשי ענווה און צו שטרעבן תשובה צו טאָן מיטן גאַנצן האַרצן, כדי עס זאָל נישט זיין קיין מחיצה צווישן אונדז און זיין הייליקייט).

איינע פון די תקנות וואָס זיי האָבן געמאַכט איז געווען : „לשמור את עצמנו מדברים בטלים, שעליהם הכריז רבינו הקדוש שעוברים בזה על לא תרצח״ (זיך אָפּצוהיטן פון רעדן דברים בטלים, וואָס אונדזער רבי האָט דערויף געזאָגט אַז מען איז עובר אויף „לא תרצח״) (כלי הרועים).

דער מאמר פון רבין ר׳ מענדעלע וועגן דעם איז : יעדער דיבור איז אַ קומה שלימה און ווער עס גיט דעם דיבור צו די „חיצונים״ איז ער גלייך ווי ער וואָלט געהרגעט אַ מענטש. („כל דיבור הוא

קומה שלימה, ומי שנותן אותן אותיות הדיבור אל החיצונים, הרי הוא דומה למי שקם על רעהו ורצחו נפש").

## די לעצטע שמחה

נאָכדעם ווי דעם רבין ר' מענדעלעס ווייב איז געשטאָרבן, איז מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער אויך געשטאָרבן זיין טאָכטער. האָבן די חסידים געטראַכט ווי אַזוי אָנצוזאָגן דעם רבין די ביטערע בשורה. אָבער ווען זיין איידעם איז אַריינגעקומען אין בית־המדרש אַריין מיט אַ געוויין, בעת דער רבי ר' מענדעלע האָט שבת געדאַוונט שחרית, האָט דער רבי ר' מענדעלע באַלד פאַרשטאַנען וואָס ס'איז געשען.

נאָך דער שמונה עשרה, האָט דער רבי ר' מענדעלע געזאָגט: „רבונו־של־עולם, האָסט פון מיר צוגענומען מיין ווייב, האָב איך מיך נאָך געקאָנט טרייסטן מיט מיין טאָכטער. איצט האָסטו פון מיר צוגענומען אויך מיין טאָכטער, האָב איך זיך שוין נישט מיט וועמען משמח צו זיין — נאָר מיט דיר אַליין"... און ער האָט זיך געשטעלט דאַווענען מוסף מיט גרויס שמחה (ספרן של צדיקים).

## דער קרעטשמער און דער יעגער

דער רבי ר' מענדעלע האָט געהאַט אַ מנהג פּסח נאָכן סדר צו דערציילן אַ פריילעכע מעשה.

איינמאָל האָט דער רבי ר' מענדעלע, נאָכן אָפּריכטן דעם סדר דערציילט אַזאַ מעשה: אַ קרעטשמער האָט געוואוינט נעבן אַ וואַלד, וואָס דאָרט האָט זיך באַוויזן אַ בער. איז געקומען אַ יעגער צו שיסן דעם בער. אינצווישן האָט ער יעדן טאָג געטרונקען בראָנפן אין דער קרעטש־מע אויפן חשבון, וואָס ער וועט פאַרקויפן די פעל פונעם בער וואָס ער וועט שיסן. אַזוי איז פאַרגאַנגען עטלעכע וואָכן. איינמאָל האָט זיך באַוויזן דער בער, האָט דער יעגער גערופן דעם קרעטשמער און האָט אים געזאָגט: „קום קריך אַרויף אויף אַ בוים, וועסטו זען ווי איך שיס דעם בער". דער קרעטשמער האָט אַרויפגעקלעטערט אויף אַ בוים, דער יעגער האָט אָנגעשטעלט זיין ביקס, אָבער אַזוי ווי ער איז געווען האַלב־שיכור, האָט ער נישט געטראָפן אינעם בער. דער בער האָט זיך דערנענטערט צום מענטש און דער יעגער, פאַר גרויס שרעק, איז געפאַלן אויף דר'ערד און האָט זיך געמאַכט ווי ער איז טויט. דער בער האָט אים באַשמעקט פון קאָפּ ביז פיס און איז אַנטלאָפן.

ווען דער קרעטשמער איז אַראָפּ פון בוים, האָט ער מיט חוזק געפרעגט דעם יעגער:

„וואָס האָט דער בער דיר איינגערוימט אין אויער?״

„ער האָט מיר געזאָגט״, האָט דער יעגער געענטפערט, „זאָלסט קיינמאָל נישט טרינקען אויפן חשבון פון יענעמס הויט״ (אהרן מאַרקוס, חסידות, זייט 154).

## דאָס האַרץ און די תפילה

דער רבי ר׳ מענדעלע האָט אַמאָל געזאָגט, אַז אַלע מענטשן וואָס קומען צו אים ער זאָל פאַר זיי מתפלל זיין גייען פאַר אים אויף אין דער מחשבה בשעת ער שטעלט זיך דאַווענען שמונה עשרה.

האָט זיך איינער פון זיינע חסידים פאַרוואונדערט: ווי איז עס מעגלעך אין איין שעה צו געדענקען אַלע חסידים?

האָט דער רבי ר׳ מענדעלע געענטפערט: פון יעדער צער פון אַ יידן בלייבט אַ סימן אין האַרצן און בעתן דאַווענען עפנט מען דאָס האַרץ און מען זאָגט: רבונו של עולם! קוק וואָס דאָ שטייט!״... (ויקהל שלמה, מצמיח ישועות).

## די גאולה

דער רבי ר׳ מענדעלע האָט אַמאָל געזאָגט: ביאת המשיח וועט זיין אַזוי ווי עס קומט אָן דער שבת קיין לעמבערג.

איינמאָל איז דער רבי ר׳ מענדעלע געווען אין לעמבערג, ערב שבת נאָך מיטאָג, האָט דער רבי ר׳ מענדעלע שוין געפילט די הייליקייט פון שבת, האָט ער געשיקט זיין משמש אין מאַרק אַריין, ער זאָל זען צי די יידן זיינען שוין צוגעגרייט מקבל צו זיין דעם שבת.

דער משמש האָט געזען ווי יידן זיינען פאַרטאָן אין מסחר, האָט ער זיי געפרעגט, ווען ווען זיי גיין מקבל שבת זיין. די יידן האָבן אויף אים געקוקט פאַרוואונדערט און האָבן געזאָגט: „עס איז נאָך צייט, מיר האָבן נאָך געגוג דאגות אויף אונדזער קאָפּ און מיר טראַכטן נאָך נישט וועגן שבת״.

איז דער משמש צוריקגעקומען צום רבין ר׳ מענדעלע און האָט אים איבערגעגעבן וואָס די יידן האָבן אים געזאָגט.

עס איז דורכגעגאַנגען נאָך אַ שעה און די הייליקייט פון שבת האָט געברענט אין האַרץ פון רבין ר׳ מענדעלע, האָט ער ווידער אַרויסגעשיקט זיין משמש, זען צי די יידן זיינען שוין צוגעגרייט מקבל

צו זיין דעם שבת. דער משמש האָט געזען ווי די יידן זיינען שטאַרק אַריינגעטאָן אין מסחר און קיינער האָט קיין צייט געהאַט צו טראַכטן וועגן מקבל זיין דעם שבת. איז דער משמש ווידער צוריקגעקומען צום רבין ר' מענדעלע און האָט אים דערציילט, ווי די יידן זיינען פאַרטאָן אין האַנדל און דער רבי ר' מענדעלע איז געזעסן אַליין אין זיין חדר המיוחד און האָט אָפּגעוואַרט דעם שבת. עס איז שוין גע־וואָרן פאַרנאַכט און פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ פּאַרקלאַפּן די טירן פון די געוועלבער און דאָס פאַרמאַכן פון די לאַדנס אין אַלע גאַסן — דער שבת איז אָנגעקומען...

דעמאָלט האָט דער רבי ר' מענדעלע געזאָגט צו זיין משמש: אויף אַזאַ אופן וועט קומען משיח. דאָס פאָלק וועט זיין טרוד און פאַרדאגהט נישט צוגעגרייט מקבל צו זיין משיחן, פּלוצלונג וועט מען דערהערן דעם שופר של משיח... (דור דעה, זייט 221).

(אינעם לעצטן קאַפּיטל האָבן מיר געבראַכט אַן אַנדער לעגענדע וואָס דער רבי ר' מענדעלע זאָל האָבן געזאָגט פאַר זיין פּטירה ווי גרויס די חבלי־משיח וועלן זיין).

## דער שכר פון צדקה

דער ראָפּשיצער רבי האָט געזאָגט: דער רבי ר' מענדעלע האָט אַמאָל געגעבן אַ ברכה אַ יידן און ער איז געוואָרן רייכער פון טאָג צו טאָג. האָט דער ראָפּשיצער געוואָלט וויסן פאַרוואָס דער ייד האָט געקראָגן פון רבין אַזאַ ברכה צו ווערן אַן עושר, האָט דער רבי ר' מענדעלע אים געענטפערט: „איך האָב אים נאָר געוואונטשן ער זאָל האָבן פּרנסה, אָבער דער ייד גיט אַוועק אַזוי פיל צדקה אַז אין הימל גיט מען אים אַלץ מער און מער, ער זאָל האָבן אויף פּרנסה פאַר זיין בני־בית... (אוהל נפתלי, זייט 35).

## דאָס גרויסקייט פון רימענאָווער רבין

דער פאַרערער פון חסידות אהרן מאַרקוס דערציילט אין זיין ספר „החסידות" (זייט 117) אַזאַ מעשה. „אין יאָר תרמ"ג (1883) האָב איך געהאַט אַ מעגלעכקייט צו זען ווי דער רבי ר' מענדעלע איז פאַרערט געוואָרן אויך צווישן נישט יידן. אויף זיין קבר אין רימענאָוו איז געקומען פאַר ראש־השנה דער אַכציק יאָריקער אַלטער גראַף דאַראָווסקי, אַ פּוילישער שרייבער און קעמפער אין דער באַפרייאונגס מלחמה פון יאָר תקצ"א (1831) און דער גרינדער פון דער אָרגאַניזאַציע פריינט

פון יידן אונטערן נאָמען „ברידער פריינטשאַפט״, צוזאַמען מיט זיין זון דער אינזשעניר פון לעמבערג. אַלע גראַפן פון דער געגנט זיינען זיך צונויפגעקומען אָפּצוגעבן כבוד דעם חשובן גאַסט און ער האָט דערציילט פאַרן ראש הקהל די סיבה פון זיין קומען.

ווען ער איז אַלט געווען אַכט יאָר איז ער זייער קראַנק געוואָרן. זיין מוטער האָט גערופן די גרעסטע דאָקטוירים אָבער אַלע האָבן אים אויפגעגעבן. איר שכנה, די גוט־באַזיצערין און די באָבע פון דעם גראַף, ריטער פאָן גניעוואָש האָט זי באַגעגנט זיצן און וויינען, האָט זי זי געטרייסט און איר מבטיח געווען אַז דער רבי דער בעל מופת פון פריסטיק (דאָרט האָט פריער געוואוינט דער רבי ר׳ מענדעלע) קען איר זיכער העלפן.

עס איז דעמאָלט געווען אַ ווינטערדיקע נאַכט, האָט מען גלייך געשפּאַנט די פערד. די וויטקייט פון נאָוואָשעלצע קיין פריסטיק איז אַן אַכט מייל און דאַנערשטיק פינף אַ זייגער פאַרטאָג, איז מען אָנגעקומען צום רבין, אין דער שעה האָט מען געבאַקן אין הויז ברויט פאַר די אָרעמעלייט. דער משרת וואָס האָט געלאָזט וויסן דעם רבין אַז די גרעפין איז געקומען, האָט געקראָגן אַן ענטפער אַז דער רבי וועט זי אויפנעמען ניין אַזייגער נאָכן דאַווענען.

דער רבי וואָס האָט גוט גערעדט פויליש, האָט איר געפרעגט, נאָכדעם ווי זי האָט אָוועקגעלייגט דאָס קוויטל אויפן טיש: „גלויבסטו דען אַז איך בין אַ כישוף־מאַכער, וואָס דו ביסט געקומען צו מיר?״

„ניין, האָט די גרעפין געענטפערט, דו ביסט אָבער אַ מענטש וואָס דו קענסט בעסער די וועגן פון גאָט דעריבער ווערט דיין תפילה אָנגענומען״.

„אויב אַזוי, איז גוט, איך וועל מתפלל זיין פאַרן קינד״, האָט דער רימענאָווער רבי געענטפערט.

די פרויען זיינען אַרויס פון רבינס חדר און דורך דער האַלב־אָפענער טיר, האָבן זיי געזען ווי דער רבי שטייט אין אַ ווינקל און איז מתפלל מיט אַזאַ התלהבות, אַז גרויסע טראָפּנס שווייס האָבן באַגאָסן זיין שטערן. דריי שעה האָט דער רבי מתפלל געווען, דערנאָך האָט ער זיי אַריינגערופן. דער וואַנט־זייגער, וואָס האָט געהאָנגען איבער זיין בעט האָט אויסגעשלאָגן צוועלף און ער האָט צו זיי געזאָגט: „זעט! אין דער רגע, ווען דער זייגער האָט אויסגעקלונגען צוועלף, איז דעם קינד בעסער געוואָרן, און ווען ער וועט אינגאַנצן געזונט ווערן, זאָלט איר אים ברענגען צו מיר, וועל איך אים בענטשן!״...

די פרויען האָבן זיך אָפּגעזעגנט און זיינען געפאָרן אַ היים. ווען זיי זיינען געקומען אין שטוב אַריין, האָבן זיי געפרעגט צי מען דער־קענט עפּעס אַן ענדערונג אינעם קינד. דער משרת האָט געענטפערט: „ניין, בלויז דאָס, וואָס דאָס קינד, וואָס איז די גאַנצע צייט געלעגן אָן באַוועגונג, האָט צוועלף אַ זייגער געבעטן אַביסל וואַסער צו טרינקען".

ווען עס איז דורכגעגאַנגען עטלעכע וואָכן, האָט דער גראַף דאָ־ראַווסקי ווייטער דערציילט, בין איך געזונט געוואָרן. מען האָט מיך געבראַכט צום רבין און ער האָט מיך געבענטשט און ער האָט מיך געבעטן איך זאָל זיין גוט צו יידן. איך האָב אים צוגעזאָגט און איך היט אָפּ מיין צוזאָג און אויף דער עלטער האָב איך געוואָלט קומען אויף זיין קבר".

איך האָב געהערט, שרייבט ווייטער מאַרקוס, אַז דער אַלטער גראַף האָט זייער געווײנט אויפן קבר און האָט דאָרט איבערגעלאָזט אַ קוויטל געשריבן אין פּויליש. איך האָב געקראָגן דאָס דאָזיקע קוויטל און איך האָב עס געוויזן פּראָפעסאָר ביגלאייזן אין לעמבערג, וואָס האָט פעסטגעשטעלט אַז עס איז דעם גראַפס כתב־יד.

אינעם קוויטל איז געשטאַנען געשריבן: „זייט מתפלל, בשמות פון אברהם יצחק יעקב פאַר דער נשמה פון געשטאָרבענעם מענדל טורעם (דעם רבין ר' מענדעלעס פאַמיליע נאָמען איז טורעם) און דו מענדל, אויב דו שטייסט שוין פאַרן כסא הכבוד, זיי מתפלל פאַר די אונטער־דריקטע פעלקער, די יידן און פּאָליאַקן, זיי מתפלל פאַר מיר, פאַר מיינע קינדער און אייניקלעך. מיעטשיסלאַוו דאָראַווסקי בן וויקטאָריאַ".

## די תורה

אויך קודם מתן תורה, — האָט דער רבי ר' מענדעלע געזאָגט, — האָבן מיר געקענט ווערן אַן עם סגולה וגוי קדוש. פּונקט אַזוי ווי אונדזערע אָבות, וואָס האָבן נישט מקבל געווען די תורה האָבן משיג געווען דעם אייבערשטן דורך זייער צדקות, אַזוי אויך מיר, אויב מיר וועלן זיך האַלטן אין די מעשים פון אונדזערע אבות, וועלן מיר נישט דאַרפן די תורה און מיר וועלן קענען מרגיש זיין די שכינה. (מנחם ציון, פרשת פקודי).

## זיינע תורות

דער רבי ר' מענדעלע האָט נישט אַליין פאַרשריבן זיינע תורות. נאָר זיינע תלמידים האָבן דאָס געטאָן.

דריי ספרים זיינען פאַרבליבן פון רבין ר׳ מענדעלע. איין ספר „מנחם ציון״ אויף תורה און לקוטים, וואָס זיינען פאַרשריבן געוואָרן דורך זיין תלמיד, דעם גאון ר׳ יחזקאל פאנעט, רב אין זיבענבירגען און מחבר פון שו״ת־ספר „מראה יחזקאל״. דאָס דאָזיקע ספר איז עטלעכע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן. און דאָס צווייטע ספר איז „דברי מנחם״ אויך אויף תורה און לקוטים, וועד עס האָט די תורות געזאַמלט איז אומבאַקאַנט, דאָס ספר איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן אין לעמבערג אין יאָר תרכ״ט (1869) און אינעם ספר איז פאַראַן אַ הסכמה פון דעם גאון ר׳ יוסף שאול נאַטאַנזאָן, רב אין לעמבערג און מחבר פון באַוואוסטן שו״ת ספר „שואל ומשיב״.

דאָס דריטע ספר איז „אילנא דחיי״, אַ פירוש אויף דער תורה, דרך פרד״ס, פיעטריקאָוו תרס״ח (1908).

## דער רצון איז דער עיקר

דער רבי ר׳ מענדעלע האָט געזאָגט: ווער עס רעדט זיך איין אַז ער דינט דעם אייבערשטן, דער איז אַ שוטה, וואָרין, וואָס איז זיין עבודה חשוב לגבי דער עבודה פון די מלאכים און שרפים? אָבער דער עיקר איז דער רצון און די תשוקה צו וועלן דינען דעם אייבערשטן... (דאָרט פרשת ויקרא).

## אהבת חברים, אמת און שלום

די מצוה פון „ואהבת לרעך כמוך״ איז דער יסוד פון אַלע מצוות, האָט דער רבי ר׳ מענדעלע געזאָגט, ווייל ווען מען האָט ליב אַ צווייטן ווי זיך אַליין, וועט מען נישט קומען צו גניבה, גזילה, רציחה, רעדן לשון הרע א. אז. וו.

אַלץ וואָס עקזיסטירט אויף דער וועלט האַלט זיך בלויז אויפן אמת, האָט דער רבי ר׳ מענדעלע געזאָגט. מיר קענען דאָס זען ווען צוויי מענטשן מאַכן שותפות אין אַ געשעפט, אויב עס איז געבויט אויף אמת, וועט עס האָבן אַ קיום, וועלן די צוויי מענטשן זיך ליב האָבן, ווען עס איז אָבער געבויט אויף שקר, וועט יעדער איינער פון זיי נישט קענען סובל זיין דעם צווייטנס שקר...

די מידה פון שלום איז די העכסטע פון אַלע מידות און אַלע מצוות־עשה פון דער תורה זיינען כולל אין איר. (דאָרט).

# דער ראָפּשיצער רבי

# קאַפּיטל א

# דער רבי ר׳ נפתלי צבי פון ראָפּשיץ

דער ראָפּשיצער רבי האָט געשטאַמט פון דורות רבנים און גאונים. — זיין זיידע איז געווען ר׳ איציקל האַמבורגער. — דעם ראָפּשיצער רבין האָט מען גערופן „דער חכם פון די רביים״.

אין דער חסידישער וועלט, באַזונדערס אין גאַליציע, גייען אַרום אַ סך מעשיות און ווערטלעך וועגן רבין ר׳ נפתלי צבי (הערש) האָראָוויץ פון ראָפּשיץ, אָדער ווי מען האָט אים גערופן סתם „דער ראָפּשיצער רבי״.

דער ראָפּשיצער רבי איז באַטראַכט געוואָרן אַלס דער „חכם פון די רביים״. עס איז שוין לעצטנס געוואָרן אַ מנהג, אַז וואו אַ קלוג ווערטל, שרייבט מען עס צו דעם ראָפּשיצער רבין, הגם די אויטענטישקייט איז שטאַרק מוטל בספק. אָבער דאָס אַליין באַווייזט, ווי שטאַרק פּאָפּולער דער ראָפּשיצער רבי איז געווען צווישן די חסידים און דערנאָך צווישן די מעשיות־דערציילער וועגן חסידישע הויפן און רביים.

דער ראָפּשיצער רבי, איז געווען אַ תלמיד פון די „דריי אָבות״ פון חסידות — פון „חוזה״ פון לובלין, פון קאָזשעניצער מגיד און פון רבין ר׳ מנחם מענדל פון רימענאָוו. ער האָט געהאַט אַן אייגענע שיטה אין חסידות. ער האָט אויפגעשטעלט אַ סך תלמידים, וועלכע זיינען אַליין געוואָרן גרויסע רביים, ווי דער סאַנדזער רבי ר׳ חיים האַלבערשטאַם, דער רבי ר׳ שמעון פון דאַבראָמיל, דער רבי ר׳ שמואל פון קאַמינקע און אַ סך אַנדערע. און עס זיינען געשאַפן געוואָרן חסידישע הויפן אין מערב־גאַליציע, וואָס האָבן זיך געגרויסט, אַז זיי שטאַמען אָפּ פון ראָפּשיצער רבין.

די שיטה פון ראָפּשיצער רבין, אויב מען זאָל זי וועלן געבן על רגל אחת, וואָלט מען געקאָנט זאָגן, איז באַשטאַנען: אין שמחה, געזאַנג, טאַנץ און חכמה. אָט די פיר ענינים זיינען געווען די הויפּט־סימנים פון ראָפּשיץ.

און איינער פון זיינע געטרייע תלמידים, דער סאַנדזער רבי, האָט געהאַלטן, אַז דער ראָפּשיצער רבי האָט ממשיך געווען די שיטה פון בעל־שם־טוב, ווייל דער ראָפּשיצער רבי איז געבוירן געוואָרן (אין לינסק), שבועות, תק״כ (1760). אין דעם זעלבן טאָג און יאָר ווען דער בעל־שם־טוב איז נפטר געוואָרן. און דער סאַנדזער רבי האָט געטייטשט אויף אים דעם פסוק: „ובא השמש וזרח השמש״ (די זון איז פאַרגאַנגען און די זון איז אויפגעגאַנגען).

און כאָטש עס איז כמעט נישטאָ קיין איין ספר מיט חסידישע מעשיות, אָדער קיין איין חסידות־פאַרשער, וואָס זאָל ניט דערמאָנען מיט גרויס פאַרערונג דעם ראָפּשיצער רבין, איז נאָך נישט פאַראַן קיין מאָנאָגראַפיע וועגן אים. די מעשיות און ווערטלעך און ביאָגראַפישע דאַטעס זיינען צעוואָרפן אין פאַרשידענע חסידישע ספרים און מעשה־ביכלעך. מען דאַרף זיי ערשט צונויפזאַמלען, גוט דורכזיפן, וויסן וואָס אויסצוקלייבן, וואָס עס איז עכט און וואָס עס איז צוגעשריבן געוואָרן, כדי עס זאָל זיך באַקומען אַן איינהייטלעך בילד וועגן דער גרויסער פערזענלעכקייט פון ראָפּשיצער רבין.

דאָס פעלן פון אַזאַ איינהייטלעכער ביאָגראַפיע האָט גורם געווען, אַז דער גרויסער יידישער היסטאָריקער און קדוש, פּראָפעסאָר שמעון דובנאָוו, האָט אין זיין ווערק „געשיכטע פון חסידיזם״ (זייט 243) געשריבן וועגן ראָפּשיצער רבין, אַז „וועגן לעבן און טעטיקייט פון ראָפּשיצער רבין איז גאָרנישט געבליבן אין זכרון פון דורות, חוץ פאָלקס־לעגענדעס און צדיקים־מעשיות, וואָס די פאַנטאַזיע איז אין זיי מער פון דעם אמת. מען דערציילט וועגן אים שטותעריי״.

און אין אַ באַמערקונג גיט פּראָפ. דובנאָוו צו, אַז אין „ספר הדורות החדש״ (זייט 70) און אין „שם הגדולים החדש״, אונטער זיין נאָמען, שטייט, אַז ער האָט פאַרפאַסט אַ קליין ספרל „אילה שלוחה״, און אין ספר „עשר צחצחות״ ווערט דערמאָנט נאָך אַ זאַמלונג מיטן נאָמען „זרע קודש״, אָבער אַט די אַלע ספרים זיינען שפּעטערדיקע, און זייער אויטענטישקייט איז מוטל בספק״.

ווייזט אויס, אַז פּראָפ. דובנאָוו האָט די ספרים אַליין נישט געזען, ווייל ווען ער וואָלט אין זיי געווען אַריינגעקוקט, וואָלט ער זיך געקאָנט דערוויסן אַז די ספרים זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן נאָך דער פּטירה פון ראָפּשיצער רבין (נפטר געוואָרן אין לאַנצוט, י״א אייר, תקפ״ז־1827), און אַז דער „זרע קודש״ איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט אַ הסכמה פון זיין תלמיד, דעם סאַנזער רבין, און עס איז אויך פאַראַן

אַ גאַנץ חסידות־ספר מיט מעשיות און ביאָגראַפישע דאַטעס, מיטן נאָמען „אוהל נפתלי״.

אָט איז די הסכמה פון סאַנזער רבין ר׳ חיים האַלבערשטאַם, געדרוקט אין „זרע קודש״, לעמבערג תרכ״ח (1868):

## הסכמת

כבוד אדונינו מורינו ורבינו הרב הגאון המובהק הקדוש רשכבה״ג בוצינא קדישא חסידא ופרישא אספקלירא המאירה עה״י פה״ח פאר הדור קדושת שמו מרן מוהר״ר חיים הלברשטאם נ״י אבד״ק צאנז והגליל יע״א.

הן כל יקר ראתה עיני כתבי קודש וחדושי תורה מכבוד אדמו״ר הרב הקדוש א״א מופ״ה המנוח מו״ה נפתלי צבי זלה״ה האבד״ק ראפשיץ זי״ע וקמו ונתעוררו המופלגים החסידים יראי השם והביאום לביה״ד לזכות את הרבים ולהפיץ מעיינותיו חוצה והנה אם כי בימי קדם לא צוויתי להדפיס חידושי תורתו של אדמו״ר הקדוש הנ״ל כי ידעתי שגם המחבר הקדוש בחיים חיותו לא הסכים שידפסו חי׳ תורתו אולם לאח״ז עלה בלבי שיפה עשו המדפיסים הנ״ל שהוציאו לאור כתבי קודש האלו כי ידוע שגם הרב מהרח״ו זלה״ה מנע מלהוציא לאור חידושיו ומה שקיבל מרבו האר״י זלה״ה ולא הניח לתלמידיו לכותבם ואפ״כ עשו צדיקי הדור כמה תחבולות והתפעלות להעתיקם ולכותבם ולהוציאם לאורה והארץ האירה מכבודו ומלאו פני תבל וכן עשו החסידים היקרים הנ״ל שהוציאו לאור מחברת הקודש ולהקרא בשם זרע קודש ומצוה גדולה להחזיק בידם ולקנות מהם הספרים הקדושים הללו וחלילה להשיג גבולם ולהדפיס עוד בלי רשותם ורשות ב״כ וזכות המחבר הקדוש יעמוד לנו להגן עלינו ולראות בביאת גו״צ בב״א דברי הבע״ח יום ג׳ י״ב ימים לחודש סיוון תרכ״ח פה״ק צאנז.

הק׳ חיים הלברשטאם



דעם סאַנזער רבינס חתימה

פון דער הסכמה פון סאנזער רבין קאָן מען זען אַז דער ראָפּשיצער רבי האָט נישט מסכים געווען אַז זיינע ספרים זאָלן געדרוקט ווערן און זיין געטרייער תלמיד, דער סאַנזער רבי, שרייבט, אַז אויך ער האָט נישט מסכים געווען צו דרוקן דעם ראָפּשיצער רבינס תורות, אָבער אַזוי ווי דער אר״י האָט אויך אָנגעזאָגט זיינע תלמידים אַז זיי זאָלן נישט אַרויסגעבן זיינע חידושים און דאָך האָבן די צדיקי הדור זיי אַרויס־געגעבן און זיי האָבן פאַרליכטן די וועלט, אַזוי האָבן די חסידים פון ראָפּשיצער רבין אויך דאָס זעלבע געטאָן און זיי גיבן אַרויס דעם „זרע קודש״...

פאַרוואָס דער ראָפּשיצער רבי האָט נישט געוואָלט מען זאָל דרוקן זיינע תורות, איז פאַראַן אַ מסורה צווישן די ראָפּשיצער אייניקלעך, אַז ער האָט געהאַלטן אַז די תורות וואָס ער זאָגט ביים טיש זיינען נאָר, כדי משפיע צו זיין מיט זיין דבור אויף די חסידים און דאָס קאָן נאָר חל זיין באותו מקום ובאותו זמן — אין זיין צייט און נישט אויף שפּע־טערדיקע דורות.

עס איז אמת, אַז די חסידים האָבן אַריינגעטייטשט אין יעדן וואָרט, וואָס דער ראָפּשיצער רבי האָט געזאָגט פאַרשידענע סודותדיקע כוונות, אָבער דאָס זעלבע האָבן דאָך אויך געטאָן די תלמידים פון רבין ר׳ נחמן בראַסלאַווער, וועלכע האָבן אין יעדער מעשה וואָס ר׳ נחמן האָט דערציילט געמאַכט אַ גאַנצן פירוש על פי סוד...

דער ראָפּשיצער רבי אַליין האָט אָבער געהאַלטן, אַז די מעשיות און ווערטלעך וואָס ער דערציילט, זיינען גאַנץ פשוטע, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער פיקח, ער האָט געהאַלטן, אַז „חכם עדיף מנביא״ (אַ חכם אין גרעסער פון אַ נביא), און איינמאָל האָט אים זיין רבי, דער „חוזה״ פון לובלין, געפרעגט: „עס שטייט דאָך אין דער תורה ‚תמים תהיה עם ד׳...׳ און נישט ‚חכם תהיה׳?״ האָט דער ראָפּשי־צער רבי געענטפערט, אַז „כדי צו זיין אַ תמים מיט גאָט, איז נויטיק גרויס חכמה״ (עשר צחצחות, זייט 92).

* * *

דער ראָפּשיצער רבי האָט געשטאַמט פון אַ גרויסער מיוחסדיקער משפחה. ער איז געווען אַ זון פונעם גאון ר׳ מענדעלע רובין פון לינסק, גאַליציע. דעם נאָמען הורוויץ, אָדער האָראָוויץ, האָט דער ראָפּשיצער רבי גענומען פון זיין מוטער ביילע, די טאָכטער פון ר׳ איציקל האַמבורגער.

ר׳ איציקל האַמבורגער איז געווען איינער פון די גרעסטע גאונים פון זיין צייט. ער אַליין איז געווען אַ פאַרביסענער מתנגד, אָבער דאָך האָט מען וועגן אים דערציילט מופתים און לעגענדעס, ווי וועגן בעל־שם־טוב. אין דעם פּרט איז ער געווען ענלעך צום ווילנער גאון, וועלכער האָט אויך שטאַרק געקריגט אויף חסידות, און וועגן אים ווערן דערציילט וואונדער־מעשׂיות און מופתים, אַזוי ווי וועגן צדיקים.

און חסידים דערציילן, אַז דער בעש״ט אַליין האָט געזאָגט אויף ר׳ איציקל האַמבורגער, אַז ער איז אַ ריינער בעל רוח־הקודש.

אַ חסידישע מעשׂה דערציילט, אַז ר׳ איציקל האַמבורגער פלעגט קלאַפּן אויפן בעל־שם־ טובס דרך. דער בעל־שם־טוב האָט אָבער שטאַרק געהאַלטן פון ר׳ איציקל האַמבורגער. פלעגט דער בעל־שם־טוב שיקן זיינע חסידים צו ר׳ איציקלען, זיי זאָלן פאַר אים רעדן אויפן בעל־שם־טוב, כדי ר׳ איציקל זאָל האָבן אַ נחת־רוח...

ר׳ איציקל האַמבורגער איז געווען דער זון פון גאון ר׳ יעקעלע יוקל הלוי איש האַראָוויץ, רב אין גלינע, וועלכער איז געווען דער זון פון ר׳ מאיר הלוי איש הורוויץ, רב אין טיקטין, וועלכער איז געווען דער זון פון גאון און מקובל ר׳ שמואל שמעלקע הלוי פון טאַרנע (טאַרנאָוו, מערב־גאַליציע).

ר׳ איציקלס ערשטע רבנות איז געווען אין כּאַרקאָוו, שפּעטער האָט ער ממלא־מקומו געווען זיין פאָטער, ר׳ יעקעלע יוקל, אין גלינע, און אין יאָר תק״ד (1744) איז ער אויפגענומען געוואָרן פאַר אַ רב אין בראָד, און נאָך דער פּטירה פון דעם וועלט־באַרימטן גאון ר׳ יהונתן אייבעשיץ, האַמבורגער רב, האָבן די דריי באַרימטע קהלות, אַלטאָנע, האַמבורג און וואַנדזבעק (אה״ו) אויסגעקליבן דעם בראָדער רב ר׳ איציקל אַלס ממלא מקומו פון ר׳ יהונתן, און ר׳ איציקל ווערט פון דעמאָלט אָן אָנגערופן אין דער לומדישער וועלט „ר׳ איציקל האַמבורגער״.

* * *

וועגן ר׳ איציקל האַמבורגער ווערט דערציילט אַ מעשׂה, וואָס פּאַסט זי זאָל דערציילט ווערן וועגן אַ חסידישן רבין. די מעשׂה ווערט איבערגעגעבן פון דעם גאון ר׳ בנימין קלוגער פון בראָד, וואָס ער האָט זי געהערט פון זיין פאָטער ר׳ שלמה קלוגער, דער בראָדער מגיד, איינער פון די גרעסטע גאונים אין זיין צייט.

אַמאָל האָט זיך אָפּגעשטעלט אין בראָד אַ ליטווישער סוחר,

וועלכער איז געפאָרן קיין לייפּציג איינקויפן סחורה. דער סוחר איז אָנגעקומען קיין בראָד ערב שבת, האָט ער שוין געמוזט האַלטן שבת אין שטאָט.

איז דער ליטווישער סוחר אַריין אין אַן אכסניה און ער האָט דעם בעל־אכסניה, ערב־שבת געגעבן צו באַהאַלטן זיין געלט.

דער בעל אכסניה איז אין דעם זעלבן פרייטיק־צו־נאַכטס געשטאָרבן.

נאָך דער לויה איז דער ליטווישער סוחר אַריין צו דער אלמנה און געבעטן מען זאָל אים צוריקגעבן דאָס געלט. אָבער די אלמנה און אירע קינדער האָבן געזאָגט, אַז זיי ווייסן פון גאָרנישט.

דער ליטווישער סוחר איז געוואָרן זייער פאַר׳צער׳ט. ער האָט זיך געהאַט אָנגעבאָרגט דאָס געלט אין זיין שטעטל, איינצוקויפן סחורות אין לייפּציג, און דאָ זאָגן זיי אַז זיי ווייסן גאָרנישט פון קיין געלט וואָס ער זאָל האָבן געגעבן צו באַהאַלטן דעם בעל־אכסניה.

האָט דער ליטווישער סוחר זיך געווענדט צו דעם רב פון שטאָט, צו ר׳ איציקל הורוויץ.

דער בראָדער רב האָט געשיקט רופן די פאַמיליע פון דעם בעל־אכסניה צו אַ דין־תורה.

דער בראָדער רב האָט אויסגעהערט די טענות פון ביידע צדדים. דער ליטווישער סוחר האָט געשריגן, אַז ער האָט געגעבן דעם בעל־אכסניה צו באַהאַלטן דאָס גאַנצע געלט וואָס ער האָט פאַרמאָגט, און די אלמנה מיט די קינדער האָבן געטענהט, אַז זיי האָבן איבערגעקערט די גאַנצע שטוב און האָבן אין ערגעץ נישט געפונען דעם פּקדון.

עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז די משפחה פון פאַרשטאָרבענעם בעל־אכסניה זאָל שווערן, אַז אַלץ וואָס זיי טענהן איז אמת, אָבער דער ליטווישער סוחר איז געווען זייער אַ פרומער ייד און ער האָט נישט געלאָזט זיי שווערן, ווייל ער איז דאָך געווען ביי זיך זיכער אַז זיי וועלן שווערן פאַלש.

דער ליטווישער סוחר איז יעדן טאָג געקומען צו ר׳ איציקלען אין שטוב אַריין, און האָט פאַר אים אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ. אַז ער קאָן נישט צוריקפאָרן אַהיים אָן דעם געלט, ווייל אין דער שטאָט וועט מען אים נישט גלויבן, אַז ער האָט עס אָוועקגעגעבן אַ יידן אין בראָד, און אַז אים קומט אויס פּשוט זיך אַ מעשה צו טאָן.

אַזוי האָט דער ליטווישער סוחר כסדר געוויינט פאַרן בראָדער רב, ביז איינמאָל זאָגט צו אים ר׳ איציקל: „אויב איר וועט מסכים זיין, וועל איך רופן צו אַ דין תורה דעם מת גופא״.

דער ליטווישער סוחר איז געוואָרן אַ דערציטערטער. וואָס הייסט מזמין זיין דעם מת לדין? אויף אַזאַ ענטפער האָט ער זיך גאָרנישט געריכט.

דער בראָדער רב האָט איבערגעחזרט די ווערטער: „אויב איר זייט מסכים, וועלן מיר שיקן רופן דעם מת צו אַ דין תורה"...

האָט דער ליטווישער סוחר מיט שרעק געגעבן אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אַז ער איז מסכים.

און דער בראָדער רב ר' איציקל האָט אַריינגערופן דעם שמש זיינעם, האָט אים איבערגעענטפערט זיין שטעקן און אים באַפוילן צו גיין אויפן בית־הקברות און אָנקלאַפּן אויפן קבר פון בעל־אכסניה און אים זאָגן, אַז „ר' איציקל רופט אייך צו קומען צו אַ דין תורה אין בית־דין־שטוב אַריין".

דער שמש האָט געטאָן אַזוי ווי ר' איציקל האָט אים געהייסן, און אויף צומאָרגנס איז דער ליטווישער סוחר געקומען אין בית־דין־שטוב אַריין. ער האָט געטראָפן זיצן ר' איציקלען איינגעהילט אין טלית און תפילין.

„גיט איבער נאָך אַמאָל אייערע טענות", האָט זיך ר' איציקל געווענדט צו דעם ליטווישן סוחר.

דער ליטווישער סוחר האָט נאָכאַמאָל דערציילט, ווי אַזוי ער האָט ערב שבת פאַרנאַכט אַוועקגעגעבן דאָס גאַנצע געלט וואָס ער האָט פאַרמאָגט צום בעל־אכסניה, כדי ער זאָל נישט דאַרפן שבת טראָגן מיט זיך דאָס געלט, און פּלוצלונג איז דער בעל־אכסניה געשטאָרבן און די אלמנה און די קינדער טענהן, אַז זיי האָבן קיין שום געלט נישט געפונען אין הויז.

„און וואָס זאָגט דער מת?" — האָט ר' איציקל געפרעגט.

אַ מוראדיקע שטילקייט האָט געהערשט אין בית־דין־שטוב, דער ליטווישער סוחר האָט נישט געהערט קיין שום ענטפער. ר' איציקל איז געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן און שווערע טראָפּנס שווייס זיינען געפאַלן פון זיין שטערן.

און פּלוצלונג האָט ר' איציקל צוריק געעפנט זיינע אויגן און האָט געזאָגט:

„גייט אין דער אכסניה און זאָגט דער אלמנה, אַז זי זאָל אַרויס־נעמען פון דער ספרים־שאַנק דעם טור אורח חיים און אויפמישן הלכות שבת, וועט מען דאָרט געפינען דאָס גאַנצע געלט".

און אַזוי איז טאַקע געווען. דער ליטווישער סוחר איז געגאַנגען

אין דער אכסניה און מען האָט דאָס גאַנצע געלט געפונען אין דעם „אורח חיים", וואָס דער בעל־אכסניה האָט געהאַט ערב שבת באַהאַלטן און האָט קיינעם דערפון נישט אויסגעזאָגט (אוהל נפתלי, 67).

* * *

ר׳ איציקל האַמבורגער איז געווען אַ גרויסער בעל־מדרגה. ער האָט פון ראש חודש אלול ביז נאָך יום כפור גערעדט נאָר לשון־קודש (דאָרט, סימן רי״ג).

און ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט געפאַסט פיר הונדערט תעניתים, כדי ער זאָל האָבן פיר הונדערט אייניקלעך רבנים. דעריבער האָט מען געהאַלטן אין די ראָפשיצער הויפן, זיינען פאַראַן אַזוי פיל רביים ראָפשיצער אייניקלעך, וואָס זיינען אויך רבנים (דאָרט).

דער ראָפשיצער רבי האָט גערירשנט אַ סך פון זיינע מדרגות פון זיין זיידן, ר׳ איציקל האַמבורגער.

אָבער די חכמה זיינע, זאָגט מען, האָט ער גערירשנט פון זיין מוטערביילע, וועלכע האָט געשמט פאַר אַ גרויסער חכמת.

און וועגן דעם ראָפשיצער רבינס מוטער ביילע ווערן דערציילט פאַרשידענע ווערטלעך.

אַזוי ווערט דערציילט, אַז דעם ערשטן שבת נאָך איר חתונה, ווען זי איז צוריקגעקומען אין שטוב אַריין פון דער שול (אין פוילן איז געווען אַ מנהג צו פירן די כלה דעם ערשטן שבת נאָך דער חתונה אין שול אַריין), האָט דער פאָטער אירער, ר׳ איציקל האַמבורגער, זי געפרעגט ,ווי אַזוי זי האָט זיך געפילט אין דער שול צום ערשטן מאָל... (ווייזט אויס, אַז אַ מיידל איז נישט געגאַנגען אין שול אַריין דאַוונען).

האָט די יונגע כלה געענטפערט מיטן פסוק פון תהלים: „שמחתי באומרים לי בית ד׳ נלך", — איך האָב זיך געפרייט — באומרים לי — ווען מען האָט מיר געזאָגט — „הרי את מקודשת לי", בית ד׳ נלך — ווייל איך קאָן שוין גיין אין שול אַריין"...

# קאַפּיטל ב

# ווי אַזוי ר׳ נפתלי ראָפּשיצער איז געוואָרן רבי

אַ דאָרפס־ייד קומט צום רבין ר׳ אלימלך בעטן אַ ישועה און זיין תלמיד ר׳ נפתלי פאַרשטעלט זיך פאַר אַ רבין. — חסידים זאָגן אַז דער רבי ר׳ אלימלך האָט סומך געווען זיין תלמיד ר׳ נפתלי ער זאָל ווערן רבי.

דער ראָפּשיצער רבי ר׳ נפתלי צבי האָט, איידער ער האָט עוסק געווען אין חסידות, זיך אָנגעגורט מיט ש״ס און פּוסקים. ער האָט געלערנט אין דער ישיבה פון דעם באַרימטן פּרעשבורגער רב ר׳ משולם טיסמעניצער, צוזאַמען מיט אַזעלכע גאונים ווי ר׳ מרדכי באַנעט, דער שפּעטערדיקער ניקעלשבורגער רב, ר׳ יעקב ליסער, דער בעל „חוות דעת״ און נאָך אַנדערע גאונים, פון וועמען ר׳ נפתלי איז ניט אָפּגעשטאַנען. אדרבה, דער רבי זיינער האָט אים פאַררעכנט פאַר איינעם פון די בעסטע תלמידים. אָבער ווי נאָר ער האָט דערפילט דעם ריח פון חסידות, וואָס האָט זיך דורך אומוועגן פאַרטראָגן קיין פּרעש־בורג, האָט עס גלייך געפאַנגען דעם יונגן תלמיד־חכם און ר׳ נפתלי האָט אָן אַ „זייט־געזונט״ פאַרלאָזט פּרעשבורג און אַוועק קיין ליזשענסק צום רבין ר׳ אלימלך *).

דער רבי ר׳ נפתלי איז פאַרבליבן אַ חסיד פון רבין ר׳ אלימלך פון ליזשענסק.

דער רבי ר׳ אלימלך האָט אים שטאַרק מקרב געווען. ער האָט מיט אים אין די שפּעטע אָוונט־שעהן געלערנט קבלה און חסידות, אָפט

---

*) די חסידישע לעגענדע, ווי אַזוי דער רבי ר׳ אלימלך האָט נישט געוואָלט אַריינלאָזן ר׳ נפתלי צבי, ווייל ער איז אַ „מיוחס״, האָבן מיר געבראַכט אין דער אָפּטייל: דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזשענסק.

מיט אים פאַרבראַכט ביחידות אין זיין חדר און מיט אים געשמועסט הויכע חסידישע שמועסן...

דער רבי ר׳ נפתלי ראָפּשיצער האָט אָבער שוין אין ליזשענסק אָנגעהויבן זיך פירן לויט זיין אייגנאַרטיקן דרך, צו זאָגן פאַרשידענע הלצהלעך און אָפּטאָן אַזעלכע זאַכן, אַז אַלע חסידים זאָלן זיך האַלטן ביי די זייטן פאַר געלעכטער.

דערציילן חסידים אַזאַ מעשה: איינמאָל, פאַרטאָגס, ווען דער רבי ר׳ אלימלך איז געזעסן סגור ומסוגר אין זיין חדר המיוחד און גע־לערנט זיינע שעורים, און אין דער צייט, האָט דער משמש געוואוסט, טאָר מען קיינעם ניט אַריינלאָזן צום רבין, איז פּלוצלונג אָנגעקומען אַ דאָרפס־ייד און האָט זיך איינגעעקשנט, אַז ער מוז געבן אַ קוויטל דעם רבין ר׳ אלימלך.

זעענדיק, אַז מען וועט פון דעם דאָרפס־ייד ניט פּטור ווערן, רופט זיך אָן ר׳ נפתלי צו זיינע חברים:

„הערט וואָס מיר איז איינגעפאַלן. איך וועל אַריין אין צווייטן צימער. איך וועל זיך אָנטאָן דעם קאַלפּיק און שיקטס מיר אַריין דעם דאָרפס־ייד. ער האָט דאָך אודאי דעם רבין פאַר די אויגן קיינמאָל נישט געזען".

די יונגע חסידים האָבן געוואוסט, אַז ר׳ נפתלי גייט שוין אָפּטאָן אַ שפּיצל, איינס פון זיינע שפּיצלעך. האָבן זיי אים געזאָגט אַז זיי וועלן אַזוי טאָן ווי ער הייסט, און איידער מען האָט זיך אַרומגעקוקט איז ר׳ נפתלי פאַרשוואונדן פון בית המדרש און ער איז שוין געזעסן אין חדר המיוחד און געוואַרט אויפן דאָרפס־ייד.

די יונגע ליזשענסקער חסידים האָבן גלייך געזאָגט דעם דאָרפס־ייד, אַז דער רבי זיצט אין חדר המיוחד און אַז ער קאָן אַריינגיין צו אים זיך פּראַווען, אים אָפּגעבן אַ קוויטל.

באַלד איז דער דאָרפס־ייד אַריינגעקומען אין חדר־המיוחד און ער האָט מיט אַ געוויין אָנגעהויבן דערציילן זיין אומגליק:

— הייליקער רבי, איך האַלט אַ קרעטשמע ביי אַ פּריץ. דער פּריץ איז אַ רשע מרושע, פּייניקט מיך סכנות־נפשות, לאָזט מיך נישט אויפן אויג. האָב איך נאָך געצאָלט כסדר די ראַטעס איז נאָך געווען אַ האַלבע צרה, אָבער לעצטנס האָט זיך מיר געמאַכט זייער ענג. איך האָב ממש ניט אויף חיונה פאַר מיין בני בית. האָב איך מיך פאַר־שולדיקט אויף דריי ראַטעס, האָט דער פּריץ היינט געשיקט מיר זאָגן, אַז באם איך וועל נישט אין פאַרלויף פון דריי טעג באַצאָלן אַלע דריי ראַטעס, וועט ער מיך מיטן ווייב און קינדער אַרויסוואַרפן פון דער

קרעטשמע, דערצו נאָך הייסן מיר אויסצײלן פּופּציק שמיץ און דערנאָך וועט ער אונדז אַלעמען אַרײַנוואַרפן אין תּפיסה אַרײַן.

— הייליקער רבי! — האָט דער דאָרפס־ייד נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן צו וויינען. — מיין ווייב איז אַ פּאָר וואָכן נאָך דער קימפּעט. זי איז חרוב־קראַנק, באַוואָרפן מיט קליינע קינדער. ראַטעוועט אונדז! מען זאָגט דאָך, אַז ווען איר ווילט, ווערט מען געהאָלפן!

קלערט ר׳ נפתלי אַ ווײַלע און גיט אַ פרעג:

— און ווי פירט איר זיך מיט יידישקייט?

— אַזוי ווי אַלע יידן, הייליקער רבי. איך בין טאַקע אַ ישובניק, אָבער איך האַלט ביי מיר אין שטוב אַ מלמד. איך האַלט אים אויס מיט אַלע הצטרכותן. דעם לעצטן ביסן פון מויל גיב איך אים אַוועק, און אַלץ, וואָס ער הייסט מיך טאָן, טו איך.

— אויב אַזוי, — רופט זיך אָן ר׳ נפתלי, — פאָר אַהיים און דו וועסט בקרוב געהאָלפן ווערן.

דער דאָרפס־ייד איז אָבער נישט צופרידן מיט דער תשובה, הויבט ער ווידער אָן צו וויינען:

— דריי טעג אינגאַנצן געבליבן, היינט, מאָרגן און איבערמאָרגן, שמיץ, תפיסה. מיין ווייב איז קראַנק, פּיצלעך קינדער. ראַטעוועט אונדז, רבי!

— גיי אַהיים, זאָג איך דיר. עס וועט אַלץ גוט זיין. דער פּריץ וועט נישט האָבן קיין כוח דיר שלעכטס צו טאָן.

דער דאָרפס־ייד איז אַוועק אַ באַרואיקטער. ר׳ נפתלי איז צוריק אַרײַן אין בית־המדרש מיט אַ שמייכל אויפן פּנים.

די יונגע חסידים האָבן אים אַרומגערינגלט און אים געבעטן דערציילן וואָס דער דאָרפס־ייד האָט געוואָלט און וואָס ער האָט אים געענטפערט, אָבער ר׳ נפתלי האָט זיי פאַררעדט מיט אַן אַנדער ענין.

און צומאָרגנס אויף דער נאַכט, איז געווען אַ שטאַרקער ווינט, וואָס האָט די ביימער פון דער ערד אַרויסגעריסן. דער ווינט האָט מוראדיק געפייפט און לאָדנס געריסן. דער אָרעמער דאָרפס־ייד איז געזעסן ביים אויוון. די קרעטשמע איז געווען פּוסט. אויפן האַרצן איז געווען זייער ביטער. מאָרגן איז דער לעצטער טאָג צו סילוקן די ראַטעס און דאָ איז קיין פּרוטה נישט פאַראַן ביי דער נשמה, וועט כאָטש דעם רבינס ברכה מקוים ווערן?

דער דאָרפס־ייד הויבט זיך אויף פון אָרט, נעמט אַ תהילימל אין דער האַנט אַרײַן און הויבט אָן צו זאָגן קאַפּיטלעך תהלים.

זיצט אַזוי דער דאָרפס־ייד און זאָגט מיט אַ שלעכטער עברי אַ

פסוק נאָך פסוק, דאָס פייער איז שוין לאַנג אויסגעגאַנגען. אין שטיבל איז האַלב־פינצטער. די אויגן זיינע הויבן זיך אָן קלעפּן. דאָס תהילימל גליטשט זיך ביי אים אַרויס פון די הענט, אָבער ער שאָקלט זיך ווייטער און מורמלט:

— רבונו של עולם, העלף מיר אין זכות פון הייליקן צדיק.

דער ישובניק שלאָפט איין. אין שטוב איז קאַלט און פינצטער. דער ווינט רייסט די לאָדנס מיט צוואַנגען. אַלע ווילע דאַכט זיך אים, אַז עס קלאַפּט עמיצער אין פענצטער. און פּלוצלונג דערהערט ער אַ קול, וואָס רופט:

„משה, משה, עס קלאַפּט עמיצער, גיי מאַך אויף!"

דאָס שרייט צום קרעטשמער דאָס ווייב זיינס פון אַלקערל.

שפּרינגט ער אויף פון בענקל, ווי זיין געוואוינהייט איז געווען. ער הערט זיך איין אַ ווילע און באַלד רופט ער אויס:

משוגע מיינע שונאימס קעפּ. דער ווינט פייפט, רייסט דעם לאָדן און ביי איר קלאַפּט ווער אין פענצטער".

עס דויערט אָבער נישט לאַנג און עס דערהערט זיך ווידער אַ קלאַפּן אין לאָדן. דאָס מאָל דערקענט שוין אויך דער קרעטשמער, אַז עס איז נישט פון ווינט. לויפט ער צו צו דער טיר און ער רופט אויס:

— ווער קלאַפּט?

— עפן, מאַשקע, עפן. איך וויל דיר אָנזאָגן אַ גוטע בשורה — דערהערט זיך אַ קול פון דרויסן.

— יאַנטעק, דאָס ביסטו? — רופט אויס דער קרעטשמער, דער־קענענדיק די שטים פון דעם באַקאַנטן פּאַראָבעק. — וואָס עפּעס אַזוי שפּעט אין דער נאַכט, אין אַזאַ שרעקלעכן ווינט?

און באַלד עפנט זיך די טיר און יאַנטעק קומט אַריין. ער האָט געציטערט אינגאַנצן פון שרעק.

— גיב מיר, מאַשקע, אַביסל משקה. וויל איך שטאַרב פון מורא — האָט קוים אַרויסגעשטאַמלט דער גוי.

— אָבער וואָס איז געשען? זאָג מיר גלייך.

— דער פּריץ האָט זיך אויפגעהאָנגען — האָט דער גוי אין איין אָטעם אַרויסגעזאָגט.

— אויפגעהאָנגען זיך, דער פּריץ? — האָט דער קרעטשמער אויס־געשריען.

— אויפגעהאָנגען זיך. מען האָט אים נאָר־וואָס אַראָפּגעשניטן פון שטריק אַ פאַרשטייפטן, אָן סימנים פון לעבן. בין איך געקומען דיר זאָגן, מאַשקע, אַז דו ביסט אַ געהאָלפענער.

באַלד אינדערפרי איז דער דאָרפס־ייד אַוועק קיין ליזשענסק. אָנזאָגן דעם רבין די גוטע בשורה, אַז דער פּריץ קאָן אים טאַקע מער קיין שלעכטס נישט טאָן, אַזוי ווי דער רבי האָט אים מבטיח געווען.

אַריינקומענדיק צום רבין ר׳ אלימלך אין פּראַווע־שטוב, איז דער דאָרפס־ייד געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער. ער קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן, באַטראַכט נאָכאַמאָל דעם רבין און עס הויבט אים אָן זיך מישן אין קאָפּ...

„סטייטש, דער רבי, וואָס האָט אים אַנגעוואונטשן, איז דאָך געווען גאָר אַ יונגערמאַן, און דאָ זיצט פאַר אים אַן אַלטער ייד, גאָר נישט דער אייגענער".

ענדלעך האָט דער דאָרפס־ייד באַקומען לשון און ער האָט דער־ציילט דעם רבין די גאַנצע מעשה: בכן, ער איז געקומען צוויי טעג פריער פאַרטאָגס בעטן אַ ישועה, האָט מען אים אַריינגעפירט צו אַ יונגענמאַן, וועלכן מען האָט פאַר אים פאַרגעשטעלט, אַז דאָס איז דער רבי, האָט אים דער רבי אַנגעוואונטשן, אַז דער פּריץ וועט אים גאָרנישט קאָנען טאָן און אַזוי איז טאַקע געשען. דער פּריץ האָט זיך נעכטן ביינאַכט אויפגעהאַנגען, איז ער געקומען דאַנקען דעם רבין, אָבער דאָ זיצט עפּעס נישט דער זעלבער רבי...

פאַרשטייט שוין דער רבי ר׳ אלימלך, אַז דאָס איז ר׳ נפתליס אַ שפּיצל. שמייכלט ער, געזעגנט זיך מיט דעם דאָרפס־ייד און הייסט רופן ר׳ נפתלין.

פרעגט דער רבי ר׳ אלימלך ר׳ נפתלין מיט אַ שמייכל ווי אַזוי ער פאַלט אויס צו פּראַוועו רביסטווע ביי אים אין שטוב. ענטפערט ר׳ נפתלי, אַז היות ווי דער דאָרפס־ייד האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן, און מען האָט נישט געקאָנט דעמאָלט צום רבין צוקומען, האָט ער גע־הייסן מען זאָל דעם דאָרפס־ייד ברענגען צו אים, און ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ רבין.

— נו, נו — האָט דער רבי ר׳ אלימלך אויסגערופן — דו ביסט שוין ראוי דערצו, זע איך, ביסט נאָך אָבער צו יונג, היט זיך!

און חסידים זאָגן, אַז דעמאָלט האָט ר׳ נפתלי באַקומען סמיכה פון רבין ר׳ אלימלך צו ווערן אַ רבי. (די מעשה איז פאַרשריבן אין ספר „צאַנזער חסידות" פון ש. ניסענזאָהן. „חסידות פאַרלאַג", וואַרשע, תרצ"ח).

# קאַפּיטל ג

# די ערשטע דרשה פון רבין ר׳ נפתלי אין ראָפּשיץ

דער ראָפּשיצער רבי האָט נאָך זיין חתונה געהאַנדלט מיט ווייַן. — פאַרוואָס ער האָט זיך געגט מיט זיין ערשטער פרוי. — אַ דרשה וואָס דעם ראָפּשיצער רבינס פאָטער האָט געהאַלטן אין לינסק. — דער רבי ר׳ מענדעלע רימענאָווער האָט געהייסן די באַלעבאַטים פון ראָפּשיץ זיי זאָלן אויפנעמען „נפתלי דיקלער" פאַר אַ רב ביי זיי אין שטאָט.

דער ראָפּשיצער רבי האָט זוכה געווען צו דריי קרוינען: ער איז געווען אַ גדול בתורה, ער איז געווען אַ גדול אין חסידות, און איז געווען מפורסם פאַר אַ גרויסן חכם.

אויך זיין פאָטער, ר׳ מענדעלע לינסקער, האָט אַחוץ זיין גאונישקייט אויך געשמט פאַר אַ שאַרפן קאָפּ און אַ בליצנדיקער מוח.

מען דערציילט, אַז איינמאָל האָט ר׳ מענדעלע לינסקער געהאַלטן אַ דרשה שבת הגדול אין בית־המדרש, האָט ער זיך געווענדט צו די בעלי־בתים און האָט צו זיי געזאָגט:

„רבותי, עס איז אַ מנהג צו זאָגן אַ פּלפּול אין שבת הגדול און צו פאַרענטפערן אַ האַרבן רמב"ם. וועל איך אויך נישט אָפּווייכן פון דעם דאָזיקן מנהג און וועל זיך אָפּשטעלן אויף אַ האַרבן רמב"ם.

„דער רמב"ם, הלכות חמץ ומצה (פּרק ו׳, הלכה י׳) פּסקנט, אַז אַלע יידן זיינען מחויב פּסח צו עסן מצה, און נישט דאָס אַליין. ער פּסקנט (דאָרט פּרק ז׳, הלכה ז׳), אַז אַפילו דער, וואָס איז זיך מפרנס פון צדקה, איז מחויב צו טרינקען ארבע כוסות אין דער נאַכט פון פּסח. און אין הלכות גנבה (פּרק א׳, הלכה י"ב) פּסקנט דער רמב"ם, על־פּי־התורה, אַז מען טאָר גאָרנישט גנבענען, און ווער עס גנבעט געלט

פון אַ פּרוטה און מער, דער איז עובר אויף אַ לאָוו: לא תעשה. און איצט, רבותי, פרעג איך אייך — האָט זיך דער לינסקער רב גע־ווענדט צו די בעלי־בתים — לויט די פּסקים, וואָס דער רמב״ם פּסקנט, וואָס זאָלן טאָן די אָרעמעלייט פאַר פּסח? מצות זיינען זיי מחויב צו עסן, פיר כוסות זיינען זיי מחויב צו טרינקען, געלט צו קויפן מצות און ווייז האָבן זיי נישט, גנבענען טאָרן זיי נישט, איז ווי אַזוי קאָנען די אָרעמעלייט מקיים זיין די צוויי הלכות פון רמב״ם?

„רבותי, איך האָב לאַנג אַריינגעטראַכט אין דער דאָזיקער קשיא ביז איך האָב אויסגעפונען, אַז נאָר איר, עשירים און רייכע־לייט, קאָנט פאַרענטפערן די קשיא. ווען איר וועט געבען אַ סך געלט אויף מעות חטים און צדקה מיט אַ ברייטער האַנט, וועלן די צוויי הלכות פון רמב״ם אַליין פאַרענטפערט ווערן״... (הרב י. מ. ל. הכהן פישמאַן־מימון, „שרי מאה״, חלק רביעי, זייט 86).

מיר וויסן זייער ווייניק וועגן די יונגע יאָרן פון ראָפּשיצער רבין.

אין די חסידישע ספרים ווערט געוויינלעך דערציילט מעשיות וועגן ראָפּשיצער רבין, ווען ער איז שוין געווען מפורסם אין דער וועלט, אָבער נישט ווען ער איז נאָך געווען יונג. דעריבער איז אינטע־רעסאַנט איבערצוגעבן צוויי חכמהלעך, וואָס דער ראָפּשיצער רבי האָט געזאָגט, ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד.

עס איז אַ באַקאַנטער מנהג, אַז צו אַ קימפּעטאָרין פאַרן ברית גייען די חדר־יינגלעך לייענען קריאת־שמע. ווען זיי ענדיקן קריאת־שמע־לייענען גיט מען זיי געוויינלעך קיכלעך מיט צוקערלעך.

און ווען דער ראָפּשיצער איז נאָך געווען אַ יינגל פון פינף יאָר, איז ער אַמאָל מיטגעגאַנגען מיט די קינדער צו אַ קריאת־שמע־לייענען. דער בעל־הבית האָט די קינדער געגעבן צו קיכלעך יעדן איינעם. ווען ער איז געקומען צו דעם יינגל נפתלי צבי האָט ער אים געוואָלט געבן צוויי קיכלעך, האָט דאָס קליינע יינגל נישט געוואָלט נעמען, זאָגנדיק, אז דער פאָטער זיינער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז קיינער זאָל נישט געבן איין קינד מער פון צווייטן, כדי נישט אַרויסצורופן קיין קנאה שנאה צווישן די קינדער.

ווען דער בעל־הברית האָט פאַרענדיקט דאָס אויסטיילן די חלקים די קינדער, איז צוגעגאַנגען דער קליינער נפתלי צבי און האָט אויס־געשטרעקט די האַנט מען זאָל אים געבן נאָך אַ קיכל, מאַכט צו אים דער בעל־הברית:

— איך האָב דאָך דיר געוואָלט געבן צוויי חלקים און דו האָסט נישט געוואָלט נעמען, פאַרוואָס ווילסטו עס איצטער?

— איך וויל, חס ושלום, נישט צווי חלקים פון איין בן־זכר, אָבער איך האָב זיך דערוואוסט, אַז דאָ איז געבוירן געוואָרן אַ צווילינג !...

אויך ווערט דערציילט וועגן ראַפּשיצער רבין, אַז ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד האָט ער געזאָגט די הגדה ביים סדר צוזאַמען מיט זיין פאָטער, ר׳ מענדעלע לינסקער. ווען זיי זיינען געקומען צו דעם פּיוט „אדיר הוא יבנה ביתו בקרוב", זאָגנדיק „זכאי הוא, חסיד הוא", האָט דער קליינער נפתלי זיך געווענדט צו זיין פאָטער און אים גע־פרעגט :

— טאַטע ! אויב דער רבונו־של־עולם איז אַ חסיד, פאַרוואָס זאָגט ער נישט „ויצמח פורקניה ויקרב משיחיה" ? (חסידים זאָגן ביים קדיש „ויצמח פורקנה"), ווען הקדוש ברוך הוא זאָל דאָס זאָגן, וואָלט דאָך משיח גלייך געקומען !...

ווען דער ראַפּשיצער איז נאָך געווען אַ יונגער בחור האָט ער אַרויסגעוויזן צו זיין אַן עומד על דעתו און האָט ניט מורא געהאַט פאַר קיינעם צו זאָגן דעם אמת.

און אַ מסורה איז פאַראַן צווישן די חסידים, אַז איין מאָל איז פאָרגעקומען אַ שרעקלעכער פאַל אין לינסק : צווי יונגעלייט האָבן דערהרגעט צווי גויים, וועלכע זיינען געווען פאַרשטייער פון די פריצים.

עס איז דעמאָלט געווען אַ צייט, ווען די פריצים האָבן שטאַרק געדריקט די יידן. בפרט האָבן געהאַט אויסצושטיין געברענטע צרות די דאָרפס־יידן. עס איז שוין געקומען אַזוי וויט, אַז צווי יידישע יונגעלייט האָבן אָפּגעמאַכט זיך נוקם זיין אין צווי גויים, וואָס האָבן גאָר שטאַרק גערודפט די יידן און זיי האָבן די צווי גויים געהרגעט. דער המון איז געוואָרן שטאַרק אויפגערייצט פון דעם פאַל און מען האָט מורא געהאַט, אַז די גויים וועלן קומען אויפן יאַריד־טאָג קיין לינסק און מאַכן אַ שחיטה אויף די יידן. דערפון האָט זיך דערוואוסט דער גלח פון שטאָט, איז ער אַוועק צוזאַמען מיט דעם פּאָליציי־מייסטער צום לינסקער רב און האָט אים דערציילט, אַז די גויים גרייטן זיך צו ראַבעווען און צו מאַכן אַ פּאָגראָם אין שטאָט. ער האַלט אָבער, אַז מען וועט קאָנען די פּויערים באַרואיקן, ווען דער רב וועט אויסרופן אַ חרם אין שטאָט אויף די, וואָס ווייסן ווער די מערדער זיינען געווען און ווילן די נעמען נישט אַרויסגעבן.

אַזוי אַרום איז דער גלח געווען זיכער, אַז דער רב וועט שוין ווירקן אויף קהל זיי זאָלן אַרויסגעבן די מערדער.

אָבער ווען דער גלח האָט פאַרענדיקט רעדן האָט זיך אויפגעשטעלט דעם רבס זון, דער יונגער נפתלי, און ער האָט זיי געענטפערט:

— דער גלח קען זיכער די ספרים פון דער אַלטער רעליגיע, וויל איך אים אָנווייזן אויף אַ פּסוק, וואָס עס איז פאַראַן אין תנ״ך (עובדיה א׳, י׳): „מחמס אחיך יעקב תכסך בושה״ (פאַר דעם אומ־רעכט פון דיין ברודער יעקב וועט דיך אַ בושה באַדעקן). דער פּשט פון פּסוק, מיין איך, איז אַזוי: עס איז דאָך ידוע, אַז די יידן, די בני יעקב, זיינען נישט קיין רוצחים און זיינען נישט קיין בלוט־פאַר־גיסערס. די יידן זיינען געווען די ערשטע צווישן די פעלקער אין דער וועלט, וואָס האָבן אויף זיך גענומען גאָטס געבאָט: „לא תרצח״. אָבער די בני־עשו הרגענען יאָ, און בפרט זיינען זיי שופך דמים די יידן. עס איז נישט פאַראַן קיין טאָג מען זאָל די יידן נישט טאָן קיין עוולה. אַז יידן דאַרפן זיך נעמען צו דעם כלי־זיין, מוז זיין, אַז זייער מצב איז שוין נישט איבערצוטראָגן און די רעגירונג דאַרף אויספאָרשן דעם מצב פון די יידן, כדי אויסצוגעפינען פאַרוואָס זיי נעמען זיך צו אַזעלכע געוואַגטע שריט. אָט דאָס איז דער פּשט אין פּסוק: „אויב יעקב ווערט שוין אַ חמסן, אַ רוצח — דעמאָלט דאַרף זיך עשו שעמען מיט זיינע אכזריותדיקייטן און פאַלשע הבטחות״.

די ווערטער פון דעם יונגן נפתלי האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף דעם גלח און אויף דעם פּאָליציי־מייסטער, לאָזט אויס די חסי־דישע מעשה („שרי מאה״, זייט 101).

* * *

דער ראָפּשיצער רבי איז געווען אַן אידעם פון אַ גביר פון בראָד. אָבער דאָס פאָר־פאָלק האָט לאַנג נישט געלעבט צוזאַמען. זיין ווייב איז געווען צו פאַרשייט פאַר אים. זי איז געווען אַ טאָכטער פון אַ בראָדער גביר און האָט ליב געהאַט זיך צו פּוצן, וואָס דאָס איז געווען אַ גרויסער חטא אין יענער צייט.

און איינמאָל איז דער ראָפּשיצער רבי אַריינגעקומען צו זיך אין שטוב, האָט ער געטראָפן זיין ווייב שטיין ביים שפּיגל זיך שפּיגלען. פרעגט דער יונגערמאַן:

— צו וואָס דאַרפסטו זיך שיין־מאַכן ביים שפּיגל. דו געפעלסט מיר אַזוי אויך!

— איך וויל נישט בלויז דיר אַליין געפעלן — האָט דאָס יונגע ווייבל געענטפערט — איך וויל אויך אַנדערע געפעלן!

ווי דער ראָפּשיצער רבי האָט דאָס דערהערט, איז ער גלייך אַוועק

פון בראָד און איז געפאָרן צום רבין ר׳ מעכעלע קיין זלאָטשעוו. און ווי נאָר ער איז אַריין צום רבין צו נעמען ביי אים שלום, האָט ער דעם רבין געפרעגט:

— זאָל איך זיך גטן?

דער רבי ר׳ מעכעלע האָט גלייך געענטפערט: — „יאָ".

און דער ראָפּשיצער רבי האָט זיך געגט.

ער איז דערנאָך געזעסן אַ יאָר ביים רבין ר׳ מעכעלע און גע־לערנט חסידות, ביז איינמאָל איז געקומען צום רבין ר׳ מעכעלע דער גביר ר׳ צבי גאָלדהאַמער, פון דיקלע, האָט ער זיך מזכיר געווען פאַרן רבין, אַז ער האָט אַ טאָכטער אַ שידוך צו טאָן, האָט דער רבי ר׳ מעכעלע אים געזאָגט אַז ער זאָל נעמען פאַר אַן איידעם דעם יונגנמאַן ר׳ נפתלי, האָט ער מסכים געווען און עס איז דאָרט געשלאָסן געוואָרן דער שידוך...

דער ראָפּשיצער רבי האָט געגעסן קעסט ביי זיין שווער אין דיקלע. ער האָט עוסק געווען אין תורה ועבודה און ער האָט אויך אַרויס־געהאָלפן זיין שווער אין זיין וויין־געשעפט.

איינמאָל זיינען חסידים פון ראָפּשיץ געקומען צו דעם רבין ר׳ מענדעלע רימענאָווער און אים געבעטן ער זאָל זיי געבן אַ יונגנמאַן, וואָס זאָל זיין ראוי איבערצונעמען דאָס כסא הרבנות אין ראָפּשיץ.

האָט דער רבי ר׳ מענדעלע געענטפערט:

— כ׳לעבן, ווען ר׳ נפתלי דיקלער (אַזוי האָט מען דעמאָלט גע־רופן דעם ראָפּשיצער רבין) זאָל וועלן אַוועקלייגן זיין וויין־געשעפט, וואָלט גלייך געווען איר זאָלט אים אויפנעמען פאַר אַ רב.

זיינען די חסידים גלייך אַוועקגעפאָרן קיין דיקלע און האָבן געבעטן דעם יונגן ר׳ נפתלי ער זאָל ווערן רב ביי זיי אין שטאָט. („אוהל נפתלי", סימן ח׳).

ווען ר׳ נפתלי איז אויפגענומען געוואָרן פאַר אַ רב אין ראָפּשיץ האָט ער געהאַלטן אַ דרשה אין בית־המדרש אַזוי ווי דער סדר איז, און דאָ האָט דער רבי ר׳ נפתלי שוין געוויזן זיינע בעלי־בתים, אַז ער איז אַן אַנדערער מין רב ווי זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט.

אָט איז פאַרשריבן די ערשטע דרשה, וואָס דער ראָפּשיצער רבי האָט געהאַלטן אין שטאָט:

„עס איז איינגעפירט, אַז אַ רב זאָל זאָגן אין זיין דרשה — דעם אמת, ער זאָל זי זאָגן קורץ און ער זאָל רעדן וועגן דער סדרה פון דער וואָך. ווער איך אַלע דריי זאַכן זאָגן גלייך אויפן אָרט. גלויבט מיר.

אַז איך ווייס נישט וועלכע סדרה עס גייט, דאָס איז דער אמת, דאָס איז בקיצור און דאָס איז מענינא״...

דערנאָך האָט דער ראָפּשיצער רבי זיך מתנצל געווען, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט ווערן קיין רב. ווייל ער האָט געזען, אַז אַ רב דאַרף חנפענען די בעלי־בתים. ער האָט געטראַכט צו ווערן אַ בעדער, דערנאָך אַ האָלץ־העקער, אַ שניידער און אַ שוסטער, אָבער ער האָט איינגעזען, אַז אַלע חנפענען, איז פאַרוואָס זאָל אַ רב זיין ערגער פון זיי?

דער ראָפּשיצער רבי האָט די בעלי־בתים אויך דערציילט, אַז ער איז אַ חסיד פון רבין ר׳ מענדעלע פון רימענאָוו און איידער ער איז געפאָרן צום רבין ר׳ מענדעלע האָט ער אויסגעלערנט תנ״ך און גאַנץ ש״ס. ווען ער איז געפאָרן צום „חוזה״ פון לובלין האָט ער געמוזט טרינקען מיט די חסידים מעד אין שענק. רימענאָוו האָט געהאַט איין נוסח אין חסידות און לובלין אַ צווייטן נוסח...

אָט אַזאַ מין דרשה האָט דער רבי ר׳ נפתלי געהאַלטן, ווען ער איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין ראָפּשיץ (אוהל נפתלי).

חסידים האָבן געהאַלטן, אַז דער ראָפּשיצער רבי איז געווען ראוי צו ברענגען משיחן. מען האָט אים אָבער פון הימל מעכב געווען. האָט אַמאָל געזאָגט דער שינאַווער רבי, ר׳ יחזקאלע, דער זון פון סאַנזער רבין, און אין וואָס איז באַשטאַנען דער עכוב? מען האָט אים געגעבן אַ ווייב אַ מרשעת, וואָס איז אים דערגאַנגען די יאָרן... (אוהל נפתלי, סימן כ״ט).

דער ראָפּשיצער רבי האָט אויך געזאָגט צו די בעלי־בתים, אַז ער וועט מאַכן זייער שטאָט באַקאַנט, און ער האָט זיי געטייטשט דעם מאמר חז״ל: „איזה חכם המכיר את מקומו״ — ווער איז אַ חכם — דער, וואָס דערקענט זיין אָרט, וואָס איז נישט געווען באַקאַנט, און צוליב דעם, וואָס דער חכם וואוינט דאָרט, ווערט דאָס אָרט ערשט באַקאַנט אויף דער וועלט. דאָס מיינט „איזה חכם״ — ווער איז אַ חכם? — „המכיר את מקומו״ — דאָס אָרט, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרן פאַר אַ רב, ווערט דורך אים באַקאַנט אין דער וועלט.

דער ראָפּשיצער רבי האָט די בעלי־בתים אויך דערציילט וואָס פאַר אַ גרויסער בעל־יחוס ער איז; אַז ער שטאַמט אָפּ פון של״ה הקדוש. איז דאָרט געווען ר׳ פּיוויש פון זבאַריזש, האָט ער אים געפרעגט:

— צו וואָס דאַרף דער ראָפּשיצער רב יחוס? דאַרף מען צו עבודת־הבורא אַ יחוס־בריון?

האָט דער ראָפּשיצער געענטפערט:

— אמת, צו דינען דעם אייבערשטן דאַרף מען נישט קיין יחוס,

### ניגון הצדיק ר׳ נפתלי צבי מראָפּשיץ
### „ברוך אלהינו״, ריקוד לשבועות

**Moderato**



אַ שבועות־טאַנץ־ניגונדל פון ראָפּשיצער רבין אויף „ברוך אלקינו״, פאַרשריבן פון מ. ש. גשורי.

אָבער איך רעכן אויס מיין יחוס צוליב דעם, ווייל, ווען איר שטייט אויף צו חצות און איר וויינט זיך גוט אויס, דערנאָך האָט איר אייערע שיעורים פאַרן דאַוונען, דערנאָך דאַוונט איר מיט גרויס התלהבות, דערנאָך זעצט איר זיך ווידער לערנען, און ווען איר נעמט דערנאָך אַביסל משקה מיט אַ קיכל צו פאַרבייסן, פילט איר זיך גוט, ווייל איר ווייסט, אַז אייערע עלטערן האָבן זיך נישט אַזוי נוהג געווען, אָבער ווען דער ראָפּשיצער רב שטייט אויף צו חצות און ער לערנט אויך די אַלע שיעורים, דאַוונט, און ווען ער גייט דערנאָך נעמען אַ ביסל משקה, ווערט אים ביטער אין מויל, ווייל ער דערמאָנט זיך ווער זיינע עלטערן זיינען געווען און ער פרעגט זיך: האָבן דיינע עלטערן אויך זיך אַזוי נוהג געווען? האָבן דיינע עלטערן אויך אַזוי געדינט דעם אייבערשטן? אָט צוליב דעם דאַרף איך האָבן יחוס צו עבודת הבורא — האָט דער ראָפּשיצער רבי אויסגעלאָזט. (אוהל נפתלי, סימן מ"א).

## קאַפּיטל ד

# דער ראָפּשיצער רבי זאָגט בדחנות אויף אַ חתונה

דער ראָפּשיצער רבי איז אין דער יוגנט געווען אַ בדחן. — זיין מוטער האָט מען גערופן „די קלוגע באָבע ביילע". — ווען ר' נפתלי איז שוין געווען ראָפּשיצער רבי האָט ער געזאָגט בדחנות אויף אַ חתונה, ווייל די כלה האָט נישט געוואָלט וויינען פאַר דער חופּה.

דער זיידע פון ראָפּשיצער רבין, ר' איציקל האַמבורגער איז געווען אַ חוץ אַ גאון אויך אַ בעל-מקובל. עס ווערט וועגן אים דערציילט מעשיות, מופתים אַזוי ווי מען דערציילט וועגן גרויסע רביים.

אָט וועלן מיר דאָ איבערגעבן אַ מעשה, וואָס געפינט זיך אין ספר „אוהל נפתלי".

בעת ר' איציקל האַמבורגער איז נאָך געווען רב אין בראָד האָט ער איין מאָל געלאָזט דורכן שמש אויסרופן אין שטאָט, אַז ער אסרט דריסת רגל אין דער שטאָט-שול אויף גאַנצע דריי טעג.

און כדי צו זיין זיכער, אַז אַלע בעלי-בתים פון שטאָט וועלן אויספירן זיין אָנזאָג, האָט דער רב געהייסן דעם שמש צו זיך ברענגען די שליסלען פון דער שול.

דער שמש האָט, פאַרשטייט זיך, געטאָן אַזוי ווי דער רב האָט געהייסן, אָבער דער דאָזיקער כרוז האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן רעש אין שטאָט. סטייטש, און נאָכאַמאָל סטייטש: אסרן דריסת רגל אויף דריי טעג צייט? און פאַרוואָס און פאַר ווען? וואָס איז פּלוצלונג געשען און וואָס איז דער רב מיט דעם אויסן?

אַזוי האָבן די בעלי-בתים צווישן זיך געטומלט.

זיינען גלייך אַוועק די שענסטע בעלי־בתים פון שטאָט מיט אַ געוואַלד, מיט אַ געשריי: היתכן, ווי געשיקט זיך דאָס? ווי אַזוי נעמט מען דאָס און מען פאַרשליסט אַ שול אויף גאַנצע דריי טעג אָן שום טעם, אָן וועלכער עס איז סיבה?

הערט אויס דער רב גאַנץ געלאַסן, אָן דער מינדסטער אויפרעגונג, די טענות פון די בעלי־בתים, און ווען זיי האָבן זיך שוין געגנוג אָנגערעדט און אָנגעבייזערט, רופט ער אויס קאַלטבלוטיק:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווער בין איך עס דאָ צווישן אייך? וואָס איז אייגנטלעך מיין התחייבות אין בראָד? זאָגט עס מיר, איך בעט אייך.

— סטייטש, רבי, איר זענט דאָך אונדזער מרא־דאתרא, אונדזער מנהיג! — האָבן אַלע מיט איין קול געענטפערט.

— אויב אַזוי — האָט ר׳ איציקל רואיק אָפּגעענטפערט — דאַרפט איר דאָך מיך פאָלגן, דאַרפט איר דאָך קיין קשיות נישט פרעגן און פאַרשטיין, אַז איך וועל זיך נישט סתם איינשפּאַרן אויף אַ זאַך, וואָס איך זאָל נישט האָבן קיין שום טעם דערין, בפרט ווען איך אסר דריסת הרגל אין דער שול. וואָס קלערט איר, אַז איך וועל צוליב אייער געבייזער זיך צוריקציען פון איסור?

און אַזוי זיצנדיק האָט ער אַריינגערופן דעם שמש און האָט געזאָגט צו די בעלי־בתים:

— איר זעט, איך האָב זיך אַפילו באַוואָרנט, טאָמער וועט זיך מאַכן און איינער פון די בעלי־בתים וועט וועלן עובר־זיין אויפן איסור, וועט ער דאָס נישט קאָנען טאָן. די שליסלען פון דער שול זיינען ביי מיר.

די בעלי־בתים זיינען אַוועק פון רב מיט גרויס פחד. דער שטרענגער און זיכערער טאָן פון רב האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף די בעלי־בתים. באַלד האָט זיך איבער גאַנץ בראָד פאַרשפּרייט די ידיעה וועגן דעם אויסטערלישן איסור און אויף שריט און טריט האָט מען גערעדט וועגן דער געשעעניש. אַ שרעק איז אַלעמען באַפאַלן. מען האָט געוואוסט, אַז דער רב איז אַן איש־אלוקים און ווען ער פאַרשליסט די שול אויף דריי טעג צייט און ער וויל נאָך דערצו קיין טעם נישט געבן, מוז עס זיין נישט אומזיסט, מוז ער האָבן אַ גרויסע כוונה דערביי.

דריי טעג צייט האָט זיך גאַנץ בראָד געפונען אין דעם דאָזיקן שרעקעוודיקן מצב. די פאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט. מען האָט זיך

דערציילט מעשיות פון שדים און נישט־גוטע, פון רוחות, וואָס האָבן באַהערשט די שול, אַזוי, אַז מען האָט אַפילו מורא געהאַט צוצוגיין נאָענט צו דער שול.

ערשט אויפן דריטן טאָג אין אָוונט האָט דער רב גערופן דעם שמש צו זיך און אים איבערגעגעבן די שליסלען און האָט אים באַפוילן די שול צוריק צו עפענען.

דער שמש האָט מורא געהאַט צו עפענען די שול.

— איך שרעק זיך. מען דערציילט אין שטאָט מעשיות וועגן שדים און רוחות...

— וואָס נאַראָנים רעדן דאָרט — האָט דער רב אים איבער־געהאַקט די רייד. — גיי עפן די שול. די סכנה איז שוין אַריבער.

דער שמש האָט אויסגעפירט דעם באַפעל פון רב. עס איז נאָכן שמש נאָכגעגאַנגען אַ גרויסער עולם זען וואָס אין דער שול טוט זיך, און ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין שול האָבן זיי געזען אַ מוראדיק בילד: דער גאַנצער באַלקאָן, די עזרת־נשים, די ווייבער־שול, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף קאָלומנעס איז איינגעפאַלן, די קאָלומנעס זיינען צעבראָכן, די שטענדערס צעהאַקט — אַן אמתער חורבן...

און אַרויסגעשטעלט האָט זיך, אַז במשך פון דריי טעג, וואָס די שול איז געווען געשלאָסן, האָט זיך די גאַלעריע כסדר איינגעבראָכן, און ווען די שול וואָלט געווען אָפן — מי יודע וויפיל קרבנות עס וואָלט געווען געפאַלן פון דעם דאָזיקן אומגליק, אָבער דער רב האָט מיט זיין רוח־הקודש פאָראויסגעזען וואָס עס וועט געשען, און דעריבער האָט ער געאסרט אַריינצוגיין אין דער שול און נישט געלאָזט קיינעם די שוועל פון דער שול איבערטרעטן אין משך פון דריי טעג צייט...

* * *

דער בראָדער רב ר׳ איציקל איז געקומען קיין האַמבורג אין זומער תקכ״ה (1765). אַזוי איז פאַראַן זיינס אַ הסכמה אויף דעם ספר „עטרת ראש״ און דאָרט שטייט אָנגעשריבן: „אני בדרך לק״ק האַמבורג, פה ק״ק לענשוב, י׳ אייר, תקכ״ה. יצחק הלוי איש הורוויץ, אב״ד דבראָד ומצ״פ לק״ק אה״ו״.

ר׳ איציקל הורוויץ איז אויפגענומען געוואָרן אין האַמבורג אַלס רב מיט גרויס כבוד. ער האָט געוואָלט איינשטילן די מחלוקה, וואָס האָט נאָך געהאַט געפלאַקערט קעגן ר׳ יהונתן אייבעשיץ.

ר׳ יעקב עמדין האָט געמיינט, אַז דער גאון ר׳ איציקל הורוויץ

וועט זיין אויף זיין צד. ער האָט געהייסן פאַרטרייבן די אָנהענגער פון רב יהונתן אייבעשיץ פון שול, אבער ר׳ איציקל האָט דאָס נישט געוואָלט טאָן, ווייל אין האַרצן האָט ער אפשר געהאַלטן מיט ר׳ יהונתן אייבעשיץ.

ר׳ איציקל האַמבורגער איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ גאון הדור. מען האָט זיך צו אים געווענדט מיט שאלות פון פאַרשידענע לענדער. זיינע תשובות זיינען פאַראַן אין אַ סך שו״ת־ספרים. עס זיינען פון אים אָפּגעדרוקט געוואָרן די ספרים: שו״ת „מטעמי יצחק״ (געדרוקט אין יאָר תקס״ה) און „מטעמי יצחק״ אויף יורה דעה, געדרוקט אין יאָר תרס״ה. (דער „פתחי תשובה״ אבן עזר, סימן קע״ה, ברענגט, אַז ער האָט געזען אַ ספר אין כתב־יד פון ר׳ איציקל האַמבורגער).

ר׳ איציקל האַמבורגערס יינגסטע טאָכטער האָט געהייסן ביילע. ווען ר׳ איציקל האַמבורגער איז אַמאָל געווען אויפן צוזאַמענפאָר פון ועד־ארבע־הארצות, האָט ער זיך דאָרט באַגעגנט מיט דעם גאון פון לינסק, ר׳ יעקעלע רובין. ר׳ איציקל האָט אויסגעפונען, אַז ר׳ יעקעלע האָט אַ זון אַ גרויסן עלוי, מענדעלע הייסט ער. ער האָט דערציילט דעם לינסקער רב וועגן זיין טאָכטער ביילע, וואָס שמט פאַר אַ גרויסער מלומדת און חכמה, און ביידע גאונים האָבן זיך באַלד משדך געווען.

פון דעם דאָזיקן זיווג, פון ר׳ מענדעלע און ביילע, איז אַרויס־געקומען ר׳ נפתלי צבי, דער ראָפּשיצער רבי.

און חסידים זאָגן, אַז דער ראָפּשיצער רבי האָט פון זיין זיידן ר׳ איציקל געירשנט לומדות און קדושה און פון זיין מוטער חכמה.

צווישן די פאַרשידענע ווערטלעך, וואָס ווערט דערציילט אין די ראָפּשיצער הויפן וועגן דער „קלוגער באָבע ביילע״, איז פאַראַן אַזאַ ווערטל: איינמאָל, ווען איר מאַן ר׳ מענדעלע איז שוין געווען רב אין לינסק, האָט אַ פישער פרייטאָג אַריינגעבראַכט צו דער רביצין אַ גרויסן פיש.

דער לינסקער רב האָט נישט געהייסן קויפן דעם גרויסן פיש, ווייל עס קאָן נאָך אַרויסקומען אַ שטיקל חלול־השם; דער פּראָסטער עולם וועט זאָגן, אַז דער רב לעבט צו ברייט.

די רביצין האָט אָבער יאָ געוואָלט קויפן דעם פיש.

פרייטאָג־צו־נאַכטס, ווען מען האָט דערלאַנגט די פיש צום טיש, האָט ר׳ מענדעלע געבעטן די רביצין מען זאָל אים געבן די לעבער פון דעם פיש.

די קלוגע רביצין האָט גלייך געענטפערט מיט אַ גמרא: „במקום

שיש חלול השם אין חולקין כבוד לרב". (דער פשט איז, אַז דאָרט, וואו עס איז פאַראַן אַ חלול השם, גיט מען ניט אָפּ קיין כבוד אַפילו אַ רב). די רביצין האָט אָבער געטייטשט דאָס וואָרט „כבוד" אַזוי ווי „כבד" — לעבער. דאָס מיינט, אַז ווען „דו האָסט מורא פאַר אַ חלול־השם, קומט דיר נישט קיין לעבער..."

דער פאָטער פון ראָפּשיצער רבין, ר' מענדעלע פון לינסק, האָט געהאַט פיר זין און איין טאָכטער. דער עלטסטער איז געווען ר' נפתלי צבי, דער ראָפּשיצער רבי. דער צווייטער, ר' יהושע העשל, רב אין יאַנאָוו. דער דריטער איז געווען ר' שמואל שמעלקע, רב אין ראָמאַן, מאָלדאַוויע. (ער איז געווען אַן איידעם פון בעל „באר מים־חיים", און „סידורו של שבת"), און דער פערטער איז געווען ר' יעקב (יוקל), רב אין באַלעכאָוו, און זיין טאָכטער רחל, איז געווען דאָס ווייב פון בירעזוער רב, ר' צבי הירש.

ווי עס ווייזט אויס פון „אוהל נפתלי" (סימן רכ"ז), איז ר' יוקל אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין דער נעץ פון די בערלינער משכילים אין באַרדיטשעוו. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז דער פאָטער זיינער, ר' מענדעלע לינסקער, כאָטש ער איז געווען אַ גרויסער מתנגד, האָט געמוזט פאָרן צום רבין ר' מעכעלע פון זלאָטשעוו, אים געבן אַ קוויטל, ער זאָל מתפלל זיין, אַז זיין זון זאָל תשובה טאָן. פון דעמאָלט אָן איז ר' מענדעלע לינסקער געוואָרן אַ פאַרברענטער חסיד פון רבין ר' מעכעלע.

דער לינסקער רב ר' מענדעלע איז געוואָרן אַזאַ הייסער חסיד פון רבין ר' מעכעלע זלאָטשעווער, אַז ער האָט געוואָלט זיין שוואָגער, דעם גאון ר' משולם איגרא פון טיסמעניץ, מאַכן פאַר אַ זלאָטשעווער חסיד...

* * *

ווי חסידות דערציילט, האָט דער ראָפּשיצער רבי געהאַט זיין נשמה אין דער מצווה פון סוכה. דערפאַר, האָבן חסידים געזאָגט, האָט דער ראָפּשיצער רבי יעדן טאָג געטאָן עפּעס אַן אַרבעט אין דער סוכה. ער פלעגט אויך יעדן טאָג רעדן וועגן דער מצוות סוכה. ער האָט אויך יעדן טאָג געלערנט די גמרא סוכה...

ווען דער ראָפּשיצער רבי האָט געדאַרפט ווערן בר־מצווה איז דער פאָטער זיינער, ר' מענדעלע לינסקער, מיט אים געפאָרן צום רבין ר' מעכעלע זלאָטשעווער, ער זאָל אים אָנטאָן די תפילין (אוהל נפתלי סימן ד' — אין סימן רכ"ז ווערט געבראַכט, אַז ר' מענדעלע

לינסקער איז געוואָרן אַ חסיד פון ר׳ מעכעלע זלאָטשעווער. אויף דער עצה פון זיין זון דעם ראָפּשיצער רבין, וועלכער איז שוין געווען אַ חסיד פון רבין ר׳ אלימלך פון ליזשענסק).

דער רבי ר׳ מעכעלע האָט אָנגעטאָן די תפילין של ראש אויף דעם דרייצן יאָריקן יינגל ר׳ נפתלי צבי, און דער ראָפּשיצער רבי האָט דערנאָך געזאָגט, אַז בעת דער רבי ר׳ מעכעלע האָט אים אָנגעטאָן די תפילין האָט ער אים פאַרבונדן מיט דער אייבערשטער וועלט, פון וועלכער ער האָט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט אָפּרייסן. (אויף וויפיל אונדז איז באַקאַנט פון דעם, וואָס מיר האָבן געהערט אין די ראָפּ־שיצער הויפן, איז שווער צו גלויבן, אַז דער ראָפּשיצער רבי זאָל האָבן דאָס געזאָגט. דער ראָפּשיצער רבי איז געווען אַ גרויסער עניו און עס איז נישט געווען די טבע פון ראָפּשיצער רבין צו רעדן וועגן זיך מיט גדלות. מיר האָבן אָבער געבראַכט דעם דאָזיקן חסידישן זאָג, אַזוי ווי ער געפינט זיך אין „אוהל אלימלך״, כדי מען זאָל האָבן אַ באַגריף אויף ווי וויט די חסידים האָבן פאַרהייליקט דעם ראָפּ־שיצער רבין)...

דער ראָפּשיצער רבי איז אין זיינע יונגע יאָרן געווען אַ בדחן. ווי אַזוי אַ זון פון אַ רב, אַ גאון און אַן אייניקל פון אַ גאון, זאָל ווערן אַ בדחן אויף חתונות, קאָנען מיר נישט משיג זיין, אָבער עס קאָן זיין, אַז ער האָט עס געטאָן נישט צו קריגן באַצאָלט, נאָר כדי משמח צו זיין חתן־כלה. אַז דער ראָפּשיצער רבי איז געווען אַ בדחן אויף חתונות שרייבט ער אַליין אין זיין ספר „אילה שלוחה״. דאָרט שטייט: „בימי חורפי כשהייתי בדחן על החתונות״ (אין מיין יוגנט, ווען איך בין געווען אַ בדחן אויף חתונות).

אין די ראָפּשיצער הויפן ווערט וועגן דעם דערציילט אַזאַ מעשה:

דער ראָפּשיצער רבי האָט געהאַט אַ מנהג נישט צו זיין קיין מסדר קדושין ביז חתן כלה וועלן נישט פריער פאַר דער חופה וויינען.

איינמאָל האָט אַ בעל־הבית פון אַ שטעטל לעבן ראָפּשיץ פאַרבעטן דעם ראָפּשיצער רב ער זאָל זיין דער מסדר קידושין אויף זיין טאָכ־טערס חתונה.

דער ראָפּשיצער רבי איז געקומען צו דער חתונה מיט אַן עולם חסידים. פאַרן באַדעקנס האָט דער בדחן באַזונגען די כלה, אָבער די כלה האָט נישט געוואָלט וויינען. חסידים האָבן געוואוסט פון ראָפּשיצער רבינס דרך, האָבן זיי איינגערוימט דעם בדחן ער זאָל זאָגן דער כלה מוסר. דער בדחן האָט זיך צעזונגען אויף אַ קול, האָט דערציילט און גראַמען דער כלה וואָס מען מיינט יום־החופה, אַז עס איז אַזוי ווי

יום־כיפור, אַז היינט וועט מען איר מוחל זיין אַלע זינד, אויב זי וועט תשובה טאָן. ער האָט פאַר איר געמאָלן ווי שווער עס איז אָנצו־הויבן צו פירן אַ ניי לעבן נאָך דער חתונה, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. די כלה האָט זיך געפילט גליקלעך, וואָס זי האָט חתונה מיט איר באַשערטן, און פאַרוואָס זאָל זי וויינען, אַז עס איז איר גוט אויפן האַרצן? און די כלה האָט נישט געלאָזט קיין טרער. עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז דער ראָפּשיצער רבי זאָל אַהיימפאָרן און ער זאָל נישט זיין קיין מסדר קדושין.

דער ראָפּשיצער רבי האָט אָבער נישט געוואָלט פאַרשעמען די כלה, איז ער אַליין אַרויף אויפן טיש און האָט גענומען זאָגן בדחנות.

אַז חסידים האָבן דערהערט, אַז דער רב זאָגט בדחנות איז געוואָרן אַ גרויס געדראַנג אין שטוב. דער ראָפּשיצער רבי האָט אָבער זיך גאָרנישט געמאַכט וואָס זיינע חסידים זיינען זיך צונויפגעקומען און מיינען, אַז ער וועט זאָגן תורה און ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ בדחנישן ניגון באַזינגען די כלה און ער געזאָגט אַזאַ משל:

אַמאָל האָט זיך באַגעגנט אין וואַלד אַ הערש מיט אַ סאַרנע. זיי האָבן זיך זייער ליב באַקומען. זיי האָבן שוין געטראַכט וועגן חתונה האָבן, אָבער פּלוצלינג האָט דער הערש דערזען אַ יעגער, האָט דער הערש געזאָגט צו דער סאַרנע: „לאָמיר זיך צעלויפן אויף צוויי פאַרשידענע וועגן, אַזוי, אַז ווען ער וועט עמיצן פון אונדז טרעפן מיט זיין ביקס וועט כאָטש דער צווייטער בלייבן לעבן".

און בעת זיי האָבן ביידע אָנגעהויבן צו לויפן האָט די סאַרנע געפרעגט ביים הערש:

— הערש, הערש, ווען וועלן מיר זיך נאָכאַמאָל באַגעגענען?

— באַלד, באַלד — האָט דער הערש געענטפערט, — וועלן אונדזערע פעלן זיך טרעפן ביים גאַרבער!...

די כלה האָט זיך אַזוי שטאַרק צעוויינט פון דעם משל, אַז דער ראָפּשיצער רבי האָט אַ געשריי געטאָן:

— גענוג! גענוג געוויינט!

און דער ראָפּשיצער רבי האָט גלייך געהייסן שטעלן די חופּה.

## קאַפּיטל ה

# דער ראָפּשיצער רבי ראַטעוועט דאָרפס־יידן פון אַ גזירה

דער רבי ר' מענדעלע רימענאָווער גיט אַרויס אַ גזירה אַז אַלע דאָרפס־יידן זאָלן פאַרלאָזן די דערפער. — דאָרפס־יידן קומען צום ראָפּשיצער רבין ער זאָל זיי העלפן. — אַ רב איז צוויי מאָל אין יאָר אַרומגעפאָרן איבער די דערפער צו לערנען יידישקייט מיט די ישובניקעס.

נאָך דער פּטירה פון ראָפּשיצער רבינס פאָטער האָבן די בעלי־בתים פון לינסק געוואָלט, אַז דער ראָפּשיצער רבי זאָל ווערן דער ממלא מקומו פון פאָטער ביי זיי אין שטאָט. די ראָפּשיצער יידן האָבן אָבער ניט געוואָלט זיך צעשיידן מיט זייער רב, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער ראָפּשיצער רבי זאָל זיין רב אי אין לינסק און אי אין ראָפּשיץ.

מיר טרעפן טאַקע די חתימה פון ראָפּשיצער רבין אויף זיינס אַן הסכמה אויפן ספר „אוצר הכבוד" פון ר' טודרוס הלוי פון יאָר תקס"ז (י"א אייר), „הק' נפתלי צבי הורוויץ חו' ק"ק לינסקא וקרייז סאניק".

אַ סך מעשיות ווערן דערציילט פון ראָפּשיצער רבין, ווען ער איז געפאָרן צום רבין ר' מענדעלע רימענאָווער.

דער רבי ר' מענדעלע איז שוין דעמאָלט געווען אַ זקן. ער האָט שוין ווייניק פאַרבראַכט מיט זיינע חסידים. ער האָט געפירט דעם טיש מיט אימה און פחד. עס האָט געמוזט זיין ביים טיש אַזוי שטיל, אַז מען האָט געהערט אַ פליג זשומען. קיינער האָט זיך ניט געוואַגט אַ קלאַנג אַרויסצולאָזן. אַנדערש איז אָבער געווען, ווען דער ראָפּשיצער רבי איז געקומען קיין רימענאָוו.

דער רבי ר' מענדעלע פלעגט זיך מיט אים פאַרמאַכן און מיט

אים פאַרבערענגען ביחידות אַ לאַנגע צייט. דערנאָך האָט מען געמאַכט אַ סעודה פאַרן ראָפּשיצער רבין און דער רבי ר' מענדעלע איז געזעסן ביי דער סעודה זייער אויפגעלייגט. האָט דער ראָפּשיצער רבי געזאָגט אַ ווערטל, האָט דער רבי ר' מענדעלע אַליין געשמייכלט אין זיין גרויער באָרד אַריין.

דער ראָפּשיצער רבי האָט מיט אַלע זיינע ווערטלעך אויך אַרויס־געוויזן גרויס תקיפות, וואָס האָט געצוואונגען אַפילו דעם רימענאָווער רבין ער זאָל מבטל מאַכן זיין דעה.

און חסידים דערציילן, אַז אין יענער צייט האָבן זייער פיל יידן געוואוינט אויפן דאָרף צווישן פויערים. ווער עס האָט געהאַלטן אַ קרעטשמע אין אַרענדע, ווער עס האָט געפּאַכטעט שטיקער פעלד פאַר פּאַשן בהמות, און ווער עס איז געווען אַ מילכיקער. עס זיינען אויך געווען הויף־יידן ביי די פּריצים, געמעקלערט, געקויפט און פאַרקויפט, און אַלע ישובניקעס האָבן געהאַט פּרנסה, געלעבט זיך רואיק און ניט געהאַט קיין דאגות.

אָבער מיט איין זאַך זיינען די דאָרפס־יידן געווען הינטערשטעליק לגבי די יידן אין שטעט: זיי זיינען וויט געווען פון אַ יידישן קבוץ, פון אַ היימישער יידישער סביבה, פון אַ שול, פון אַ בית המדרש, פון אַ מקוה, פון אַ רב, פון אַ שוחט, פון אַ חזן, און דער עיקר, פון אַ מלמד. זיי זיינען געווען פאַרגרעבטע, גרויסע עמי־הארצים. אַ טייל ישובניקעס האָבן אַפילו געהאַלטן אייגענע מלמדים צו זייערע קינדער, אָבער קיין סך האָבן די יידישע קינדער אין דאָרף זיך נישט אויסגע־לערנט. דאָס האָרץ האָט מער געצויגן צו דער לאָנקע, צום פעלד, צום סאַד, ווי צום סידורל אָדער חומשל, אַז אַ יינגל האָט געקאָנט גוט עברי און איבערלייענען אַ פּסוק־חומש, האָט ער שוין געהייסן אַן עלוי אין דאָרף.

די יידישע מנהיגים האָבן זיך געזאָרגט וועגן דעם און האָבן געזוכט עצות ווי אַזוי אַריינצוברענגען יידישקייט צו די צענדליקער טויזנטער יידן, וואָס לעבן אין די דערפער.

האָט מען געמאַכט אַ תקנה, אַז די רבנים מוזן לכל־הפּחות צוויי וואָכן אין יאָר באַזוכן די ישובניקעס פון זייער גליל, צוזען דאָס התנהגות פון די ישובניקעס אין שטוב און לערנען זיי ווי אַזוי צו זיין אַ ייד. אָבער עס האָט קיין גרויסע פּעולה נישט געהאַט. ערשטנס האָבן די רבנים אויסגענוצט די צוויי וואָכן פון אַרומפאָרן איבער די דערפער אין ווינטער־צייט, צו נעמען חנוכה־געלט ביי די דאָרפס־יידן, און צווייטנס, וואָס פאַר אַ ווירקונג האָט עס געקאָנט האָבן אויף אַ

דאָרפס־ייד, ווען עס איז אויסגעקומען אַז דער רב איז ביי אים געווען איינגאַנצן איין טאָג אין יאָר?

איז דער רבי ר׳ מענדעלע רימענאָווער אַרויסגעקומען מיט אַ כרוז, אַז אַלע דאָרפס־יידן מוזן פאַרלאָזן די דערפער און זיך איבערציען אין די שטעט. פאַרן רבין ר׳ מענדעלע איז יידישקייט געווען וויכטיקער ווי פּרנסה. „ביש־קשה, ווער עס גיט לעבן, דער וועט געבן שפּייז. יידן אין די שטעט גייען אויך נישט אויס פון הונגער״, האָט דער רבי ר׳ מענדעלע געזאָגט.

דער דאָזיקער כרוז האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די דאָרפס־יידן. וואָס הייסט, פאַרלאָזן די דערפער? פאַרוואָס פאַרלאָזן די ערטער, וואו עס איז פאַראַן אַ שפע פון פּרנסה? און האָט דען דער בעל־שם־טוב אַליין נישט געלערנט, אַז מען קאָן דינען גאָט אומעטום? האָט דער בעש״ט נישט געזאָגט, אַז דאָרפס־יידן זיינען פּונקט אַזעלכע מיוחסים ווי שטאָטישע יידן די וואויל־לערנער? אַזוי פיל יאָרן וואוינט מען אין די דערפער, ווער עס האָט אַן אייגן הויז, ווער אַ שטיקל פעלד, ווי אַזוי קאָן מען דאָס אַלץ איבערלאָזן אויף הפקר?

אָבער אַז דער רימענאָווער רבי הייסט, איז דאָך פאַרפאַלן. האָבן אייניקע ישובניקעס אָנגעהויבן זיך צו רירן פון אָרט, איינער האָט פאַרקויפט אַ הויז, אַ צווייטער — זיינע גיטער און מען האָט זיך אַריבער־געצויגן אין די שטעטלעך אַריין.

אָבער דער גרעסטער רוב האָט דאָס נישט געקאָנט טאָן. זיי זיינען געבליבן אויף זייערע ערטער און זיי האָבן געקרעכצט אויף דער „גזירה״, וואָס דער רבי ר׳ מענדעלע האָט אַרויסגעגעבן. יאָ, פאַר די דאָרפס־יידן איז עס געווען אַ „גזירה״.

האָבן זיך די דאָרפס־יידן צונויפגעזאַמלט, געזוכט אַן עצה ווי אַזוי די גזירה מבטל צו מאַכן. זיי האָבן געקלאַפּט אין די טירן פון פאַר־שידענע רביים און גוטע־יידן, זיי זאָלן פועלן ביים רימענאָווער רבין ער זאָל מבטל־מאַכן די גזירה. אָבער קיינער האָט זיך דאָס נישט געוואָלט אונטערנעמען. אַ קלייניקייט, דער רבי ר׳ מענדעלע רימענאָווער, ווער וועט זיך דערוועגן אים אַנטקעגנצושטעלן?

האָט מען געגעבן אַן עצה די דאָרפס־יידן, זיי זאָלן פאָרן צום ראָפּשיצער רבין און אויב ער וועט זיי נישט קאָנען העלפן איז מער קיין תרופה נישט פאַראַן.

האָבן זיך אַ פּאָר דאָרפס־יידן געלאָזט קיין ראָפּשיץ. דערהערט דער ראָפּשיצער רבי פון דער גזירה, פאַרטראַכט ער זיך אַ ווילע.

דער רבי ר׳ מענדעלע מיינט אַלץ לשם שמים, אָבער ס׳איז פּאַרט אַ גזירה „שאין רוב ציבור יכולין לעמוד בה״ — וואָס נישט אַלע דאָרפס־יידן וועלן קאָנען דעם באַפעל פון רבין ר׳ מענדעלע אויספירן.

און באַלד דערנאָך האָט דער ראָפּשיצער רבי אַ געשריי געגעבן:

„זאָל מען גלייך שפּאַנען אַ שליטן. מיר פאָרן תיכף קיין רימענאָוו״.

געווען איז עס גראָד אַ שווערער ווינטער. אין דרויסן איז געווען אַ זאַווערוכע. דער שניי איז געלעגן טיף ביז די קני.

דער ראָפּשיצער רבי איז אָנגעקומען קיין רימענאָוו פאַרטאָג איינגאַנצן אַ פאַרפרוירענער. דער רבי ר׳ מענדעלע איז שוין געווען אין בית־המדרש און געפּראַוועט זיינע שעורים פאַרן דאַווענען. האָט דער ראָפּשיצער רבי זיך געגעבן אַ וואָרף אַריין אין בעטל פון רבין ר׳ מענדעלע.

און באַלד איז געוואָרן אַ רעש אין בית המדרש, אַז דער ראָפּשיצער איז אָנגעקומען אַ קראַנקער, אַ פאַרפרוירענער און אַז ער ליגט אין רבין ר׳ מענדעלעס בעט.

דער רימענאָווער רבי איז באַלד אַריינגעלאָפן אין זיין שטוב אַ דערשראָקענער, כדי זיך צו דערוויסן וואָס דער ראָפּשיצער מאַכט.

דער ראָפּשיצער רבי האָט דערציילט דעם רבין ר׳ מענדעלע, אַז ער איז קראַנק געוואָרן פון קעלט; וואָרין, פאַרצייטנס, אַז מען פלעגט פאָרן אין ווינטער, איז עס געווען אַ שפּילכל. מען פלעגט זיך אָפּשטעלן אין אַ קרעטשמע, זיך דערוואַרעמען, און זיך דערכאַפּן דאָס האַרץ. אומעטום האָבן די דאָרפס־יידן אויפגענומען מיט גרויס שמחה. בפרט נאָך זיינען די דאָרפס־יידן געווען אַ ישועה פאַר די אָרעמלייט, וואָס זיינען געווען נע־ונד, זיינען געגאַנגען צופוס פון שטאָט צו שטאָט. זיי וואָלטן זיכער געווען אומגעקומען אויפן וועג פאַר קעלט און הונגער, ווען נישט די דאָרפס־יידן, וואָס האָבן יעדן יידישן אָרעמאַן אַריינגענומען אין שטוב אַריין, האָבן אים מאַכיל ומשקה געווען און אים געגעבן אַ וואַרעם מלבוש אָנצוטאָן און דערצו נאָך אַ גרויסע מטבע. היינט אָבער, פון זינט די דאָרפס־יידן האָבן געלייענט דעם כרוז פון רבין, האָבן זיי פאַרלאָזט די דערפער, איז אַ געפאַר ממש זיך אַרויסצולאָזן אין וועג אַריין. די יידישע אָרעמלייט קרעכצן און וויינען, אַז זיי קאָנען מער נישט גיין איבער די שטעט קלויבן נדבות און יידן קאָנען מער נישט מאַכן קיין וויטע נסיעות...

„אָט בין איך געפאָרן, רבי״, — האָט דער ראָפּשיצער רבי גע־זאָגט, — „אין אַ וואַרעמען פעלץ און אַביסל משקה האָט אויך נישט

געפעלט, און דאָך בין איך אָנגעקומען אַ פאַרפרוירענער. אַלע אברים טוען ווי. איצט וואָס זאָלן טאָן די אָרעמעלייט, וואָס האָבן נישט קיין וואַרעמע פעלצן און גוטע שליטנס ?״

דער רבי ר׳ מענדעלע איז אויפגעשפרונגען פון אָרט. ער האָט אָנגעהויבן שפרייזן איבערן שטוב אַרויף און אַראָפּ. ער איז מוראדיק בלאַס געוואָרן און ער האָט אַ צעקאָכטער געמורמלט :

— הייסט עס, אַז איך בין אין אַלעם שולדיק, אַז איך האָב גורם געווען דערצו, אַז אָרעמעלייט זאָלן נישט קאָנען מפרנס זיין זייערע ווייבער און קינדער. עס איז דאָך פקוח נפש, אמתע סכנות נפשות...

און דער רבי ר׳ מענדעלע האָט זיך פלוצלים אָפּגעשטעלט און ער האָט אויסגערופן :

— מיר האָבן עס געמיינט לשם שמים, אָבער מיר זעען, אַז עס איז געווען אַ טעות, זאָלן יידן בלייבן וואוינען אין די דערפער, ניש־קשה, דער רבונו של עולם וועט שוין אויסקומען אויך מיט די דאָרפס־יידן...

דער ראָפּשיצער רבי איז גלייך אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און אויסגערופן :

— רבי, איך בין שוין געזונט !...

* * *

אויף וויפיל דער ראָפּשיצער רבי האָט געהאַלטן פון די דאָרפס־יידן, קאָן מען אויך זען דערפון, וואָס ער האָט געזאָגט, אַז אַ דאָרפס־ייד האָט אַמאָל מיט אַ גרייז אין דאַוונען געראַטעוועט די יידישע פרויען.

עס איז געווען אַ יאָר, ווען אַ סך יידישע פרויען זיינען געשטאָרבן פון אַ מחלה, וואָס האָט זיך געהאַט, רחמנא ליצלן, פאַרשפּרייט אין די שטעט און דערפער. בפרט האָט די קראַנקהייט אַרומגעכאַפּט מעוברתדיקע ווייבער.

איז געקומען אַ דאָרפס־ייד ערב יום כפור צום ראָפּשיצער רבין און ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט דאַוונען די מנחהדיקע שמונה־עשרה. דער דאָרפס־ייד האָט שטאַרק געוויינט ביים דאַוונען און ביי דער ברכת השנים האָט ער כסדר געזאָגט אָנשטאָט „שנים״ (יאָרן) „נשים״ (ווייבער). ער האָט געוויינט און געזאָגט : „ברך עלינו... וברך נשותינו, כנשים הטובות לברכה... ברוך אתה השם מברך הנשים״...

דאָס געוויין פון דעם פשוטן דאָרפס־ייד האָט שטאַרק עושה רושם געווען אין הימל, האָט דער ראָפּשיצער רבי אויסגעלאָזט, און די פרויען

זיינען צוליב דעם גרייז, וואָס דער דאָרפס־ייד האָט געמאַכט, געהאָלפן געוואָרן... (אוהל נפתלי סימן צ״ה).

אַן ענלעכע מעשה ווערט אויך דערציילט וועגן רבין ר׳ שלום פון בעלז.

דער בעלזער רבי האָט אַמאָל יום כפור ביינאַכט געזאָגט צו די חסידים מען זאָל אים ברענגען דעם בראָדער שניידער. מען האָט אים אויסגעזוכט דעם בראָדער שניידער בערל, וואָס איז געקומען צום רבין אויף יום כפור. האָט דער רבי אים געפרעגט ער זאָל אים זאָגן ווי אַזוי ער האָט היינט געטייטשט דעם פסוק „אם עווניגו ענו בנו״?

האָט בערל שניידער געזאָגט: דער פשט איז דאָך גאַנץ פשוט: אם עווניגו — כאָטש מיר האָבן געזינדיקט, ענו בנו — זיינען מיר דיינע קינדער (דער שניידער־ייד האָט פאַרביטן אַן אַלף פאַר אַן עין און ער האָט געלייענט ענו ווי עס וואָלט געשטאַנען „אנו״ און „בנו״ האָט ער געטייטשט קינדער...).

האָט דער בעלזער רבי שטאַרק געלויבט דעם פשט פון בערל שניידער...

מוצאי יום כפור האָט דער בעלזער רבי געזאָגט, אַז ערב יום כפור, פאַרנאַכט, האָט דער שטן געבראַכט אַ סך עבירות און אַלע יידישע תפילות זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן. עס איז געווען אַ פחד, אַז עס וועט אָנגעשריבן ווערן אַ שלעכט קוויטל פאַר די יידן. אָבער בערל שניידער האָט מיט זיין עם־האַרצישן טייטש געעפנט די טויערן פון די תפילות אין הימל און די יידן האָבן באַקומען אַ גוט קוויטל...

דער ראָפּשיצער רבי האָט אָבער נישט אַזוי איידל באַהאַנדלט די שטאָטישע יידן, וועלכע זיינע נישט געווען קיין גרויסע יראי־שמימס.

עס ווערט דערציילט, אַז ווען דער ראָפּשיצער רבי איז געווען ביים רבין ר׳ מענדעלע יום כפור, האָט אַ ייד, בעת ער האָט געזאָגט די על חטאס, אַרויפגעלייגט דעם מחזור אויף דער פּלייצע פון ראָפּשיצער רבין, וועלכער איז געשטאַנען איינגעבויגן ביים דאַווענען. דרייט זיך אויס דער ראָפּשיצער רבי און זאָגט:

— ער זינדיקט און אויף מיר קלאַפּט ער... — (אוהל נפתלי, סימן נ״ו).

# קאַפּיטל ו

# דער ראָפּשיצער רבי איז געווען אַ גרויסער נשמה-קענער

ווער עס האַלט זיך קליין דער איז משיג גאָט, לערנט דער ראָפּשי-צער רבי. — מען דאַרף נישט אַריינלייגן צופיל כוונות אין יעדער זאַך, זאָגט דער ראָפּשיצער רבי. — אַ מעשה מיט אַן אַלטן חסיד, וואָס איז געקומען אַרויסנעמען אַ תשובה ביים ראָפּשיצער רבין.

וועגן ראָפּשיצער רבין ווערן געוויינלעך דערציילט ווערטלעך און הלצהלעך, וואָס דערפון קאָן זיך שאַפן דער איינדרוק, אַז דער ראָפּשיצער רבי איז געווען בלויז אַ ווערטל-זאָגער.

פאַקטיש אָבער איז דער ראָפּשיצער רבי געווען אַ גרויסער נשמה-קענער. פאַראַן אַ פּאָר מעשיות, וואָס ווערן וועגן אים דערציילט, וואָס באַווייזן, אַז ער האָט געהאַט אַ גרויסן פּסיכאָלאָגישן חוש און אַ חסיד האָט אים זעלטן ווען געקאָנט אָפּנאַרן.

אָט וועלן מיר איבערגעבן אַ מעשה, וואָס ווערט דערציילט וועגן ראָפּשיצער רבין, וואָס דאָס וועט אַמבעסטן כאַראַקטעריזירן וואָס מיר מיינען:

ווען דער ראָפּשיצער רבי איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן, האָט ער אויסגעפונען, אַז ביי אים אין שטאָט איז פאַראַן אַ ייד, וואָס שטייט אויף יעדן נאַכט צו חצות, זאָגט תהילים, לערנט פאַרשידענע שעורים פאַרן דאַווענען, דערנאָך דאַוונט ער מיט גרויס כוונה, נאָכן דאַווענען איז ער קוים עפּעס טועם די נשמה צו דערהאַלטן, דאַן זעצט ער זיך ווייטער לערנען ביז פאַרנאַכט. אין אָוונט לערנט ער אַנדערע שעורים. אַזוי פאַרברענגט ער זיינע טעג און נעכט. טיילמאָל פאַסט ער הפסקות, מיט איין וואָרט, אַן אויסגעאַרבעטער ייד, אַן אמתער עובד השם.

דער ראָפּשיצער רבי האָט אָבער דערשמעקט, אַז דער ייד טוט

עס נישט לשם שמים, נאָר אַז ער האַלט זיך פאַר אַ גרויסן בעל גאווה און ער וואָלט געוואָלט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל וויסן דערפון.

אָט אַזאַ מין עבודה, האָט דער ראָפשיצער רבי געהאַלטן, איז גלייך ווי מען דינט אָן עבודה זרה.

האָט דער ראָפשיצער רבי איינמאָל באַמערקט ווי אַ יינגל אין בית המדרש האָט געגעבן אַ שטופּ דעם דאָזיקן ייד. האָט דער ראָפשיצער רבי זיך צעשריגן אויף דעם יינגל:

„ווי דערוועגסטו זיך צו שטופּן אַזאַ ייד, וואָס זיצט טאָג און נאַכט און לערנט, וואָס איז ער דיינס גלייכן? ווייסט דו דען נישט, אַז ער פאַסט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק?"

ווי דער ייד האָט דאָס געהערט, האָט ער אַ געשריי געגעבן:

„און פון שבת צו שבת ווילט איר נישט?"...

די יידן, וואָס זיינען דערלעבן געשטאַנען, האָבן ערשט פאַרשטאַנען די גרויסע חכמה פון דעם ראָפשיצער רבין, אַז ער האָט געוואוסט די גאַנצע צייט, אַז דער ייד איז אַ בעל גאווה, אַז ער פאַסט און ריכט אָפּ חצות בלויז דערפאַר, כדי די וועלט זאָל וויסן פון זיין עבודת הבורא... (אוהל נפתלי סימן ס').

איינמאָל, ווידער, ווערט דערציילט, איז אַריינגעקומען צום ראָפּ־שיצער רבין אַן אַלטער ייד, וועלכע האָט געפּראַוועט סיגופים, געפאַסט משבת לשבת און געטראָגן אַ זאַק אויפן לייב.

ווי נאָר דער ראָפשיצער רבי איז אַריינגעקומען, האָט דער ייד צעשפּיליעט דאָס העמד, כדי דער רבי זאָל באַמערקן, אַז ער גייט אָנגעטאָן אַ זאַק אויפן לייב.

דער ראָפשיצער רבי האָט דאָס באַמערקט און אַ זאָג געטאָן צו זיינע חסידים:

„זעט נאָר, אַזאַ אַלטער ייד און דער יצר הרע האָט אים אַריינ־גענאַרט אין אַ זאַק אַריין"... (אוהל נפתלי).

דער ראָפשיצער רבי האָט געהאַט אַ חסיד אין לינסק, וואָס איז געווען אַ גרויסן למדן און אַן איש מכובד. ביים רבין, ר' זיינוויל האָט ער געהייסן. ער איז געווען פון די ערשטע טיש־זיצערס ביים רבין און דער רבי פלעגט אים תמיד זייער מקרב זיין. די ראָפשיצער חסידים האָבן געוואוסט, אַז דער רבי האַלט שטאַרק פון ר' זיינוויל לינסקער.

אָבער ר' זיינוויל לינסקער האָט אין די יונגע יאָרן געטאָן אַ מיאוסע עבירה, וואָס האָט אים זיין גאַנץ לעבן נישט געלאָזט צו־רו. מילא, ווי לאַנג מען איז נאָך יונג געווען, האָט מען די שווערע רעיונות אָפּגעשטופּט אין אַ זייט, אָבער אַז מען איז עלטער געוואָרן, אַז עס

האָבן זיך שוין אָנגעהויבן באַוויַיזן „בית הקברות גרעזלעך״, דאָס הייסט, אַז די האָר האָבן אָנגעהויבן צו ווערן גרוי און גרויער, ווייס און ווייסער, האָט ר׳ זיינוויל געטראַכט: וואָס טוט מען? די צייט דערנענטערט זיך, באַלד וועט מען אַ רוף טאָן פון אויבן, מען וועט דאַרפן אָפּגעבן אַ דין וחשבון, און דערצו אַזאַ חטא, אַן אשת איש, רחמנא ליצלן, וואָס טוט מען? איז ר׳ זיינוויל געקומען צום רבין מיט דער דעה דעם רבין צו דערציילן, וואָס עס דריקט אים אויפן האַרצן און זאָל דער רבי אַרויסגעבן אַ תשובה.

אָבער יעדעס מאָל, ווען ר׳ זיינוויל איז געקומען צום ראָפּשיצער רבין און דער רבי האָט אים געזעצט דעם ערשטן צום טיש און אים שטאַרק מקרב געווען, האָט ר׳ זיינוויל שוין דערנאָך נישט געקאָנט רעדן מיטן רבין וועגן זיין חטא. דאָס לשון איז אים עפּעס אָפּגענומען געוואָרן. וואָס הייסט ער וועט זאָגן דעם רבין וואָס מיט אים האָט געטראָפן, ווען ער איז נאָך געווען אַ בחור? ווי דערציילט מען דעם רבין אַזאַ זאַך?

איז ר׳ זיינוויל ווידער אַוועקגעפאָרן פון ראָפּשיצער רבין און זיין האַרץ איז געווען נאָך מער באַזאָרגט, וואָס ער האָט געטאָן אַזאַ גרויסע עבירה און ער קאָן עס דעם רבין נישט דערציילן, ער זאָל אים אַרויס־געבן אַ תשובה.

אַזוי זיינען פאַרגאַנגען חדשים און ר׳ זיינוויל איז אינגאַנצן איינגעפאַלן פאַר צער. ביז איינמאָל איז געקומען אַן אַלטער ראָפּשיצער חסיד קיין לינסק. דערזעט ער ר׳ זיינווילן אַרומגיין אַן אומעטיקן, זאָגט ער צו אים:

„נישט שיין, ר׳ זיינוויל. אַ ראָפּשיצער חסיד דאַרף תמיד זיין בשמחה, וואָס הייסט מען גייט אַרום גאַנצע טעג פאַר׳צער׳ט?״

האָט ר׳ זיינוויל געזאָגט עפּעס אַ תירוץ אָבער דער ראָפּשיצער חסיד, ר׳ מעכעלע האָט ער געהייסן, איז אויך נישט געווען קיין נאַר, האָט ער געענטפערט:

„דאָס איז אַ תירוץ פאַר די בענטש־ליכט. מיר וועט מען נישט פאַרעדן די ציין. טאָ דערצייל וואָס דיך דריקט אויפן האַרצן!״

האָט ר׳ זיינוויל זיך געטראַכט, אַז פאַר דעם אַלטן ראָפּשיצער חסיד ר׳ מעכעלען מעג ער זיך פאַרטרויען און ער האָט אים דערציילט די גאַנצע מעשה ווי אַזוי ער איז אין די יונגע יאָרן נכשל געוואָרן אין אַ הויז, וואו ער האָט געגעסן טעג...

האָט אים ר׳ מעכעלע געגעבן אַן עצה:

„פאָר אַריין צום רבין אין אַ וואָכעדיקן טאָג, וועט דיר דער רבי

זיכער פרעגן וואָס די סיבה פון דיין קומען איז, וועסטו אים זאָגן, אַז דאָס מאָל ביסטו געקומען צו פאָרן צום רבין וועגן אַן ענין, וואָס איז נוגע דיינעם אַ פריינט, וועלכער איז, נעבעך, נכשל געוואָרן אין די יונגע יאָרן מיט אַ מיאוסער עבירה. ער שעמט זיך אַליין צו קומען צום רבין דאָס דערציילן, האָט ער דיך געמאַכט פאַר זיין שליח און וואָס פאַר אַ תשובה דער רבי וועט אַרויסגעבן, וועט ער מקיים זיין.

איז די עצה זייער געפעלן געוואָרן ר׳ זיינוולען און ער איז טאַקע באַלד, אויפן צווייטן טאָג, אָוועקגעפאָרן קיין ראָפּשיץ.

אַריינקומענדיק צום ראָפּשיצער רבין אין שטוב אַריין, פרעגט אים דער רבי פאַרחידושט:

„מה היום מיומים? וואָס פלוצלונג אין אַ פּראָסטן מיטוואָך, ביסטו, זיינוויל, געקומען?״

ענטפערט ר׳ זיינוויל:

„דאָס מאָל, רבי, בין איך נישט געקומען צוליב זיך. היינט בין איך געשיקט געוואָרן פון אַ יידן פון לינסק, דער רבינס אַ חסיד, וואָס ער וויל נישט דער רבי זאָל וויסן זיין נאָמען. ער איז אין די יונגע יאָרן נכשל געוואָרן אין אַן עבירה. ער האָט געגעסן טעג ביי אַ יידן אין שטאָט, האָט אים איבערגערעדט אַן אשת איש צו זינדיקן. שעמט ער זיך אַליין צו קומען פרעגן וואָס פאַר אַ תשובה. דער רבי זאָל אים אַרויסגעבן. האָט ער מיך געשיקט איך זאָל דעם רבין דערציילן דעם ענין און דער רבי זאָל אַרויסגעבן אַ תשובה״.

גיט דער ראָפּשיצער רבי אַ קוק אויף ר׳ זיינוולען מיט זיינע קלוגע אויגן און זאָגט:

„אַ ייד אַ שוטה, צו וואָס האָט ער געדאַרפט דיך שיקן? ער האָט דאָך געקאָנט אַליין קומען און זאָגן, אַז עס האָט אים געשיקט זיינער אַ פריינט!...״ (געהערט פון מיין פאָטער, זצ״ל).

אָט דאָס איז געווען די שיטה פון ראָפּשיצער אין חסידות, זיך נישט נאַרן.

דער ראָפּשיצער רבי האָט אַמאָל געזאָגט:

„על פי דין טאָר מען יענעם נישט נאַרן, לפנים משורת הדין איז — מען זאָל זיך אַליין נישט נאַרן...״

און דער עיקר איז אין ראָפּשיץ געווען שפלות און נישט קיין גאווה.

„איר זאָלט נישט טראָגן״, פלעגט דער ראָפּשיצער רבי זאָגן, „קיין בגד, וואָס דער אויבערשלאַק באַשטייט פון גאווה, דער אונטער־שלאַק פון כעס, גענייט מיט פאָדעם פון מרה־שחורה״...

„כנען״, האָט דער ראָפּשיצער רבי געזאָגט, „איז פון לשון הכנעה, כאָטש ארץ ישראל איז העכער פון אַלע לענדער, הייסט דאָס לאַנד כנען, ווייל די טבע פון לאַנד איז, אַז עס איז גורם דעם מענטשן צו זיין אַן עניו״. (זכרון צדיקים, דף מ״ג, ע״ה).

און נאָך האָט דער ראָפּשיצער רבי געזאָגט:

„ווער עס האַלט זיך תמיד אין שפלות, דער איז משיג גאָט״ (דאָרט).

דער ראָפּשיצער רבי האָט אויך געהאַלטן, אַז דער, וואָס וויל מער, דער וועט האָבן ווייניקער. אַז מען האַלט זיך גרויס און אַז עס דאַכט זיך, אַז מען דאַרף האָבן אַלץ — האָט מען גאָרנישט.

דער ראָפּשיצער רבי האָט אויך פיינט געהאָט, אַז מען לייגט אַריין צופיל כוונות אין פשוטע זאַכן.

באַקאַנט איז דער ענטפער, וואָס דער ראָפּשיצער רבי האָט געגעבן אַ חסיד וועגן דעם טעם פון אָפּשניידן די נעגל נאָך דער מקוה.

דער ראָפּשיצער רבי האָט געהאַט אַ חסיד, וועלכער האָט געוואָלט אַריינלייגן אין אַלע מעשים, וואָס דער ראָפּשיצער רבי האָט געטאָן, גרויסע כוונות.

איינמאָל איז דער חסיד אַריין צום ראָפּשיצער רבין אין חדר המיוחד און האָט אים געבעטן ער זאָל אים מגלה זיין די כוונות פון אָפּשניידן די נעגל נאָך דער מקווה.

„איך זע, אַז דער רבי שניידט זיך אָפּ די נעגל יעדן פרייטיק דווקא נאָך דער מקוה, וואָס איז דער טעם דערפון?״

האָט דער ראָפּשיצער געענטפערט דעם חסיד, אַז עס שטעקן דערין גאָר גרויסע כוונות, וואָס מען קאָן זיי נישט אַזוי לייכט אויסזאָגן, נאָר אויב דער חסיד וועט פאַסטן אַ פּאָר תעניתים, וועט ער אים דערנאָך מגלה זיין דעם סוד.

דער חסיד האָט זייער געוואָלט וויסן די כוונות, האָט ער געפאַסט דריי טעג רצופים און דערנאָך איז ער אַריינגעקומען צום רבין בעטן ער זאָל אים שוין מגלה זיין דעם סוד.

„ניין, דו ביסט נאָך נישט ראוי״, האָט דער ראָפּשיצער געענטפערט, „דו מוזט נאָכאַמאָל פאַסטן דריי טעג נאָכאַנאַנד״.

האָט דער חסיד אַזוי געטאָן ווי דער רבי האָט געהייסן.

אין דריי טעג אַרום קומט דער חסיד ווידער אַריין צום ראָפּשיצער. פרעגט דער רבי:

„געפאַסט בשלימות, תשובה געטאָן?״

„יאָ, רבי״, ענטפערט דער חסיד.

„אויב אַזוי, הער־זשע מיך אויס״, האָט דער ראָפּשיצער געצויגן

זיינע ווערטער, „דער סוד פון שניידן די נעגל פרייטיק נאָך דער מקוה באַשטייט אין דעם, וואָס נאָך דער מקוה זיינען די נעגל ווייכער און זיי שניידן זיך בעסער...״

בפרט האָט דער ראָפּשיצער רבי פיינט געהאַט, ווען מען לייגט אַריין פרומע כוונות אין שלעכטע מעשים.

און דער ראָפּשיצער האָט געזאָגט:

„די ערגסטע און גרעסטע בעל עבירהניקעס זיינען יענע, וואָס מישן אַריין אין אַ מחלוקה דעם „נפש״, ווען זיי פירן זייערע מחלוקתן, מכלומרשט צוליב תיקון הנשמה, צוליב פרומקייט און הימל־זאַכן״...



דער קבר פון רבין ר׳ משה לייב סאַסאָווער.
(ער און דער ראָפּשיצער רבי זיינען געווען תלמידים פון רבין ר׳ אלימלך פון ליזשענסק)

## קאַפּיטל ז

# דער ראַפּשיצער רבי האָט ספיקות וועגן זיין דרך אין חסידות

די קינסטלערישע נשמה פון ראַפּשיצער רבין. — דער ראַפּשיצער רבי האָט מיט זיינע הלצהלעך אַריינגעבראַכט שמחה אין די הערצער פון זיינע חסידים און אַליין איז ער געווען פול מיט יסורים. — ער ווערט אויף דער עלטער אַ שותק.

דער ראַפּשיצער רבי האָט געהאַט אַן אמת קינסטלערישע נשמה. ער האָט אַלעמען פריילעך געמאַכט און אַליין איז ער געווען אין עצבות. ער האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף תמיד זיין אין שמחה, אָבער אַז ער איז געבליבן מיט זיך אַליין, זיינען אים אומעטיקע מחשבותן באַפאַלן. דערצו איז ער געווען אַ גרויסער צווייפלער. אַליין איז ער געווען אַ רבי פון אַ סך חסידים, און אין האַרצן האָט ער געספקט צי דער חסידישער דרך איז טאַקע דער אמתער. געווען איז ער אַ חסיד פון „חוזה" פון לובלין, געבליבן געטריי דעם רבין זיינעם, אַפילו נאָכדעם ווי די שאַרפע קעפּ זיינען אַוועק פון לובלין, צום „ייד הקדוש" פון פשיסכע, און טיף אין האַרצן האָט ער געטראַכט, אַז אפשר איז דער פשיסכער דרך דער ריכטיקער...

און חסידים דערציילן, אַז איינמאָל איז צו אים געקומען אויף ראש־השנה אַ גרויסער עולם. האָט דער ראַפּשיצער דערפילט אַז עס האָט זיך אין אים אַריינגעכאַפּט אַ שמץ פון גאווה, האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער וועט מער נישט זיין קיין רבי. ער וועט אַנטלויפן פון ראַפּשיץ, און טאַקע גלייך, אויפן אָרט. האָט דער ראַפּשיצער רבי זיך אַרויסגעכאַפּט פון זיין חדר המיוחד ראש השנה אין דער פרי, מיט דער דעה צו אַנטלויפן פון די חסידים...

אָבער ווען ער איז אָפּגעלאָפן אַ היפּשן מהלך, האָט ער געטראָפן

גיין דעם גויאישן וואַסער־טרעגער טראָגן וואַסער, ער איז זיך גע־גאַנגען בנעימותדיק און זיך אונטערגעזונגען. פרעגט אים דער רבי:

— אַנטעק, וואָס ביסטו אַזוי פריילעך?

ווייזט דער וואַסער־טרעגער אים אָן אויף די „האָליבעס״, וואָס איז געלעגן איבער זיין פּלייצע און צוויי קאַנען וואַסער הענגען אַראָפּ פוןביידע זייטע און ער זאָגט אים:

— אינגאַנצן נייע, היינט זיי צום ערשטן מאָל באַנוצט...

און דער ראָפּשיצער רבי האָט דערפילט, אַז פון וואַסער־טרעגער פילט זיך אַ שרעקלעכער ריח פון גאווה. איז ער באַלד צוריקגעלאָפן אין שטאָט אַריין, זאָגנדיק: „אויב צו זיין אַ וואַסער־טרעגער אַ בעל־גאווה, איז שוין גלייכער צו בלייבן אַ רבי״...

די ספקות האָבן דעם ראָפּשיצער רבין שטאַרק געמאַטערט. בפרט נאָך ווען עס זיינען געקומען די ימים־נוראים און ער האָט געוואוסט, אַז עס קומען צו אים חסידים בעטן, ער זאָל פאַר זיי מתפלל זיין, און ער איז גאָר נישט זיכער מיט זיך אַליין, צי ער האָט שוין באמת תשובה געטאָן...

ווערט דערציילט, אַז איינמאָל ערב יום־כפור פאַרנאַכט זיינען די חסידים שוין אַלע געווען אין בית המדרש און האָבן געוואַרט אויפן רבין ער זאָל אַריינקומען זאָגן „כל נדרי״. אָבער דער ראָפּשיצער רבי איז נישט אַריינגעקומען. עס איז שוין געוואָרן גאָר שפּעט און דער רבי איז נאָך אַלץ נישט דאָ. האָבן די חסידים געבעטן דעם ראָפּשיצער רבינס זון, ר׳ אליעזרל (ער איז דערנאָך געוואָרן רבי אין דזשיקאָוו), ער זאָל אַריינגיין צום פאָטער און אויסגעפינען פאַרוואָס דער רבי קומט נישט אַריין זאָגן „כל נדרי״.

איז ר׳ אליעזרל אַריין צום פאָטער אין חדר המיוחד, האָט ער געטראָפן אים זיצן אויף דער שטול און וויינען אויף אַ קול ווי אַ קליין קינד.

האָט דער רבי ר׳ אליעזרל די ערשטע רגע מורא געהאַט צוצוגיין צום פאָטער, אים פרעגן פאַרוואָס ער גייט נישט אַריין אין בית המדרש, אָבער ער האָט זיך אין אַ ווילע אַרום געשטאַרקט און ער האָט דעם פאָטער געפרעגט:

— טאַטע, עס איז דאָך שוין שפּעט, דער עולם וואַרט אין בית המדרש, פאַרוואָס גייסטו נישט אַריין זאָגן „כל נדרי״?

האָט דער ראָפּשיצער אים מיט אַ ביטער געוויין געענטפערט:

— קינד מיינס, איך שעם זיך פּשוט אַריינצוגיין אין בית המדרש אַריין. אַ גאַנץ יאָר האָט איך צוגעזאָגט דעם רבונו של עולם, אַז כ'וועל תשובה טאָן און מתקן זיין אַלע מעשים רעים, דערנאָך אַז עס איז דורכגעלאָפן דאָס יאָר, האָב איך מיר געטראַכט, איך וועל תשובה טאָן אין די סליחות־טעג, דערנאָך אין ראש השנה, דערנאָך אין עשרת ימי תשובה, און איצט איז שוין ערב יום כפור פאַר כל נדרי, און איך זע, אַז איך האָב נאָך אַלץ נישט תשובה געטאָן, שעם איך זיך אַריינ־צוגיין אין בית המדרש.

און דער ראָפּשיצער רבי האָט ווידער אָנגעהויבן יאָמערלעך צו וויינען.

האָט אים דער זון זיינער, ר' אליעזרל, געטרייסט און אים געזאָגט:

— טאַטע, איך זאָג דיר צו, אַז פון איצט אָן וועסטו שוין תשובה טאָן.

ערשט דעמאָלט האָט דער ראָפּשיצער רבי מסכים געווען אַריינצוגיין אין בית המדרש צו זאָגן „כל נדרי".

אויף וויפיל דער ראָפּשיצער רבי איז געווען אָנגעפילט מיט ספקות, קאָן מען זען פון אָט דעם חסידישן שמועס זיינעם.

עס ווערט דערציילט, אַז דער ראָפּשיצער רבי האָט אַמאָל געזאָגט צו זיינע גאָר נאָענטע מקורבים, אַז איידער זיין נשמה איז אַראָפּ אויף דער וועלט, האָט מען אים אַריינגעפירט אין אַ גרויסן היכל אין הימל און מען האָט אים געוויזן: אויף איין וואַנט איז געווען אַ „לוח", און אויף אים איז געשטאַנען אָנגעשריבן: „זיי וויסן, אַז אויף דער וועלט, וואָס דו וועסט אַראָפּנידערן וועסטו דאַרפן זיין אַן אכזר ווי אַ קראָ, אַזוי ווי די גמרא זאָגט (עירובין, כ"ב), אַז עס שטייט „שחורות כעורב", ביי וועמען קאָן מען געפינען דברי תורה? ביי דעם וואָס איז אַן אכזר אויף זיך און אויף זיינע קינדער ווי אַן „עורב"... און אויף דער צווייטער וואַנט איז געהאָנגען אַ „לוח", און אויף אים איז געשטאַנען געשריבן: „ווער עס איז זיך מרחם אויף אַ מענטש — אויף אים איז מען זיך מרחם אין הימל" (חולין, פ"ד).

אויף דער ערשטער וואַנט איז געשטאַנען אָנגעשריבן אויפן „לוח", אַז דער תלמיד־חכם דאַרף זיין תמיד אָנגעצונדן ווי אַ ברענענדיק פייער (תענית, ד').

און אויף דער צווייטער וואַנט, אויף דעם צווייטן „לוח", איז גע־שטאַנען אָנגעשריבן, אַז דער מענטש דאַרף תמיד זיין אַזאַ עניו ווי הלל, און ער זאָל נישט זיין אַזאַ בייזער ווי שמאי (שבת, ל').

אויף איין „לוח" אויף דער ערשטער וואַנט איז געשטאַנען אָנגעשריבן, אַז מען זאָל אַוועקגעבן דאָס גאַנצע געלט, וואָס מען האָט (כתובות, דף ע"א), און אויפן צווייטן „לוח", וואָס איז געהאַנגען אויף דער צווייטער וואַנט, איז געשטאַנען אָנגעשריבן „המבזבז, אל יבזבז יותר מחומש" — מען זאָל נישט אויסגעבן מער ווי אַ פינפטל פונעם פאַרמעגן (כתובות נ', ע"א).

אויף דער ערשטער וואַנט איז אויפן „לוח" געשטאַנען אָנגעשריבן, אַז אַ מענטש דאַרף זיין אַ מסתפק במועט, אַזוי ווי ר' חנינא בן דוסא, וואָס האָט געהאַט גענוג איין מעסטל באָקסער פון ערב שבת ביז ערב שבת (הסתפק במיעוט כר' חנינא בן דוסא שהיה די לו בקב חרובין מערב שבת לערב שבת — תענית, כ"ד).

און אויף דער צווייטער וואַנט איז אויפן צווייטן „לוח" געווען אָנגעשריבן: „המצער את עצמו מן היין, נקרא חוטא" — דער, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון וויין, ווערט אָנגערופן אַ זינדיקער (תענית, י"א).

און אַזוי האָט דעם ראָפּשיצער רבינס נשמה געלייענט די צוויי „לוחות", וואָס זענען געווען אויף יעדע ווענט, און וואָס איינער האָט סותר געווען דעם אַנדערן.

„און ווען איך בין אַזוי געשטאַנען פאַרטראַכט און האָב נאָכגעקלערט", האָט דער ראָפּשיצער רבי אויסגעלאַזט, „ווי אַזוי מ'קאָן מקיים זיין די מאמרים, וואָס זענען אָנגעשריבן אויף ביידע „לוחות", אַז איין מאמר איז גאָר דער היפּוך פונעם צווייטן, האָב איך געהערט ווי מען גיט אַ געשריי: „מזל טוב! מזל טוב! עס איז געבוירן געוואָרן אַ יינגל!" און פון דעמאָלט אָן בין איך געבליבן ביי די ספקות און וויל אויסגעפינען מיין גאַנץ לעבן וועלכער דרך איז דער ריכטיקער".

(„דור דעה", זייט רל"ח)...

מיר האַלטן אַז די דאָזיקע חסידישע מעשה גיט אונדז דעם שליסל צו דער נשמה פון ראָפּשיצער רבין — פאַרוואָס ער איז געווען זיין גאַנץ לעבן אַ צווייפלער.

און ווען דער ראָפּשיצער רבי איז געקומען אויף דער עלטער, ווערט געבראַכט אין „אהל נפתלי" (סימן פ"ט), האָט ער אינגאַנצן אויפגעהערט צו רעדן.

די חסידים האָבן נישט געוואוסט וואָס מיט דעם רבין איז געשען. איין קליניקייט, דער ראָפּשיצער רבי, וואָס פלעגט מיט זיינע חסידישע תורות און ווערטער אַריינברענגען אַ התחזקות אין די הערצער פון די חסידים , האָט מיטאַמאָל אויפגעהערט אינגאַנצן צו רעדן. אָבער וואָס

קאָן מען טאָן, אַז דער רבי איז געוואָרן אַ שותק?... וואָס מ׳זאָל אים נישט פרעגן, איז — אָדער ער ווייזט אָן מיט דער האַנט וואָס מ׳זאָל טאָן, אָדער ער שרייבט עפּעס אָן אויף אַ פּאַפּיר.

האָבן די חסידים געהאַט גרויס צער דערפון און אויך זיין בני־בית האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. ביז איינמאָל איז צו אים אַריין זיין זון ר׳ אברהם חיים און ער האָט צו אים געזאָגט:

— טאַטע, ווי איך זע, קאָנסטו רעדן, נאָר דו ווילסט נישט. פאַרוואָס ביסטו אונדז אַלע מצער?

האָט דער ראָפּשיצער רבי געעפנט דאָס הייליקע מויל און ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן, און ער האָט געזאָגט:

— זיי וויסן, מיין קינד, אַז פון דעם טאָג אָן, וואָס איך בין גע־קומען צו מיין שכל, האָב איך נישט גערעדט קיין שום וואָרט אָן אַ כוונה. איצט אָבער פיל איך, אַז מיין מוח איז מיר אויף דער עלטער אָפּגעשוואַכט געוואָרן — האָב איך ביי מיר אָפּגעמאַכט: בעסער גאָר־נישט צו רעדן, ווי צו רעדן סתם אין דער וועלט אַריין, אָן שום כוונות...

* * *

דער ראָפּשיצער רבי האָט נישט געוואָלט האָבן קיין סך חסידים. ער האָט מתפלל געווען יעדן טאָג, האָט ער אַמאָל דערציילט, אַז די חסידים זיינע זאָלן האָבן אַלץ, וואָס זיי דאַרפן, כדי זיי זאָלן נישט מוזן אָנקומען צום רבין ער זאָל פאַר זיין בעטן („דור דעה״, זייט רל״ו).

דאָך איז פאַראַן אַ חסידיש ווערטל פון אים, וואָס ווייזט אָן, אַז ער האָט יאָ געהאַלטן, אַז מען דאַרף פון צייט צו צייט פאָרן צו אַ רבין.

אַזוי האָט דער ראָפּשיצער רבי געטייטשט בדרך הלצה: „ו ה ם לא ידעו דרכי״ — ו ה ם — דער, וואָס זיצט אין דער היים (אַ וואָרט־שפּיל), קאָן נישט וויסן מיינע וועגן... („אוהל נפתלי״, סימן ס״ד).

דער ראָפּשיצער רבי האָט נישט געוואָלט, אַז מען זאָל דערציילן פון אים מופתים, ווייל זיין דרך אין חסידות איז געווען, אַז אַלץ דאַרף געטאָן ווערן בסוד, אָן פרסום און אָן רעש.

ווערט דערציילט, אַז איינמאָל, ווען דער ראָפּשיצער רבי האָט אָפּגעריכט התבודדות אין זיין חדר־המיוחד, האָט ער פאַרגעסן צו פאַר־

שליסן די טיר. איז גראָד אַריינגעקומען איינער פון די בעלי־בתים פון שטאָט און ער האָט געטראָפן ליגן דעם רבין אויסגעצויגן אויף דר'ערד און מתפלל זיין. ווען דער ראָפּשיצער רבי האָט דערזען דעם בעל־הבית, האָט ער דערפון גרויס צער געהאַט: ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער ייד וועט אַרויס אין שטאָט און וועט דערציילן וואָס ער האָט געזען — וועט מען רעדן אין שטאָט פון דעם רבינס צדקות. דער ראָפּשיצער רבי האָט אָבער געהאַלטן, אַז אַלץ דאַרף געטאָן ווערן בסתר, פאַרבאָרגענערהייט. איז ער, מיט זיין גרויסער חכמה, געפאַלן אויף אַ המצאה: ער איז צוגעגאַנגען צו דעם יידן און האָט אים געפרעגט וואָס ער פאַרלאַנגט. און אין שמועס האָט ער געזאָגט דעם יידן: „זאָג אַליין, האָסטו געוואוסט, אַז איך בין אַזאַ גרויסער צדיק? ווייסן די בעלי־בתים אין שטאָט וואָס פאַר אַ רב זיי האָבן — אַז ער וואַרפט זיך אויף דער ערד, ווען ער איז מתפלל?"

און ווען דער בעל־הבית איז דערנאָך אַרויסגעגאַנגען פון ראָפּשיצער רבינס שטוב, האָט ער דערציילט אין דער גאַנצער שטאָט, אַז דער ראָפּשיצער רבי טוט אַלץ בלויז כדי זיך צו באַרימען פאַר די חסידים...

אַזוי אַרום האָט דער ראָפּשיצער רבי דערגרייכט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט... („דור דעה", זייט רל"ז).

און האָט מען אַמאָל געפרעגט דעם ראָפּשיצער רבין וועגן זיין התנהגות און גרויסקייט, האָט ער זיך תמיד אַרויסגעדרייט מיט אַ ווערטל.

אַזוי ווערט דערציילט, אַז איינמאָל האָט זיין רבי, דער „חוזה" פון לובלין, געזאָגט פאַר זיינע חסידים שמחת־תורה פאַר די הקפות: „דער ראָפּשיצער רבי האָט היינט ביי די הקפות אַ געהויבענעם גאַסט, דעם של"ה הקדוש..."

ווען דער ראָפּשיצער רבי איז נאָך סוכות געקומען קיין לובלין, האָט מען אים דערציילט וואָס דער „חוזה" האָט וועגן אים געזאָגט. האָט דער ראָפּשיצער רבי געענטפערט:

— יאָ, איך האָב געהאַט דעם של"ה הקדוש ביי די הקפות, אָבער ער איז געווען אויף מיר ברוגז, ער איז געשטאַנען צו מיר אויס־געדרייט מיט זיין רוקן..." (געמיינט דעם ספר של"ה, וואָס איז געשטאַנען אין זיין ספרים־שאַנק.)

און ווען דער ראָפּשיצער רבי איז דערנאָך אַריינגעקומען צום „חוזה", האָט ער צו אים געהאַט אַ טענה: „פאַרוואָס זענט איר מגלה

פאַר דער וועלט מיינע מדרגות? פאַרוואָס מיש איך זיך נישט אַריין אין אייערע ענינים?" („אוהל נפתלי", סימן צ"ז).

* * *

דער ראָפּשיצער רבי האָט פיינט געהאַט די סתם פרומאַקעס. ער האָט געזאָגט בדרך הלצה: „פרום" איז די ראשי תיבות פון: פיל רשעות, ווייניק מצוות. און נאָך האָט ער געזאָגט: „אַ קלוגער איז אַ רשע, אַ פרומער איז אַ נאַר, אַ גוטער איז אַ הולטאַי, נאָר מען דאַרף זיין גוט, פרום און קלוג — דעמאָלט איז מען אַ כלי שלימה" („דור דעה", זייט רל"ח).

און ווען דער ראָפּשיצער רבי איז געקומען אויף דער עלטער און ער האָט געזען, אַז דאָס חסידות פאַרשפּרייט זיך און נעמט אַרום די מאַסן, אַז דאָס חסידות ווערט נישט פאַרטיפט, נאָר פאַרפלאַכט, האָט ער איינגאַנצן זיך געוואָלט אָפּזאָגן פון בעש"טס שיטה פון חסידות. און ווען עס איז צו אים געקומען דער גאון ר' יוסף באַבאַד, דער מחבר פון באַוואוסטן ספר „מנחת חינוך", און געוואָלט ווערן זיין חסיד, האָט ער אים נישט געוואָלט אָננעמען פאַר אַ חסיד, און האָט אים געעצהט, ער זאָל בעסער בלייבן זיצן אין דער היים און זאָל ווייטער עוסק זיין אין לערנען, און נישט אָנהויבן קיין נייעם דרך אין חסידות (דאָרט, ר"מ).

און צו זיין ברודערן־זון האָט דער ראָפּשיצער רבי געשריבן אַזאַ בריוו (געדרוקט אין „אוהל נפתלי", סימן של"ג) אַז ער זאָל זיין אַ מתמיד אין לערנען, אַז ער זאָל אַריינקוקן אין די מוסר ספרים, ער זאָל לערנען דעם תנא דבי אליהו, ער זאָל נישט זיין קיין סך אין מקווה אַריין, בפרט ווינטער־צייט, ער זאָל נישט עובר זיין אויף זמן קריאת־שמע און תפילה, און ער זאָל פון צייט צו צייט זיין ביי אַ תלמיד־חכם און „להיות תמיד בשמחה" (צו זיין תמיד אין שמחה)...

ווייזט אויס, אַז עס איז געווען אַ „ויתרוצצו" אין דער נשמה פון ראָפּשיצער רבין. ער איז געווען אַן אייניקל פון דעם גאון ר' איציקל האַמבורגער. און כאָטש ער איז געווען אַ רבי פון חסידים, האָט ער פאָרט געהאַט ספקות וועגן דעם גאַנצן חסידישן דרך, וואָס איז שוין געווען אין דער תקופה פון ירידה אין זיין צייט...

דער ראָפּשיצער רבי איז נפטר געוואָרן אין לאנצוט, מערב־גאַליציע, י"א אייר תקפ"ז 1827. אויף זיין מצבה שטייט אָנגעשריבן אַז ער האָט אָנגעזאָגט מען זאָל אויף אים נישט זאָגן קיין שבחים.

דער נוסח פון דער מצבה איז:

פ״נ וספון איש אלקים,

נפטר בש״ט י״א אייר, שנת תקפ״ז לפ״ק,

אשר ע״ז דוה לבנו וחשכה עינינו,

אוי נא לנו כי ניטל עטרת ראשינו,

אדמו״ר הרב הקדוש המפורסם שלשלת היוחסין,

יחיד בדורו בחכמת אלקים, וביתר שבחים אין לנו רשות,

כי כן נצטווינו מפי הרב מו״ה נפתלי צבי זלה״ה אבד״ק ראָפשיץ,

בהרב המאה״ג המפורסם בו״ק נ״י ע״ה פ״ה

מו״ה מנחם מענדל אבד״ק לינסקא, תנצ״ה.

זיינע קינדער זיינען געווען: דער רבי ר׳ אליעזר פון דזשיקעוו (נפטר געוואָרן אין יאָר תרי״ד—1854), דער רבי ר׳ יעקב פון מעליץ (נפטר געוואָרן אין יאָר תקצ״ז—1837), דער רבי ר׳ אברהם חיים פון לינסק (נפטר געוואָרן אין יאָר תר״ד—1844) און זיין איידעם דער רבי ר׳ אשרל פון ראָפשיץ (נפטר געוואָרן ערב־פסח תרי״ד—1854).

דער רבי ר׳ אליעזרל האָט אויפגעשטעלט אַ חסידישן הויף אין דזשיקעוו. זיין זון דער רבי ר׳ מאירל איז געווען אַ גרויסער גאון. ער האָט מחבר געווען די ספרים „אמרי נועם״ אויף תורה און שאלות תשובות. זיין צווייטער זון ר׳ משה איז געווען רבי אין ראָזוואַדאָוו. און פון זיי האָט זיך צעצווייגט די גרויסע דזשיקעווער און ראָזוואַ־דאָווער דינאַסטיעס.

ניגון הצדיק ר' נפתלי צבי מרופשיץ
„אהבה רבה", רקוד לנעילת השבועות

Moderato.




אַ טאַנץ־ניגונדל פון ראָפּשיצער רבין אויף „אהבה רבה" צו נעילת־החג אין שבועות, פאַרשריבן פון מ. ש. גשורי.

## קאַפּיטל ח

# תורהלעך, ווערטלעך, הלצהלעך און מעשהלעך פון ראַפּשיצער רבין

### דער ראַפּשיצער און זיין גבאי

דער ראַפּשיצער האָט געהאַט אַ גבאי, וואָס מען האָט אים גערופן ר׳ זיינוויל ראַפּשיצער. דער גבאי אַליין איז געווען אַ גרויסער ווערטל-זאָגער, ער איז געווען דעם רבינס „הויף בדחן״, אַזוי ווי הערשעלע אָסטראָפּאָלער איז געווען דער הויף-בדחן ביים רבין ר׳ ברוכל פון מעזשיבעזש און ר׳ מרדכי ראקאָווער ביים „חוזה״ פון לובלין.

איינמאָל, חנוכה-צייט, איז דער ראַפּשיצער רבי געפאָרן, ווי דער מנהג איז דעמאָלט געווען, אין די שכנותדיקע דערפער פון ראַפּשיץ צונויפנעמען חנוכה-געלט ביי די יידישע קרעטשמערס. האָט זיך דעם גבאי געוואָלט אַ שטיף-טאָן און ער גיט אַ זאָג צום רבין:

— רבי, ווי לאַנג איז דער שיעור, איך זאָל זיין גבאי און איר זאָלט זיין רבי?

— נו, אדרבא, גיב אַן עצה? אָבער ווייסטו גאָר וואָס — מאַכט צו אים דער רבי — לאָמיר זיך בייטן מיט די מלבושים...

דער רבי האָט זייער הנאה געהאַט פון זיין אייגענער עצה, און זיי האָבן זיך געביטן מיט די מלבושים. דער ראַפּשיצער רבי האָט זיך געזעצט אין דער זייט און דער גבאי — אויבנאָן.

די בויד איז אָנגעקומען אין אַ דאָרף אַריין, וואו אַ פרעמדער ייד האָט ערשט דאָס ערשטע יאָר געהאַט געפּאַכטעט די קרעטשמע ביים פּריץ. דער פאַרשטעלטער גבאי איז אַריין אין דער קרעטשמע און מודיע געווען דער קרעטשער, אַז דער ראַפּשיצער רבי איז אָנ-געקומען.

דער קרעטשמער, האָט שוין געהאַט געהערט פון לאַנג פון דעם ראָפּשיצער רבין, נאָר ער האָט אים אַליין נאָך קיינמאָל נישט געזען. האָט דער קרעטשמער פריי געמאַכט אַ שטוב און דער גבאי איז אַראָפּ פון דער בויד מעשה־רבי, נאָכגעמאַכט מיט אַלע פּישטשעווקעס דעם אמתן ראָפּשיצער רבין און אַריין אין אַ באַזונדערן חדר.

דער קרעטשמער האָט געפרעגט דעם פאַרשטעלטן גבאי, וואָס דער רבי וועט עסן. זאָגט צו אים דער „גבאי״:

— מיין רבי עסט גאָר נישט, ער פאַסט משבת לשבת...

דערפאַר אָבער האָט זיך דער ראָפּשיצער אַליין אָוועקגעזעצט ביי אַ גוט־געדעקטן טיש און האָט געשמאַק געגעסן.

דער פאַרשטעלטער רבי האָט געזען, אַז עס פאַרגייט אַ שעה נאָך אַ שעה און מען גיט אים גאָר נישט טועם צו זיין, האָט ער געשיקט רופן זיין „גבאי״, דאָס הייסט דעם ראָפּשיצער רבין.

— פאַרוואָס גיט מען מיר גאָר נישט אַריין צו עסן? — פרעגט דער פאַרשטעלטער רבי — צי האָב איך אייך אויך געלאָזט אַזוי לאַנג הונגערן?

— וואָס זאָל איך טאָן — האָט דער פאַרשטעלטער גבאי געענטפערט — אַז דער נייער קרעטשמער איז אַ קמצן און ער וויל גאָר נישט געבן. ער זאָגט אַז ער האָט צוגעשטעלט אַ טעפּל קאַרטאָפּלעס, און מען דאַרף וואַרטן.

עס זענען אַריבער נאָך אַ פּאָר שעה און דער פאַרשטעלטער רבי זעט אַז דער „גבאי״ ברענגט גאָר נישט אַריין, האָט ער זיך שוין מער נישט געקאָנט איינהאַלטן און געעפנט די טיר, ווי דערשטוינט איז ער אָבער געוואָרן, ווען ער האָט דערזען, אַז דער פאַרשטעלטער גבאי זיצט אין דער אַנדערער שטוב ביי אַ טיש מיט כל טוב און אַ סך חסידים זיצן אַרום אים.

דער פאַרשטעלטער רבי איז צו צום ראָפּשיצער און האָט אַ געשריי געגעבן:

— ראָפּשיצער רבי, נאַט אייך צוריק די ווייסע בעקעשע (די רביים זענען אין יענער צייט געגאַנגען אין ווייסע מלבושים) און זייט איר צוריק רבי! איך האָב שוין מער קיין כוח נישט דערצו...

— אַהאַ, אַזוי שווער איז צו זיין אַ רבי איין טאָג, און איך מוז טראָגן דעם עול מיין גאַנץ לעבן! — האָט דער ראָפּשיצער רבי געענטפערט. (געהערט פון מיין פאָטער זצ״ל).

## אַ ייִנגל האָט מנצח געווען דעם ראָפּשיצער רבין

נאָר איינמאָל — דערציילן די חסידים — איז עמיצער בייגעקומען דעם ראָפּשיצער אין זיין חכמה און דאָס איז געווען אַ קליין ייִנגל פונעם שטעטל זשאָבּעוו לעבן מעליץ.

דאָס שטעטל האָט פאַרמאָגט פונקט צען יידן, אַ מנין, מיט אַן אייגענעם בית־הקברות און אַן אייגענער שול.

אַמאָל איז דער ראָפּשיצער דורכגעפאָרן דאָס שטעטל, האָט ער באַגעגנט אַ ייִנגל, פרעגט ער אים אויף אַן הלצה:

— צו וואָס דאַרפט איר האָבן אי אַ שול און אי אַ בית־קברות? ממה נפשך: גלויבט איר אַז איינער פון אייך וועט אַמאָל שטאַרבן — דאַרפט איר דאָך נישט קיין שול; ווייל איר וועט דאָך נישט האָבן קיין מנין, גלויבט איר ווידער, אַז קיינער פון אייך וועט נישט שטאַרבן, טאָ צו וואָס באַדאַרפט איר אַ בית־הקברות?

— פאַרשטייט איר, פעטער — האָט דאָס ייִנגל אים גלייך געענטפערט — די שול האַלטן מיר פאַר זיך, און דעם בית־הקברות — פאַר פרעמדע...

## פאַרוואָס דער ראָפּשיצער רבי האָט געהאַט חסידים

איינער פון די באַקאַנטע מתנגדישע רבנים האָט אַמאָל געפרעגט דער ראָפּשיצער רבין:

— מיט וואָס, איך בעט אייך, האָט איר דאָס אַזוי אויסגענומען ביים עולם, וואָס צו אייך קומען אַזוי פיל חסידים. קאָן איך דען נישט מער לערנען פון אייך? פאַרוואָס קומען זיי נישט צו מיר?

— כ'וועל אייך זאָגן דעם אמת, — האָט דער ראָפּשיצער אים געענטפערט — אויך מיר אַליין איז עס אַ שטיקל פלא, אָבער ווי מיר דאַכט זיך, קומען זיי צו מיר דערפאַר, ווייל כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געפרעגט פאַרוואָס זיי קומען נישט — און צו אייך קומען זיי נישט, ווייל איר פרעגט...

## ובכן תן פחדך

פאַראַן אַזעלכע מענטשן — פלעגט דער ראָפּשיצער זאָגן — וואָס בעת זיי דאַווענען אין דער ימים־נוראימדיקער שמונה־עשרה „ובכן תן פחדך", האָבן זיי דאַן אין זינען: „ובכן" — געלט, „תן" — געלט, פחדך — ווידער געלט.

לויט אַ צווייטן נוסח: האָבן זיי אין זינען אַז פּחדך איז בגימטריא — „געלט".

## וואו וואוינט גאָט?

— נפתלי — האָט זיך אַ חסיד געווענדט צום ראָפּשיצער, בעת ער איז נאָך געווען אַ קליין ייִנגל — נאַ דיר אַ גילדן און זאָג מיר: וואו וואוינט גאָט?

דערויף האָט אים ר' נפתלי, מניה־וביה געענטפערט:

— נאָט אייך צוויי גילדן און זאָגט מיר: וואו וואוינט ער נישט?...

(די מעשה ווערט אויך געבראַכט אין נאָמען פון „חדושי־הרי"ם", ר' איטשע מאיר, דער גערער רבי אין „מאיר עיני הגולה". אויך אין נאָמען פון קאָצקער רבין און דאָרט ווערט געגעבן אַז דער ענטפער איז געווען: „וואו מען לאָזט אים נאָר אַריין"...)

## פאַרוואָס זאָגט דער רב אַ דרשה שבת־שובה?

— דערפאַר האָט מען איינגעפירט — פלעגט דער ראָפּשיצער זאָגן — דעם מנהג, אַז דער רב זאָל אין שבת־שובה זאָגן אַ דרשה, מחמת, טאָמער איז דער רב אַ צדיק־תמים און ער האָט נישט אויף זיך קיין שום עבירה, אויף וואָס תשובה צו טאָן, זאָגט ער דעריבער אַ דרשה און על־פּי־רוב, זענען אַזוינע דרשות „אַן עבירה יעדעס וואָרט"...

## הגדות

— דעריבער — פלעגט זאָגן דער ראָפּשיצער — דרוקט מען יעדעס יאָר פרישע הגדות, ווייל די, וואָס דער בעל־הגדה האָט פאַראַיאָרן געהאַלטן פאַר רשעים, („אחד חכם ואחד רשע") הייסן שוין היינט צדיקים.

## אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך

איינמאָל האָט דער „חוזה" פון לובלין געזאָגט צו זיין תלמיד, דעם ראָפּשיצער: „ראָפּשיצער רב, נעמט אויף זיך נישט צו זאָגן קיין הלצות אַ יאָר צייט, וועל איך אייך איבערגעבן מיינע מדרגות".

— גוט — האָט דער ראָפּשיצער געענטפערט — איך נעם אויף מיך אַ גאַנץ יאָר נישט צו זאָגן קיין ווערטלעך.

דער ראָפּשיצער האָט זיך טאַקע איינגעהאַלטן — ביז פאַרנאַכט, ביי מנחה, ווען דער „חוזה" האָט זיך אויסגערוקט פון שמונה עשרה, האָט ער געזען, ווי דער עולם האַלט זיך ביי די זייטן פאַר געלעכטער.

דער „חוזה" האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז דער ראָפּשיצער האָט שוין ווידער מסתמא געזאָגט אַ ווערטל, האָט ער אים צוגערופן און געפרעגט: „איר האָט דאָך מיר צוגעזאָגט, אַ יאָר נישט צו זאָגן קיין חכמות ?"

דערויף האָט אים דער ראָפּשיצער אויפן אָרט געענטפערט: „דער רבי איז דאָך אָבער געשטאַנען שמונה עשרה אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך, איז דאָך שוין אַריבער דער זמן"...

## אָנקומען צו אַ מענטשן

אָנקומען נאָך מזונות צו אַ בשר־ודם, איז פּונקט ווי אָנקומען נאָך האָניק צו אַ בין: ביים באַקומען פון אים דאָס ביסל האָניק, איז מען אויסגעשטעלט צו ווערן פון אים געביסן, צו ליידן פון אים יסורים...

## די מנהיגים

— פאַרוואָס — האָט דער ראָפּשיצער געזאָגט — האָט גאָט גע־וויזן משהן פריער די דורות און ערשט נאָכדעם די מנהיגים ? — ווייל די דורות און זייערע פירער ווערן וואָס אַמאָל שוואַכער וואָס אַמאָל קלענער... טאָ, שטעלט אייך פאָר, ווען מען ווייזט משהן פריער די מנהיגים און ער דערזעט פלוצלינג אַז אויך נפתלי ראָפּשיצער איז אין דער חברה, וואָלט ער דאָך זיכער אויפגעשפּרונגען אַ פאַרחידושטער און אויסגעשריגן: „וואָס, אויך נפתלי איז אַ מנהיג ? אויך נפתלי איז אַ רבי ?..."

דעריבער האָט מען אים פריער געוויזן דעם דור און דערנאָך האָט ער זיך שוין מער נישט געחידושט, וואָרן אין אַזאַ דור, קאָן שוין אויך נפתלי זיין אַ רבי... (עשר צחצחות).

## „זיי" אויף אונדזער אָרט

עס איז נישט קיין שווערע זאַך צו זיין אַ וואוילער און לייטישער מענטש, בעת מען זיצט זיך במנוחה אָן דאגות, פאַרזאָרגט מיט אַלעם גוטן. אַ רבותא איז, צו זיין בכוח צו בלייבן אַ לייטישער מענטש, ווען מען איז כסדר אַרומגערינגלט מיט דאגות און צרות אָן אַ שיעור, בעת

מען ווערט פון אַלע זייטן געררודפט... „כל רודפיה השיגוה בין המצרים" (איכה א' ג') דעם כוח און גדלות פון פאָלק ישראל זיינען אונדזערע רודפים און שונאים אימשטאַנד משיג צו זיין ערשט דע־מאָלט, אין יענע רגעס, בעת די יידן געפינען זיך „בין המצרים", ראַנג־לען זיך מיט די אָן אַ שיעור צרות און פּיין...

„זיי" אויף אונדזער אָרט, וואָלטן שוין דאָס לאַנג נישט געווען אויסגעהאַלטן, זיי אויף אונדזער מצב און אין אונדזער מעמד, וואָלטן שוין לאַנג אַפילו דאָס מענטשלעכע פּנים פאַרלוירן און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין חיות־רעות...

## אַ גן־עדן מיט אַ טפּש...

איך האָב נישט אַזוי שטאַרק מורא פאַרן גיהנום ווי איך האָב מורא, מ'זאָל מיך נישט אַריינזעצן אין גן־עדן מיט אַ טפּש...

## „חסיד שוטה"

„ווען איך וועל זיין אויף יענער וועלט — האָט דער ראָפּשיצער רבי געזאָגט — און זען ווי מען פירט אַ נאַר און נאָך אים גייען נאָך דרייצן שעמברייינער*) בריטשקעס מיט עולם־הבא — וועל איך אַלץ נאָכלויפן און שרייען: „נאַר בלייבט נאַר"!

## יחוס

יחוס איז זייער אַ שיינע און נוצלעכע זאַך — האָט אַמאָל דער ראָפּשיצער רבי געזאָגט — און על־פּי־שכל, דאַרף עס ברענגען דעם מענטשן צו שפלות און עניוות, באַטראַכטנדיק זיך: וואָס בין איך, מ'שטיינס געזאָגט און וואָס פאַר אַ פּנים האָב איך אין פאַרגלייך מיט מיינע עלטערן. צום סוף, צוליב קורחן מיט זיין עדה, (ביי קורחן שטייט: „קראי מועד אנשי שם"... קורח, ט"ז, ב'), וועלכע האָבן צום ערשטן דעם דאָזיקן שלעכטן ביישפּיל באַוויזן, זעען מיר נעבעך פאַרקערט: וואָס מער יחוס, אַלץ מער בעל־גאוה, און אַלץ מער בעל־מחלוקת!...

(פון אונדזער אַלטן אוצר, פון ב. יאושזאָן).

---

*) אפשר „שענברונער", לויט דעם עסטרייכישן קייזערס וואוין־אָרט: שענברון, ביי ווין.

## יחוס

איינמאָל, ביים טיש, האָט דער ראָפּשיצער רבי או׳סגערעכנט זיין יחוס און געזאָגט:

— אַזאַ מיוחס ווי איך בין, איז אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ!

— רבי — רופט זיך אָן אַ חסיד, אַ ייד אַן עושר פון זיבנבירגן *) — איך בין אַ גרעסערער מיוחס פון אייך.

— ווי אַזוי — חדושט זיך דער רבי — אדרבה, לאָמיר הערן!

— אָט, איך — רופט זיך אָן דער ייד — בין דער איינציקער ייד אין מיין גאַנצער משפחה, וואָס לייג נאָך תפילין און היט אָפּ שבת!

— דער ייד האָט רעכט — האָט דער ראָפּשיצער געשמייכלט — ער איז באמת מער יחסן פון מיר...

## שניידן מיט דין

דער ראָפּשיצער רבי האָט זיך ליב געהאַט צו שפּילן מיט ווער־טער **).

איינמאָל זיינען ביי אים געווען פיל אורחים און ברויט איז געווען ווייניק אויפן טיש. האָט דער ראָפּשיצער געזאָגט צו זיין גבאי, ווען ער האָט געשניטן די מוצאס:

„שנייד דין און עסט מיט רחמים". דאָס הייסט, שנייד דינע מוצאס און עסט ווייניק... (אוהל נפתלי).

און איינמאָל האָט דער ראָפּשיצער רבי געזאָגט: „אין לובלין איז פיש און פלייש ׳עין לא ראתה׳, ׳מים אחרונים לרוב׳". (פיש און פלייש זעט מען נישט פאַרן אויג און וואַסער צום בענטשן איז פאַראַן אַ סך).

## דער יצר הרע

ווען ר׳ נפתלי ראָפּשיצער איז נאָך געווען אַ ייִנגל האָט ער שטאַרק זיך אַרומגעיאָגט מיט זיינע חברים, האָט אים זיין פאָטער געזאָגט מוסר: „עס איז שוין געקומען די צייט דו זאָלסט אָוועקוואַרפן די נאַרישקייטן און זיך נעמען צום לערנען".

„וואָס זאָל איך טאָן — האָט דער קליינער נפתלי זיך פאַרענט־פערט אַז כ׳האָב אַ יצר־הרע, וואָס רעדט מיך ר״ל אָן צו טאָן שלעכטס?"

---

*) זיבנבירגן, איז געווען אַ טייל פון אונגאַרן. ווייזט אויס אַז די יידן דאָרטן, זיינען בימי הראָפּשיצער געווען פאַרגרעבט.

**) זע: ש. ניגער: „דער ראָפּשיצער רבי", „טאָג", 22טן און 30טן מאַי, 1927.

„אדרבה, גיט אים דער פּאָטער צו פאַרשטיין, לערן זיך טאַקע אָפּ פון יצר הרע אַליין, פאַרוואָס רעדט ער דיך אָן צו טאָן עבירות? וואָס פאַר אַ הנאה האָט ער דערפון? נאָר ער טוט דעם אייבערשטנס רצון, טאָ טו אויך דעם אייבערשטנס ווילן, וואָס האָט דיך באַשאַפן צו לערנען תורה און טאָן מצוות".

„אָבער — ענטפערט דער קליינער נפתלי — מיין יצר הרע האָט דאָך נישט קיין יצר־הרע!"

## אַ רחמנות אויפן גנב

דער „חוזה" פון לובלין האָט געהאַט אַ מנהג, מכבד צו זיין זיינע תלמידים, זיי זאָלן זיצן אויף זיין שטול, נעמען קוויטלעך מיט פּדיונות און געבן ברכות.

איינמאָל האָט דער חוזה מכבד געווען דעם ראָפּשיצער רבין ער זאָל זיצן אויף זיין שטול.

צומאָרגנס קומט ר' נפתלי אַריינצוגיין צום „חוזה" און ער באַ־קלאָגט זיך, אַז מען האָט ביי אים צוגעגנבעט דעם כאַלאַט מיט די קוויטלעך. „אויפן כאַלאַט בין איך מיך נישט מצער, שמייכלט דער ראָפּשיצער, ס'איז סיי ווי געווען אַ צעריסענער, ס'איז מיר בלויז אַ רחמנות אויפן גנב, ער וועט נעבעך אומזיסט זוכן צווישן די קוויטלעך די פּדיונות און איך האַלט תמיד פּדיונות־געלט אין די הויזן־קעשענעס".

## מען טאָר נישט משיג גבול זיין

דער ראָפּשיצער רבי האָט אַמאָל ליב געהאַט אַ שטיף־צו־טאָן מיט זיינע תמימותדיקע חסידים.

איינמאָל איז געקומען צו דעם רבין ר' נפתלי אַ סוחר פון בהמות, און ער האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל בעטן אויף אים, אַז ער זאָל פאַרדינען אין זיין מסחר. האָט דער רבי ר' נפתלי אים געוויזן עטלעכע מזמורים אין תהלים, אַז ער זאָל זיי זאָגן אַלע טאָג. האָט דער סוחר אַזוי געטאָן, און ער האָט שטאַרק מצליח געווען. אין אַ צייט אַרום האָט זיך דער סוחר געטראָפן מיט זיין חבר, וואָס ער איז אויך געווען אַ סוחר פון בהמות, און ער האָט אים דערציילט, אַז ער שטייט אין פיל היזקות. האָט דער סוחר אים געזאָגט זיין סגולה, וואָס דער רבי ר' נפתלי האָט אים געהייסן זאָגן די עטלעכע קאַפּיטלעך תהלים. און ווי עס זיינען פאַרבייגעגאַנגען עטלעכע חדשים, האָבן זיי זיך נאָכאַמאָל גע־טראָפן. האָט אים דער חבר דערציילט, אַז עס האָט אים נישט גע־

האַלפן די סגולה, און ער האָט געזאָגט, אַז ער גלויבט נישט, אַז דאָס האָט דער רבי ר׳ נפתלי געזאָגט פאַר אַ סגולה. זיינען זיי בײדע נאָכ־אַמאָל געגאַנגען צו דעם רבין ר׳ נפתלי, אַז ער זאָל זיי בענטשן, און זיי האָבן אים דאָס געפרעגט. האָט ער זיי געענטפערט: „השם יתברך, האָט מיר געגעבן די דאָזיקע פרנסה, אַז איך זאָל העלפן יידן, און דו ביזט מיר מסיג גבול... האָט מען אויף דעם הימל דיך נישט געוואָלט הערן, ביז א י ך וועל אַזוי זאָגן״. (אוהל נפתלי).

## ר׳ מאיר בעל הנס איידעם

איינמאָל זיינען געפאָרן דער צדיק פון אַפּט און דער צדיק פון ראָפּשיץ באַנאַנד. האָט דער אַפּטער געזאָגט צו דעם ראָפּשיצער: „ראָפּשיצער רב, איך האָב געהערט אויף אייך, אַז איר זענט דער חכם הדור, דערציילט־זשע מיר עפּעס אַ מעשה״. האָט ער אים געזאָגט: „איך וועל אייך דערציילן, וואָס איך בין אַמאָל געוועזן (פאַר) אַ רבי. אין מיין יוגנד בין איך אַמאָל געפאָרן מיט פיל חסידים קיין לובלין, און אינמיטן וועג איז אונדז אויסגעגאַנגען דאָס געלט, און קיין ברויט האָבן מיר שוין אויך נישט געהאַט, און מיר זיינען געקומען לעבן אַ קרעטשמע. און איך האָב גוט געקענט דעם בעל־הבית פון דער קרעטשמע, אַז ער איז אַ גרויסער קמצן און ער גיט נישט קיין שום אָרימאַן צו עסן. און ער האָט נישט געוואוסט פון קיין שום רבין, נאָר פון ר׳ מאיר בעל הנס. און ער האָט געהאַט איין פושקע, וואָס דאָרטן האָט ער שטענדיק אַריינ־געלייגט געלט פאַר ר׳ מאיר בעל הנס. און ער האָט נישט געגלויבט קיין שום מענטש, נאָר ער האָט געוואַרט ביז ר׳ מאיר בעל הנס וועט אַליין קומען נעמען דאָס געלט. און אַלע חסידים האָבן מיך געבעטן, אַז איך זאָל געבן אַן עצה, וואו מען זאָל נעמען צו עסן. האָב איך זיי געזאָגט: „איך האָב אַ גוטע עצה, נאָר בתנאי, אַז איר זאָלט אייך קאָנען אויפהאַלטן פון געלעכטער, אַז איר זאָלט נישט לאַכן״. האָבן זיי גע־נומען אויף זיך. האָב איך זיי געזאָגט: „גייט פאַראויס אין דער קרעטש־מע אַריין און זאָגט, אַז אַ רבי פאָרט, און ער וועט אייך בודאי פרעגן, ווער דאָס איז, זאָלט איר אים ענטפערן, אַז דאָס איז ר׳ מאיר בעל הנס איידעם״. האָבן זיי אַזוי געטאָן. האָט זיך דער אַרענדאַר זייער געפרייט, און ער איז מיר אַנטקעגנגעגאַנגען מיט געזאַנג און מיט פרייד און ער האָט מיר געמאַכט אַ גרויסע סועדה און האָט מיך מיט מיינע מענטשן אויסגעהאַלטן עטלעכע טעג, און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וואַרט שוין עטלעכע יאָר אויף מיר, איך זאָל נעמען מיין שווערס געלט.

דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען דאָס גאַנצע געלט פון דער פושקע און ער האָט מיר געגעבן, און מיר זיינען אַוועקגעפאָרן פון דאָרט זייער פריילעך. אין לובלין האָב איך דאָס גאַנצע געלט אַוועקגעשיקט קיין ארץ ישראל״.

אַזוי ווי דער ראָפּשיצער האָט אויפגעהערט צו דערציילן, האָט דער אַפּטער געזאָגט: „איך האָב געהערט אויף אייך, אַז איר זענט דער חכם הדור, אָבער אַזוי וויט האָב איך נישט געוואוסט״. (אוהל נפתלי).

## גאוה

איר זאָלט נישט טראָגן — פלעגט דער ראָפּשיצער זאָגן — קיין בגד, וואָס זיין אויבערשלאַג באַשטייט פון גאוה, דער אונטערשלאַג — כעס, געניית מיט פעדים פון — מרה־שחורה.

## דער זאַסלאַווער חזן

דער ראָפּשיצער רבי האָט אַמאָל דערציילט:

„דער זאַסלאַווער חזן איז געווען דעם בעש״ט אַ תלמיד און ער האָט תחלת גאָרנישט געקענט זינגען. איינמאָל האָט אים דער בעל־שם־טוב געזאָגט, אַז ער וועט זיין אַ חזן. פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרן אַ גוטער זינגער און אַ גרויסער חזן.

„איינמאָל איז ער געקומען קיין ליזשענסק און ער האָט געוואָלט מקבל שבת זיין. האָט אים דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזשענסק נישט געלאָזט, אָבער זיין זון האָט אים געבעטן, ער זאָל אים לאָזן מקבל שבת זיין, ווייל ער איז געווען דעם בעל־שם־טובס אַ תלמיד. האָט דער רבי אלימלך אים פאַרזוואָליעט. איז דער חזן צוגעגאַנגען צום עמוד און ער האָט מקבל שבת געווען. אַז ער איז צוגעקומען צו מזמור לדוד, איז צוגעגאַנגען דער רבי ר׳ אלימלך און ער האָט אים אַוועקגעשטופּט פון דעם עמוד. און ער אַליין האָט געענדיקט דאָס דאַווענען. נאָך דעם דאַווענען האָט דער רבי געזאָגט צו דעם עולם: „איר זאָלט אייך נישט פאַרוואונדערן, וואָס איך האָב אים אַזוי פאַרשעמט. דאָס האָב איך געטאָן, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז ער וועט אָנהויבן זאָגן „מזמור לדוד״, וועלן מיר נישט קענען אויסהאַלטן, דעריבער האָב איך אים אַוועקגעוואָרפן פון דעם עמוד״.

„דערנאָך האָט דער רבי מיט אים גערעדט און האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אים עפּעס דערציילן פון בעל שם־טוב. האָט ער אים

דערציילט, אַז דער בעל שם־טוב האָט שטענדיק געלערנט מיט אליהו הנביא. איז דאָס דעם רבין נישט געווען קיין פּלא. האָט ער אים דער־ציילט, אַז ווען דער בעל שם־טוב האָט געזען אַ כלי, האָט ער דערקענט ווער עס איז געווען דער בעל מלאכה פון דער כלי. איז דאָס אויך נישט געווען דעם רבין קיין וואונדער. דערנאָך האָט אים דער חזן דער־ציילט, אַז דער בעל שם־טוב האָט געוואוסט די מחשבות, וואָס דער בעל מלאכה האָט געטראַכט, ווען ער האָט די כלי געמאַכט, איז דאָס אים שוין געווען אַ וואונדער...״ (אוהל נפתלי *).

און איינמאָל ווידער האָט דער ראָפּשיצער רבי דערציילט אַז דער זאַסלאַווער חזן האָט געהאַט אַ משורר. אין דער וואָך, וואָס דער חזן איז נפטר געוואָרן, אום פרייטיק, האָט דער משורר געזאָגט זיין ווייב, אַז זי זאָל אים אָנגרייטן זיינע שבתדיקע מלבושים. ווייל מען האָט מכבד געווען דעם זאַסלאַווער חזן, אַז ער זאָל מקבל שבת זיין אין גן־עדן, האָט דער חזן געזאָגט, אַז ער וועט נישט קאָנען מקבל שבת זיין אָן זיין משורר. האָט מען אויסגערופן, אַז ער, דער משורר, זאָל קומען. דעריבער מוז ער אַהין גיין. און עס איז אַזוי געווען. ער האָט זיך געלייגט אין זיין בעט אַריין און איז נפטר געוואָרן״ (דאָרט).

## פאַרוואָס דער ראָפּשיצער האָט געוויינט

איינמאָל ביי שלוש־סעודות, נאָכדעם ווי דער ראָפּשיצער האָט געזאָגט די תורה, האָט ער זיך צעוויינט, ווייל ער האָט געמיינט אַז אַלע זיינע מדריגות קומען פון אַנדערן צד, ווייל ער האָט זיך געהאַלטן פאַר זייער אַ שפּלדיקן מענטש, און אַז ער איז נישט ראוי ער זאָל קומען צו אַזעלכע גרויסע מדריגות און זאָגן אַזאַ תורה.

אין דער פרי איז ער געפאָרן צום רבין ר׳ מענדעלע קיין פריסטיק

---

*) ש. ניגער אין זיינע צוויי אַרטיקלען וועגן ראָפּשיצער רבין אין „טאָג״ פון 27טן און 30טן מאַי, 1927, ברענגט די דאָזיקע מעשה און ער שרייבט : „דערקענען דעם בעל מלאכה פון אַ כלי אָדער, ווי מיר וואָלטן איצטער געזאָגט, דעם שאַפער פון אַ ווערק — איז נאָך נישט אַזאַ וואונדער : עס קאָנען זיין אַזעלכע דרויסנדיקע סמנים, לויט וועלכע עס איז מעגליך צו דערוויסן זיך, ווער עס האָט די און די זאַך געשאַפן. אָבער „וויסן די מחשבות״, דאָס הייסט, די אינעווייניקסטע כוונה פון דעם שאַפער — דאָס איז שוין באמת אַ וואונדער... אָבער דאָס איז, פאַרשטייט זיך, נאָר אונדזער איצטיקע, ריין פסיכאָלאָגישע, אויסטייטשונג פון דער מעשה. די מחשבה, וואָס דער ראָפּשיצער האָט געהאַט, ווען ער האָט די מעשה דערציילט, איז געווען אַ רעליגיעזע. (נאָך אַ באַווייז, ווי שווער עס איז צו וויסן „די מחשבות, וואָס דער בעל מלאכה האָט געטראַכט, ווען ער האָט די כלי געמאַכט״...).

און האָט אים דערציילט, וואָס עס האָט מיט אים געטראָפן נעכטן ביי שלוש סעודות און האָט פאַר אים אָנגעהויבן צו וויינען.

האָט דער רבי ר' מענדעלע אַריינגעפירט דעם ראָפּשיצער רבין אין אַ חדר־המיוחד און האָט אים געהייסן פאַר אים איבערזאָגן די תורה, וואָס ער האָט געזאָגט ביי שלוש סעודות.

ווען דער ראָפּשיצער רבי האָט פאַרענדיקט איבערזאָגן די תורה, האָט דער רבי ר' מענדעלע צו אים געזאָגט: „וואויל איז צו דיר וואָס דו ביסט געקומען צו אַזאַ גרויסע מדריגה מגלה צו זיין רזין דאורייתא"... (אוהל נפתלי, זייט 36).

## די יידן — דאָס האַרץ פון גאָט

די יידן ווערן אָנגערופן דאָס האַרץ פון גאָט, ווייל זיי זיינען פאַרוואָרצלט אין דער תורה, וואָס דאָס איז דאָס האַרץ פון הקדוש־ברוך־הוא, דער סוף און דער אָנהייב וואָרט פון דער תורה איז „לב" — האַרץ, (די תורה לאָזט זיך אויס מיט „לעיני כל ישראל" און זי הויבט זיך אָן מיט בראשית), דעריבער דאַרפן די יידן האָבן אחדות און זיין ווי מיט איין האַרץ (זרע קודש, פרשת תצוה, זייט ל"ה).

## מען דאַרף וויסן אויף וואָס מתפלל צו זיין

דער ראָפּשיצער רבי האָט אַמאָל געזאָגט: בעת דער באַלאַגערונג פון סעוואַסטאָפּאָל איז דער צאַר געריטן אויף אַ פערד באַקוקן די פעסטונג. דער שונא האָט דאָס באַמערקט, האָט ער אָנגעשטעלט זיין ביקס און געצילט אים צו דערשיסן, האָט דאָס דערזען אַ רוסישער סאָלדאַט, האָט ער געגעבן אַ געשריי און האָט דאָס פערד געגעבן אַ שטופּ אין דער זייט און דער צאַר איז געראַטעוועט געוואָרן.

האָט דער צאַר געזאָגט צום סאָלדאַט: „וואָס איז דיין בקשה, וועל איך דיר געבן".

„אונדזער פעלדפעבל איז אַן אכזר און ער שלאָגט מיך כסדר, וויל איך קריגן אַן אַנדערן פעלדפעבל".

„נאַר איינער — האָט אויסגערופן דער צאַר — דו האָסט דאָך געקאָנט פאַרלאַנגען דו זאָלסט אַליין ווערן אַ פעלדפעבל!"

אַזוי בעטן מיר, האָט דער ראָפּשיצער רבי אויסגעלאָזט, אויף קליינקייטן און מיר ווייסן נישט מתפלל צו זיין אַז עס זאָל קומען די גאולה... (אוהל נפתלי).

## תשליך

איינמאָל האָט ר׳ נפתלי ראָפּשיצער פּאַרשפּעטיקט צו גיין מיט זיין רבין פון לובלין צום טייך צו תשליך.

ווען דער „חוזה" איז צוריקגעגאַנגען מיט זיינע חסידים האָבן זיי געזען ווי דער ראָפּשיצער לויפט צום טייך.

„וואָס לויפסטו אַזוי שטאַרק?" האָט אים אַ חסיד געפרעגט, „דו זעסט דאָך אַז דער רבי גייט שוין אַהיים, איז וואָס איז דיר דער חילוק ווען דו וועסט אַהינקומען?"

„איך אייל זיך", האָט ר׳ נפתלי געענטפערט, צונויפצוקלייבן די עבירות, וואָס דער רבי האָט אַריינגעוואָרפן אין טייך און זיי היטן ווי אַן אוצר אין מיין האַרץ". (רביד הזהב, חלק ב׳).

## דער טאַנץ

שמחת־תורה ביי נעילת החג איז דער ראָפּשיצער רבי געשטאַנען ביים פענצטער און האָט אַראָפּגעקוקט אין הויף און געזען ווי די חסידים טאַנצן. פלוצלינג האָט דער ראָפּשיצער רבי אויפגעהויבן זיין האַנט און אַ וואונק געגעבן די חסידים זיי זאָלן אויפהערן טאַנצן.

די חסידים האָבן גלייך אָפּגעשטעלט זייער רקוד.

דער ראָפּשיצער רבי איז געבליבן שטיין פאַרמוטשט און דערנאָך האָט ער געזאָגט:

„ווען אַ גענעראַל פאַלט אין אַ מלחמה, שטעלט מען אָפּ די שלאַכט? מלחמה איז מלחמה!"

און דער ראָפּשיצער רבי האָט געהייסן זיינע חסידים ווייטער טאַנצן.

און חסידים לאָזן אויס אַז אין דער רגע ווען דער ראָפּשיצער רבי האָט געהייסן די חסידים אויף אַ ווײַלע אָפּשטעלן דאָס טאַנצן איז דער אילינאָוער רבי נפטר געוואָרן.

## מיד פון וועג

צום ראָפּשיצער רבין איז אַמאָל געקומען אַ חסיד, וואָס איז שוין ביי אים נישט געווען צוואַנציק יאָר.

„גיב אים אַ בענקל — זאָגט דער ראָפּשיצער רבי צום גבאי — זאָל ער זיך זיצן, ער איז דאָך זיכער מיד פון וועג, איין קלייניקייט די נסיעה זיינע האָט דאָך געדויערט גאַנצע צוואַנציק יאָר...

## האַלב געפּועלט

דער רבי ר' נפתלי פון ראָפּשיץ איז איינמאָל אום שבת הגדול געקומען אַהיים שטאַרק מיד. האָט אים זיין ווייב געפרעגט: „וואָס ביסטו אַזוי מיד?" האָט ער איר געענטפערט, אַז ער האָט זיך שטאַרק אָנגעאַרבעט ביי דער דרשה. האָט זי אים געפרעגט, אויב ער האָט כאָטש געפּועלט, אַז די גבירים זאָלן געבן פאַר די אָרימעלייטס וועגן צדקה. האָט ער איר געענטפערט, אַז האַלב האָט ער געפּועלט (דאָס הייסט, די אָרימעלייט זיינען גרייט צו נעמען), אָבער די אַנדערע העלפט (אַז די גבירים זאָלן געבן) — ווייסט ער נישט... (אוהל נפתלי).

## פאַרוואָס דרשנט אַ רב צוויי מאָל אין יאָר?

דער ראָפּשיצער רבי האָט אַמאָל פּסח געזאָגט צו זיינע חסידים בדרך הלצה:

„פאַרוואָס דרשנט אַ רב צוויי מאָל אַ יאָר — שבת שובה און שבת הגדול?"

און דער ראָפּשיצער רבי האָט אַליין פאַרענטפערט:

„אום שבת שובה, כדי די שטאָט זאָל וויסן, אַז זיי האָבן אַ „גוי" צוגעגרייט צו טראָגן זייערע זינד, און אום שבת הגדול, כדי צו געבן צו וויסן דער שטאָט, אַז זיי האָבן אַ גרויסן „גוי" וועמען צו פאַרקויפן דעם חמץ..."

## דער וועכטער

די ראָפּשיצער גבירים האָבן געהאַט געדונגען אַ וועכטער, ער זאָל היטן ביינאַכט זייערע הייזער.

איינמאָל באַגעגנט דער ראָפּשיצער רבי דעם וועכטער ביי נאַכט, פרעגט אים דער ראָפּשיצער רבי:

„פאַר וועמענס וועגן גייסטו אַרום אַזוי שפּעט ביינאַכט?"

„פאַר די גבירים — ענטפערט דער שומר — און דו פאַר וועמענס וועגן גייסטו אַרום אַזוי שפּעט ביינאַכט?"

„איך ווייס נישט פאַר וועמענס וועגן", האָט דער ראָפּשיצער רבי געענטפערט.

„ווילסטו ווערן מיין היטער? — פרעגט אים ווייטער דער ראָפּשיצער רבי.

„וואָס זאָל איך היטן?"

„זאָלסט מיך דערמאָנען דיין פראַגע!"... (אוהל נפתלי).

## געפונען דעם רבין

קאליווער חסידים זיינען אמאל געקומען צום ראפשיצער רבין, האבן זיי געזען ווי א ייד באקלאגט זיך פארן ראפשיצער רבין אז ער האט געזינדיקט.

פרעגט אים דער ראפשיצער רבי: „וואס האט גאט דיר אזוי פיל שלעכטס געטאן וואס דו האסט קעגן אים געזינדיקט?"

זיינען די ווערטער אזוי שטארק אריינגעדרונגען אינעם הארצן פון חסיד, אז ער איז געפאלן צו דער ערד און ער האט אנגעהויבן ביטער צו וויינען. זיינען געשטאנען די קאליווער חסידים און האבן געלאכט.

„וואס לאכט איר?" — האט א חסיד זיי געפרעגט:

האבן די קאליווער חסידים געענטפערט:

„מיר האבן בקבלה פון אונדזער רבי אז מיר זאלן נעמען פאר א רבין, דעם וואס וועט קאנען ארויסנעמען די נשמה און זי אויס־רייניקן און זי צוריק אריינגעבן א לויטערע, דעריבער לאכן מיר, וואס מיר האבן דעם רבין געפונען און מיר ווילן זיך אין אים האלטן ביז משיח וועט קומען.

## די מדרגות אין דינען גאט

פאראן מענטשן וואס הייבן אן אמתדיק דינען גאט און זיי דער־גרייכן דורכדעם צו א גרויסע מדריגה. אבער זיי דוכט זיך אויס אז זיי זיינען שוין געקומען צו שלימות און זיי רעדן זיך איין אז זיי זיינען שוין פולשטענדיקע צדיקים, וואס עס איז נישט פאראן קיין גרעסערע פון זיי. אבער אין דער אמתן ווייסן זיי נישט און פארשטייען נישט אז גאט איז דער אין־סוף און אומענדלעך.

און דער באַרדיטשעווער רבי האט אויף דעם געזאגט א משל מיט א מלך, וואס האט געבויט זייער א הויכן טורעם, מיט א סך שטיגן און ביי יעדער שטיג זיינען געווען קאמערן פון מלכס שאץ־קאמער, וואס פארלייכטן די אויגן און נאר דער וואס גייט אויף די שטיקן, וואס זיין כוונה איז צוצוקומען צום מלך, ווען ער גייט ארויף עטלעכע שטיגן און ער דערזעט די קאמערן, וואס פארלייכטן די אויגן מיינט ער אז דארט געפינט זיך דער מלך און גייט אהין אריין, אבער וואלט ער געווען באמת קלוג, וואלט ער דאך געדארפט פארשטיין, אז ווען עס וואלט דארטן געווען דער מלך, צו וואס זיינען פאראן העכערע שטיגן?

און אברהם אבינו איז אזוי אויסגעארבעט אז ער האט זיך נישט געווענט צו די קאמערן נאר ער איז געגאנגען אלץ העכער און העכער,

דעריבער שטייט אין פּסוק: „וירא אליו ד׳ ... והוא יושב בפתח האוהל״, ווייל וואָס העכער ער איז געגאַנגען האָט עס זיך אים אַלץ אויסגעוויזן אַז ער זיצט נאָך בפתח האוהל — פאַר דער טיר פונעם געצעלט (זרע קודש, זייט 13).

## ביז דער לעצטער רגע אָן פּניות

דער ראָפּשיצער רבי האָט אַמאָל געזאָגט: איך האָב געהערט אַז דער בעש״ט בעת זיין פּטירה האָט עפּעס געמורמלט מיט די ליפּן, ווען די תלמידים האָבן זיך איינגעבויגן, האָבן זיי געהערט ווי ער איז מתפּלל אַז ער זאָל ניצול ווערן פון פּניות. דערפון קאָן מען אָפּלערנען ווי וויכטיק דאָס איז, וואָס אַזאַ צדיק ווי דער בעש״ט האָט בשעת דער פּטירה אויך געדאַרפט דערויף מתפלל זיין. (זרע קודש, זייט 15).

# דער רבי ר׳ הערשעלע
# פון זידיטשויוו

# קאַפּיטל א

# דער רבי ר׳ הערשעלע פון זידיטשויוו

ער איז געווען אַ גרויסער מקובל און מחבר פון אַ צאָל ספרים. — זיינע עלטערן און ברידער. — משכילים האָבן אים געמסרט פאַר דער רעגירונג.

דער רבי ר׳ הערשעלע פון זידיטשויוו איז געווען איינער פון די זיילן פון חסידות אין גאַליציע, דער שטאַם־פאָטער פון אַ גרויסער חסידישער דינאַסטיע און מחבר פון וויכטיקע ספרים אין קבלה. (זיין פולער נאָמען איז געווען ר׳ צבי הערש אייכנשטיין).

דער רבי ר׳ הערשעלע איז געבוירן געוואָרן אין סאַמבאָר (מזרח־גאַליציע) אין יאָר תקכ״ג (1763), דריי יאָר נאָך דעם ווי דער באַגרינדער פון חסידות, ר׳ ישראל בעל־שם־טוב איז נפטר געוואָרן.

זיין פאָטער האָט געהייסן ר׳ יצחק אייזיק סאַפּרינער (נפטר געוואָרן אין יאָר תק״ס—1800). ער איז געווען אַ גרויסער מקובל און ער האָט געהאַלטן אַ קרעטשמע אין פאַכט אין דאָרף סאַפּרין (אונגאַרן).

אַ סך וואונדערלעכע מעשיות ווערן דערציילט וועגן דעם מקובל ר׳ יצחק אייזיק סאַפּרינער, אַז ער איז געווען אַ גרויסער בעל־צדקה און מכניס־אורח, אַז עס איז קיינמאָל נישט דורכגעגאַנגען אַן אָרעמאַן דורך זיין קרעטשמע, ער זאָל דאָרטן נישט באַקומען אַ נאַכטלעגער און מאָלצייט. און איינמאָל, ווערט דערציילט, איז דורכגעפאָרן אַ פּריץ דורך זיין קרעטשמע מיט צוויי יידישע מיידלעך, וואָס דער פּריץ האָט גענומען פאַר אַ משכון ביי אַ יידן פאַר אַ חוב, האָט דער אָרענדאַר ר׳ אייזיק אויסגעפּועלט ביים פּריץ ער זאָל בלייבן ביי אים נעכטיקן און אין משך פון אַ מעת־לעת האָט ר׳ אייזיק אויספאַרקויפט אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין שטוב און אין די שפּייכלערס און האָט אָפּגעראַטעוועט די צוויי יידישע קינדער פון גויאישע הענט...

דער מקובל ר׳ אייזיק איז אויף די עלטערע יאָרן געוואָרן אַ

חסיד פון „חוזה" פון לובלין און אָנגעהויבן זיך צו פירן לויטן חסידישן דרך. זיין זון ר' הערשעלע, האָט אויף אים עדות געזאָגט אַז ער האָט געקאָנט גאַנץ ש"ס מיט די ארבעה טורים פון אויסנווייניק.

ר' אייזיק סאָפרינער איז אויך געווען אַזאַ אָפּגעהיטער ייד. ער האָט קיינמאָל נישט גערעדט פון אַ פרעמדן מענטשן, כדי ער זאָל נישט קומען דערצו ער זאָל רעדן אויף יענעם לשון־הרע. ער האָט תמיד געגעסן מיט זיינע משרתים ביי איין טיש, וואָס פאַר די דעמאָלסטדיקע גבירים איז דאָס, אָפּנים, געווען אַ זעלטנהייט.

אויך די מוטער פון רבין ר' הערשעלע, הינדע, איז געווען אַ גרויסע צדיקת און אַ מלומדת (זי איז נפטר געוואָרן אין יאָר תקע"ו — 1816), און וועגן איר ווערן דערציילט מעשיות, וואָס זיי ווערן זעלטן דערציילט וועגן אַנדערע חסידישע פרויען. אַזוי ווערט דערציילט, אַז זי פלעגט יענע נאַכט אויפוועקן אירע קינדער אָפּצוריכטן חצות, און זי פלעגט זיך מיט זיי אַוועקזעצן אויף דער ערד און צוזאַמען מיט זיי וויינען אויף גלות־השכינה.

מען דערציילט אויך פון איר ווערטלעך, וואָס באַווייזן, אַז זי איז געווען אַ וואויל־קענערין. עס איז פון איר פאַרבליבן אַ ווערטל, וואָס ווערט דערציילט פון די חסידים, אַז איינמאָל האָט זיך איר מאַן פאַר איר באַקלאָגט, אַז ער ווייס נישט מיט וואָס ער וועט אַרויפקומען אויף יענער־וועלט, וואָס ער וועט זאָגן אין הימל, ווען מען וועט אים פרעגן, וואָס ער האָט אויפגעטאָן אין זיין לעבן — האָט אים זיין ווייב געטרייסט און געזאָגט: „די קינדער וועלן אונדז דערהויבן!" און זי האָט, בדרך הלצה, געזאָגט: „במסלה נעלה", (מיט דער לייטער וועלן מיר אַרויפגיין), דאָס הייסט, אַז די קינדער אירע, וואָס זייערע נעמען זיינען: בעריש, משה, סענדער, ליפּא, הערשעלע — אַזוי ווי די אותיות פון „במסל"ה", — אַט זיי וועלן שוין אים אַריינברענגען אין גן־עדן אַריין (זיי זיינען אַלע דערנאָך געווען רביים. ר' משה איז געווען רבי אין סאַמבאָר, ר' אלכסנדר־סענדער אין קאָמאַרנע, ר' ישכר־בעריש אין זידיטשויוו, ר' ליפּא אין סאַמבאָר (ער איז יונג נפטר געוואָרן), און ר' הערשעלע אין זידיטשויוו.

און אַלע פינף קינדער זיינען טאַקע געווען רביים, אָבער דער גרעסטער פון זיי איז געווען דער זידיטשויווער רבי ר' הערשעלע. וואָרעם באַלד נאָך דער פּטירה פון רבין פון לובלין, וועמעס תלמיד ער איז געווען, האָבן אים די רביים פון גאַליציע אויסגעקליבן פאַר אַ ממלא מקומו און אים געמאַכט פאַר אַ רבין. און חסידים דערציילן, אַז דער „חוזה" אַליין האָט אים מסמיך געווען פאַר אַ רבין און אים

אַנגעטאָן אַ ווייסע קאַפּאָטע, וואָס דאָס איז געווען אַ סימן, אַז ער איז ראוי צו נעמען קוויטלעך...

דער רבי ר׳ הערשעלע איז געווען איינער פון די גרעסטע רביים אין גאַליציע און זיין פּאָרעכץ איז געווען אַזוי גרויס, אַז עס ווערט דערציילט, אַז ער האָט געהאַט אויף שבועות פיר הונדערט חסידים, וואָס דאָס איז געווען אין דער דעמאָלטיקער צייט אַ גאַר גרויסער עולם. דערצו נאָך האָבן אַלע צדיקים פון זיין דור פון אים שטאַרק געהאַלטן.

דער רבי ר׳ הערשעלע איז אויך געווען אַ גרויסער מקובל און זיין דרך אין חסידות איז געווען אַ גאַנץ אַנדערער ווי דער דרך פון אַנדערע רביים. ער האָט געשאַפן אַן אייגענעם נוסח הנגינה ביים דאַווענען. ער האָט אויך געהאַט אַן אַנדערן דרך אין זאָגן תורה. דאָס, וואָס זיין פֿאָטער איז געווען אַ גרויסער מקובל און דאָס, וואָס ער אַליין האָט אין די יונגע יאָרן געלערנט אַ סך קבלה, האָט געהאַט אויף אים אַ גרויסע השפּעה אויף זיין גאַנץ לעבן. זיינע תורות אין חסידות זיינען אַ סך באַגרינדעט אויף קבלה.

דער רבי ר׳ הערשעלע האָט מחבר געווען די פאָלגענדע ספרים: „עטרת צבי״, אַ פּירוש אויפן זוהר, „בית ישראל״ אויף תורה און אַ הקדמה ודרך לעץ החיים, „פּרי קודש הלולים״, „סור מרע ועשה טוב״, און צוועלף בריוו זיינע, זיינען געדרוקט אין ספר „עשר קדושות״.

דאָס, וואָס אַלע צדיקים פון זיין דור האָבן אַזוי שטאַרק געהאַלטן פון רבין ר׳ הערשעלע, און וואָס ער האָט געוואוינט אין מזרח־גאַליציע, וואו די השכלה האָט זיך פריער אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן, האָט געבראַכט דערצו, אַז די משכילים פון גאַליציע, מיטן משכיל יוסף פּערל בראש (געבוירן אין יאָר 1773, געשטאָרבן 1839), דער גרינדער פון דער ערשטער מאָדערנער שול אין טאַרנאָפּאָל און מחבר פון דעם אַנטי־חסידישן, סאַטירישן בוך „מגלה טמירין״, זאָלן אַלע זייערע פיילן שיקן צו ר׳ הערשעלע זידיטשויווער און זיי האָבן אים אָנגעטאָן ענויים קשים.

דערפאַר וואָס ר׳ הערשעלע האָט זיך באַנוצט אין זיינע תורות מיט אַ סך קבלה, האָבן עס אויסגענוצט די משכילים און זיי האָבן אים געמסרט אַז ר׳ הערשעלע פאַרשפּרייט גאָר אַפּיקורסישע געדאַנקען צווישן די חסידים און אַז ער גייט אין די דרכים פון ברוך שפּינאָזע...

אַזוי איז אָפּגעדרוקט אַן אַנאָנימער בריוו*) אין דער צייטשריפט „כרם חמד״, געשריבן צום רעדאַקטאָר אַליין, וואו דער שרייבער

*) זע: קאַפּיטל ב׳.

באַקלאָגט זיך, אַז דער „מגלה טמירין״, וואָס יוסף פּערל האָט אַרויס־געגעבן, האָט ניט געהאַט דעם געהעריקן דערפאָלג, אַזוי ווי די משכילים האָבן געהאָפט, נאָר פאַרקערט, די חסידים וואַקסן גאָר אין גאַליציע... דער שרייבער פון בריוו איז, הפנים, געווען אַזוי נאַאיוו און האָט געמיינט, אַז ווי נאָר דאָס ספר „מגלה טמירין״ וועט דערזען די ליכטיקע וועלט און ווי נאָר דאָס אַנטי־חסידישער ספר וועט אַריינ־פאַלן אין די הענט פון די חסידים, וועט זיין אַ סוף צו חסידות. זיי, די משכילים, האָבן ניט געקאָנט משיג זיין, אַז דער כח פון חסידות ליגט גאָר ניט אינעם רבין אַליין, אַז דער גרויסער כח פון דער חסידישער באַוועגונג ליגט גאָר אין די עקאָנאָמישע און גייסטיקע אומ־שטענדן, אין וועלכע די יידישע אָרעמע פאָלקס־מאַסן האָבן זיך דע־מאָלט געפונען. עס איז דעריבער געווען זינלאָז דאָס, וואָס די משכילים האָבן זיך כסדר געפּלייסט צו באַווייזן, אַז דער, אָדער יענער רבי איז אַ „פאַרפירער״ און אַן „אָפּנאַרער״, ווארעם דאָס האָט נאָך אַלץ ניט געבראַכט דערצו, אַז די אָרעמע און פאַרפאָלגטע יידן זאָלן אויפהערן זיך צוצושאַרן צו אַ רבין, פאַר אים אויסגיסן זייערע ביטערע הערצער און האָפן, אַז ער וועט זיי העלפן אין זייערע גרויסע נויטן...

אָבער אַזוי ווי די משכילים האָבן דאָס אַלץ נישט געזען, האָבן זיי דערפאַר נישט געקאָנט משיג זיין פאַרוואָס דער „מגלה טמירין״ האָט נישט געהאַט אַזאַ גרויסע ווירקונג אויף די חסידים, און דער שרייבער פון דעם אַנאָנימען בריוו באַקלאָגט זיך פאַרן רעדאַקטאָר פון דעם „כרם חמד״, אַז די „חסידים פּרוכפּערן און מערן זיך ווי די לייז אין מצרים...״ און דערביי וויל ער אויפמערקזאַם מאַכן דעם רעדאַקטאָר, אַז די משכילים פון דייטשלאַנד דאַרפן נישט פאַרגעסן אינעם פּוילישן יידנטום, ווייל „אויב איר וועט פרעגן״, ווערט געזאָגט אין דעם בריוו, „וואָס גייט עס אונדז אָן וואָס עס קומט פאָר אין פּוילן? מוזן מיר אייך זאָגן, אַז דאָס רוב מנין און רוב בנין פונעם יידישן פאָלק זייַנען די יידן אין פּוילן...״ און דאָ גיסט דער אַנאָנימער בריוו־שרייבער פאַר אים אויס זיין ביטער האַרץ, אַז דער פירער פון די חסידים אין גאַליציע, ר׳ הערשעלע זידיטשויווער, פאַרנאַרט כסדר יונגעלייט און פאַרשפּרייט צווישן זייַנע אָנהענגער — די חסידים, אַפּיקורסישע געדאַנקען...

דער שרייבער ציטירט דערביי אַ תורה פון רבין ר׳ הערשעלען און ווייזט אויף, אַז דער רבי ר׳ הערשעלע האָט געזאָגט, אַז די „געזעצן פון דער תורה ענדערן זיך לויט דער צייט...״ אַזוי „ווי ער זאָגט אין זיין ספר „פּרי קודש הלולים״ (דף י״ב), אַז „לויט דער צייט און זמן

ווערט געענדערט די הלכה פון דער תורה, אַזוי ווי עס איז באַקאַנט פון די ספרים פון אר״י, אַז זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, זיינען די גלגלים נישט געשטאַנען אויף איין אָרט, נאָר זיי ענדערן זיך כסדר, און אַזוי ווי עס ענדערן זיך די גלגלים, ענדערן זיך אויך די געזעצן פון דער תורה, און דאָס איז דער טייטש פון דעם מאמר: „כל השונה הלכות בכל יום...״ וואָס דער מיין איז, אַז ווער עס לערנט די הלכות לויט דעם טאָג און לויט דעם זמן, אַז ער פּאַסט צו די הלכה צו דער צייט...״ דער שרייבער פון דעם בריוו לאָזט אויס: „די דאָזיקע תורה איז דאָך אינגאַנצן ענלעך צו דער שיטה פון שפּינאָזע!...״

אַזוי האָבן די משכילים אויסגענוצט די קבלהשע תורות פונעם רבין ר׳ הערשעלע זידיטשויווער און געהאַלטן אַז ער איז אַ פאַר־שפּרייטער פון שפּינאָזישע געדאַנקען צווישן די חסידים...

אָבער עס פאַרשטייט זיך, אַז די חסידים האָבן זיך נישט געלאָזט איינרעדן, אַז דער גרויסער רבי ר׳ הערשעלע פאַרשפּרייט אַפּיקורסישע געדאַנקען. האָבן אָט די פירער פון די משכילים אָנגענומען אַן אַנדערן מיטל, און זיי האָבן אויסגעטראַכט אויפן רבין ר׳ הערשעלע, אַז ער איז אַ משוגענער.

אַזוי שרייבט איינער פון די גרויסע משכילים אין גאַליציע, שלמה יהודה ראַפּאַפּאָרט (שי״ר, געבוירן אין יאָר 1790 אין לעמבערג, גע־שטאָרבן אין יאָר 1867 אין פּראַג), צו זיינעם אַ תלמיד וועגן רבין ר׳ הערשעלען, אַז ער איז נישט קיין פאַרפירער, נאָר אַ „משוגענער״, וואָס מען דאַרף זיך היטן פאַר אים...



שלמה יהודה ראַפּאָפּאָרט (שי״ר)

## קאַפּיטל ב

# יוסף פּערל מסרט די זידיטשויווער חסידים

**חסידישע ספרים, וואָס זיינען דערשינען אין גאַליציע מיט פאַלשע דאַטעס. — מען לייגט אין חרם אַריין דעם משכיל שלמה יהודה ראַפּאָפּאָרט. — יוסף פּערל ברענגט אַ משל קעגן די רביים.**

די פיילן, וואָס די פירער פון די משכילים אין גאַליציע האָבן געוואָרפן קעגן דעם רבין ר' הערשעלע זידיטשויווער, האָבן געהאַט אַ קליינע ווירקונג.

דער פירער פון די משכילים אין גאַליציע שלמה יהודה ראַפּאָפּאָרט, (שי״ר), וועלכער האָט אָנגעשריבן דעם אַנאָנימען בריוו אין „כרם חמד״, וואָס מיר האָבן געבראַכט אין ערשטן קאַפּיטל, האָט איבער־געלעבט אַליין אַ גרויסע „טראַגעדיע״. איינער פון זיינע געטרייסטע תלמידים, אַ יונגערמאַן אַ משכיל, אַ רבס אַ זון, פון רובישאָוו, וועלכער האָט „דערזען דאָס ליכט פון דער השכלה״, איז פּלוצלינג אַראָפּ פון „דרך הישר״ און ער איז געוואָרן אַ בעל־תשובה. ראַפּאָפּאָרט איז געווען אַזוי פאַרביטערט, אַז ער האָט אָנגעשריבן אַ קונטרס „נר מצוה״ קעגן דעם „צד שכנגד״ — קעגן די חסידים (געדרוקט אין זיין ספר „נחלת יהודה״, 1863, זייט 1—25), וואו ער רעדט מיט האַס און גאַל קעגן די חסידים און ער טיילט איין די „גדולי החסידים וקדושיהם״, דאָס הייסט, די פירער פון די חסידים און די רביים, אין צוויי קאַטע־גאָריעס: 1) פאַרפירטע, פאַנטאַזיאָרן, מענטשן אָן וויסן און פאַרשטאַנד, וואָס האָבן מיט זייער צעהיצטער פאַנטאַזיע זיך איינגערעדט, אַז אויף זיי רוט דער רוח־הקודש, און 2) נידערטרעכטיקע רמאים, וואָס פון זייער יוגנט אָן איז זייער גאַנץ טראַכטן נאָר ווי אַזוי אָפּצונאַרן מענטשן און צו פאַרפירן און פאַרבלענדן די אויגן פון המון־עם.

און צווישן די פאַנטאַזיאָרן, וואָס זיינען נישט קיין אָפּנאַרער, רעכנט

ראַפּאָפּאָרט אויס דעם זידיטשויווער רבין און ער רופט אים אָן: „כמשוגע מזידיטשוב" (ווי דער משוגענער פון זידיטשויוו — זייט 12).

אָבער אַזוי ווי ראַפּאָפּאָרטן און אַלע אַנדערע משכילים איז נאָר געגאַנגען אין דעם, וואָס מען ווערט „צו שפּאָט און געלעכטער ביי אַלע פעלקער אַרום" — האָבן זיך די חסידים נישט געמאַכט דערפון, וואָס ער האָט אָנגערופן דעם זידיטשויווער רבין מיט אַזאַ טיטל, און דאָס חסידות איז גאָר געוואַקסן אין גאַליציע.

דער רבי ר' הערשעלע זידיטשויווער האָט געפירט זיין רביסטווע ביד־רמה. ער האָט געזאָגט פייערדיקע תורות און זיין דאַווענען איז געווען פול מיט התלהבות.

ער האָט צוגעצויגן זיינע חסידים דערמיט, וואָס ער איז געווען אַ גרויסער גאון און מקובל און האָט נישט געגעבן קיין סגולות אַזוי ווי אַנדערע רביים אין זיין דור האָבן געטאָן.

פאַראַן אַ חסידישע מעשה, אַז איינמאָל האָט דער רבי ר' הער־שעלע געפרעגט אַ צווייטן רבין, פאַרוואָס ער גיט סגולות, האָט יענער רבי אים געענטפערט, אַז אַזוי ווי עס שטייט: „תפילה עושה מחצה", וויל ער געבן אַ סגולה, אַז דער חסיד זיינער זאָל געהאָלפן ווערן אויך אין דער צווייטער העלפט, אויף וואָס זיין תפילה האָט נישט געפועלט.

רופט זיך אָן דער רבי ר' הערשעלע זידיטשויווער:

„איך אָבער בין מתפלל פאַר דעם חסיד מער ווי ער פאַרלאַנגט, במילא, ווען אַפילו בלויז די האַלבע תפילה ווערט אָנגענומען, האָט שוין אויך דער חסיד אַלץ וואָס ער האָט געבעטן..."

אָבער צוליב דעם, וואָס דער רבי ר' הערשעלע זידיטשויווער האָט באַלד נאָך דער חתונה, ווען ער איז געווען אָן איידעם אויף קעסט אין דאָרף רידא, ביי זיין שווער, אַ שענקער, אַ סך עוסק געווען אין קבלה, האָט דאָס געבראַכט דערצו, אַז זיין דרך אין חסידות איז געווען אַ קבלהשער און אַנדערש פון דעם דרך פון אַנדערע רביים.

און ווען מען זאָל אָננעמען פאַר אויטענטיש דעם בריוו, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ספר „גנזי נסתרות", חלק „אור נערב, סימן ל"ב, (אינעם ספר „צבי לצדיק" ווערט אָפּגעפרעגט די עכטקייט פון בריוו) האָט דער רבי זיינער, דער „חוזה" פון לובלין שוין גע־וואוסט, אַז זיין תלמיד ר' הערשעלע זידיטשויווער איז אַ מקובל, ווען ער איז אינגאַנצן אַלט געווען דריי־און־צוואַנציק יאָר.

אַט וואָס דער רבי ר׳ יעקב יצחק פון לובלין שרייבט צום זידי־טשויווער רבין (מיר גיבן דעם בריוו אין אַ יידישער איבערזעצונג):

„ב״ה, יום גימל אלול תקמ״ו, לובלין.

„לתלמידי הרב הצדיק הקדוש גאון מופלג וכו׳ מו״ה צבי הירש מזידיטשוב.

„אַזוי ווי עס איז אויסגעבראָכן אַ שריפה און אַלע מיינע ספרים זיינען מיר פאַרברענט געוואָרן, דערפאַר ווען דו וועסט קומען אויף ראש־השנה, זאָלסטו מיטברענגען מיט דיר דעם זוהר, דפוס אַמסטערדאַם, ווייל איך לערן נישט פון קיין אַנדערן דרוק און איך ווייס, אַז דו האָסט פון זיי צוויי זאַץ!״

אונטערגעשריבן איז: „יעקב יצחק במו״ה אברהם אליעזר הלוי מלאנצוט המתגורר בק״ק לובלין״.

לויט דער דאַטע, וואָס איז אָנגעגעבן אינעם בריוו, איז ר׳ הערשעלע זידיטשויווער דעמאָלט אינגאַנצן אַלט געווען 23 יאָר, און דאָך האָט אים זיין רבי, דער לובלינער, שוין געשריבן אַזאַ גרויסן טיטול, ווי „הרב הצדיק הקדוש״.

און דערפאַר וואָס אַלע צדיקים פון זיין דור האָבן אַזוי שטאַרק געהאַלטן פון זידיטשויווער רבין, האָט ער מער געליטן פון אַלע אַנ־דערע רביים פון זיין צייט, און דער אָנפירער פון די משכילים אין מזרח־גאַליציע, יוסף פערל, האָט אים נאָך שטאַרקער גערודפט.

און אַזוי ווי יוסף פערל איז געווען אַ „קרוב למלכות״, צוליב דעם, וואָס ער האָט געגרינדעט די ערשטע „דייטש איזראַעליטישע הויפטשולע״ און אַזוי־אַרום פאַרווירקלעכט די צילן פון דער עסטרייַ־כישער רעגירונג, צו אַסימילירן די יידן, האָט פערל געקאָנט פועלן ביי דער עסטרייכישער רעגירונג אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט.

דערציילט מען אַז פערל האָט אַמאָל געהייסן די פּאָליציי אין טאַרנאָפּאָל, זי זאָל פאַרטרייבן די חסידים, בעת זיי האָבן מחדש געווען די לבנה. ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס, וואָס די חסידים „טאַנצן צו דער לבנה״, ווי די משכילים האָבן געזאָגט.

פערל האָט אָבער נישט בלויז אויסגענוצט זיין כח ביי דער רעגירונג צו רודפן די חסידים, נאָר ער האָט אויך אויסגעזוכט דעם אַלטן צענזור־דעקרעט, וואָס די עסטרייכישע רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1735, אַז אַלע ביכער, וואָס באַהאַנדלען אָבערגלויבענישן און זיינען בכח צו פאַרפינצטערן דעם עולם, זיינען פאַרבאָטן צו דרוקן...

ער האָט כסדר אויסגענוצט דעם דאָזיקן צענזור־דעקרעט צו מסרן פאַר דער רעגירונג, אַז חסידים דרוקן „אַבערגלויבישע ספרים".

אַזוי דערציילט דר. נאַכט אין „מאָנאַטסשריפט פיר געשיכטע", 1927, אַז יוסף פערל האָט געמסרט פאַר דער עסטרייכישער רעגירונג ר' הערשעלע זידיטשויווער און דעם ראָפּשיצער רבין ר' נפתלי צבי האָראָוויץ, אַז צו זיי ברענגט מען אַריין פון רוסלאַנד ספרים פון דער „שווערמערישער סעקטע", וואָס איז פאַרבאָטן אין גאַליציע, און ער גיט נאָך אָן דעם נאָמען פון דעם „שוואַרצער", וואָס שוואַרצט די גרעניץ און ברענגט אַריין די „פאַרבאָטענע ספרים" פון רוסלאַנד קיין גאַליציע...

יוסף פערל אַליין האָט צוליב די דאָזיקע מסירות געליטן, ווייל ווען ער האָט אָנגעשריבן זיין אַנטי־חסידישע סאַטירע, האָט ער עס אָנגערופן „מגלה סוד", און ער האָט עס אָװעקגעשיקט, אין יאָר 1816, קיין ווין צו דער צענזור, כדי צו באַקומען די דערלויבעניש צו מעגן עס דרוקן. האָט דער צענזאָר געוואוסט פון פערלס מסירות, אַז אין גאַליציע דרוקט מען חסידישע ספרים, און אַזוי ווי זיין פאַמפלעט איז געשריבן געוואָרן אין אַ חסידישן סטיל, האָט דער צענזאָר געמיינט, אַז אויך איצט האָט ער פאַר זיך אַן אמתן חסידישן ספר, און ער האָט עס פאַרבאָטן צו דרוקן...

ערשט שפּעטער, ווען פערל האָט אויפגעקלערט דעם צענזאָר די אמתע כוונה פון זיין ספר, אַז ער וויל מיט זיין אַרבעט „פאַרניכטן" די חסידים, האָט דער צענזאָר געגעבן די דערלויבעניש, אָבער פערל האָט עס געמוזט דרוקן אונטער אַן אַנדער נאָמען און ער האָט זיין בוך אַ נאָמען געגעבן: „מגלה טמירין".

די חסידים אין גאַליציע האָבן דעמאָלט געדרוקט חסידישע ספרים אונטער פאַלשע דאַטעס, כדי ס'זאָל הייסן, אַז ס'איז שוין פון לאַנג געדרוקט געוואָרן. אַזוי איז באַקאַנט אַ גאַנצע רייע ספרים, וואָס עס שטייט אויף זיי אָנגעגעבן אַ געוויסע דאַטע און עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דאָס ספר איז געדרוקט געוואָרן אַ סך שפּעטער, נאָר ווייל מען האָט מורא געהאַט, אַז פערל זאָל נישט מסרן, האָט מען פאַלש אָנגעגעבן דאָס יאָר פון דרוקן.

אַזוי איז, למשל, אָנגעגעבן אויפן ספר „דברי אמת" פון „חוזה" פון לובלין: „געדרוקט אין זאָלקאָוו, תקס"ח (1808), „שהובא לבית הדפוס ע"י ר' יצחק יעקב קאַפּעל הלוי, נכד המחבר". עס איז אָבער באַוואוסט, אַז דער לובלינער רבי איז נפטר געוואָרן ט' אב, תקע"ה (1815), און

לויט ווי עס איז אָנגעשריבן אויפן שער־בלאַט קומט אויס, אַז דער לובלינער רבי האָט נאָך דעמאָלט געלעבט, ווען זיין ספר איז געדרוקט געוואָרן און ווי האָט זיין אייניקל געקענט הייסן אַזוי ווי ער?

עס איז דערפאַר זיכער, אַז דאָס ספר איז אַ סך שפּעטער געדרוקט געוואָרן, נאָר ווייל מען האָט מורא געהאַט, אַז יוסף פּערל זאָל ניט מסרן פאַר דער רעגירונג, האָט מען אָנגעגעבן אַ פריערדיקע דאַטע. אין דער אמתן איז דאָס ספר געדרוקט געוואָרן מיט 25 יאָר שפּע־טער, בערך אין יאָר תקצ״א (1831).

ווי עס ווייזט אויס האָט יוסף פּערל מיט זיינע מסירות צו דער עסטרייכישער רעגירונג אויך געפּועלט אַז מען האָט אַפּטמאָל געמאַכט רעוויזיעס אין הויף פון רבין ר׳ הערשעלע זידיטשויווער און מען האָט פאַרצייכנט אַלע ספרים, וואָס מען האָט דאָרט געפונען.

פּערל האָט אַריינגעבראַכט אַ צאָל מסירות קעגן די רביים. צום־מערסטן האָט ער געמסרט די רביים, וואָס זיינען געווען די אָנפירער פון חסידות אין מזרח־גאַליציע.

אַזוי ווערט געבראַכט אין ספר „פּאר יצחק" (זייט 12), אַז ער האָט געמסרט די „שווערמער", (בעלי־חלומות) די משפחות: אייכענשטיין, האַגער און רוקח, דאָס הייסט, די רביים: ר׳ הערשעלע זידיטשויווער, ר׳ מנחם מענדל פון קאָסעוו און ר׳ שלום פון בעלז...

די חסידים האָבן זיך נישט באַנוצט מיט דעמזעלביקן מיטל, וואָס די משכילים. זיי האָבן נישט באַצאָלט מידה כנגד מידה און נישט צוריק געמסרט. די רביים האָבן אָבער יאָ אָנגעווענדט דעם אַלטן אויסגע־פּרואווטן דרך — חרם...

מען האָט געלייגט אין חרם אַריין דעם משכיל שלמה יהודה ראַ־פּאָפּאָרט, און עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ שטילער חרם קעגן יוסף פּערלען.

(נאָך מיט יאָרן צוריק האָבן חסידים נישט געוואָלט דורכגיין אין טאַרנאָפּאָל די „פּערל גאַס", דאָרט, וואו פּערל האָט אַמאָל געוואוינט).

און דאָס האָט, אַ פּנים, נאָך מער ווי געטאָן פּערלען, און ער האָט נאָך מער אָנגעהויבן צו רודפן די חסידים.

אין דעם אַרכיוו, וואָס עס איז פאַרבליבן פון פּערלען, האָט מען געפונען אַ יידישע דרשה, וואָס פּערל האָט געהאַלטן אין דער טאַרנאָ־פּאָלער שול, בעת דער מחלוקה, ווען מען האָט, מיט פּערלס פּראָטעקציע, אויפגענומען שלמה לייב ראַפּאָפּאָרטן (אין יאָר 1838) פאַר אַ רב אין טאַרנאָפּאָל. און אין דער דאָזיקער דרשה ברענגט אויך פּערל אַ משל

קעגן די רביים (זע „יוסף פערל, יידישע כתבים”, אַרויסגעגעבן פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, ווילנע, 1937, אין דער הקדמה פון י. ווײַנלעז), און ער דערציילט, אַז צום פּאָדקאַמינער רבס זון, ר' הערץ, וועלכער איז געווען אַ מתנגד, איז אַמאָל געקומען דער בערדי־טשעווער רבי און האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס ער האַלט ניט פון די רביים. ער זעט דאָך זייער צדקות, זייער דאַווענען, זייער געבן צדקה, פאַרוואָס האַלט ער נישט פון זיי? האָט דערויף דעם פּאָדקאַמינער רבס זון געענטפערט מיט אַ משל, אַז:

אַמאָל זײַנען יידן געפאָרן פון בראָד קיין בערדיטשעוו אויף אַ יאַריד, זײַנען זיי דורכגעפאָרן אַ יידישע קרעטשמע, האָט אַ ייד געזען, ווי דער בעל־הבית, דער קרעטשמער, הויבט זיך אויף אינמיטן דער נאַכט, גייט אַראָפּ פון געלעגער, הייצט אײַן דעם אויוון און קאָכט פאַר די יידן טיי און טוט אַלץ וואָס די יידן האָבן פון אים פאַרלאַנגט.

„ווען דער ייד האָט געזען די טרחות פון בעל־הבית און פון זײַן גאַנץ בני־בית, האָט ער זיך געטראַכט, וואָס מאַכן די יידן אַזאַ גרויסן עסק פון אברהם אבינו, וואָס ער האָט געגעבן עסן דרײַ מלאכים? וואָס גרויסט מען זיך אַזוי מיט אים, אַז ער איז געווען אַ מכניס אורח? אָט איז אַ פּראָסטער קרעטשמער, נישט קיין אברהם אבינו, שטייט ער גאָר אויף אינמיטן דער נאַכט און גיט די פרעמדע יידן צו עסן און צו טרינקען?

„נאָר דער תירוץ איז, — האָט דער ייד זיך אַליין פאַרענטפערט, — אַז ווי נאָר עס מישט זיך אַרײַן דאָס רענדל, הערן שוין אויף אַלע מצוות... דער אַרענדאַר האָט טאַקע אַ סך מער געטאָן פאַר די יידן ווי אברהם אבינו פאַר די מלאכים, דער קרעטשמער האָט אָבער גע־וואוסט, אַז דערנאָך וועלן אים די יידן פאַר אַלצדינג באַצאָלן, בעת אברהם אבינו האָט אַלץ געטאָן בחינם...

„דאָסזעלבע איז מיט די רביים”, האָט אויסגעלאָזט דעם פּאָדקאַמינער רבס זון, „ווען זיי זאָלן דאַווענען און גוטס טאָן און זיי זאָלן קיין געלט נישט נעמען, וואָלט אין דער אמתן גוט געווען, אַז איך זע אָבער, אַז זיי נעמען געלט, קאָן איך נישט אַנדערש זאָגן, אַז: אַלצדינג וואָס זיי טוען, איז נאָר פון געלטס־וועגן. איינער טאַנצט אויף אַ שטריק, אַ צווייטער באַווײַזט אַנדערע קונצן, אַן אַנדערער שטעלט זיך אײַן דאָס לעבן, כדי מען זאָל אים געבן געלט, און דער רבי טוט עפּעס אַנדערש פון געלטס־וועגן!...”

מען קאָן זען פון יוסף פּערלס משל, ווי איבערפלעכלעך זײַן צוגאַנג איז געווען צו חסידות בכלל, ווי לײַכט ער האָט געוואָלט די גאַנצע

חסידישע באַוועגונג אָפּפּטרן בלויז מיט דעם פּשוטן ענטפער: אַז אַלץ געשעט צוליב געלט!

און גראָד איז צווישן חסידים באַקאַנט, אַז דער רבי ר׳ הערשעלע פון זידיטשויוו, קעגן וועמען פערל האָט געפירט זיין הויפּט־קאַמף, האָט חתונה געמאַכט איבער פערציק יתומות און האָט כמעט דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט גענומען פון די חסידים, צעטיילט צווישן אָרעמע יידן.



יוסף פערל

## קאַפּיטל ג

# דער זידיטשויווער רבי איז געווען אַן „אוהב ישראל"

ער שטראָפט זיינע חסידים ווי אַ געטרייער טאַטע. — זיינע בריוו צו די חסידים. — חסידישע מעשיות, ווי אַזוי דער משכיל יוסף פּערל ווערט געפּייניקט אויף יענער וועלט.

טראָץ די רדיפות פון די משכילים אויפן זידיטשויווער רבין, האָבן זיך זיינע חסידים געמערט אין אַלע שטעט און שטעטלעך אין גאַליציע.

אַזוי ווערט געבראַכט אין ספר „זוהר חי" (פרשת בראשית), אַזביים זידיטשויווער רבין ר' הערשעלע זיינען שוין אין יאָר תקע"א (1811), דאָס הייסט, נאָך מיט פיר יאָר פריער איידער זיין רבי פון לובלין איז נפטר געוואָרן, געווען אין זידיטשויוו אויף שבועות אַ גרויסער עולם חסידים.

און כאָטש די משכילים האָבן געהאַלטן אין איין רודפן די חסידים, און בפרט דעם זידיטשויווער רבין, דאָך האָט דער זידיטשויווער רבי קיינמאָל נישט געהייסן זיינע חסידים, זיי זאָלן זיך אָפּרעכענען מיט די משכילים, נאָר ער האָט די חסידים בלויז מחזק געווען און זיי געשטאַרקט. אַזוי געפינען מיר אין אַ בריוו, וואָס דער זידיטשויווער רבי האָט געשריבן צו זיין תלמיד, דעם קאַמינקער רבין ר' שלום (געדרוקט אין עשר קדושות, זייט 32), אַז „מען זאָל זיך גאָר נישט שרעקן פאַר די פאַרפאָלגער, נאָר מען זאָל פעסטער מאַכן דעם בונד און מען זאָל זיך האַלטן צוזאַמען", דעמאָלט, איז ער מבטיח, אַז אַלע שונאים וועלן זיי נישט קאָנען קיין שום שלעכטס טאָן...

און בכלל זעען מיר פון אַלע בריוו, וואָס זיינען איבערגעבליבן פון רבין ר' הערשעלע זידיטשויווער, אַז ער האָט זיך באַצויגן צו זיינע

חסידים מיט גרויס ליבשאַפט און אַז דאָס, וואָס ער האָט אָפטמאָל זיך געחתמעט „אוהב ישראל״, איז נישט געווען סתם אַזוי, לשם מליצה, נאָר אַז ער האָט טאַקע אויף אַן אמתן ליב געהאַט יעדן יידן בלב ונפש. אַלסביישפּיל וועלן מיר ציטירן דעם בריוו, וואָס דער רבי ר׳ הערשעלע האָט געשריבן צו די קינדער פון ראָפּשיצער רבין וועגן דער קראַנק־הייט פון זייער פאָטער, ווי ער טרייסט זיי, אַז דער ראָפּשיצער רבי, ר׳ נפתלי צבי, וועט זיכער בקרוב געזונט ווערן, און ער לאָזט אויס אין יידיש:

„דער פאָטער, דער טאַטע, דער גוטער צדיק, וועט געזונט און שטאַרק זיין און זאָרגט גאָרנישט, קינדערלעך״.

אָבער טיילמאָל האָט אויך דער זידיטשויווער רבי געקאָנט רעדן ווי אַ מנהיג און שטראָפן די חסידים און אויף זיי גוזר זיין, זיי זאָלן אים פאָלגן און דערביי רעדן צו זיי ווי אַ געטרייער טאַטע. אַזוי זעען מיר פון דעם בריוו, וואָס ער האָט געשריבן צו די פאַכטערס פון דעם שטעטל בויבערקע, וועגן דעם שוחט, וואָס ער האָט געאַסרט און די פאַכטערס האָבן אַ פּנים נישט געוואָלט זיך צוהערן צו אים.

אין דעם בריוו (געדרוקט אין „עשר עורות״, זייט 153), וואָס ר׳ הערשעלע שרייבט צו זיי וועגן דעם ענין, הייבט ער אָן אין יידיש און גייט איבער אין לשון־קודש און דערנאָך ווידער אין יידיש און ער מוסרט זיי און איז זיי מזהיר, זיי זאָלן נישט עסן פון דעם שוחט: „עס עט (וואָלט) רעכט געווען,״ הייבט זיך אָן דער בריוו, „איך זאָל צו אייך נישט שרייבן, מחמת איר האָט מבזה געווען דעם שליחות מאתי, וואָס איך האָב געשיקט! אָבער איך בין אייך, ליבע קינדער, אַ גוטער פריינט, און איך בעט אייך, איר זאָלט נישט שאַרן פייער מיט אייערע הענט, וואָרעם איר וועט אייך אָפּבריען, הזהר והזהר, נאָר איך וועל עס נישט קאָנען פאַרריכטן. איר זאָלט מיט אונדז זיך נישט קריגן. און אויב איר וועט זאָגן: איך האָב געפעלט, מחמת וואָס איך האָב צו אייך נישט געשריבן — נו, זאָג איך אייך, אַז איך האָב חרטה און בעט אייך, איר זאָלט עס נישט פאַר אומגוט האָבן... עס איז גע־נוג, אַז איך זאָל אייך זאָגן, אַז איך בין אייך מזהיר, אַז איר זאָלט נישט עסן פון דעם שוחט... און אויב איר וועט נישט וועלן צוהערן, זאָלט איר וויסן, אַז איך בין מוסמך געוואָרן פון די צדיקי הדור, פון קאָזשע־ניצער מגיד, פון רבין פון לובלין און פון רבין פון רומאַנאָוו, און מיר האָבן אויך שליחים צו שיקן אין גן־עדן אַריין צו דעם צדיק ר׳ משה לייב פון סאַסאָוו און צו די אַנדערע צדיקים״!

און דער לאַנגער בריוו ווערט פאַרענדיקט אַזוי: „איך בין אייך מוחל און איך בעט אייך, אַז אויב איך האָב געפעלט, זאָלט איר מיר אויך מוחל זיין! דברי ידיד נפש לכל ישראל״!

פון דעם בריוו זעען מיר, אַז כאָטש דער רבי ר׳ הערשעלע רעדט ווי אַ מנהיג און וויל אָנוואָרפן אַ פחד אויף די פאַקטערס, וועלכע ווילן נישט אָננעמען זיין איסור, דאָך שעמט ער זיך גאָרנישט צו שרייבן, זיי זאָלן אים מוחל זיין. און ווי אַ געטרייער טאַטע בעט ער זיך ביי זיי, זיי זאָלן זיך צוהערן צו אים און אים פאָלגן...

דער רבי ר׳ הערשעלע זידיטשויווער האָט אָבער נישט תמיד גע־קאָנט רעדן מיט אַזאַ לשון צו די חסידים, ווי אין דעם אויבנגעבראַכטן בריוו, ווייל די רדיפות פון די משכילים אויף אים, האָבן כסדר אָנ־געהאַלטן.

אַזוי ווערט געבראַכט אין ספר „צבי לצדיק״ (עמוד כ״ג), אַז איינמאָל זיינען זשאַנדאַרן באַפאַלן דעם רבין ר׳ הערשעלעס הויז און גענומען אים אויספרעגן, וואו ער איז געוועזן און צי ער האַלט ביים פאַרלאָזן די שטאָט, ווייל צוליב די מסירות פון די משכילים איז אַרויס־געגעבן געוואָרן אַ „הויף־דעקרעט״ (פעברואַר 18, 1814, נומער 1709), וואו עס ווערט אויסגערעכנט אַ גאַנצע רייע רביים, וועלכע זיינען „שווער־מער״ (בעלי־חלומות) און זיי טאָרן נישט פאַרלאָזן זייערע ערטער. און צווישן די רביים איז אויך דערמאָנט דער זידיטשויווער רבי.

און איינמאָל איז דער רבי ר׳ הערשעלע געקומען אויף שבת קיין בראָד, ווערט דערציילט אין ספר „היכל הברכה״ (דף כ״ז), האָט אַ משכיל אים געמסרט און דער רבי ר׳ הערשעלע האָט ערב שבת גע־מוזט אַנטלויפן פון דער שטאָט און ער איז אָנגעקומען קיין פּאָדקאַמין אין די שבתדיקע בגדים שוין פאַרנאַכט, גאָר שפּעט, איז דער רבי ר׳ הערשעלע אַריין אין בית־המדרש און האָט זיך געשטעלט פאַרן עמוד און האָט אָנגעהויבן צו וויינען און האָט געזאָגט: „רבונו של עולם, איך האָב היינט געהאַט אַזוי פיל בזיונות, העלף מיר כאָטש, איך זאָל קאָנען איצט דאַווענען פאַר דיר מיט כוונת הלב״! און חסידים דער־ציילן, אַז דער רבי ר׳ הערשעלע האָט דעמאָלט געדאַוונט פאַרן עמוד קבלת שבת מיט אַזאַ התלהבות, אַז די חסידים האָבן עס שוין לאַנג־לאַנג נישט געזען...

מיט מסרן די חסידים האָבן זיך נישט בלויז אָפּגעגעבן די פשוטע משכילים, נאָר טאָקע די „קאַרפּן־קעפּ״ אַליין. ווי עס איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן, האָט אָפטמאָל געמסרט דעם רבין ר׳ הערשעלע נישט קיין אַנדערער ווי יוסף פּערל אַליין..

אזוי ווערט געבראַכט אין „מאָנאַטשריפט פיר געשיכטע״ (1927) אַן אָפּשריפט פון דער מסירה, וואָס יוסף פערל האָט געמסרט דעם זידיטשויווער רבין.

די מסירה איז געבראַכט געוואָרן צוליב דעם, וואָס דער רבי ר׳ הערשעלע האָט זיך געקליבן צו פאָרן אויף שבת קיין זבאַרזש, און יוסף פערל האָט געוואוסט, אַז אַ סך חסידים פון טאַרנאָפּאָל וועלן אַהין קו־מען אויף שבת. די פשוטע יידן פון טאַרנאָפּאָל האָבן דעמאָלט נישט געוואָלט, אַז פון דער שחיטה־אָפּצאָל זאָל מען אויסהאַלטן די נייע שול, וואָס יוסף פערל האָט געעפנט אין שטאָט, און יוסף פערל האָט פאַר־שטאַנען, אַז ווען די חסידים וועלן קומען צום רבין, וועלן זיי באַקומען נאָך מער התחזקות און זיי וועלן נאָך מער פירן זייער קאַמף קעגן אים, האָט ער געוואָלט פאַרמיידן דאָס קומען פון זידיטשויווער רבין קיין זבאַרזש, און אַזוי ווי ער איז געווען אַ „קרוב למלכות״, האָט ער גע־וואוסט, אַז זיינס אַ מסירהלע וועט באַלד האָבן אַ פעולה...

האָט יוסף פערל אַריינגעשיקט אַ ביטע צום קרייז־אַמט אין טאַר־נאָפּאָל וועגן דעם ענין, און ער האָט געשריבן, אַז עס האָט זיך גע־גרינדעט אַ „פאַראיין״ אין שטאָט קעגן זיין שול און אַז:

„איינער פון די מיטגלידער פון דעם פאַראיין איז געווען מיט אַ וואָך צוריק אין זבאַרזש און צוויי פון די ראשי־הקהלס לייט, ר׳ שלום האַראָוויץ און ר׳ אברהם לאַבענסבערג, האָבן פאַרבעטן אויף שבת דעם אָנפירער פון די חסידים, ר׳ הערש אייכענשטיין פון זידיטשויוו, וועל־כער וואוינט איצט אין פאָדקאַמין.

„עס פאַרשטייט זיך, אַז אַ סך יידן פון טאַרנאָפּאָל און פון דער געגענט וועלן קומען אויף שבת, און דאָס וועט ברענגען דערצו, אַז אַלץ וואָס די שול וויל גוט דערציען די קינדער, וועט מיט איין שבת צעשטערט ווערן...

„אַ חוץ דעם איז אויך גוט באַקאַנט, אַז אַזאַ איינער (געמיינט דעם זידיטשויווער רבין) שלעפּט אויך אַרויס פון אַ שבת דריי ביז פיר הונ־דערט גילדן, און אַזוי ווי לויטן באַפעל פון צווייטן פעברואַר, 1824 (נומער 11242) טאָר דער אָנפירער פון דער סעקטע נישט פאַרלאָזן זיין אָרט, און אַזוי ווי נאָך פון יאָר 1818 האָט דער רוסישער ייד נחמן יעקב מאיר אַריינגעשוואָרצט חסידישע ליטעראַטור פון רוסלאַנד, וואָס איז פאַרבאָטן לויטן געזעץ פון 23טן יולי, 1818, און אַזוי ווי ער חברט זיך מיט נפתלי צבי (געמיינט דעם ראָפּשיצער רבין), בעט איך באַ־צייטנס צו פאַרהינדערן די רייזע פון הערשן און מען זאָל דעם ראש־

הקהל פון זבאַרזש פאַרבאָטן אַריינצולאָזן הערשן אין שטאָט אַריין, ווייל עס איז קעגן דעם געזעץ!

„טאַרנאָפּאָל, 2טן יאַנואַר, 1827, יוסף פערל, דירעקטאָר פון איז־ראַעליטישער הויפּט־שול".

פון דער אויבנגעבראַכטער מסירה זעען מיר, אַז יוסף פערל איז געווען גוט באַהאַוונט אין אַלע דעקרעטן, וואָס די עסטרייכישע רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן קעגן די חסידים, ווייל ער האָט מסתמא נישט גע־האַט קיין קליינעם חלק אין זיי... און מיר דערוויסן זיך אויך, אַז ער האָט שוין אין יאָר 1818 געהאַט אויסגעפּועלט ביי דער רעגירונג, אַז מען זאָל נישט אַריינברענגען קיין גאַליציע חסידישע ספרים פון רוסלאַנד, און אַז שוין אין יאָר 1824 האָט ער געהאַט אויסגעפּועלט ביי דער רעגירונג, אַז דער זידיטשויווער רבי זאָל נישט טאָרן פאַרלאָזן זיין שטאָט.

ווי אַזוי האָט דאָס קרייז־אַמט אין טאַרנאָפּאָל זיך באַצויגן צו יוסף פערלס מסירה?

געוויינלעך פלעגט זיין אַ מנהג אין די אַמאָליקע צייטן ביי דער עסטרייכישער רעגירונג, אַז יעדע בקשה, וואָס אַ ייד האָט אַריינגעטראָגן אין אַ רעגירונגס־אַמט, איז זי דאָרט אָפּגעלעגן וואָכן־לאַנג ביז מען האָט באַקומען אַן ענטפער. אַנדערש אָבער האָט מען זיך באַצויגן צו דער ביטע פון יוסף פערל, וואָרעם בלויז מיט איין טאָג שפּעטער, דעם 3־טן יאַנואַר, איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ באַפעל פון קרייז־אַמט צום מאַגיסטראַט־פאַרשטייער פון זבאַרזש, וואו עס ווערט געזאָגט:

„ווי נאָר עס וועט אָנקומען דער פאַרפירער הערש, זאָל מען אים גלייך פרעגן אויף אַ פּאַס, און נישט בלויז אים אַליין, נאָר אויך אַלע יידן, וואָס וועלן צוזאַמען מיט אים אָנקומען.

„אויב ער וועט נישט האָבן קיין פּאַס", ווערט ווייטער געזאָגט אינעם באַפעל, „זאָל מען אים גלייך אָפּשיקן אַהיים מיט 'שוב'. און אויב ער וועט אַפילו יאָ האָבן אַ פּאַס, זאָל מען זען, אַז ער זאָל נישט פאַרבלייבן אין זבאַרזש... און מען זאָל אים אַרויסשיקן צוזאַמען מיט אַלע יידן, וואָס וועלן מיט אים קומען אין שטאָט אַריין"!

אָט אַזוי האָט געהאַט אַ ווירקונג די מסירה פון יוסף פערל...

אונדז איז ליידער נישט באַקאַנט, וואָס עס איז געוואָרן מיטן זי־דיטשויווער רבין אין זבאַרזש, צי ער איז טאַקע אָנגעקומען אַהין אויף דעם באַשטימטן שבת און צי ער האָט געהאַט אַ פּאַס, איינס איז אָבער זיכער, אַז דער מאַגיסטראַט־פאַרשטייער האָט מסתם אויסגעפירט דעם

באַפעל פון דעם קרייז־אַמט פון טאַרנאָפּאָל, און יוסף פּערלס בקשה איז דערפילט געוואָרן...

אין אַן אַנדער שטאָט ווידער, אין סטרי, איז אַמאָל דער זידיטשויווער רבי געקומען אויף שבת. האָט מען אים אויך דאָרטן געמסרט און דער וואָיעוואָדע האָט געשטעלט אַ וואַך אַרום דעם הויז, וואו דער רבי איז איינגעשטאַנען און קיינער האָט נישט געטאָרט אַהין אַריינגיין. נאָר דער בעל־הבית פון הויז האָט געגעבן געלט דער וואַך און מען האָט בגנבה אַריינגעלאָזט אַ מנין יידן, אַזוי, אַז דער רבי האָט שבת געקאָנט דאַווענען מיט אַ מנין, און באַלד נאָך שבת האָט דער רבי פאַרלאָזט די שטאָט.

די חסידים האָבן דעריבער זייער פיינט געהאַט יוסף פּערלען, אָדער „יוסף טאָדרעסעס״, ווי זיי האָבן אים גערופן אויפן פאָטערס נאָמען. און חסידים דערציילן פאַרשיידענע לעגענדעס, ווי אַזוי יוסף פּערל קומט אָפּ אויף יענער וועלט דערפאַר, ווייל ער האָט כסדר געמסרט די חסידים.

אַזוי ווערט דערציילט, אַז איינמאָל זיינען טאַרנאָפּאָלער חסידים געקומען צום רבין מאירל פּרעמישלאַנער אויף שבת. מוצאי־שבת, ביים געזעגענען, זאָגט צו זיי ר׳ מאירל, אַז אויב זיי וועלן ביים צוריקפאָרן פאַרבלאָנדזשען אין וואַלד, זאָלן זיי זיך גאָרנישט שרעקן...

די חסידים האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס ר׳ מאירל פּרעמישלאַנער האָט געמיינט, ווייל זיי האָבן גוט געקענט דעם וועג קיין טאַרנאָפּאָל.

אָבער ווי נאָר זיי זיינען צוריקוועגס אַריין אינעם גרויסן וואַלד, וואָס געפינט זיך אינמיטן וועג, איז פּלוצלינג צוגעפאַלן די נאַכט און זיי האָבן ניט געוואוסט וואו־איין וואו־אויס...

דער גאַנצער וואַלד איז געווען איינגעהילט אין גרויס פינצטערניש. פּלוצלינג דערזעען זיי פון דערווייטנס אַ פייערל פינקלען אַזוי ווי אַ שטערן. זיינען זיי געגאַנגען צום אָרט פון וואַנען ס׳פייערל איז געקומען, ביז זיי האָבן דערזען שטיין אַ כאַטקע. די חסידים האָבן אָבער געוואוסט, אַז אינעם גאַנצן וואַלד געפינט זיך ניט קיין כאַטקע, דאָך האָבן זיי זיך דערמאָנט אָן דעם אָנזאָג פון דעם רבין ר׳ מאירל פּרעמישלאַנער און זיי זיינען אַהין אַריינגעגאַנגען.

האָבן זיי אין דער כאַטקע דערזען ווי אַ היידאַמאַק שטייט אינמיטן שטוב מיט אַן אייזערנער רוט אין דער האַנט און גליט די רוט ביים פייער. האָבן זיי זיך זייער דערשראָקן, ווייל זיי האָבן געגלויבט אַז זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ נעסט פון גזלנים... אָבער דער

היידאַמאַק האָט זיי גאָרניט געטשעפּעט, נאָר זיי געהייסן אַריינגיין אינעם צווייטן שטיבל. זיינען די חסידים אַריין אַהין און זיי האָבן געזען ליגן אויף דער ערד אַ יידן מיט אַ זיידענער זשיפּעצע און אַ ספּאָדעק אויפן קאָפּ און אַ ספרל ביי דער זייט. האָבן זיי געמיינט, אַז דער היידאַמאַק האָט געפאַנגען אַ יידן און וויל אים פייניקן, האָבן זיי געוואָלט געבן דעם היידאַמאַק דאָס גאַנצע געלט, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, כדי ער זאָל באַפרייען דעם יידן...

אָבער דער היידאַמאַק האָט זיי אַ פרעג געטאָן:

— איר ווייסט ווער עס ליגט אויף דער ערד?

— אַ ייד — האָבן די חסידים געענטפערט.

— קוקט אים גוט אָן — האָט דער היידאמאַק אַ געשריי געטאָן.

האָבן די חסידים זיך גוט איינגעקוקט אין דעם יידן און זיי האָבן דערזען, אַז דאָס איז געלעגן אויף דער ערד יוסף פּערל און לעבן אים זיין ספרל „מגלה טמירין"...

זיינען זיי געפאַלן אין חלשות פאַר שרעק, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז יוסף פּערל איז שוין פון לאַנג אויפן עולם האמת.

און ווען די חסידים זיינען געקומען צו זיך, האָט זיי יוסף פערל אַליין געזאָגט, אַז אַזוי פייניקט מען אים דאָ יעדע נאַכט און אַז ער האָט נישט קיין מנוחה אין קבר, וואָרעם מען לאָזט אים נישט אַריין אַפילו אין גיהנום... נאָר ער בלאָנדזשעט אַרום אויפן עולם־התוהו...

אָט אַזאַ לעגענדע האָבן חסידים געשאַפן וועגן יוסף פערל...



חתימה פון רבין ר' מאירל פרעמישלאַנער

## קאַפּיטל ד

# דער זידיטשויווער רבי און זיין פּירוש אויפן „זוהר"

מען קאָן נישט זיין קיין חסיד, אויב מען קאָן נישט קיין קבלה, האַלט דער זידיטשויווער רבי. — חסידישע מעשיות ווי אַזוי ער האָט געשריבן זיינע ספרים. — ער האָט חתונה געהאַט מיט דער תורה. — ער האָט זיין גאַנץ געלט צעטיילט צווישן אָרעמעלייט.

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז דער רבי ר' הערשעלע זידיטשויווער איז געווען אַ גרויסער מקובל און אַז ער האָט מחבר געווען אַ פּירוש אויפן זוהר. אָבער דאָס דאָזיקע ספר האָט, אַ פּנים, אַרויסגערופן גרויס תרעומות צווישן די רביים אַליין. דער זקן פון די רביים, דער אַלטער אַפּטער רבי, ר' אברהם יהושע העשל, (געבוירן אין יאָר תקט"ו—1755, נפטר געוואָרן אין יאָר תקפ"ה—1835), האָט, וויזט אויס, נישט געהאַלטן אַז מען דאַרף איצט פאַרשפּרייטן קבלה צווישן די חסידים.

פון דעם האָט זיך דערוואוסט דער רבי ר' הערשעלע, און ער האָט געהאַט גרויס עגמת־נפש, וואָס דער אַלטער רבי איז קעגן דעם, ער זאָל דרוקן זיינע קבלה־ספרים. אין אַ בריוו, וואָס דער זידיטשויווער רבי האָט געשריבן צום אַפּטער רבין (געדרוקט אין ספר „עשר קדושות", דף י"ח) זעען מיר ווי וויט דער זידיטשויווער רבי איז געווען אַ מקובל.

קודם־כל שרייבט דער זידיטשויווער רבי צום אַפּטער רבין, אַז ער האָט געהערט, אַז דער אַפּטער רבי איז קעגן דעם ער זאָל דרוקן זיין פּירוש אויפן זוהר. און ער דערציילט אים, אַז דער זוהר איז געדרוקט געוואָרן מיט אַ סך גרייזן און מיט געענדערטע נוסחאות, אַזוי, אַז מען קאָן שוין פּשוט נישט מער פאַרשטיין דעם ריכטיקן פּשט.

אָבער ער, דער זידיטשויווער רבי, שרייבט ווייטער דאָרט, האָט

פון זיינע יונגע יאָרן אָן געלערנט דעם זוהר און געמאַכט פאַרשידענע פאַרגלייכונגען מיט די ערשטע דרוקן, ביז ער האָט אויסגעפונען דעם ריכטיקן נוסח, וואָס דאָס האָט אויך נישט געטאָן דער מחבר פון פירוש אויפן זוהר, דער „מקדש מלך" (ר' שלום בוזגאַלי). און דער זידי־טשויווער רבי ווייזט אָן אין בריוו, ווי אַזוי דער „מקדש מלך" האָט נישט גוט מפרש געווען געוויסע שטעלן פון זוהר, בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אויפן ריכטיקן נוסח.

דער זידיטשויווער רבי וויל אויך באַווייזן דעם אַפּטער רבין, אַז ער האָט שוין פון לאַנג אָנגעהויבן צו אַרבעטן אויפן פירוש פון זוהר און ער שרייבט, אַז ער פלעגט זיך מפלפל זיין מיט דעם רבין פון לובלין און מיט דעם מגיד פון קאָזשעניץ וועגן פאַרשידענע שטעלן פון זוהר. אַזוי אַרום גיט ער אָנצוהערן, אַז ער האָט שוין פון די גרויסע רביים באַקומען סמיכה צו מעגן עוסק זיין אין קבלה...

דער זידיטשויווער רבי וויל אויפווייזן דעם אַפּטער רבין, אַז מען קאָן גאָר נישט זיין קיין חסיד, אויב מען קאָן נישט קיין קבלה... און ער ציטירט דעם מאמר, וואָס ווערט געברענגט אין סוף פון ספר „תולדות יעקב יוסף", אַז „מיט דער התגלות פון בעל שם־טובס תורה וועט קומען משיח". און ווי אַזוי קאָן מען זיין אַ חסיד, פרעגט דער זידיטשויווער רבי, אויב מען פאַרשטייט נישט די תורה, וואָס דער רבי האָט געזאָגט?... מיר ווייסן, אַז דער גאַנצער כח פון חסידות און פון בעל־שם־טוב איז געווען — שרייבט ער ווייטער — דאָס, וואָס אַלע שווערע און פאַרהוילענע זאַכן ווערן איינגעהילט אין פשוטע לבושים. דערפאַר דאַרף מען קענען קבלה, מען זאָל קענען פאַרשטיין, וואָסערע סודות עס זיינען באַהאַלטן אין אַלע פּראָסטע ווערטער אָדער מעשיות, וואָס דער רבי דערציילט... אויב אָבער די חסידים פאַרשטייען נישט די סודות, וואָס דער רבי האָט מרמז געווען, מיינען זיי אַז זיי זיינען אַזוי גרויס ווי דער רבי אַליין, און זיי ווערן שוין באַלד אַליין „גוטע יידן..."

דער בריוו ענדיקט זיך דערמיט, אַז דער זידיטשויווער רבי האָפט, אַז דער אַפּטער רבי וועט מסכים זיין אויף דעם, ער זאָל ווייטער מעגן דרוקן זיינע קבלה־ספרים...

און דער זידיטשויווער רבי האָט אויסגעפירט. ווייל ווי נאָר זיין חבור איז אַרויס, איז ער אָנגענומען געוואָרן ביי אַלע חסידים און צדיקים פון זיין דור און ביזן היינטיקן טאָג לערנען די חסידים דעם זידיטשויווער רבינס ספרים מיט גרויס יראת־הכבוד פרייטיק פאַר־

נאַכט, נאָך דער מקוה, אָדער שבת — אַזוי הייליק האַלט מען זיינע ספרים...

דאָך האָט ר׳ הערשעלע זידיטשויווער געהייסן איינטיילן די צייט אויף לערנען קבלה, כדי מען זאָל אויך האָבן צייט אויף פאַרדינען אויף פּרנסה. „בפרט אין אונדזער דור, ביים עול פון שטייערן און אָפּצאָלונגען און אונטער דעם שווערן יאָך פון גלות, וואָס הערשט אין אונדזער דור. עס איז משיחס צייטן („עקבתא דמשיחא״) און דאָס פּאָלק פון לאַנד ווערט אַלץ מער פאַראָרעמט״. („סור מרע ועשה טוב״, דף ט״ו ע״א).

אין די חסידישע ספרים ווערן אויך געבראַכט פאַרשידענע מעשיות ווי אַזוי דער זידיטשויווער רבי האָט געשריבן זיינע ספרים. אַזוי ווערט דערציילט, אַז ווען ער האָט געשריבן זיין פירוש אויפן זוהר, האָט ער געהאַט אַ מנהג אַרויסצוגיין ווינטער ביינאַכט צום טייך, אויפ־האַקן דאָס אייז, אַוועקשטעלן אַ ליכטל אויפן אייז, און זיצנדיק אין דעם אויסגעהאַקטן לאָך האָט ער געלערנט זוהר, און פאַר יעדן שם פלעגט ער זיך טובל זיין. איינמאָל האָט ער זיך טובל געווען און האָט נישט געקאָנט צוריק געפינען דעם אויפגעהאַקטן לאָך פון אייז און ער איז געווען אין אַ גאָר גרויסער סכנה. נאָר צופעליק איז דורכגעפאָרן אַ דאָרפס־ייִד, האָט ער געזען לייכטן אַ ליכטל אויפן אייז. האָט ער זיך משער געווען אַז דאָס לערנט איצט דער זידיטשויווער רבי, איז ער צוגעגאַנגען צום אָרט, האָט ער אָבער בלויז געזען ליגן די בגדים פון רבין און דעם אָפענעם זוהר — האָט ער פאַרשטאַנען אַז מיטן רבין איז געשען אַ מכשול, און ער האָט שנעל אויפגעהאַקט שטיקער אייז, און אַזוי־אַרום איז דער רבי ניצול געוואָרן...

און כאָטש דער זידיטשויווער רבי האָט געהאַט אַ סך חסידים, איז ער גאָר געווען אַ גרויסער אָרעמאַן, ווייל ער האָט דאָס גאַנצע געלט צעטיילט צווישן די פאַרבאָרגענע אָרעמעלייט.

דער זידיטשויווער רבי האָט תמיד מתפלל געווען, אַז זיינע חסידים זאָלן האָבן פּרנסה. אַנדערש איז אָבער געווען מיטן רבין ר׳ אורילע פון סטרעליסק (נפטר געוואָרן אין יאָר תקפ״ו—1826), וועמען מען האָט גערופן דער „שרף״. ער האָט גאָר נישט געוואָלט, אַז זיינע חסידים זאָלן זיין עשירים, נאָר זיי זאָלן זיין פרומע חסידים...

ווערט טאַקע וועגן דעם געבראַכט אין ספר „צבי לצדיק״ (דף ל״ב) אַ מעשה, ווי אַזוי עס האָט זיך געפונען אַ סטרעליסקער חסיד, אַ דאָרפס־ייִד, וועלכער איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן, פּונקט אַזוי ווי

אַלע אַנדערע סטרעליסקער חסידים האָט אָבער זיין ווייב געזען, אַז דער שכן זייערער, וועלכער איז געווען אַ חסיד פון רבין פון זידיטשויוו האָט פּרנסה בריוח, אַזוי, אַז ער קאָן אַפילו אַמאָל אַהיים נעמען אַן אורח אויף שבת. האָט דאָס ווייב זיינס אים גע׳עצהט אַז ער זאָל אויך אָנהויבן צו פאָרן צום רבין ר׳ הערשעלע פון זידיטשויוו. האָט דער סטרעליסקער חסיד קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט און האָט באַשלאָסן צו פאָרן אויף אַ יום־טוב צום זידיטשוויוער רבין. אָבער דערפון האָבן זיך דערוואוסט די סטרעליסקער חסידים און זיי האָבן דאָס דערציילט זייער רבין, האָט דער סטרעליסקער רבי געהייסן, אַז מען זאָל דעם דאָרפס־ייד כאַפּן אינמיטן וועג און מען זאָל אים נישט לאָזן פאָרן קיין זידיטשויוו.

און חסידים לאָזן אויס, אַז דער רבי ר׳ אורילע האָט דערנאָך געזאָגט צו זיינע חסידים, אַז ווען ער וואָלט געוואָלט, וואָלט ער מיט איין תפילה געקאָנט אויסבעטן, אַז זיינע חסידים זאָלן האָבן פּרנסה בריוח, אָבער פאַר אים איז וויכטיקער, אַז זיינער אַ חסיד זאָל זאָגן איין „ברוך שאמר״ מיט חסידישן ברען און מיט גרויס התלהבות, ווי ער זאָל האָבן פּרנסה אַ גאַנץ יאָר...

אָבער דער זידיטשויווער רבי האָט געהאַלטן, אַז אָן פּרנסה קאָן אַ ייד נישט מתפלל זיין מיט אַ ריין האַרץ, און ער האָט מתפלל געווען אַז זיינע חסידים זאָלן האָבן פּרנסה בריווח.

חסידים דערציילן אויך, אַז דער רבי ר׳ הערשעלע זידיטשויווער איז געווען כל ימיו אַריינגעטאָן אין לערנען קבלה און וויזן זיינע חסידים אַ דרך אין יידישקייט.

אַזוי ווערט דערציילט, אַז איינמאָל זיינען די קינדער פון סאַנזער רבין ר׳ חיים האַלבערשטאַם אַריינגעקומען צו זייער פאָטער און האָבן געוואָלט ביי אים פּועלן, אַז ער זאָל שוין מער נישט חתונה האָבן, ווייל ער איז שוין געווען קרוב צו שבעים ווען זיין דריטע פרוי איז אים געשטאָרבן.

בפרט איז צו אים דעמאָלט צוגעשטאַנען דער זון זיינער ר׳ ברוך גאָרליצער, און ער האָט אים דערציילט, אַז דער רבי ר׳ הערשעלע זידיטשויווער, נאָכדעם ווי ער איז צום דריטן מאָל געוואָרן אַן אלמן, האָט ער שוין מער נישט געוואָלט חתונה האָבן, האָט אַ מקורב אים געפרעגט:

„רבי, עס שטייט דאָך: „לא לתוהו בראה...״ און לויטן זוהר הקדוש איז גאָר אַ גרויסער ענין חתונה צו האָבן אויף דער עלטער!״

האָט אים דערויף דער זידיטשויווער רבי געענטפערט:

„איך האָב שוין חתונה געהאַט!“

אָבער ווען ער האָט דערזען, אַז דער מקורב פאַרשטייט ניט די כוונה פון זיינע רייד, האָט ער עס אים מסביר געווען און געזאָגט:

„איך האָב שוין חתונה געהאַט מיט דער תורה!...“

מיט דער מעשה האָט דעם סאַנדזער רבינס זון געוואָלט פועלן ביי זיין פאָטער, אַז אויך ער זאָל שוין מער ניט חתונה האָבן...

דער סאַנדזער רבי האָט אָבער באַלד געכאַפּט דעם וואונק פון זיין זון און ער האָט מניה וביה געענטפערט:

„אויב אַזוי, קאָן איך דאָך שוין מער נישט חתונה האָבן מיט דער תורה ווייל זי איז שוין אַן אשת־איש!“

דער זידיטשויווער רבי האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן עניו. ווי עס ווערט דערציילט, אַז ווען דער זידיטשוווער רבי איז איינמאָל געקומען צו זיין רבין, צום „חוזה“ פון לובלין, האָט דער לובלינער רבי אים אָנגעטאָן אַ ווייסע קאַפּאָטע וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז ער איז אים מסמיך און קרוינט אים פאַר אַ רבין, אוןביים טיש האָט דער „חוזה“ אים געהייסן זאָגן תורה פאַר די חסידים...

דער רבי ר׳ הערשעלע זידיטשויווער האָט אָבער נישט געוואָלט זאָגן קיין תורה פאַר זיין רבין, האָט ער בלויז געטייטשט בדרך־הלצה דעם מאמר „בכל עת יהיו בגדיך לבנים“ — (תמיד זאָלן דיינע קליידער זיין ווייס) — דו מעגסט דיר אָנטאָן אין שבת אַ ווייסע קאַפּאָטע אַזוי ווי אַ צדיק, אָבער צוזאַמען דערמיט זאָלסטו געדענקען: „ושמן על ראשך אל יחסר“ (און בוימל זאָל אויף דיין קאָפּ נישט פעלן), דאָס מיינט מען ניט דאָס לשון־קודשדיקע וואָרט „שמן“, נאָר דאָס יידישע וואָרט „שעמען“, דאָס הייסט, אַז כאָטש דו גייסט אָנגעטאָן אין ווייסע מלבושים ווי אַ צדיק, דאַרפסטו דיך שעמען פאַר גאָט פאַר דיינע נישט־גוטע מעשים...

כאָטש דער רבי ר׳ הערשעלע איז געווען אַ גרויסער עניו און האָט צעטיילט זיין גאַנץ געלט פאַר צדקה, דאָך האָבן די משכילים אויך אים געקוקט ווי אויף אַן אויסנאַרער און פאַרפירער און זיי האָבן אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט אים אָנצוטאָן עגמת־נפש און אים צו רודפן.

אַזוי ווערט געבראַכט אין ספר „צבי לצדיק“ (דף ס״ב), אַז דער רבי ר׳ הערשעלע איז אַמאָל געקומען אויף שבת קיין סאַמבור, האָבן די משכילים אים געמסרט און מען האָט דעם רבין אום שבת אַרעסטירט

און ער איז געזעסן גאַנץ שבת אין תפיסה. ערשט ווען איינער פון די פּשוטע יידן פון שטאָט, וועלכער איז געווען אַ יוצא־ונכנס ביי דער רעגירונג, האָט אויפגעקלערט דעם שטאָט־פּאַרוואַלטער וואָס פאַר אַ גרויסער מאַן דער זידיטשויווער רבי איז, האָט דער שטאָט־פּאַרוואַלטער אים באַפרייט, און דער זידיטשויווער רבי האָט געבענטשט דעם פּשוטן יידן, אַז ער זאָל ווערן אַן עושר און זיינע קינדער זאָלן זיין בני־תורה. און זיין ברכה — דערציילן די חסידים — איז מקוים געוואָרן. דער פּשוטער ייד איז אין אַ צייט אַרום געוואָרן אַ גרויסער גביר, ער האָט מצליח געווען אין אַלע זיינע מסחרים און ער האָט זיך משדך געווען מיט רבנים, אַזוי אַז זיין איידעם איז שוין געווען רב אין פּשעוואָרסק און די אייניקלעך זיינען דערנאָך געוואָרן פאַרברענטע זידיטשויווער חסידים.

אָבער נישט בלויז אין די פרעמדע שטעט האָבן די משכילים גע־רודפט דעם זידיטשויווער רבין, נאָר אויך אין זיין שטאָט גופא האָבן זיך געפונען קעגנער וועלכע זיינען אים דערגאַנגען די יאָרן, כאָטש די גאַנצע שטאָט האָט געלעבט פון חסידים וואָס זיינען געקומען צום רבין.

אין ספר „צבי לצדיק" ווערט דערציילט, אַז איינמאָל פאַרטאָג איז דער רבי ר' הערשעלע אַרויסגעגאַנגען אויף זיין גאַניקל און פאַר־רוכערט זיין לולקע־ציבעק, געכאַפּט מחות פאַרן דאַוונען, איז אַרויס־געקומען אַ ייד, זיינס אַ קעגנער, וואָס האָט געוואוינט אין שכנות פון רבין, און ער האָט אים געוואָרפן אַ שטיק האָלץ, וואָס ווען עס פאַלט דעם רבין אין קאָפּ אַריין, וואָלט ער זיכער געווען שטאַרק געניזוקט געוואָרן, נאָר אַ נס איז געשען און דאָס שטיק האָלץ האָט דעם רבין נישט געטראָפן.

# קאַפּיטל ה

# דער זידיטשויווער רבי ווערט אַרעסטירט

אין אַ בריוו ווערט דערציילט ווי אַזוי דער זידיטשויווער רבי האָט געלייגט אין חרם אַריין משכּילים, וואָס האָבן געלייענט דייטשע ביכלעך. — בריוו פון משכילים וועגן זידיטשויווער רבין.

דער רבי ר׳ הערשעלע זידיטשויווער האָט געלעבט בשלום מיט אַלע גאונים פון זיין דור און די גרעסטע רבנים האָבן פון אים געהאַלטן. אַזוי איז באַקאַנט, אַז איינמאָל איז ר׳ הערשעלע געקומען קיין קאַלוש (גאַליציע), וואו ער איז דעמאָלט געווען רב ר׳ יעקב פון ליסא און צוליב כבוד־התורה איז דער רבי ר׳ הערשעלע געגאַנגען דער ערשטער צום רב „גוט־שבת ביטן״, האָבן די צוויי רבנים געשמועסט אין לערנען, האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז דער זידיטשויווער רבי האָט געזאָגט אַ פשטל און אַ שאַרפן פּילפּול און דער רב, ר׳ יעקב פון ליסא, האָט געזאָגט אַ תורה אין קבלה, האָט דערנאָך ר׳ הערשעלע געזאָגט בדרך הלצה, אַז איצט פאַרשטייט ער דעם פשט פון דער משנה (עדיות ספ״ח): „אין אליהו בא לא לטמא ולא לטהר, לא לרחק ולא לקרב אלא לעשות שלום בעולם!״ (אליהו הנביא קומט נישט, ניט מטמא צו זיין און נישט מטהר צו זיין, נישט צו דערווייטערן און נישט צו דערנענטערן נאָר צו מאַכן שלום אויף דער וועלט). וואָרעם די לומדים פלעגן זאָגן, אַז די רביים קאָנען נאָר זאָגן תורות אין נסתר און קבלה, אָבער ווען עס קומט אין נגלה, צו זאָגן אַ פשטל און אַ פּילפּול אין גמרא, זיינען זיי שטומע... די חסידים ווידער פלעגן זאָגן, אַז די רבנים קאָנען נאָר לערנען אַ בלאָט גמרא, אָבער אין קבלה, אין סתרי־תורה זיינען זיי פרעמדע. איצט האָט זיך אַרויסגעשטעלט פונקט פאַרקערט. דער ליסער רב האָט געוויזן, אַז ער איז אַ בעל־מקובל, „און איך אַליין, — אַז איך קאָן אויך אַריינקוקן אין אַ גמרא... איצט וועט שוין אליהו הנביא קאָנען קומען אויף דער וועלט און מאַכן שלום צווישן די חסידים און די מתנגדים״.

אָבער נישט אַזוי האָבן געהאַלטן די משכּילים פון זידיטשויווער רבין. זיי האָבן אויסגעטראַכט אויף אים בלבולים און האָבן אַריינגעלייט אין זיין מויל נאַרישע תורות, אַלץ כּדי אים צו פאַרמיאוסן אין די אויגן פון דעם המון־עם, און זיי האָבן זיך אַפילו נישט אָפּגעשטעלט אים צו לאָזן אַרעסטירן. מיר זעען דאָס פון די בריוו, וואָס דער יידישער היסטאָריקער דר. פיליפּ פרידמאַן האָט פאַרעפנטלעכט אין: „פון נאָענטן עבר״, (באַנד 4, וואַרשע, 1938, זייטן 59־74). אַזוי, למשל, באַקלאָגט זיך אַ משכּיל פון פּאָדקאַמין אין אַ בריוו, אַז דער זידיטשויווער רבי האָט אַרויסגעגעבן אַ חרם אויף די אַלע, וואָס לייענען דייטשע ביכער, און ער ברענגט אַ תורה פון זידיטשויווער רבין, וואָס איז לויט אונדזער מיינונג ווייט פון אמת...

מיר האָבן שוין פריער דערציילט, אַז יוסף פּערל האָט געמסרט דעם זידיטשויווער רבין, ווען ער האָט זיך דערוואוסט אין יאָר 1827, אַז ער קלייבט זיך צו פאָרן אויף שבת קיין פּאָדקאַמין. פון דעם בריוו, וואָס דער משכּיל מרדכי פייערשטיין האָט געשריבן צו דעם משכּיל מיכל מאַניס, וועלכער איז געווען דער גמרא־לערער אין יוסף פּערל שול אין טאַרנאָפּאָל, דערוויסן מיר זיך, פאַרוואָס דער פּחד פון יוסף פּערל איז געווען אַזוי גרויס און פאַרוואָס ער האָט איינגעלייגט וועלטן, אַז דער זידיטשויווער רבי זאָל ניט קומען אויף שבת קיין פּאָדקאַמין, ווייל אין אַ בריוו, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין יאָר תק״פ (1820) ווערט דערציילט, אַז דער זידיטשויווער רבי איז דאָרטן געווען שבת און האָט געלייגט אין חרם אַריין די אַלע, וואָס לייענען דייטשע ביכלעך.

דער בריוו איז געשריבן געוואָרן אין אַ דייטשמערישער שפּראַך געמישט מיט לשון־קודשדיקע ווערטער. (מיר ווילן דאָ איבערגעבן געוויסע אויסצוגן פונעם בריוו אין אַ יידישער איבערזעצונג, נאָר די כאַראַקטעריסטישע שטעלן ווילן מיר איבערגעבן אין דער אָריגינעלער שפּראַך).

דער בריוו הויבט זיך אָן מיט:

„ב״ה, יום א׳ שלח, תק״פ, פּידקאַמין.

„ליבער הער מיכל מאַניס נ״י וע׳.

„איצט וויל איך אייך שרייבן די פינצטערע תורה, וואָס דער רבי צבי זידיטשויווער האָט געזאָגט. ווען איך האָב זיך נעכטן, שבת צו שלוש־סעודות, אַריינגעכאַפּט אין דער קלויז אין דער פינצטער, אַזוי, אַז קיינער זאָל מיך נישט דערקענען, האָב איך געהערט זאָגן אַט־וואָס: ווער עס לערנט (תורה) מיט אַן איבערזעצונג אָדער דייטש, איז אַן

אַפּיקורוס. איך בין מחרים אַלע, וואָס לעזען, אָדער האָבן אַפילו ביי זיך אַ דייטש ביכל, משני עולמות, בפרט טאַרנאָפּאָל, שהוא בגימטריא פּה אל פּה בספר קטן. איך זאָג, זיי זיינען מוחרם, זיי זיינען אין חרם, מען זאָל מיט זיי נישט האַנדלען, נישט רעדן, מען זאָל וויכן. מען מעג מיך אָנגעבן. מען וועט אונדז גאָרנישט קאָנען טאָן. מיר זיינען פון קינדווייז אויף קודש. וואָס קאָנען גויים אָדער טמאים אונדז טאָן?...״

און דאָ שרייבט דער משכיל: „זי קאָנען זיך פאָרשטעלן, ווי מיר צו מוטהע וואַר. איך באַזיץ מוט געגוג דיזעם שווערמערישן הונדע מיטן אין זיינען ראַטטע נידער צושטירצען!״ (איר קאָנט זיך פאָרשטעלן ווי עס מיר געווען אויפן האַרצן, איך האָב גענוג מוט דעם דאָזיקן בעל־חלומותדיקן הונט אינמיטן פון זיינע מענטשן אַראָפּצואוואַרפן).

מיר קאָנען אפשר גלויבן, אַז דער דאָזיקער נאַאיווער משכיל האָט זיך אַזוי איבערגענומען פון ר׳ הערשעלעס תורה, אַז ער איז טאַקע קראַנק געוואָרן, ווי ער שרייבט ווייטער אין זיין בריוו. אָבער עס איז שווער צו גלויבן, אַז ר׳ הערשעלע זאָל זאָגן אַזאַ נאַרישע תורה, ווי ער לייגט אים אין מויל אַריין (אגב, באַטרעפט גאָר נישט „פּה אל פּה בספר קטן טאַרנאָפּאָל״, ווי אַזוי מען זאָל ניט אויסלייגן דאָס וואָרט טאַרנאָפּאָל).

ווי עס ווייזט אָבער אויס, האָט דער משכיל מורא געהאַט, אַז דער זידיטשויווער רבי וועט פּועלן ביי זיינע חסידים, זיי זאָלן צונעמען זייערע קינדער פון די משכילישע לערערס. און אַזוי ווי עס זעט אויס פון דעם בריוו, איז דער משכיל מרדכי פייערשטיין געווען אַ לערער אינעם שטעטל, האָט ער זיך געשראָקן, אַז ער וועט בלייבן אָן פּרנסה. דערביי איז אינטערעסאַנט, ווי אַזוי ער שרייבט, אַז ער שרעקט זיך, אַז ער וועט בלייבן אָן אַ קנעלונג, „אָן קינדער״. בפרט איז אים אַ שאָד דאָס ייִנגל פון דער משפחה ראבעל, וואָס עס האָט אים שוין פיל מי געקאָסט, ער זאָל אים אַריינכאַפּן אין די משכילישע רייען... און דער משכיל פייערשטיין לאָזט אויס זיין בריוו, אַז מאַניס זאָל דער־ציילן די משכילים פון טאַרנאָפּאָל און מען זאָל אים שרייבן, וואָס ער זאָל טאָן, און ער פאַרענדיקט: „איך ביטע זי, טרעסטען זי מיך, שפּרעכן זי מיר מוט צו, דאָס דאָך די גאַנצע וועלט ניכט פער־דונקעלט איזט!״

אָבער אויב דער משכיל פייערשטיין האָט בלויז געוואָלט „דעם שווערמערישן הונט״ צוזאַמען מיט זיינע אָנהענגער צעשלאָגן, האָט אַ צווייטער משכיל טאַקע דורכגעפירט אַזאַ פּלאַן, אַז מען זאָל אַרעס־טירן און אַרויסשיקן דעם זידיטשויווער רבין, בעת ער איז געווען אין יאַראָסלאַוו.

דאָס ווערט דערציילט אין אַ בריוו, וואָס דער משכיל אונגאַר פון יאַראָסלאַוו שרייבט צו קאַרל פלאהן, וועלכער איז געווען לערער פון פויליש און קאַליגראַפיע אין יוסף פערלס שול אין טאַרנאָפּאָל.

דער דאָזיקער בריוו איז אויך געשריבן אין אַ דייטשמערישן דיאַלעקט, דאַטירט דעם 15טן אויגוסט, 1822.

אינעם בריוו דערציילט דער משכיל אונגאַר, אַז הגם ער האָט ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק געשריבן אַ בריוו, נאָר דער ענין איז אַזוי וויכטיק, אַז ער מוז נאָכאַמאָל שרייבן.

און ער דערציילט, אַז „מיטוואָך, זיבן אַזייגער אין אָוונט, איז אָנגעקומען דער רבי ר׳ הערשעלע זידיטשויווער קיין יאַראָסלאַוו אויף זיין דורכרייזע פון אונגאַרן.

„מער ווי אַ שעה איז געשטאַנען ר׳ הערשעלע״, — דערציילט דער משכיל — „פאַר דער שטאָט און געוואַרט ביז אַ פּאָר אָרעמע חסידים זיינען צו אים אַרויסגעקומען, כדי ער זאָל קאָנען האָבן אַ פייערלעכן אַריינפיר... אין צווישן איז אין דער שטאָט געווען אַלץ צוגעגרייט מיט פולער דערוואַרטונג „דעם העכט״ צו זען. נו, האָט זיך אָנגעהויבן דער אַריינפאָר. אַ כאַפּטע „בעטלער־יודען״ זיינען געלאָפן פון פּראָכניקער שלאַג (שלאַבאַן) דורך דער שטאָט ביז צו ר׳ שמעונען (געמיינט דעם רבי ר׳ שמעון יאַראָסלאַווער) און האָבן געשריגן: „האַ־האַ!״ דערנאָך איז געקומען דער „באַטריגער״ (גנב — געמיינט דעם רבין ר׳ הערשעלע זידיטשויווער), אין אַ געלב־לאַקירטן וואָגן מיט פיר רעדער אויף ספּרינזשינעס, מיט פיר פערד אין דער לענג געשפּאַנט. אויף דעם אויבערשטן געזעס זיינען געשטאַנען צוויי יידן מיט לאַנגע בערד און פון הינטן אויך די זעלבע צוויי „קרעאַטורן״. דער קוטשער איז געריטן אויף דעם פאָדער־ברעט און געשמיסן מיט אַ לאַנגער בייטש די יידן, וואָס האָבן געשטערט דאָס פאָרן. רעכטס איז געזעסן דער „באַטריגער״ און לינקס דער העלפערס־העלפער, ר׳ שמעון...

„נו, קאָנסטו דיר פאָרשטעלן, ווי דאָס אַלץ מיך עמפּערט האָט!״ — שרייבט דער משכיל.

„דערצו נאָך האָט דער רבי (ר׳ הערשעלע), געמאַכט דעם אָנשטעל״, שרייבט ער ווייטער אין זיין בריוו, „אַז ער וויל נאָך פּאָר שבת אָפּפאָרן פון דער שטאָט. מען האָט צונויפגעזאַמלט צווישן די חסידים אַלטע שטיקער זילבער, טאַבאַק־פושקעס, פאַרשידענע מינצן, און מען האָט דעם רבין געקויפט אַ מתנה אַ פּאָר זילבערנע לייכטער פון 130 לויט, כדי דער רבי זאָל בלייבן שבת אין שטאָט. און מען האָט גע־

פועלט ביים רבין, ער זאָל מסכים זיין צו פאַרבלייבן שבת. מען האָט גלייך געשיקט צום רבין ר׳ שמעון, וואו דער רבי ר׳ הערשעלע איז איינגעשטאַנען, פאַרשידענע עסנוואַרג. איינער האָט געשיקט דריי גאַנ־ניץ זאַלץ, אַן אַנדערער קאַרטאָפּל, מעל, עופות און אַנדערע מיני שפּייזן״.

דער משכיל אונגאַר האָט דאָס אַלץ נישט געקאָנט צוזען מיט אַ רואיק האַרץ. האָט ער טאַקע באַשלאָסן — שרייבט ער ווייטער — „נאָך פּאָר שבת אַרויסצושיקן דעם רבין פון שטאָט מיט דער הילף פון קרייז־אַמט. כדי אָבער דעם פּלאַן אויסצופירן, האָט ער איינגעלאַדן זיין פריינט ערדוואורם, מיט וועמען ער איז באַקאַנט געווען און ער איז מיט אים געגאַנגען אין באַד אַריין, דאָרט דעם גאַנצן פּלאַן איבערצורעדן.

דער ערדוואורם האָט אָבער געהאַט אַן אַנדער פּלאַן, אַז אַנשטאָט מען זאָל דעם רבין מסרן פאַרן קרייז־אַמט, זאָל מען בעסער זיך דורכריידן מיט דעם בירגערמייסטער לעוואַנדאָווסקי, מיט וועמען אונגאַר איז באַקאַנט.

דער משכיל האָט שוין איצט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה, — שרייבט ער, — ווי אָנצונעמען דעם פּלאַן פון ערדוואורמען, ווייל יענער האָט שוין געוואוסט וואָס ער האָט געוואָלט טאָן, און „דערפאַר — לאָזט ער אויס — איז דער פּלאַן נאָר האַלב געלונגען״.

און שבת אָוונט, אַרום אַכט אַזייגער, ווען דאָס געזאַנג פון די חסידים האָט זיך געהערט בעת זייער זיצן מיטן רבין ביי שלוש־סעודות, איז דאָס חסידים־הויז געוואָרן אַרומגערינגלט מיט אַ מיליטערישן פּאַטרול, וועלכער איז אָנגעפירט געוואָרן פון פּאָליציי־קאָמיסאַר צוזאַמען מיט אַכט פּאָליציאַנטן, אַלע מיט ביקסן און באַיאָנעטן, און דער פּאָליציי־קאָמיסאַר איז אַריין אין חסידים־שטיבל, וואו עס זיינען געווען איבער צוויי הונדערט חסידים און פאַרלאַנגט, אַז דער רבי ר׳ הערשעלע זאָל מיט אים מיטגיין...

און דער משכיל קוויקט זיך פאַר פרייד און שרייבט: „נון וואַר דאָס שלוש־סעודות פערשטערט!...״ אַ טייל חסידים זיינען אַנט־לאָפן און אַנדערע האָבן געוואָלט געבן חורש־געלט דעם קאָמיסאַר, אָבער ער האָט זיך ניט געלאָזט אָפּקויפן, „נאָר דער רבי איז געשלעפּט געוואָרן פון דער פּאָליציי ביז צו דער טיר״. אָבער דער רבי איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון דער פּאָליצייאישע הענט דורך די חסידים, און מען האָט „באַזעניפט״ דעם קאָמיסאַר און מען איז אויך גלייך געלאָפן צום בירגערמייסטער לעוואַנדאָווסקי און געגעבן אויסקויף־געלט און דאָס האָט געפועלט. מען האָט בלויז צוגענומען ביים רבין דעם פּאַס און

געהייסן אים קומען דעם אַנדערן טאָג, כדי צונויפצושטעלן אַ פּראָטאָקאָל. אינצווישן האָט דער רבי נישט געטאָרט פאַרלאָזן די שטאָט. און אויפן צווייטן טאָג האָט דער רבי באַקומען אַ באַפעל, אַז ער מוז גלייך אַרויס פון יאַראָסלאַוו.

דער משכיל אונגאַר לאָזט אויס זיין בריוו: „קיינער פון די חסידים ווייסט נישט, אַז איך האָב געמסרט", און ער בעט אויך דעם משכיל פּלאַהן, אַז ער זאָל אים שרייבן „ווי די זאַך האָט אים געפעלן!"...

פון דעם משכיל אונגאַרס בריוו זעט מען, אַז דאָס רוב חסידים פון יאַראָסלאַוו זיינען געווען אַרעמעלייט, אָבער נישט בלויז די חסידים פון יאַראָסלאַוו זיינען געווען „בעטלער־יודען", נאָר אויך די חסידים פון נישט געווען זייער שטאַרק צום האַרצן די משכילים...

די שנאה פון די משכילים צו חסידות איז אויך דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען האָט אויסגעטראַכט אַלערליי נאַרישע מעשיות אויף די רביים, אַבי זיי צו פאַרמיאוסן אין די אויגן פון דעם המון־עם...

נאָר איין משכיל איז געווען אין גאַליציע, וועלכער האָט זיך געכאַפּט אינמיטן דעם גרויסן קאַמף, וואָס די משכילים האָבן געפירט קעגן חסידות, און ער האָט דערזען, אַז מיטן רודפן די רביים, רודפט מען פאַקטיש די יידישע פאָלקס־מאַסן און מען דערווייטערט זיך איינגאַנצן פון זיי...

און דער דאָזיקער משכיל איז געווען יעקב שמואל ביק פון בראָד, וועלכער איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון די בראָדער משכילים.

אַ מערקווירדיקער טיפּ איז געווען יעקב שמואל ביק. ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ מיוחסדיקער רייכער פאַמיליע אין דער האַנדלס־שטאָט בראָד (בערך 1770). ער איז געווען אַ גרינטלעכער קענער פון דער העברעאישער שפּראַך און האָט געהאַט אַ געוויסע אייראָפּעאישע בילדונג. ער איז געווען באַהאַוונט אין דער מאָדערנער דייטשער, פראַנצויזישער, ענגלישער ליטעראַטור און ער פלעגט איבערזעצן אין העברעאיש פראַנצויזישע און ענגלישע לידער. ער איז געווען זייער שטאַרק באַליבט ביי די משכילים אין גאַליציע און האָט אָפטמאָל מיט זיי געפירט אַ קאַמף וועגן זייער נעגאַטיווער שטעלונג צו יידיש, אָבער איינגאַנצן איבערגעריסן מיט די משכילים האָט ער צוליב זייער קאַמף מיט די חסידים.

גראָד ער, ביק, וועלכער האָט געהערט צום אויבערשטן שיכט פונעם רייכן סוחרישן שטאַנד, גראָד ער איז פאַקטיש געווען דער איינציקער ווירקלעכער דעמאָקראַט צווישן די גאַליציאַנער משכילים פון

יענער צייט. און אַזוי ווי ביק האָט געהאַט אַ ראָמאַנטישע נשמה, איז אים נישט געווען שטאַרק צום האַרצן דער משכילישער ראַציאָנאַליזם.

עס איז זייער מעגלעך, אַז אויף ביקן האָט אויך געווירקט די נישט־כשרע מיטלען, מיט וואָס די משכילים האָבן זיך באַנוצט אין זייער קאַמף קעגן די חסידים, און אים איז געווען דערווידער די אָפטע מסירות פון די משכילים און זייער זיין תמיד קנעפל שבקנעפל מיט יעדן עסטרייכישן באַאַמטן און זייער זיין שטאַרק אויסגעקאָכט מיט אַלע רעגירונגס־פאַרטרעטער.

און ביק האָט איבערגעריסן מיט די משכילים. ער האָט פּלוצלינג דערזען, וואָס פאַר אַ שטאַרקע רעוואָלוציע דאָס חסידות האָט אַרויס־גערופן אין דעם גייסטיקן לעבן פון די ברייטע און אָרעמע פאָלק־שיכטן. ער האָט מער נישט געקוקט, ווי זיינע חברים, אויף די באַ־שאַפער און מנהיגים פון חסידות ווי בלויז געלט־גייציקע „גוטע יידן", וואָס שלעפּן אַרויס וואָס מער פּדיונות ביים פּשוטן פאָלק, נאָר ער האָט אין זיי געזען גייסטיקע פּערזענלעכקייטן, וועלכע זיינען געווען אימ־שטאַנד — ווי ביק דריקט זיך אויס אין איינעם פון זיינע בריוו (זע „אוצר הספרות", דריטע אָפּטיילונג, „אורות מאופל", זייט 26; זע אויך דר. י. צינבערג, „די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן", באַנד 7 און 8) — „צו ווערן פירער פון הונדערטער טויזנטער חסידים!"

ביק האָט שוין צווישן די רביים אויך דערזען אַזעלכע גייסטיקע פּערזענלעכקייטן ווי דעם רבין ר׳ משה לייב סאַסאָווער און ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער, וועלכע זיינען אַזוינע „אוהבי ישראל", אַז „זיי זיינען גרייט זיך מוסר נפש זיין פאַר זייערע אָרעמע ברידער". און ביק האָט אויסגעפונען, אַז די דאָזיקע „אומגעבילדעטע, פאַנאַטישע, אַבערגלויבישע צדיקים", ווי די משכילים האָבן זיי באַטיטלט, פאַרמאָגן מער אמתע מענטשן־ליבע, ווי אַנדערע געבילדעטע משכילים, וועלכע זיינען באַ־האַוונט אין דער מאָדערנער פילאָזאָפיע.

און צוליב דעם איז ביק זיך צעגאַנגען מיט דעם „ארי שבחבורה" פון די משכילים, מיט שלמה יהודה ראַפּאָפּאָרט (שי״ר). ביק קאָן נישט באַגרייפן ווי ראַפּאָפּאָרט קאָן אַזוי פיל רעדן וועגן „אהבת האומה", וועגן ליבע צום פאָלק, צו די קינדער פון „דער פאַראייניקטער מוטער ציון" און אין דער זעלבער צייט האָסן בתכלית השנאה די „כת החסידים". „דו האָסט דאָך אַזוי ליב — שרייבט ביק צו ראַפּאָפּאָרטן — דעם דיכטער שילער און דו איבערזעצסט דאָך גערן זיינע לידער, פאַר־וואָס־זשע האָסטו נישט איינגעחזרט פאַר זיך גופא זיין קאָסמאָפּאָליטישן

פערז: „אַ קוש דער גאַנצער וועלט״, און דו ביסט דעם דאָזיקן פערז נישט מקיים בנוגע צום פאָלק ישראל — צו האַלדזן און קושן אַלע אונ־דזערע ברידער מיטן גאַנצן האַרצן און מיט דער גאַנצער נשמה אַפילו ווען מען דאַרף דערמיט באַצאָלן אי מיטן שכל און אי מיט דער נשמה! אָבער יידן נישט!...״

און ביק האָט שוין דערזען, אַז מיט בלויז מליצהדיקע רייד וועט מען נישט ראַטעווען די יידן כל־זמן עס וועט נישט קומען אַן ענדערונג אין זייער פאַרקריפּלטער עקאָנאָמישער סטרוקטור. און אין אַ בריוו צום משכיל שמואל לייב גאָלדבערג, דעם רעדאַקטאָר פון „כרם חמד״, שרייבט ער: „וואָס טויג אונדז שיינקייט, בעת עס גיסן זיך טרערן פון אונדזערע ברידערס אויגן, וועלכע זיינען געווענדט צו אונדז מיט געבעט אַנצושפּייזן זייערע קינדער, וועלכע גיין אויס פאַר הונגער״... ביק האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז אויב די משכילים קאָנען די אָרעמע פאָלקס־מאַסן נישט העלפן, קאָנען אָבער די אָרעמע יידן געפינען אַ טרייסט צו זייערע פאַרוואָגלטע נשמות ביי די רביים, וועלכע האָבן זיי געהיילט ווי באַלזאַם אויף פאַרוואונדעטע גופים מיט איינפלאַנצן שמחה און בטחון אין זייערע הערצער...

מ׳קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ צעמישעניש ביקס מרידה האָט אַרויסגערופן צווישן די משכילים. און כדי נאָך מער צו באַווייזן זיין צוגעבונדנקייט צו די חסידים, האָט ביק אויף אַ דעמאָנסטראַטיוון אופן פאַרקויפט דעם „מורה נבוכים״... דאָס האָט שוין גאָר אַרויס־געבראַכט די משכילים פון די כלים. זיי האָבן עס גאָר נישט געקאָנט פאַרשטיין מיט זייער שכל־הישר. איינער פון די אָנגעזעענסטע משכילים און אויפגעקלערטע ווערט פלוצלינג אַ בעל תשובה, חברט זיך ׳מיט דער „כת החסידים״ און רעדט מיט דעם גרעסטן רעספּעקט וועגן די רביים, די „אויסנאַרער״!...

און דער גאַליציאַנער משכיל יהודה לייב מיזעס שרייבט אין אַ בריוו (פאַרעפנטלעכט אין „בכורי העתים״ 11) צו זיינעם אַ חבר, וואָס האָט אים מודיע געווען וועגן דעם גרויסן „בעל תשובה״, אַז „איך וואָלט דאָס נישט געקאָנט גלויבן, ווען איך זאָל דאָס נישט לייענען אין דיין בריוו... ווער וואָלט זיך דאָס געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אַ מענטש וואָס האָט שטענדיק געשטרעבט, אַז זיין גאַנץ טאָן און טראַכטן זאָל זיין „על פי השכל והצדק״ זאָל אַזוינס אָפּטאָן? ווען מען האָט דאָס געקאָנט קומען אויפן געדאַנק אַפילו צוצוגיין צו אַזאַ מענטשן און אים זאָגן: „עס וועט קומען אַ צייט און דו וועסט זיך חברן מיט די פאַרנאַרישטע מענטשן, מיט די „אנשי הבעש״טים״... „ווי גרויס איז מיין עגמת־נפש —

שרייבט מיזעס ווייטער — מיר און די חכמה האָבן פאַרלוירן אַ געטרייען פריינט און די כת פון די נאַראָנים און די בעל־שמניקעס וועלן זיך פרייען ווי אויף אַ גרויס געווינס!...״

מיזעס וויל זיך אַפילו טרייסטן מיטן געדאַנק, אַז „אפשר איז דאָס בלויז אַן אָנשטעל, אַז אפשר האָט זיך ביק פאַרשטעלט פאַר אַ חסיד, כדי ער זאָל קריגן צוטרוי ביי די חסידים און ער זאָל קאָנען געוואויר ווערן וועגן זייערע סודות״, ווייל „די פירער פון דער „כת הבעש״טים״ וועלן שוין פון אים גאָר נישט פאַרהוילן!...״

עס האָבן אויך נישט געפעלט די בריוו וואָס ראַפּאָפּאָרט האָט דערנאָך צו אים געשריבן און די געהיימע שליחים וואָס די משכילים האָבן צו אים געשיקט ער זאָל „חוזר בתשובה״ זיין און ווערן צוריק אַ „זייעריקער״, נאָר ער איז ווייטער פאַרבליבן אַ פריינט פון די חסידים.

און דערפאַר איז אויך פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס ביק איז כמעט געוועזן איינער פון די ערשטע משכילים, וועלכער האָט זיך אָנגענומען פאַרן כבוד פון דער יידישער שפּראַך. ווען דער משכיל פעדער איז אַרויס מיט אַ פּאַמפלעט קעגן מענדיל לעפינען, ווייל יענער האָט זיך דערלויבט איבערצוזעצן משלי אויף דעם „מיאוסן זשאַרגאָן״, האָט ביק אים געענטפערט מיט אַ בריוו וואו ער זאָגט צווישן אַנדערן:

„וועגן דער שפּראַך אין וועלכער ער (לעפין) האָט איבערזעצט דעם ספר משלי, גלייכסטו (פעדער) זי צום קוויטשן פון פייגל און צו קולות פון בהמות און חיות אין וואַלד. דערמאָן דיך אָבער פריינט, אַז אויף איר האָבן גערעדט אונדזערע טאַטעס און זיידעס אין פוילן־לאַנד, זיבנ פיר הונדערט יאָר. אויף איר האָבן גערעדט און געדענקט און געדרשנט די גאונים, דער ב״ח, דער רמ״א, און אויף דער דאָזיקער שפּראַך האָט אויך גערעדט דער ווילנער גאון...״

און ביק לערנט מיט פעדערן אַ פּרק אין פילאָלאָגיע און ער גיט אים צו פאַרשטיין, אַז אויך אָרום ווין גייט אַרויס אַ צייטונג אין דער גערעדטער דייטשער שפּראַך, וואָס דאָס פאָלק רעדט, און אַז אויך „פראַנצויזיש און ענגליש, זיינען אַ געמיש פון גאַליש, לאַטיין און גריכיש!... און ערשט מיט הונדערט יאָר צוריק איז אויך די דייטשע שפּראַך געשטאַנען אויף אַ גאַנץ נידעריקער מדרגה און אויך די רוסישע שפּראַך איז געוועזן אַ פּויערים־שפּראַך!...״

דערפאַר עצהט ביק פעדערן ער זאָל דאַנקען לעפינען וואָס ער האָט איבערגעזעצט משלי אויף דער יידישער פאָלקס־שפּראַך...

מיר האָבן מיט אַ כיוון געבראַכט אַ גרעסערן אויסצוג פון ביקס

בריוו, כדי צו באַווייזן, אַז ביק איז אויך געווען אַ הייסער פאַרטיידיקער פון דער יידישער שפּראַך, און מיר מיינען, אַז דאָס איז נישט געווען אַ צופאַל, נאָר אַז דאָס איז אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך אין ביקן, וואָס באַווייזט, אַז ווייל ער האָט פאַרטיידיקט דאָס חסידות, די גרויסע פאָלקס־באַוועגונג, דערפאַר האָט ער אויך געהאַט אַ פאַרשטענדעניש פאַר דער פאָלקס־שפּראַך, יידיש! וואָרעם יידיש איז דעמאָלט געווען די איינציקע שפּראַך פון די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן.

שווער איז איצט פעסטצושטעלן צי ביק האָט דערנאָך, ווען ער איז געוואָרן אַן אָנהענגער פון חסידות, באַגעגנט אַ רבין, אָבער פון זיינע בריוו און דער אופן פון זיין פאַרטיידיקן דאָס חסידות זעט מען, אַז ער האָט געקענט רביים און עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז ער האָט אויך געקענט דעם רבין ר' הערשעלע זידיטשויווער, קעגן וועמען די גיפטיקסטע פיילן פון די משכילים זיינען געשליידערט געוואָרן...

און פונקט אַזוי ווי ביק האָט אויף זיין שטייגער געזאָרגט פאַר די יידישע פאָלקס־מאַסן און זיי געוואָלט דערהייבן, אַזוי האָט אויך דער רבי ר' הערשעלע תמיד געזאָרגט פאַר זיינע אָרעמע חסידים און פאַר די דאָרפס־יידן. און ער האָט געזען, אַז די דאָרפס־יידן זאָלן האָבן מלמדים און זיי באַזאָרגט מיט יידישקייט. אָבער וויפיל ר' הערשעלע זידיטשויווער האָט זיך באַמיט, אַז די דאָרפס־יידן זאָלן קאָנען פירן אַזאַ יידיש לעבן ווי די יידן אין שטאָט, האָט זיך דאָס אים נישט תמיד איינגעגעבן און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז דער זידיטשויווער רבי האָט אָנגעהויבן טראַכטן, אַז די דאָרפס־יידן וואָלטן אפשר געדאַרפט פאַרלאָזן די דערפער. נאָר צוליב אַ חלום האָט ער געביטן זיין דעה און מסכים געווען, אַז די יידן זאָלן פאַרבלייבן אויף זייערע מקומות און האָט נאָך גאָר אויסגעפּועלט, מיט זיינע תפילות, אַז אַ שווערע גזירה זאָל בטל ווערן.

און אָט וואָס עס ווערט דערציילט צווישן די חסידים וועגן דעם ענין:

אַמאָל איז אַרויס אַ גזירה פון דער עסטרייכישער רעגירונג, אַז די יידן טאָרן נישט וואוינען אין די דערפער. האָבן זיך צונויפגעקליבן אַ דריי־הונדערט דאָרפס־יידן פון דער גאַנצער געגנט אַרום זידיטשויוו און זיינען אַריינגעפאָרן צום רבין און אים געבעטן ער זאָל מתפלל זיין, אַז די גזירה זאָל בטל ווערן.

ווערט דערציילט אינעם ספר „עטרת הצדיקים" ווי אַזוי דער רבי ר' הערשעלע האָט גערעדט צו די דאָרפס־לייט און האָט זיי געזאָגט,

אַז ער זעט נישט איין פאַרוואָס די גזירה דאַרף אָפּגעשאַפט ווערן, וואָ־רים אַ סך דאָרפס־יידן האָבן מער נישט קיין כשרע מקוה, זיי קאָנען מער נישט זאָגן קיין קדושה און ברכו בציבור, און אַ היפּשער טייל פון זיי ווערן שוין, נעבעך, נכשל אין חלול שבת...

האָבן די דאָרפס־יידן אויפגעהויבן אַ געוואַלד און האָבן אָנגעהויבן צו שרייען, אַז אויב מען וועט זיי אַרויסטרייבן פון די דערפער וועלן זיי בדיל־הדל ווערן, וואָרעם די פּויערים וועלן זיי מער נישט אָפּצאָלן די חובות וואָס עס קומט פון זיי, און אויך אין די שטעטלעך וועלן זיי נישט קאָנען וואוינען, ווייל זיי זיינען נישט מסוגל צו האַנדלען, אַזוי ווי די שטאָטישע יידן.

האָט דער רבי ר׳ הערשעלע זיי געהייסן איבערנעכטיקן ביי אים אין הויז און זיי צוגעזאָגט מאָרגן צו געבן אַ תשובה. און אין דער פרי זיינען אַלע דאָרפס־יידן צוריק אַריינגעקומען צום רבין אין שטוב אַריין און זיי האָבן געוואַרט אויף אַן ענטפער. האָט זיי דער רבי ר׳ הער־שעלע געזאָגט: אַז ער האָט ביינאַכט געהאַט אַ חלום און עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער קלאַפּט אין אַלע טויערן פון גן־עדן וואו עס זיצן די תנאים און אמוראים און ער בעט זיי זאָלן אים צוהעלפן די גזירה קעגן די דאָרפס־יידן בטל צו מאַכן, אָבער אַלע האָבן געטענהט, אַז צוליב יידישקייט איז גלייכער, אַז די דאָרפס־יידן זאָלן פאַרלאָזן די דערפער, ביז עס האָט זיך דערהערט דאָס קול פון ר׳ שמעון בר יוחאי, וואָס האָט געזאָגט אַז: „די יידן טאָרן נישט פאַרלאָזן די דערפער, ווייל עס וועט אויסקומען, אַז יידן וועלן וואַנדערן פון אָרט צו אָרט און וועלן קיינמאָל נישט קאָנען זיך אָפּשטעלן איבער־נעכטיקן אין אַ יידישער קרעטשמע און זיי וועלן קיינמאָל נישט האָבן ביי וועמען צו באָרגן אַ טלית און תפילין, און יידישע אָרעמעלייט וועלן מער נישט קאָנען גיין איבער דער מדינה...״ *)

האָבן זיך אָנגערופן די תנאים און אמוראים צו ר׳ שמעון בר יוחאי: „לאָמיר אויך פרעגן אַ צדיק הדור, וואָס געפינט זיך נאָך אויף דער ערדישער וועלט, און הערן וואָס ער וועט זאָגן״. האָט ר׳ שמעון בר יוחאי געהייסן פרעגן דעם זידיטשויווער רבין ר׳ הערשעלע, האָט דער זידיטשויווער רבי אויך מסכים געווען מיט ר׳ שמעון בר יוחאי...

און דער רבי ר׳ הערשעלע האָט אויסגעלאָזט, דערציילנדיק זיין

---

*) זע די מעשה וועגן די דאָרפס־יידן וואָס ווערט דערציילט אין אָפּטייל דער ראָפּשיצער רבי, קאַפּיטל ה׳.

חלום צו די דאָרפס־יידן, אַז ער האָפט אַז די גזירה וועט גאָר בקרוב אָפּגעשאַפט ווערן.

און אַזוי איז טאַקע געווען, — לאָזט אויס די חסידישע מעשה, — אין דעם זעלביקן יאָר, וואָס דער מיניסטער האָט אַרויסגעגעבן די גזירה, איז ער געשטאָרבן און די גזירה איז אינגאַנצן בטל געוואָרן און די יידן האָבן ווייטער געמעגט וואוינען אין די דערפער ווי פריער...



אַ בריוו פון רבין ר' משה לייב סאַסאָווער

# קאַפּיטל ו

## דער זידיטשויווער רבי פירט אַ קאַמף מיט די פלייש-און-ליכט פאַכטערס

די יידישע פאַכטערס האָבן זייער מצער געווען דעם זידיטשויווער רבין. — זיי האָבן צו אים אַריינגעשיקט פרייטיק־צו־נאַכטס פאָלי־ציי אויסצולעשן די ליכט, וואָס האָבן געברענט אויפן טיש. — זיין תלמיד ר׳ שמעון יאַראָסלאָווער. — די פטירה פון זידיטשוי־ווער רבין.

דער רבי ר׳ הערשעלע זידיטשויווער איז נישט בלויז פאַרפאָלגט געוואָרן פון די משכילים, נאָר אויך פון די ליכט־פאַכטערס, וועלכע זיינען געווען ווי אַ פלאָג פאַר די אָרימע יידישע פאָלקס־מאַסן.

דאָס געזעץ פון אָפּצאָלן אַ שטייער פאַר ליכט איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער עסטרייכישער רעגירונג אין די יאָרן 1797־1816. לויט דעם דאָזיקן געזעץ איז יעדער ייד פון גאַליציע און בוקאָווינע מחויב געווען אָפּצוצאָלן פאַר יעדן שבת־ליכטל פון חלב, פינף „צל״ (גרייצער) און פאַר אַ וואַקסענעם ליכט — פופצן „צל״. פאַר יעדן יאָר־צייט־ליכט פון חלב — דריי „צל״, און פון וואַקס — זעקס „צל״; פאַר יעדן חנוכה־ליכטל פון חלב אָדער בוימל — איין „צל״, און פון וואַקס — צוויי „צל״; פון יעדן יום־כיפור־ליכט, וואָס מען האָט גע־געבן אין שול אַריין צו הזכרת־נשמות — איין „צל״; און פאַר יעדן ליכט אָדער שטורקאַץ, וואָס מען האָט אָנגעצונדן אויף אַ חתונה אָדער אויף שבע־ברכות, האָט מען געמוזט באַצאָלן איין גולדן. (זע: שטעגער, „וועגן די יידישע געזעצן״, לעמבערג, 1833, צווייטער חלק, זייט 97). אָט די שטייערן זיינען געווען אַ גרויסע לאַסט אויף די יידישע פאָלקס־מאַסן. די יידישע פאַכטערס האָבן אויף אַ שוידערלעכן אופן אונטער־דריקט די אָרימע יידן.

דערצו זיינען נאָך צוגעקומען די פליישׂ־פּאַכטערס, וואָס האָבן גענומען אַ שטייער פון יעדן שטיקל פליישׂ וואָס אַ ייד האָט געוואָלט קויפן אויף שבת. די דאָזיקע גרויסע שטייערן האָבן געבראַכט דערצו, אַז די יידן האָבן געקוקט אויף די פּאַכטערס ווי אויף בלוט־זויגערס, און אין גאַליציע איז געווען אַ בושה, ווען מען האָט איינעם פאַרגע־וואָרפן אַז ער איז געווען אַן אייניקל פון אַ יידישן פליישׂ־פּאַכטער...

די יידישע פּאַכטערס האָבן געפילט, אַז דער זידיטשויווער רבי פירט קעגן זיי אַ קאַמף, אַז ער זאָגט אָן זיינע חסידים, זיי זאָלן נישט קוקן אויף די פליישׂ־ און ליכט־פּאַכטערס און זאָלן אָנצינדן ליכט וויפיל זיי ווילן.

דער זידיטשויווער רבי האָט געוואָלט, אַז דער דורכשניטלעכער ייד, דער ייד, וואָס איז אַ גאַנצע וואָך פאַריאָגט און פאַרפּלאָגט, זאָל שבת פילן אַ טעם פון דערהויבנקייט און פון שמחה און ער האָט מסתמא געהייסן, אַז מען זאָל אָנצינדן ליכט אין די שטובן און אַז מען זאָל קויפן אַ שטיקל פליישׂ אויף שבת, אויב אַפילו מען האָט נישט צו באַ־צאָלן דעם שטייער דעם פּאַכטער...

דאָס האָט שטאַרק פאַרדראָסן די יידישע פּאַכטערס און זיי האָבן מוראדיק מצער געווען דעם זידיטשויווער רבין. אַזוי ווערט דערציילט אַז כמעט יעדן שבת און יום טוב, ווען דער זידיטשויווער רבי איז געזעסן ביים טיש מיט זיינע חסידים, איז אַריינגעקומען אַ יידישער פּאַכטער צוזאַמען מיט אַ פּאָר פּאָליציאַנטן און האָט אָנגעהויבן צו ציילן די ליכט, וואָס האָבן געברענט ביים רבין אויפן טיש. ער האָט תמיד געהאַט טענות, אַז עס ברענען מער ליכט ווי מען האָט אים אָפּגעצאָלט שטייער, און די פּאָליציאַנטן פלעגן די ליכט אויסלעשן...

דאָס האָט דעם זידיטשויווער רבי אַזוי ווי געטאָן, אַז די חסידים האָבן אַמאָל צווישן זיך אָפּגעמאַכט, אָנצולערנען דעם „שייגאָץ"... אָבער דערפון האָט זיך דערוואוסט דער זידיטשויווער רבי און ער האָט זיי געבעטן זיי זאָלן אָפּלאָזן דעם „שכור"...

און דעם רבינס זאָג איז מקוים געוואָרן... דער פּאַכטער איז געוואָרן אַ שטאַרקער שכור און פלעגט נישט בלויז אַליין טרינקען נאָר האָט ליב געהאַט צו טרינקען בצבור, צוזאַמען מיט אַנדערע מענטשן, און דער סוף זיינער איז געווען, אַז ער איז געוואָרן אַ גרויסער אָרימאַן...

און ווי עס ווערט געבראַכט אין דעם ספר „עשר קדושות" (תנינא, אות ט"ו) איז דער פּאַכטער געשטאָרבן מיט יאָרן שפּעטער אין לעמבערג אַ שכור און אַ גרויסער אָרעמאַן, אַזוי אַז מען האָט געמוזט פאַר אים אין שטאָט צונויפנעמען אויף תכריכים...

אויך די פלייש־פּאַכטערס האָבן שטאַרק מצער געווען דעם זידי־טשויווער רבין. די דאָזיקע פּאַכטערס האָבן געהאַט די גאַנצע דעה איבער די שוחטים און רבנים פון יעדער שטאָט. אַזוי האָט זיך גע־טראָפן, אַז דער זידיטשיוער רבי האָט אַריינגעזעצט זיין ברודער אלכסנדר פאַר אַ רב אין דעם שטעטל זשוראוונע, וואָס איז נאָענט צו זידיטשויוו. האָט דער רב געזען, אַז אַ שוחט פירט זיך נישט אויף כשורה, האָט ער אים מעביר געווען פון דער שחיטה. דער שוחט האָט אָבער געהאַט אויף זיין צד די יידישע פלייש־פּאַכטערס און זיי האָבן נישט געלאָזט אים מעביר זיין. דעמאָלט האָט דער זידיטשויווער רבי זיי געשריבן אַ פייערדיקן בריוו, און זיי געבעטן זיי זאָלן נישט טאָן אַנדערש, ווי ער האָט געהייסן.

אויף וויפיל דער זידיטשויווער רבי האָט געקעמפט, מען זאָל מבטל מאַכן די גזירה פון אָפּצאָלן שטייער אויף ליכט און פלייש, קאָן מען אויך זען פון דער פאָלגנדיקער מעשה, וואָס עס ווערט דערציילט צווישן די זידיטשויווער חסידים.

איינמאָל, פּורים, האָט זיך זיין חסיד ר׳ קאָפּל, פאַרשטעלט ביים רבין פאַר אַ „מלך". ער איז אַריינגעקומען צו דער סעודה פון רבינס טיש אָנגעטאָן ווי אַ „מלך", צוזאַמען מיט זיין „קעניגלעכער סוויטע"...

האָט דער זידיטשויווער רבי אים אָפּגעגעבן גרויס כבוד, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַ קעניג. ער האָט אים געזעצט אויבנאָן אויף אַ שטול און האָט געבעטן דעם מלך ער זאָל אָפּשאַפן די גזירה פון צאָלן שטייער אויף ליכט און פלייש און נעמען יידן צום מיליטער...

ר׳ קאָפּל איז אָבער דעמאָלט געווען אַביסל שיכורלעך, ער האָט געהאַט געטרונקען אַן איבעריקע כוסה, האָט ער זיך איינגע׳עקשנט און האָט געוואָלט בלויז מבטל מאַכן די גזירה פון פלייש־ און ליכט־פּאַקט, און בשום אופן נישט אָפּלאָזן יידן פון מיליטער...

דער זידיטשויווער רבי האָט אָבער שטאַרק געבעטן דעם „מלך" און פאַר אים געוויינט, ער זאָל אַלע גזירות בטל מאַכן...

אַז די חסידים האָבן געזען, אַז דער רבי בעט אַזוי שטאַרק דעם פאַרשטעלטן „מלך" און וויינט פאַר אים מיט דמעות שליש, ער זאָל אַלע גזירות בטל מאַכן, האָבן זיי אָנגעהויבן צו שטורכען און צו קנייפּן דעם חסיד ר׳ קאָפּל, ער זאָל מסכים זיין מיטן רבין...

אָבער דער שטן האָט זיך אַריינגעלייגט און ר׳ קאָפּל, זייענדיק אַביסל מבוסם פון משקה, האָט נישט פאַרשטאַנען דעם רבינס כוונה און ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט מבטל מאַכן אַלע גזירות, ביז

דער רבי האָט געזען, אַז ער קאָן גאָרנישט מער פועלן ביים „מלך", האָט ער געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט און האָט געהייסן אַרויספירן דעם „מלך"...

ווען ר' קאַפּל האָט זיך דורכגעשלאָפן, האָט ער זיך ערשט דער־מאָנט וואָס פאַר אַ נאַרישקייט ער האָט אָפּגעטאָן... אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט...

די גזירות פון ליכט־און פלייש־פּאַכט זיינען טאַקע בטל געוואָרן, אָבער די גזירה פון נעמען יידן צו מיליטער נישט. (זע „פּאר מקדושים", לעמבערג, 1865, זייט 53-54. ד"ר רפאל מאַהלער ווייזט ריכטיק אָן אין זיין בוך „השכלה און חסידות", ייוו"א, ניו־יאָרק, 1942, זייט 20, אַז די חסידישע לעגענדע האָט זיך נישט גערעכנט מיט די פאַקטן, ווייל אין דער אמתן זיינען די ספּעציעלע יידישע שטייערן ערשט בטל געוואָרן נאָך דער רעוואָלוציע פון יאָר 1848 און דער רבי ר' הערשעלע זידי־טשוויווער איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1831, בעת דער כאָלערע־מגפה, ווי מיר וועלן ווייטער שרייבן).

דערפאַר האָט דער זידיטשוויווער רבי געזאָגט, אַז מען דאַרף זיך שטאַרק היטן פאַר די, וואָס באַקומען אַמאָל עפּעס אַ ממשלה. אַזוי ווי עס ווערט געבראַכט אין ספר „זהר חי" (פרשת פקודי, רס"ג, ע"א), אַז דער זידיטשוויווער רבי האָט אַמאָל אָנגעוויזן אַ חסיד אויף זיין משמש, וואָס האָט געדאַרפט צעטיילן די לעפּל צווישן די חסידים: „זע, וויפיל רשעות", האָט דער רבי געזאָגט, „עס שטעקט אין אים! ווי ער ווייזט אַרויס, אַז ער איז דער איינציקער, וואָס קאָן צעטיילן די לעפל. היינט־זשע ווער עס האָט נאָך אַ גרעסערע ממשלה, וואָס פאַר אַ רשעות האָט יענער אין זיך"?

און דערמיט האָט אויך דער זידיטשוויווער רבי געמיינט זיין חסיד ר' קאַפּל, וואָס האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן זיין בקשה און דעריבער איז די גזירה צו נעמען יידן צו מיליטער נישט בטל געוואָרן...

דער רבי ר' הערשעלע זידיטשוויווער האָט אויך געהאַט מנהגים אין חסידות, וואָס די מתנגדים האָבן זיי נישט געקאָנט סובל זיין. אַזוי איז געווען ביי אים אַ מנהג, אַז מען זאָל וואָס ווייניקער זאָגן תחנון. און האָט זיך נאָר געמאַכט אַ יאָרצייט אָדער אַ יומא דפגרא, האָט מען שוין נישט געזאָגט קיין תחנון. און חסידים דערציילן, אַז דעם דאָ־זיקן מנהג האָט דער רבי ר' הערשעלע גענומען פון זיין רבין פון לובלין, און אויך אַז דער רבי ר' שמעון יאַרעסלאַווער, וועלכער איז צוערשט געווען אַ תלמיד פון רבין פון לובלין און דערנאָך אַ תלמיד

פון ר׳ הערשעלע זידיטשויווער, האָט געהאַט אויסצושטיין צרות פון זיין פאָטער צוליב דעם דאָזיקן מנהג, ווייל ווען ר׳ שמעון איז אין זיינע יונגע יאָרן געוואָרן אַ חסיד, האָט דער פאָטער זיינער, וועלכער איז געווען אַ גרויסער מתנגד, געהאַט דערפון גרויס צער. איינמאָל זאָגט צו אים דער פאָטער: „ווי אַזוי זאָל מיר נישט ווי טאָן מיין האַרץ, ווען איך זע, אַז ווען עס קומט נאָר אַ יאָרצייט זאָגסטו שוין נישט קיין תחנון, און ווען אַפילו דו זאָגסט עס יאָ אַמאָל, זאָגסטו עס אַזוי שנעל, אַז מען הערט קיין וואָרט נישט, בעת איך ווייס, אַז ביי תחנון דאַרף מען גיסן הייסע טרערן״...

ענטפערט אים ר׳ שמעון: „טאַטע, דו חידושסט זיך פאַרוואָס איך וויין נישט ביי תחנון, און מיך וואונדערט, פאַרוואָס איר, מתנגדים, גיסט נישט קיין טרערן גלייך ביים „איזהו מקומן״, וואָרעם אין די ווערטער אַליין איז שוין פאַראַן גענוג, אַז דאָס האַרץ זאָל צעגיין פאַר געוויין, ווייל ווען מען דערמאָנט זיך פאַרוואָס איז היינט נישט פאַראַן דער מזבח — דערפאַר ווייל מיר האָבן געזינדיקט, האָט גאָט חרב געמאַכט דאָס בית־המקדש. נו, איז נאָך פאַראַן אַ גרעסערער צער ווי דאָס איז? טאָ פאַרוואָס וואַרטן מיטן וויינען ביז תחנון״?...

די תשובה האָט הפנים נישט באַפרידיקט זיין מתנגדישן פאָטער, און פאַר זיין פטירה האָט ער אָנגעזאָגט זיין זון, ער זאָל נאָך אים נישט זאָגן קיין קדיש, ווייל מסתמא וועט ער זאָגן: „ויצמח פורקניה ויקרב משיחיה״, ווי חסידים זאָגן, איז שוין פאַר אים בעסער, ער זאָל אינגאַנצן קיין קדיש נישט זאָגן, איידער אַריינצונעמען די דאָזיקע ווערטער אינעם קדיש...

בכלל האָט מען אין זידיטשויוו געהאַלטן, אַז די מצוות זיינען גע־געבן געוואָרן פאַר די יידן, נישט די יידן פאַר די מצוות... דאָס הייסט, אַז ווען אַ ייד איז אין אַ סכנה, מעג ער עובר זיין אויף די האַרבסטע עבירות... אַזוי ווי מיר זעען פון דער מעשה, וואָס עס האָט זיך פאַרלאָפן מיט ר׳ הערשעלען, ווען ער איז געווען אין לובלין:

אַמאָל איז ר׳ הערשעלע זידיטשויווער געווען ביים רבין פון לוב־לין אויף יום־כיפור צוזאַמען מיט זיין ברודער ר׳ משה פון סאַמבאָר. דער רבי ר׳ הערשעלע איז דעמאָלט זייער קראַנק געוואָרן און ר׳ משה האָט געמוזט גאַנץ יום־כיפור זיין ביי זיין בעט. דער רבי ר׳ הערשעלע איז יום־כיפור ביינאַכט געוואָרן אַזאַ חולה מסוכן, אַז דער רבי ר׳ משה האָט געמוזט אויפוואַרעמען וואַסער פאַר אים...

און ווען דער רבי פון לובלין איז מוצאי יום־כיפור אַהיימגעגאַנגען

פון בית־המדרש, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי דער אכסניה, וואו דער זידיטשויווער רבי איז איינגעשטאַנען, האָט ער באַגעגנט דעם רבין ר׳ משה, האָט ער אים געפּרעגט, וואָס ר׳ הערשעלע מאַכט, האָט אים ר׳ משה דערציילט, אַז זיין ברודער איז געווען אַזוי קראַנק, אַז ער האָט געמוזט אָנוואַרעמען וואַסער אום יום־כיפור. רופט זיך אָן דער לובלינער רבי: „אַצינד ווייס איך שוין פאַרוואָס מיר האָבן היינט געהאַט אַזאַ הייס דאַווענען, ווייל איר האָט אונדז אונטערגעוואַרעמט״! (זע עשר קדושות, זייט 47).

און האָט זיך געטראָפן, אַז יידן זיינען געווען אין אַ סכנה, האָט דער רבי ר׳ הערשעלע זידיטשויווער מתיר געווען זאַכן, וואָס ער וואָלט געוויינלעך זיכער נישט געווען דערלויבט!... אַזוי איז באַקאַנט, אַז ווען עס איז אויסגעבראָכן די כאָלערע־מגפה אין די יאָרן 1830־1831, ווען עס זיינען דעמאָלט אַ סך מענטשן אומגעקומען, האָט ר׳ הערשעלע זידיטשויווער צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע רביים אַרויסגעגעבן היתרים צו מעגן עסן אַפילו אין אַ תענית, אַבי זיך צו ראַטעווען. די מגפה האָט זיך אָבער דעמאָלט פאַרשפּרייט אין גאַנץ אייראָפּע און האָט אָנגעמאַכט אַ חורבן אין פאַרשידענע שטעט אין גאַליציע און אונגאַרן.

קיין דאָקטוירים זיינען דעמאָלט אין די קליינע שטעטלעך נאָך נישט געווען און די רופאים און פעלדשערס, וואָס האָבן זיך געפונען אין די פאַרשידענע שטעטלעך האָבן אָפטמאָל נאָך פאַרגיכערט דעם טויט דורך זייערע נישט־ריכטיקע מיטלען. דערפאַר איז ר׳ הערשעלע זידיטשויווער דעמאָלט אַרויס מיט אַ בריוו צו זיינע חסידים אין מונקאַטש, אונגאַרן, אַז זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון באַנוצן דאָקטוירים, וואָס פאַר אַ היינטיקן מענטשן איז שווער צו פאַרשטיין פאַרוואָס אַ רבי האָט געזאָלט זיין קעגן נעמען רפואות. אין דעם בריוו (אָפּגעדרוקט געוואָרן אין ספר עשר קדושות) ווערט אַפילו געזאָגט, אַז די יידן שטאַמען פון העכערע וועלטן און זייערע נשמות קומען פון גאָר אַנדערע עולמות, דעריבער דאַרפן זיי נישט אָנקומען צו פשוטע רפואות און צו דאָקטוירים. אָבער עס קאָן זיין, אַז נישט דאָס איז געווען די הויפּט־סיבה. אָט ווערט געבראַכט אין ספר „צבי לצדיק״ אַ מעשה, ווי אַזוי דער רבי ר׳ הערשעלע אַליין איז אַמאָל געווען אין לעמבערג ביים גרויסן דאָקטאָר ראַפּאָפּאָרט. זעט מען דאָך, אַז ער אַליין האָט זיך יאָ באַנוצט מיט דאָקטוירים, נאָר די אמתע סיבה איז מסתמא געווען, ווייל די דאָקטוירים האָבן אָנגענומען זייער שטרענגע מיטלען, וואָס די רעגירונג האָט פאַרלאַנגט, אַז ווי נאָר זיי וועט זיך בלויז אויסדאַכטן, אַז עמיצער איז קראַנק אויף דער כאָלערע, זאָלן זיי אים געבן אַזוינע רפואות, אַז דער

קראַנקער זאָל שנעלער אַוועק פון דער וועלט; און אַמאָל, ווייל זיי אַליין האָבן געוואָלט פאַרהיטן, אַז די מגפה זאָל זיך נישט פאַרשפּרייטן. צי דאָס איז אמת געווען, צי נישט, קאָן איצט קיינער נישט ערב זיין, אָבער עס איז זיכער דעמאָלט אַרומגעגאַנגען אַ שם צווישן די יידן, אַז די דאָקטוירים פאַרסמען די קראַנקע...

און די חסידישע מעשה דערציילט אויך, אַז דער רבי ר׳ הערשעלע איז טאַקע אין דעם יאָר פון דער מגפה נפטר געוואָרן, ווייל ווען עס זיינען אָנגעקומען בריוו פון פאַרשידענע שטעט, אַז די מגפה פאַרשטאַרקט זיך, האָט דער רבי ר׳ הערשעלע שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן דעם צער און ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל זיין די כפרה פאַר כל ישראל, און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז זיין ווייב רחל פּערל קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן און דערנאָך איז ער אַליין קראַנק געוואָרן. און ווען עס האָט שוין געהאַלטן פאַר יציאת נשמה, זיינען צו אים אַריינגעגאַנגען די גאָר געהויבענע חסידים, האָבן זיי געהערט ווי דער רבי ר׳ הערשעלע האָט געזאָגט מיט אַ מתיקותדיקע שטימע, וואָס האָט געמאַכט דערציטערן אַלע אַרומיקע:

„רבי שמעון בר יוחאי, — מיט די זוהרס, ווער וועט אייך נאָך אַזוי לערנען ווי אונדז? נעכט מיט טעג גייט אַרויף קלאָגן, ווער וועט אייך נאָך אַזוי אָפּריכטן ווי אונדז״?...

און ביי די דאָזיקע ווערטער איז דער רבי ר׳ הערשעלע נפטר געוואָרן. דאָס איז געווען י״א תמוז תקצ״א (1831). אויף זיין מצבה שטייט אָנגעשריבן: „אוהב ישראל בלב ונפש״...

דער נוסח פון דער מצבה איז:

כתר תורה

פ׳ נ׳

נפטר יום ד׳ י״א תמוז שנת תקצ״א
הרב רבינו הגדול
החסיד העניו איש
אלקים הקדוש בוצינא
דנהורא קדישא אוהב
ישראל בלב ונפש רבינו
צבי הירש זצוקללה״ה
בהרבני החכם המופלא
המשכיל על דבר טוב
כבוד מ״ו יצחק אייזיק
זצ״ל תנצב״ה

# קאַפּיטל ז

# ווערטלעך און תורהלעך פון זידיטשויווער רבין

ווי אַזוי ר׳ הערשעלע זידיטשויווער האָט באַקומען זיינע מדריגות.— דער אר״י הקדוש לערנט מיט אים זוהר. — אַמאָל און היינט. — אַ שאַרפער שמועס צווישן רבין ר׳ הערשעלע און דעם רבין פון באָלשוויץ. — אברהם אבינו באַזוכט אים אין דער סוכה. — טייטשן און ווערטלעך פון זידיטשויווער רבין.

אין די חסידישע ספרים זיינען פאַראַן פאַרשידענע מעשיות, תורה־לעך, ווערטלעך און מנהגים וועגן רבין ר׳ הערשעלע זידיטשויווער.

מיר וועלן דאָ געבן עטלעכע פון זיי.

דער רבי ר׳ הערשעלע האָט אין זיינע יונגע יאָרן יעדן פאַרטאָג געלערנט פאַרשידענע שיעורים. איינמאָל האָט זיך דער רבי ר׳ הערשעלע אויפגעהויבן פאַרטאָג און ער האָט נישט געהאַט קיין ליכטל צו לערנען. פּלוצלינג האָט ער דערזען אויף דעם „שאַפּקעלע״, לעבן דער וואַנט אַ גרויס ליכט, וואָס האָט באַלויכטן די גאַנצע שטוב, איז ער צוגע־גאַנגען זען וואָס דאָרט איז. האָט ער געפונען אַ גרויסן טייערן שטיין גרויס ווי אַן איי. האָט ער דעם שטיין באַהאַלטן און אים שטילערהייט געוויזן דעם דימענטן־הענדלער, האָט יענער געזאָגט אַז דער איידל־שטיין איז ווערט מער פון די אוצרות פון די מלכים.

האָט דער רבי ר׳ הערשעלע געפאַסט הפסקות, מען זאָל אים מודיע זיין פון הימל, וואָס דאָס איז. האָט מען אים מודיע געווען אַז ער האָט אַ ברירה, ער זאָל זיך אויסקלייבן איינס פון די צוויי: אָדער ער זאָל האַלטן דעם איידל־שטיין, וועט ער און זיינע קינדער האָבן עשירות, אָדער מען וועט אים געבן דעם מוח פונעם אר״י הקדוש.

האָט דער רבי ר׳ הערשעלע בעסער אויסגעקליבן צו האָבן הויכע מדריגות און ער האָט נישט געוואָלט קיין עשירות.

און דער רבי ר׳ הערשעלע האָט דערנאָך געפרעגט וואָס ער זאָל טאָן מיט דעם אײדל־שטיין, האָט מען אים געזאָגט אַז ער זאָל דעם אײדל־שטיין ביינאַכט וואַרפן אין הימל אַריין. האָט ער אַזוי געטאָן, האָט דער אײדל־שטיין זיך צעשפּרייט אין מיליאָנען פייערדיקע פונקען און זיי זיינען געוואָרן פינקלדיקע שטערן.

## דאָס קול פון תורה

זיין תלמיד ר׳ מרדכי לעטניר האָט דערציילט, אַז איינמאָל איז ער געשלאָפן לעבן רבינס חדר המיוחד, האָט ער אינמיטן דער נאַכט דער־הערט אַ קול פון רבינס שטוב, וואָס רעדט צום רבין. ער האָט געוואוסט אַז קיינער איז איצט נישט ביים רבין, איז ער צו צו דער וואַנט פון רבינס חדר־המיוחד, און ער האָט געהערט ווי אַ קול זאָגט דעם רבין אַ פּירוש אויף אַ שווער שטיקל זוהר.

שבת ביי שלוש סעודות האָט דער רבי ר׳ הערשעלע געזאָגט תורה ביים טיש און ער האָט געזאָגט דעם פּירוש אויפן זוהר און ער האָט אַרויסגעלאָזט: „אַזוי האָב איך געהערט פון אר״י הקדוש״. האָט ר׳ מרדכי לעטניר פאַרשטאַנען, ווער דאָס קול איז געווען, וואָס ער האָט דעמאָלט ביינאַכט געהערט רעדן צום רבין ר׳ הערשעלע.

## פאַרוואָס דער רבי ר׳ הערשעלע האָט געוויינט

אויף שבועות זיינען איינמאָל געקומען צום רבין ר׳ הערשעלע אַ פיר־פינף הונדערט חסידים.

איז דער רבי ר׳ הערשעלע אַרומגעגאַנגען אין זיין חדר־המיוחד אויף און אָפּ און האָט געוויינט מיט דמעות שליש, ווייל ער האָט מורא געהאַט אַז אפשר האָט אים געשיקט אַזאַ גרויסן עולם דער סמך־מם (שטן), כדי ער זאָל ווערן אַ בעל־גאווה, און דער רבי ר׳ הערשעלע האָט זיך געבעטן ביים אייבערשטן ער זאָל רחמנות האָבן אויף אים און זאָל אים נישט אָפּשטופּן פון זיך.

## אַמאָל און היינט

דער רבי ר׳ הערשעלע האָט געזאָגט צו זיינע מקורבים: „כל זמן אונדזערע הייליקע רביים האָבן געלעבט, האָט מען אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף איין אַקסל, אַ צווייטע האַנט אויף אַ צווייטן אַקסל און מען איז געפלויגן אין די עולמות העליונים. היינט איז אָבער אינגאַנצן אַנדערש״.

## מען דאַרף תּמיד האַלטן די אויגן אָפֿן

דער רבי ר׳ הערשעלע איז אַמאָל געווען צוזאַמען מיט דעם רבין ר׳ פֿייבוש פֿון באַלשוויץ אויף אַ ברית, ביים עסן האָבן די צוויי רביים געשמועסט ווער עס זאָל בענטשן. רופֿט זיך אָן דער רבי ר׳ פֿייבוש: „מיר קומט דאָס בענטשן, ווייל איך בין אַ כהן״. ענטפֿערט דער רבי ר׳ הערשעלע: „איך קען אָבער די עבודה״.

זאָגט ר׳ פֿייבוש: „אהרן הכהן איז דאָך דער וואָס קען די עבודה!״

זאָגט דער רבי ר׳ הערשעלע: „די וועלט זאָגט אַז ווען משיח וועט קומען וועט אהרן הכהן זיך נאָך דאַרפֿן צולערנען. — רש״י זאָגט דאָך אָבער: להגיד שבחו של אהרן לא שינה (צו זאָגן דעם שבח אויף אהרונען אַז ער האָט נישט געענדערט). דאָס מיינט אַז אהרן דאַרף נישט לערנען („שנו״ מיינט אויך לערנען) — מיר טייטשן אָבער „שלא שינה״, אַז ער איז נישט געשלאָפֿן, אַז ער האָט תּמיד געהאַלטן די אויגן אָפֿן.

האָט דער רבי ר׳ פֿייבוש געענטפֿערט: „אויב איר האַלט טאַקע שוין אַזוי הויך קומט אייך דאָס בענטשן!...״

## דער אורח אין דער סוכה

ווען דער רבי ר׳ הערשעלע איז אַמאָל געווען ביים „חוזה״ פֿון לובלין אויף סוכות, איז ער זייער קראַנק געוואָרן. האָט ער געבעטן ר׳ יעקב שמש ער זאָל אים אַריינטראָגן אינעם חוזהס קליינער סוכה, ער זאָל דאָרט עסן אַ כזית חלה.

האָט ר׳ יעקב שמש אים אַריינגעטראָגן אין דעם חוזהס סוכה אין ער האָט אים געבראַכט אַ ביסל יויך. ווען דער שמש איז אַריינגעקומען מיט דער יויך, האָט ער געטראָפֿן זיצן ביים קראַנקן אַן אַלטן יידן, וואָס ער האָט אים נישט געקענט. האָט ער אים געגעבן שלום־עליכם.

ווען ר׳ יעקב שמש איז נאָכאַמאָל אַריינגעקומען אין דער סוכה האָט ער דעם אַלטן יידן מער נישט געפֿונען. האָט ער דערנאָך געהערט ווי די חסידים האָבן געזאָגט אַז דער אורח איז געווען אברהם אבינו.

## אַ טייטש פֿון רבין ר׳ הערשעלע

אויף דער משנה אין אבות: „דע מה למעלה ממך״ (ווייס וואָס עס איז איבער דיר), האָט דער רבי ר׳ הערשעלע געטייטשט: זיי וויסן אַז דאָס וואָס איז אין הימל איז אָפּהענגיק פֿון דיר — פֿון דיינע גוטע מעשים.

## סודות פון דער תורה

דער רבי ר׳ הערשעלע האָט געהאַלטן אַז דער דרך פון חסידות דאַרף זיין דורך קבלה. עס זיינען אָבער געווען רביים וואָס האָבן געהאַט אַ שיטה, אַז קבלה איז נאָר פאַר יחידי סגולה און חסידות איז פאַר אַלע יידן.

איינמאָל האָט דער רבי ר׳ הערשעלע זידיטשויווער באַפוילן צום רבין ר׳ הערשעלע רימענאָווער, אַז אויב ער וועט קומען צו אים, וועט ער אים מגלה זיין רזין דרזין פון דער תורה.

האָט דאָס זייער געפעלן ר׳ הערשעלע רימענאָווער און ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין קיין זידיטשויוו.

אויפן וועג האָט זיך ר׳ הערשעלע רימענאָווער אָפּגעשטעלט אין אַן אכסניה איבערצונעכטיקן. אין דער פרי איז דער רבי ר׳ הערשעלע רימענאָווער געגאַנגען איבער דער שטוב און געזאָגט צו זיין משמש הערשעלע איטשעס: „וואוהין פאָרן מיר? דער זידיטשויווער רבי וויל אונדז מגלה זיין סודות אין קבלה? אויב מיר וועלן זוכה זיין דערצו, וועט דער וואָס האָט אים מגלה געווען די סודות פון דער תורה, אויך אונדז מגלה זיין".

און דער רבי ר׳ הערשעלע רימענאָווער האָט געהייסן אויסדרייען זיין פערד און וואָגן און צוריק פאָרן אַהיים.

## דער רבי און חסידים

דער רבי ר׳ הערשעלע איז אַמאָל אַריינגעקומען אין בית המדרש אַריין און האָט געזאָגט צו די חסידים: „עס שטייט ,אין המלך נושע ברב חיל׳ — מיינט מען, גאָט וועט נישט געהאָלפן ווען אַ רב האָט אַ סך חסידים".

## וואָס אַ חסיד דאַרף זאָגן וועגן זיין רבין

אַמאָל האָט דער רבי ר׳ הערשעלע שבת, ביים שלוש סעודות איבערגעריסן זיין זאָגן־תורה און ער האָט געזאָגט:

„פאַראַן חסידים וואָס פאָרן צו זייער רבין זאָגן זיי, אַז עס איז נישטאָ קיין אַנדערער רבי אויף דער וועלט אַ חוץ זייער רבי. דאָס איז עבודה זרה, נאָר ווי אַזוי זאָל מען זאָגן? יעדער צדיק איז גוט צו זיינע תלמידים אָבער אונדזער רבי איז גוט פאַר אונדזערע ענינים!..."

## די הייליקע פונקען

דער רבי ר' משה פון סאַמבאָר, דער יונגער ברודער פון רבין ר' הערשעלע פון זידיטשויוו איז אין זיינע יונגע יאָרן געגאַנגען איבער די דערפער און עוסק געווען אין מסחר. און ווען ער פלעגט אַהיימקומען פאַרנאַכט און ער האָט געדאַוונט מנחה, פלעגט ער פילן ווי אַ גרויס ליכט וואָלט אַריין אין אַלע זיינע אברים.

איינמאָל האָט ער דאָס דערציילט זיין ברודער דעם זידיטשויווער רבין, האָט אים זיין ברודער ר' הערשעלע געענטפערט:

„וואָס איז זיך דאָ צו חידושן דערויף? ווען אַ מענטש וואָס דינט דעם אייבערשטן גייט אַרויס אויפן וועג, לויפן אים אַקעגן אַלע הייליקע פונקן, וואָס געפינען זיך אין די ביימער אין וואַלד און אין די גרעזלעך אין פעלד און זיי ווילן זיך מיט אים באַהעפטן, און כאָטש דער מענטש ווייסט גאָר נישט דערפון, פילט ער דערנאָך ווי ער וואָלט מקבל געווען די שכינה!...״

## דער מנהיג דאַרף זיין אַ מליץ פאַר יעדן יידן

ווען דער רבי ר' הערשעלע איז געפאָרן קיין מונקאַטש, אונגאַרן, האָט ער זיך אויפן וועג אָפּגעשטעלט אין אוהעל צו זיין ביים רבין ר' משה טייטלבוים. האָט דער אוהעלער רבי זיך פאַר אים באַקלאָגט, ווי זיין סדר איז געווען, פאַרוואָס משיח איז נאָך נישט געקומען. (דער רבי ר' משה אוהעלער האָט זיין גאַנץ לעבן זיך געגרייט מקבל־פנים צו זיין משיחן).

זאָגט צו אים דער רבי ר' הערשעלע: „דער מנהיג דאַרף זיין אַ מליץ פאַר יעדן יידן. אַפילו ווען דער ייד איז אַ כופר, דאַרף ער אַריינ־דרינגען אין דעם שורש פון זיין כפירה, און אַזוי אַרום אים ברענגען ער זאָל תשובה טאָן. נו, פרעג איך אייך, זאָלן מיר לאָזן די אַלע נשמות גיין פאַרלוירן? ווען משיח זאָל היינט קומען וועלן דאָך די נשמות נישט האָבן קיין תיקון!...״

# ביבליאָגראַפיע

# דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזשענסק

## זיין ספר

נועם אלימלך, על התורה, ובסופו קונטרס לקוטי שושנים. לבוב, תקמ״ה (1785).

## תורות און מעשיות וועגן רבין ר׳ אלימלך

אהל אלימלך, פון אברהם חיים שמחה בונם מיכלזאָהן. פשעמישל, תרע״ה (1915).

נפלאות אלימלך, פיעטריקאָוו, תר״ע (1910).

ספורי קדושים, פיעטריקאָוו, תרע״א (1911).

נפלאות הרה״ק ר׳ אלימלך, וואַרשע, תרצ״ה (1895).

נפלאות אלימלך (אין יידיש), פאַרלאַג א. י. קליינמאַן, פיעטריקאָוו, 1910.

אוהל אלימלך (אין יידיש), פאַרלאַג א. כהנא. וואַרשע, 1926.

מעשה צדיקים, לעמבערג, תרכ״ה (1865).

נפלאות החוזה (אין יידיש), וואַרשע.

דברי תורה, לקוטים, וואַרשע, תר״ד (1844).

דברים ערבים, ספורים נפלאים... על... גאונים וקדושי עליונים: הבעש״ט, האחים רבי אלימלך ורבי זושה... מונקאַטש (דאָס יאָר פון דרוק נישט אָנגעגעבן), אַ באַזונדערן חלק צום „דברים ערבים" איז דאָס ספר „פאר וכבוד" מונקאַטש, תרע״ב (1912).

החסידות והחסידים, פון ד״ר ש. א. האָראָדעצקי. „דביר", תל־אביב, תשי״א (1951), ז״ז 149—173.

עשר צחצחות, פון ר׳ ישראל בערגער. פיעטריקאָוו (1890) (מערכת א׳).

שרי המאה, פון הרב יהודה לייב הכהן פישמאַן. הוצאת „מוסד הרב קוק", ירושלים, תש״ה (1945).

ספר החסידות, פון יצחק ווערפל. הוצאת צ. לייגמן, תל־אָביב, ז״ז 17—18.

התגלות הצדיקים, מעשיות פון רביים, פון ש. ק. ראָזנטאַל. וואַרשע, (יאָר פון דרוק נישט אָנגעגעבן).
סדר הדורות מתלמידי הבעש״ט, אויך אָנגעגעבן „סדר הדורות החדש״ (פון מענדל בודק), לבוב, תרכ״ח (1868). צום סוף אַ רשימה פון חסידישע ספרים, אונטערן נאָמען: ספרן של צדיקים.
מזכרת שם הגדולים, פאַרלאַג א. י. קליינמאַן. פּיעטריקאָוו, תרס״ח (1908).
החסידות, פון אהרן מאַרקוס, הוצאת „נצח״, תל־אביב, תשי״ד (1954).
דור דעה, פון יקותיאל אריה קאַמעלהאַר, ניו־יאָרק, תשי״ב (1952), ז״ז 121—127.
אור הגנוז, פון מ. בובער, הוצאת שוקן, ירושלים—תל־אביב, תש״ז (1947), ז״ז 263—274.
שם הגדולים החדש, פון א. וואַלדען, פּיעטריקאָוו.
דבש השדה, פון דובעריש שו״ב פון ריישע, געבראַכט צום דרוק דורך הרב צ. י. מיכלזאָהן, וואַרשע.
אמונת צדיקים, וואַרשע 1900, (200 מעשיות פון רביים).
מעשיות ושיחות צדיקים, וואַרשע, תרפ״ד (1924).
התגלות הצדיקים, מעשיות פון רביים, ש. ב. ראָזנטאַל, וואַרשע.
געשיכטע פון חסידיזם, פון פּרופ. ש. דובנאָוו, ווילנע, 1933
געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן, פון ד״ר ישראל צינבערג, ווילנע, 1936, 7־טער באַנד.
חסידות און לעבן, פון מנשה אונגער, ניו־יאָרק, 1946.

# דער קאָזשעניצער מגיד

## זיינע הויפּט ספרים און חסידות

עבודת ישראל השלם, כולל את עבודת ישראל ועוד שלשה קונטרסים: יקר מפז, חדושים שכתב בגליונות החומש, תהלות ישראל על תהלים, מאת הרבי ישראל בר' שבתי מקוזניץ, מונקאַטש, תרפ"ט (1929).

שארית ישראל, חידושים על המדרש רבה ולקוטים על התורה, הזוהר ותהלים, מאת רבי ישראל מקוזניץ, לובלין, תרנ"ה (1895).

## תורות און מעשיות וועגן קאָזשעניצער מגיד

דברים ערבים, ספורים נפלאים על... גאונים וקדושי עליונים... הבעש"ט, האחים רבי אלימלך ורבי זושא, רבי לוי יצחק מברדיטשוב, המגיד מקוזניץ, הרמ"ל מסאסוב, הרי"א מקאלוב, החוזה מלובלין, רמ"מ מרימנוב... ששמעתי מפי אנשים נאמנים וחסידים והעליתים בדפוס... הכותב בדמ"ע, מונקאטש (יאָר פון דרוק נישט אָנגעגעבן).

אַ באַזונדער חלק צום „דברים ערבים", איז דאָס ספר „פאר וכבוד", מונקאַטש, תרע"ב (1912).

עשר אורות... מאת ר' ישראל בערגער, פּיעטריקאָוו, 1910.

התגלות הצדיקים, מעשיות פון רביים, פון ש. ג. ראָזנטאַל, וואַרשע, (יאָר פון דרוק נישט אָנגעגעבן).

המגיד מקוזניץ, מאת צ. מ. רבינוביץ, הוצאת ארגון „תנובה", בסיוע מוסד הרב קוק, תל־אָביב, תש"ז (1947).

כתבי קודש, מלוקט מדברי בעש"ט... ר' ישראל מקאזניץ, וואַרשע, תרכ"ב (1862).

נפלאות המגיד (אין יידיש), פאַרלאַג א. י. קליינמאַן, פּיעטריקאָוו 1911.

סדר הדורות, מתלמידי הבעש"ט, אויך אָנגעגעבן „סדר הדורות החדש, (פון ר' מענדל בודק), לבוב תרכ"ח (1868).

צום סוף אַ רשימה פון חסידישע ספרים אונטערן נאָמען „ספרן של צדיקים".

שיחות חיים, ש. ז. ברייטשטיין, פּיעטריקאָוו. יאָר פון דרוק נישט אָנגעגעבן.

שיחות חיים, יידיש, פאַרלאַג א. י. קליינמאַן, וואַרשע, 1927.

שרי המאה (חלק רביעי), הרב יהודה ליב הכהן פישמאַן, הוצאת „מוסד הרב קוק", ירושלים, תש"ה (1945).

החסידות, אהרן מאַרקוס, הוצאת „נצח", תל־אביב, תשי"ד (1945).

דור דעה, פון יקותיאל אריה קאַמעלהאַר (איבערגעדרוקט), ניו־יאָרק, תשי"ב (1952), ז"ז 209—215.

החסידות והחסידים, ד"ר ש. י. האָראָדעצקי, הוצאת „דביר", תל־אביב, תשי"א (1951), ספר ב' 94—195.

ספר החסידות, יצחק ווערפעל, הוצאת צ. לײנמן, תל־אביב, תש"ז (1947), ז"ז 46—47.

שמן הטוב, פון א. ב. מיכלזאָהן, פיעטריקאָוו, 1905.

אור הגנוז, פון מ. בובער, הוצאת שוקן, ירושלים—תל־אביב, תש"ז (1947), ז"ז 263—274.

שם הגדולים החדש, פון א. וואלדען, פיעטריקאָוו.

תולדות הנפלאות, (וועגן רבין ר' חיים מאיר יחיאל פון קאָזשעניץ), ווערט געבראַכט מעשיות פון קאָזשעניצער מגיד און „חוזה" פון לובלין), וואַרשע, תרנ"ט (1899).

המגיד מקוזניץ ז"ל, פון הרב ישעיה שפּירא, אין „הצופה", ט"ז תשרי, תש"א.

ניגון המגיד מקוזניץ, פון ישראל אָסמאַן, אין „הדואר", י' חשון, תרפ"ב, גליון י'.

גוטע יידן אין פוילן, משה פיינקינד, וואַרשע, 1936.

געשיכטע פון חסידיזם, פון פּראָפ. ש. דובנאָוו, ווילנע, 1933

געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן, פון ד"ר ישראל צינבערג, ווילנע, 1936, 7־טער באַנד.

חסידות און לעבן, פון מנשה אונגער, ניו־יאָרק, 1946.

## וועגן קאָזשעניצער מגיד און די נאַפּאָלעאָנס מלחמה

יהודי פולין בימי מלחמת נפוליון, פון ע. נ. פראַנק, וואַרשע תרע"ג (1913).

מאיר עיני הגולה, וואַרשע, ערשטן חלק.

גוג ומגוג, פון מ. בובער, ספרי תרשיש, ירושלים, תש"ד (1944).

שמואל זביטקאָווער, פון ד"ר עמנואל רינגלבלום, אין „ציון", שנה ג', ספר ג'.

פּשיסכע און קאָצק, פון מנשה אונגער, פאַרלאַג: צענטראַל פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע, בוענאָס איירעס, 1949.

# דער „חוזה" פון לובלין

## זיינע ספרים

זאת זכרון, חדושי תורה ורזין דאורייתא... מאת רבי יעקב יצחק מלובלין, וואַרשע, תרמ"ד (1884).

זכרון זאת, על התורה, מאת רבי יעקב יצחק מלובלין, וואַרשע, תרמ"ג (1883).

דברי אמת, על התורה ועל כמה מסכתות, מאת רבי יעקב יצחק הלוי הורוויץ מלובלין, לבוב, תרמ"ד (1884).

## תורות און מעשיות וועגן „חוזה" פון לובלין

נפלאות הרבי, פון ר' משה מנחם וואלדען, וואַרשע תרע"א (1911).

שיח יצחק (קונטרס), פון אברהם חיים יעקבזאָהן, ירושלים, תרס"ד (1904).

סדר הדורות החדש, אויך אָנגעגעבן: סדר הדורות מתלמידי הבעש"ט, (פון מענדל בודק), לבוב, תרכ"ח (1868).

צום סוף אַ רשימה פון חסידישע ספרים אונטערן נאָמען „ספרן של צדיקים".

עשר אורות... מאת ר' ישראל בערגער, פיעטריקאָוו, 1910.

דברים ערבים, ספורים נפלאים על... גאונים וקדושי עליונים... הבעש"ט, האחים רבי אלימלך ורבי זושא, רבי לוי יצחק מברדיטשוב, המגיד מקוזניץ, הרמ"ל מסאסוב, הרי"א מקאלוב, החוזה מלובלין, רמ"מ מרימנוב... ששמעתי מפי אנשים נאמנים וחסידים והעליתים בדפוס... הכותב בדמ"ע, מונקאַטש (יאָר פון דרוק נישט אָנגעגעבן).

אַ באַזונדער חלק צום „דברים ערבים" איז דאָס ספר „פאר וכבוד", מונקאַטש, תרע"ב (1912).

מזכרת שם הגדולים, פאַרלאַג א. י. קליינמאַן, פיעטריקאָוו, תרס"ח (1908).

החסידות, אהרן מאַרקוס, הוצאת „נצח", תל־אביב, תשי"ד (1945).

דור דעה, פון יקותיאל אריה קאַמעלהאַר (איבערגעדרוקט), ניו־יאָרק, תשי"ב (1952), ז"ז 221—229.

שיח שרפי קודש, מסורה, לאָדז, תרצ"א (1931).

החסידות והחסידים פון ד"ר ש. א. האָראָדעצקי, פאַרלאַג „דביר", תל־אביב, תשי"א (1951).

נפלאות החוזה (אין יידיש), פאַרלאַג א. י. קליינמאַן, לובלין, 1911.

רמתים צופים, פון ש. שינאַווער, וואַרשע.

מעשה צדיקים, לעמבערג, תרכ"ה(?) 1865.
דברי תורה, לקוטים מספרי צדיקים, וואַרשע, תר"ד (1844).
שם הגדולים החדש, פון א. וואלדען, פיעטריקאָוו.
שמן הטוב, פון א. ב. מיכלזאָהן, פיעטריקאָוו, 1905.
ספר החסידות, יצחק ווערפעל, הוצאת צ. לייגמן, תל־אביב, תש"ז (1947), ז"ז 43—44.
דבש השדה, פון דוב בעריש שו"ב פון ריישע, געבראַכט צום דרוק צ. י. מיכלזאָן, וואַרשע.
אמונת צדיקים, וואַרשע, 1900. (200 מעשיות פון רביים).
מעשיות ושיחות צדיקים, וואַרשע, תרפ"ד (1924).
שרי המאה (חלק רביעי), הרב יהודה ליב הכהן פישמאַן, הוצאת „מוסד הרב קוק", ירושלים, תש"ה (1945).
התגלות הצדיקים, מעשיות פון רביים, ש. מ. ראָזענטאַל, וואַרשע.

## וועגן דער נפילה פון „חוזה"

אור הגנוז, פון מ. בובער, הוצאת שוקן, ירושלים—תל־אביב, תש"ז (1947), ז"ז 263—274.
עשר אורות, מערכת י'.
נפלאות הרבי, ז"ז 11—12.
גוג ומגוג, פון מ. בובער, ספרי תרשיש, ירושלים, תש"ד (1944).
יהודי פולין בימי מלחמות נפוליון, פון ע. נ. פראַנק, וואַרשע, תרע"ג (1913).
פון דער גוט־יידן וועלט, פון יצחק אבן, אַרויסגעגעבן פון „טאָג", 1917, „דער זעהער פון לובלין", ז"ז 155—281.
געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן, פון ד"ר ישראל צינבערג, ווילנע, 1936, 7־טער באַנד.
געשיכטע פון חסידיזם, פון פּרופ. ש. דובנאָוו, ווילנע, 1933
פּשיסכע און קאָצק, פון מנשה אונגער, פאַרלאַג „פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע", בוענאָס איירעס, 1949.
הרב יעקב יצחק מפשיסכה, פון צבי מאיר הכהן ראַבינאָוויץ, חוברת שניה. פיעטריקאָוו, תרצ"ב (1932), ז"ז 116—122.

## וועגן דער מחלוקת צווישן „אייזערנעם קאָפּ" און „חוזה"

פון אונדזער אַלטן אוצר, פון ב. יאושזאָן, וואַרשע, תרצ"ב (1932).
פון אונזער גייסטיקער חריפות, פון ד. קירשנבוים, ניו יאָרק, תרצ"ח (1938), באַנד 2. ז"ז 39—46.

# דער רבי ר׳ מענדעלע פון רימענאָוו

## זיינע ספרים

תורת מנחם, מאת רבי מנחם מענדל מרימנוב, לבוב, תרל״ז (1877).

מנחם ציון, על התורה... מאת מנחם מענדל מפריסטיק ורימאָנוב... ועל טוב יזכר הרב יחזקאל פאנעט אב״ד דק״ק זיבענבערג... זיטאָמיר, תרי״ז (1857).

אילנא דחיי, פירוש על התורה דרך פרדס, מאת רבי מנחם מנדל מרימנוב... פיעטריקאָוו תרס״ח (1908).

## תורות און מעשיות וועגן רבין ר׳ מענדעלע

עטרת מנחם, לקט חדושי תורות, שיחות וספורים, בילגוריי, תר״ע (1910).

אם לבינה, פון הרב יקותיאל אריה קאַמעלהאַר, לבוב, תרס״ט (1909).

בית מנחם, טאַרנאָוו, תרפ״ח (1928).

רבי מנדל מרומנוב, הרב מ. י. גוטמן, בסיוע מוסד הרב קוק, תל־אביב, תשי״ג (1953).

מבשר טוב ודברי צדיקים, פון הרב גרשון מטארנא, פאַדגורזשע, תר״ס (1900).

דברים ערבים, ספורים נפלאים על... גאונים וקדושי עליונים... הבעש״ט, האחים רבי אלימלך ורבי זושא, רבי לוי יצחק מברדיטשוב, המגיד מקוזניץ, הרמ״ל מסאסוב, הרי״א מקאלוב, החוזה מלובלין, רמ״מ מרימנוב... ששמעתי מפי אנשים נאמנים וחסידים והעליתים בדפוס... הכותב בדמ״ע, מונקאטש (יאָר פון דרוק נישט אָנגעגעבן).

אַ באַזונדער חלק צום „דברים ערבים״ איז דאָס ספר „פאר וכבוד״, מונקאַטש, תרע״ב (1912).

דור דעה, פון יקותיאל אריה קאַמעלהאַר (איבערגעדרוקט), ניו־יאָר, תשי״ב (1952), ז״ז 215—221.

החסידות והחסידים, פון ד״ר ש. א. האָראָדעצקי, הוצאת „דביר״, תל־אביב, תשי״א, (1951).

אור הגנוז, פון מ. בובער, הוצאת שוקן, ירושלים—תל־אביב, תש״ז (1947), ז״ז 215—230.

שרי המאה (חלק רביעי), הרב יהודה ליב הכהן פישמאַן, הוצאת „מוסד הרב קוק״, ירושלים, תש״ה (1945).

## ביבליאָגראַפיע


ספר החסידות, יצחק ווערפעל, הוצאת צ. ליינמן, תל־אביב, תש״ז (1947), ז״ז 44—45.

סדר הדורות החדש, לבוב, תרכ״ח (1868).

מזכרת שם הגדולים... פיעטריקאָוו, תרס״ח (1908).

שם הגדולים החדש, פון א. וואלדען, פיעטריקאָוו.

החסידות, אהרן מאַרקוס, הוצאת „נצח״, תל־אביב, תשי״ד (1945).

אמונת צדיקים, וואַרשע 1900, (200 מעשיות פון רביים).

מעשיות ושיחות צדיקים, וואַרשע תרפ״ד (1924).

געשיכטע פון חסידיזם, פון פרופ. ש. דובנאָוו, ווילנע, 1933

געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן, פון ד״ר ישראל צינבערג, ווילנע, 1936, 7טער באַנד.

# דער רבי ר׳ נפתלי צבי פון ראָפּשיץ

## זיינע ספרים

זרע קודש, על התורה ומועדים, לבוב, תרכ״ח (1868).

אילה שלוחה, חדושי תורה ורזין דאורייתא... פּאָדגורזשע, תרס״ג (1903).

## תורות און מעשיות וועגן ראָפּשיצער רבין

אוהל נפתלי, כולל לקוטי תורה שיחות וספורים, פון אברהם חיים שמחה בונם מיכלזאָהן, לבוב, תרע״א (1911).

אוהל נפתלי (אין יידיש), פאַרלאַג זיידמאַן און אויסניץ, לעמבערג, 1912.

שבחי נפתלי (אין יידיש), פאַרלאַג הירשנהאָרן אין שטראַסבורג, לובלין, 1927.

עשר צחצחות, פון הרב ישראל בערגער, פּיעטריקאָוו (1890).

דור דעה, פון יקותיאל אריה קאַמעלהאַר (איבערגעדרוקט), ניו־יאָרק, תשי״ב (1952), ז״ז 236—243.

שרי המאה (חלק רביעי), הרב יהודה ליב הכהן פישמאַן, הוצאת „מוסד הרב קוק״, ירושלים, תש״ה (1945).

אור הגנוז, פון מ. בובער, הוצאת שוקן, ירושלים—תל־אביב, תש״ז (1947), ז״ז 475—480.

ספר החסידות, יצחק ווערפעל, הוצאת צ. ליינמן, תל־אביב, תש״ז (1947), ז״ז 55—56.

מקור חיים, בילגוריי, תרע״ב (1912).

החסידות, אהרן מאַרקוס, הוצאת „נצח״, תל־אביב, תשי״ד (1945).

האדמו״ר מצאנז, פון הרב א. י. בראַמבערג, הוצאת המכון לחסידות, ירושלים, תש״ט (1949).

שם הגדולים החדש, פון א. וואלדען, פּיעטריקאָוו.

מזכרת שם הגדולים, פאַרלאַג א. י. קליינמאַן, פּיעטריקאָוו, תרס״ח (1908).

דער סאַנזער רבי, פון יהושע ראקער, וויען, תרפ״ז (1927).

צאַנזער חסידות, פון ש. ניסנזאָהן, חסידות פאַרלאַג, וואַרשע, תרצ״ח (1938).

געשיכטע פון חסידיזם, פון פּרופ. ש. דובנאָוו, ווילנע, 1933

געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן, פון ד״ר ישראל צינבערג, ווילנע, 1936, 7טער באַנד.

# דער רבי ר׳ הערשעלע פון זידיטשויוו

## זיינע הויפּט ספרים וועגן חסידות

בית ישראל, מאת רבי צבי הירש מזידיטשוב, נדפס בפעם ראשונה בשנת „ושמח לב צדיק״, ועתה נדפס עם הוספות כעשרים דפים ויותר מה שהיה בכתב יד המחבר, על ידי יוסף כ״ץ ראפפורט, לבוב, תרכ״ה (1865).

פרי קדש הלולים, והוא הקדמה לפרי עץ החיים, לבוב, תרכ״ה (1865).

סור מרע ועשה טוב, הקדמה ודרך לעץ החיים... עם הוספות מאת... רבי צבי אלימלך מדינוב, מונקאַטש, תרס״א (1901).

## תורות און מעשיות וועגן ר׳ הערשעלע פון זידיטשויוו

עשר קדושות, פון הרב ישראל בערגער, פיעטריקאָוו, תרס״ו (1906).

צבי לצדיק, פון מיכאל הכהן בראַוער, ווין, תרצ״א (1931).

אור הגנוז, פון מ. בובער, הוצאת שוקן, ירושלים—תל־אביב, תש״ז (1947), ז״ז 497—499.

פאר יצחק, פון מיכאל בראַוער, לבוב, תרפ״ח (1928).

חוט של חסד, מאַרמאַרוש־סיגעט, תרנ״ב (1892).

ספר החסידות, פון יצחק ווערפעל, הוצאת צ. לײנמן, תל־אביב, תש״ז (1947), ז״ז 59—60.

החסידות, פון אהרן מאַרקוס, הוצאת „נצח״, תל־אביב, תשי״ד (1954).

רבי יצחק יהודה יחיאל ספרין, מגילת סתרים, יוצאת לאור... על ידי נפתלי בן מנחם, הוצאת מוסד הרב קוק, ירושלים, תש״ד (1944).

מזכרת שם הגדולים, פיעטריקאָוו, תרס״ח (1908).

שם הגדולים החדש, א. וואַלדען, פיעטריקאָוו.

סדר הדורות החדש, לבוב, תרכ״ח (1868).

שרי המאה, פון הרב יהודה לייב הכהן פישמאַן, תל־אביב, ירושלים, תש״ה (1945).

געשיכטע פון חסידיזם, פון פּראָפ. ש. דובנאָוו, ווילנע 1933.

געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן, פון ד״ר ישראל צינבערג, ווילנע, 1936, 7טער באַנד.

דער קאַמף צווישן השכלה און חסידות אין גאַליציע, פון ד״ר רפאל מאהלער, פאַרלאַג ייוו״א, ניו־יאָרק, 1942.

# זון־צעטל

I

# פערזאָנען

## א

ר׳ אביש (אברהם) פון פראַנקפורט, אַ זיידע פון קאָזשעניצער מגיד, נפטר געוואָרן אין יאָר תקכ״ט — 1769, זייט 75.

ר׳ אברהם אזולאי, מקובל מחבר פון ספר „זהרי חמה״, נפטר געוואָרן אין יאָר ת״ד — 1644, זייט 38.

ר׳ אברהם זוסמאַן, מחבר פון ספר „ברוך מבנים״, זייט 86.

ר׳ אברהם מגיד פון פשיסכע, נפטר געוואָרן אין יאָר תקס״ו — 1806, זייט 63.

ר׳ אברהם אליעזר הלוי הָאראַוויץ, רב אין שעבערשין און לאַנצוט, פאַטער פונעם „חוזה״ פון לובלין, נפטר געוואָרן אין יאָר תקנ״ח — 1798. ז״ז 129, 142.

ר׳ אברהם חיים הָאראַוויץ פון לינסק, זון פון ראָפשיצער רבין, נפטר געוואָרן אין יאָר תר״ד — 1844, זייט 252.

ר׳ אברהם יהושע העשל פון אַפּט, געבוירן אין יאָר תקט״ו — 1755, נפטר געוואָרן אין יאָר תקפ״ה — 1825, אַ תלמיד פון ר׳ אלימלך פון ליזשענסק. זיינע ספרים: „אוהב ישראל״ און „תורת אמת״. ז״ז 14, 43, 60, 92, 179.

ר׳ אברהם מלאך פון פאַסטאָוו, זון פון ר׳ דוב־בער, דער „גרויסער מגיד״ פון מעזריטש, געבוירן בערך אין יאָר תק״א — 1741, נפטר געוואָרן אין יאָר תקל״ז — 1777. זיין ספר: „חסד לאברהם״, זייט 69.

ר׳ אברהם פון קאַליסק, אַ תלמיד פון ר׳ דוב־בער „דער גרויסער מגיד״ פון מעזריטש. נפטר געוואָרן אין ארץ־ישראל אין יאָר תלק״ז — 1777. זייט 69.

ר׳ אהרן פון קאַרלין, אַ תלמיד פון ר׳ דוב־בער „דער גרויסער מגיד״ פון מעזריטש. נפטר געוואָרן אין יאָר תקל״ב — 1772. זייט 69.

ר׳ אהרן, רב אין בריסק, נפטר געוואָרן אין יאָר תקל״ה — 1775. זיין ספר: „מנחת אהרן״. זייט 63.

ר׳ אהרן איטינגא, רב אין ריישע. נפטר געוואָרן אין יאָר תקל״ו — 1776. זייט 16.

אהרן מאַרקוס, געבוירן אין יאָר תר״ב — 1842, אין האַמבורג, געשטאָרבן תרע״ו — 1616. מחבר פון בוך „חאַסידיסמוס״. ז״ז 158, 186.

ר׳ איתמר פון קאָנסקיוואָלי, תלמיד פון קאָזשעניצער מגיד און פון „חוזה״ פון לובלין, זיין ספר „משמרת איתמר״. זייט 95.

## זון־צעטל

ר׳ אליהו, רב אין שדה־לבן, זון פון ר׳ יעקעל פון לאַנצוט, איידעם פון רבין ר׳ אלימלך פון ליזשענסק, זייט 30.

ר׳ אליעזר הלוי הורוויץ, רב אין טאַרניגראַד, אַ תלמיד פון די רביים: ר׳ אלימלך פון ליזשענסק, „חוזה״ פון לובלין און קאָזשעניצער מגיד. נפטר געוואָרן אין קאָזשעניץ אין יאָר תקס״ו — 1806, זיינע ספרים: „נועם מגדים״ און „אמרות טהורות״. זייט 95.

ר׳ אליעזר פון קאָזשעניץ, אַ זון פון ר׳ משה אליקים בריעה פון קאָזשעניץ, אַן איידעם פון ר׳ יעקב פון מיעליץ, נפטר געוואָרן אין יאָר תרכ״ב — 1862, זייט 122.

ר׳ אליעזר האָראָוויץ, פון דזשיקאָוו, אַ זון פון ר׳ נפתלי צבי פון ראָפּשיץ, נפטר געוואָרן אין יאָר תרל״ג — 1873, ז״ז 246, 252.

ר׳ אליעזר ליפּא, פאָטער פון רבין ר׳ אלימלך פון ליזשענסק, זייט 11.

ר׳ אלעזר פון ליזשענסק, אַ זון פון רבין ר׳ אלימלך פון ליזשענסק, ז״ז 29, 31, 121.

ר׳ אלימלך שפּירא פון גראָדזשיסק, אַ זון פון רבין ר׳ חיים מאיר יחיאל פון מאָגעלניץ, אַן איידעם פון רבין ר׳ ישראל פון ריזשין. נפטר געוואָרן אין יאָר תרנ״ב— 1892. זיינע ספרים: „אמרי אלימלך״ און „דברי אלימלך״, ז״ז 122, 123.

ר׳ אלימלך פון ליזשענסק: ז״ז 11—49, 54, 70, 130, 157, 159—160, 162—163, 177, 178, 179, 193, 213, 214, 217, 231, 263.

ר׳ אלכסנדר סענדער אייכנשטיין פון קאָמאַרנע, אַ זון פון ר׳ יצחק־אייזיק פון סאַפּרין. נפטר געוואָרן אין עלטער פון 48 יאָר. זיין ספר: „זכרון דברים״, זייט 274.

ר׳ אריה לייב ליפּשיץ, רב אין וױשניצע, אַן איידעם פון רבין ר׳ משה טייטלבוים פון אוהעל, אַ תלמיד פון קאָזשעניצער מגיד. זיינע ספרים: „אריה דבי עלאי״ און „ארי שבחבורה״. זייט 96.

ר׳ אשר פון ראָפּשיץ, אַן איידעם פון רבין ר׳ נפתלי צבי פון ראָפּשיץ. נפטר געוואָרן אין יאָר תר״ה — 1845, זייט 252.

## ב

ר׳ בעריש וואַלבאַזשער, אַ תלמיד פון רבין ר׳ חיים מאיר יחיאל פון מאָגעל־ניצע. נפטר געוואָרן אין יאָר תרל״ז — 1877, זייט 122.

בעש״ט זע: ר׳ ישראל בעל־שם־טוב.

ביילע, טאָכטער פון ר׳ איציקל האַמבורגער, די מוטער פון רבין ר׳ נפתלי צבי פון ראָפּשיץ, ז״ז 208, 209.

בער — בערקא בערגסאָן, זון פון שמואל זביטקאָווער, זייט 115.

## ג

ר׳ גדליה פון זשעליכאָוו, אַ תלמיד פון קאָזשעניצער מגיד. נפטר געוואָרן אין יאָר תקע״ז — 1817, זייט 96.

זוך־צעטל

ר׳ גרשון פון ריטשעוואל, אַ תלמיד פון קאָזשעניצער מגיד, זייט 96.
גינזבורג שאול, זייט 167.

ד

ר׳ דוב־בער דער „גרויסער מגיד״ פון מעזריטש, זון פון ר׳ אברהם, אַ תלמיד פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב. געבוירן בערך אין יאָר תס״ד — 1704, נפטר געוואָרן אין יאָר תקל״ג — 1773. זיינע ספרים: „מגיד דבריו ליעקב״ אָדער „לקוטי אמרים״, „אור תורה״ און „אור אמת״. ז״ז 11, 13, 15, 66, 69, 75, 96, 121, 129, 130 158.

ר׳ דוב־בער פון ראַדישיץ, תלמיד פון קאָזשעניצער מגיד. נפטר געוואָרן אין יאָר תר״ג — 1843, זייט 96.

דוב־בעריש כ״ץ, רב אין אַפּט, אַ זון פון ר׳ יצחק כ״ץ רב אין סטאָבניץ, זייט 62.

דובנאָוו, פּרופ. ש., ז״ז 53, 55, 157, 206.

ר׳ דוד פון לעלעוו, אַ תלמיד פון „חוזה״ פון לובלין. נפטר געוואָרן אין יאָר תקע״ה — 1815, ז״ז 18, 43, 130.

דוד מאַקאָווער, קעגנער פון חסידים, פאַרפאַסט אַ פּאַמפלעט „זמיר עריצים״. געשטאָרבן אין יאָר תקע״ד — 1814, ז״ז 73, 75.

ה

ר׳ יהושע העשל, נפטר געוואָרן אין יאָר ת״ח — 1648. זיין ספר „פני יהושע״, זייט 84.

הינדע, די מוטער פון רבין ר׳ הערשעלע פון זידיטשויוו, זייט 274.

ר׳ הערשעל (צבי) פון רימענאָוו, אַ תלמיד פון רבין ר׳ מענדעלע פון רימענאָוו. נפטר געוואָרן אין יאָר תקנ״ח — 1798, ז״ז 170, 176, 182, 188, 189.

ר׳ הירש (צבי) אלימלך שפּירא פון דינעוו, אַ תלמיד פון „חוזה״ פון לובלין און רבין ר׳ מענדעלע פון רימענאָוו. נפטר געוואָרן אין יאָר תר״א — 1841. זיינע ספרים: „בני יששכר״, „אגרא דכלא״, „אגרא דפרקא״ און אַ צאָל אַנדערע. ז״ז 85, 130, 171, 176, 178.

ר׳ הערשעלע פון זידיטשויוו, 130, 273—321.

ו

וויינלעז, י., זייט 284.

ז

ר׳ זישע פון אַניפּאָליע, אַ זון פון ר׳ אליעזר ליפּא, אַ ברודער פון רבין ר׳ אלימלך פון ליזשענסק, אַ תלמיד פון ר׳ דוב־בער, דער „גרויסער מגיד״ פון

מעזריטש. נפטר געוואָרן אין יאָר תק״ס — 1800. זיין ספר: „מנורת זהב״, ז״ז 12, 14, 19, 23, 28, 50, 69, 71, 90, 192.

## ח

דער „חוזה״ פון לובלין. זע: יעקב יצחק האָראָוויץ פון לובלין.

ר׳ חיים האַלבערשטאַם פון סאַנז, אַ תלמיד פון רבין ר׳ נפתלי צבי פון ראָפּשיץ, נפטר געוואָרן אין יאָר תרל״ו — 1876. זיינע ספרים: „דברי חיים״ אויף תורה און און שו״ת „דברי חיים״, ז״ז 205, 206, 207, 208.

ר׳ חיים מאיר יחיאל שפּירא פון מאָגעלניץ, גערופן „דער שרף״, זון פון דער „פרומער פּערעלע״, דעם קאָזשעניצער מגידס טאָכטער. נפטר געוואָרן אין יאָר תרמ״ב — 1884, ז״ז 69, 122.

ר׳ חיים מאיר שפּירא פון דראָהאָביטש, פון דער גזע פון קאָזשעניצער מגיד, זייט 117.

## ט

טילע, דעם „חוזה״ס ווייב, זייט 84.

## י

יהודה לייב הכהן, תלמיד פון ר׳ דוב־בער, דער „גרויסער מגיד״ פון מעזריטש. זיין ספר „אור הגנוז״, זייט 121.

ר׳ יוזפּא פון אַפּט, ז״ז 112, 113.

ר׳ יהונתן אייבעשיץ, רב אין האַמבורג, געבוירן אין קראָקע אין יאָר ת״ן — 1690, נפטר געוואָרן אין יאָר תקכ״ד — 1762. זיינע ספרים: „אורים ותומים״, „כרתי ופלתי״, „יערת דבש״ און אַנדערע, ז״ז 73, 209, 229.

ר׳ יהושע העשל פון יאַנאָוו, אַ ברודער פון ראָפּשיצער רבין, זייט 230.

ר׳ יחזקאל פּאַנעט פון קאַרלסבורג, תלמיד פון רבין ר׳ מענדעלע פון רימענאָוו, מחבר פון ספר „מראה יחזקאל״, זייט 177.

ר׳ יחזקאל, רב אין אָסטראָווצע, זייט 63.

ר׳ יחזקאל האַלבערשטאַם פון שינאַווע, אַ זון פון רבין ר׳ חיים האַלבערשטאַם פון סאַנז, נפטר געוואָרן אין יאָר תרנ״ט — 1899. זיין ספר „דברי יחזקאל״, זייט 223.

ר׳ יחזקאל פון קוזמיר, אַ תלמיד פון „חוזה״ פון לובלין. נפטר געוואָרן אין יאָר תרט״ו — 1855, זייט 130.

ר׳ יוסף באַבאַד, רב אין טאַרנאָפּאָל, נפטר געוואָרן אין יאָר תרל״ו — 1876. זיין ספר „מנחת חנוך״, זייט 251.

ר׳ יוסף פון טאַרטשין, אַ זון פון „חוזה״ פון לובלין. נפטר געוואָרן אין יאָר תקע״ח — 1818, זייט 130.

ר׳ יוסף שאול נאטאנזאן, רב אין לעמבערג. זיין ספר שו״ת „שואל ומשיב״, זייט 201.

דער „יוד הקדוש״, זע: ר׳ יעקב יצחק פון פשיסכע.

ר׳ יעקב (יוקל), רב אין באַלעכאָוו, אַ ברודער פון ראַפשיצער רבין, זייט 230.

ר׳ יעקב (יוקל) הלוי איש האָראָוויץ, רב אין גלינע. נפטר געוואָרן אין יאָר תקט״ו — 1755, זייט 209.

ר׳ יעקב האָראָוויץ פון מיעליץ, אַ זון פון ראַפשיצער רבין. נפטר אין יאָר תר״ד — 1844, זייט 252.

ר׳ יעקב, רב אין ליסע. נפטר געוואָרן אין יאָר תקצ״ב — 1832. זיינע ספרים: „חוות דעת״, „נתיבות המשפט״ און אַנדערע, ז״ז 213, 299.

יעקב עמדין, אַ זון פון ר׳ צבי אשכנזי. געבוירן געוואָרן אין אַלטאָנאַ, אין יאָר תנ״ז — 1697, נפטר געוואָרן אין יאָר תלק״ו — 1776. באַקעמפער פון דער שבתי צבי סעקטע, ז״ז 73, 228.

ר׳ יעקב אריה פון ראַדזימין, אַ תלמיד פון קאָזשעניצער מגיד. נפטר געוואָרן אין יאָר תרל״ד — 1874, זייט 96.

ר׳ יעקב יוסף הכהן פון פּאָלנאָהע, אַ תלמיד פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב. נפטר געוואָרן אין יאָר תקמ״ב — 1782. זיינע ספרים: „תולדות יעקב ויוסף״, „בן פורת יוסף״ און „צפנת פענח״, זייט 72.

ר׳ יעקב יצחק האָראָוויץ, דער „חוזה״ פון לובלין, ז״ז 11, 14, 39, 43, 47, 54, 71, 83, 84, 86, 87, 92, 101, 118, 119, 129—154, 173, 175, 179, 180, 184, 186, 205, 208, 224, 250, 253, 261, 262—263, 266, 274, 281, 286, 287, 315, 316, 320.

ר׳ יעקב יצחק פון מאָגעלניץ, זון פון ר׳ חיים מאיר יחיאל פון מאָגעלניץ. נפטר געוואָרן אין יאָר תרמ״ב — 1882, זייט 122.

ר׳ יעקב יצחק פון פשיסכע, גערופן דעם „יוד הקדוש״, אַ תלמיד פון „חוזה״ פון לובלין, ז״ז 119, 130, 131, 180, 181.

ר׳ יעקב יצחק אונגער פון זשאַבנע, זייט 73.

ר׳ יעקב ישראל, אַ זון פון רבין ר׳ מענדעלע פון רימענאָוו, זייט 188.

ר׳ יעקב קאָפּל פון ליקאָווי, ז״ז 129, 133.

ר׳ יעקב יצחק קאָפּל, אַן אייניקל פון „חוזה״ פון לובלין, ז״ז 281—283.

יעקב שמואל ביק, ז״ז 303—307.

ר׳ יצחק פון אָזשעראָוו, תלמיד פון רבין ר׳ אלימלך פון ליזשענסק און פון קאָזשעניצער מגיד, זייט 96.

ר׳ יצחק לאַנדוי פון טשעכאַנאָוו, זייט 167.

ר׳ יצחק פון וואָרקע, אַ תלמיד פון „חוזה״ פון לובלין און פון רבין ר׳ שמחה בונם פון פשיסכע. געבוירן אין יאָר תקל״ט — 1779, נפטר געוואָרן אין יאָר תר״ח — 1848, ז״ז 115, 167.

ר׳ יצחק אלפסי „הרי״ף״, געבוירן געוואָרן אין יאָר ד״א תשע״ג — 1013, נפטר געוואָרן אין יאָר תתס״ג — 1103, זייט 190.

ר׳ איצקל (יצחק) האמבורגער, ז״ז 63, 146, 208, 209, 212, 226, 251.

ר׳ יצחק אברהם, רב אין פינטשעוו, מחבר פון ספר „כתר כהונה״, זייט 63.

ר׳ אייזיק (יצחק) טויב פון קאלעוו, אַ תלמיד פון רבין ר׳ שמעלקע פון ניקלשבורג. נפטר געוואָרן אין יאָר תקפ״ט — 1589, זייט 268.

ר׳ יצחק (אייזיק) אייכנשטיין פון סאַפרין, פאָטער פון רבין ר׳ הערשעלע פון זידיטשויו. נפטר געוואָרן אין יאָר תק״ס — 1860, ז״ז 273—274, 276.

ר׳ יצחק אייזיק הלוי הערצאָג, הרב הראשי פון ישראל, זייט 125.

ר׳ יצחק (איטשע) מאיר אַלטער פון גער, אַ תלמיד פון רבין ר׳ מענדעלע פון קאָצק. געבוירן אין יאָר תקנ״ט — 1799, נפטר געוואָרן אין יאָר תרכ״ו — 1866. זיינע ספרים: „חדושי הרי״ם״ און „ספר הזכות״, ז״ז 96, 167.

ר׳ ישכר בעריש פון זידיטשויו, זון פון ר׳ יצחק אייזיק פון סאַפרין, ברודער פון ר׳ הערשעלע פון זידיטשויו. נפטר געוואָרן אין יאָר תקצ״ב — 1832, זייט 117.

ר׳ ישעיהו מושקאַט פון פראַגע־וואַרשע, אַ תלמיד פון קאָזשעניצער מגיד. נפטר געוואָרן אין יאָר תרכ״ח — 1868. זיינע ספרים: „הרי בשמים״ און „עצי בשמים״, זייט 96.

ר׳ ישעיה שפירא, זייט 117.

ר׳ ישראל פון פיקאָוו, אַ זון פון ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו. נפטר געוואָרן אין יאָר תקפ״ח — 1828, זיין ספר: „תולדות יצחק בן לוי״, זייט 119.

ר׳ ישראל בעל־שם־טוב (בעש״ט) פון מעזשיבעזש, באַגרינדער פון חסידות, זון פון ר׳ אליעזר. נפטר געוואָרן אין יאָר תק״כ — 1760, ז״ז 11, 14, 56, 58, 69, 206, 209, 263, 269, 273.

ר׳ ישראל (מגיד) פון קאָזשעניץ, ז״ז 14, 43, 53—126, 129, 184, 185, 186, 205.

ר׳ ישראל שפירא פון גראָדזשיסק, אַ זון פון רבין ר׳ אלימלך פון גראָדזשיסק, זייט 123.

ר׳ ישראל פון פּאָלאָצק, אַ תלמיד פון ר׳ דוב־בער, דער „גרויסער מגיד״ פון מעזריטש. נפטר געוואָרן אין יאָר תק״מ — 1780, זייט 69.

ר׳ ישראל יצחק פון ראדישיץ, אַ תלמיד פון מאָגעלניצער רבין, זייט 122.

ר׳ ישראל פרץ פון לעווערטאָוו, דער שווער פון ר׳ לוי יצחק פון באַר־דיטשעוו, ז״ז 44—46.

## ל

ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו, אַ זון פון ר׳ מאיר פון הוסאַקאָוו, אַ תלמיד פון ר׳ דוב־בער, דער „גרויסער מגיד״ פון מעזריטש. נפטר געוואָרן אין יאָר תק״ע — 1810. זיין ספר: „קדושת לוי״, ז״ז 42, 44, 65, 71, 75, 88, 129, 268, 305.

זון־צעטל

ר׳ ליפא פון סאַמבאָר, אַ זון פון ר׳ אייזיק פון סאַפרין, אַ ברודער פון ר׳ הערשעלע פון זידיטשויוו, זייט 274.

## מ

מאהלער, ד״ר רפאל, זייט 313.

ר׳ מאיר הלוי פון אַפּט, אַ תלמיד פון „חוזה״ פון לובלין. נפטר געוואָרן אין יאָר תקצ״א — 1831. זיין ספר: „אור לשמים״, ז״ז 130, 262.

ר׳ מאיר האָראָוויץ פון דזשיקאָוו, אַ זון פון רבין ר׳ אליעזר פון דזשיקאָוו. נפטר געוואָרן אין יאָר תרל״ח — 1878. זיין ספר: „אמרי נועם״, ז״ז 115, 252.

ר׳ מאיר פון פּרעמישלאַן, אַ זון פון ר׳ אהרן לייב פון פּרעמישלאַן, אַ תלמיד פון ר׳ מרדכי פון קרעמעניץ. נפטר געוואָרן אין יאָר תרי״ב — 1852, ז״ז 291, 292.

מיזעס, יהודה לייב, ז״ז 305, 306.

מירל, די טאָכטער פון רבין ר׳ אלימלך פון ליזשענסק, זייט 30.

ר׳ מעכעלע (יחיאל מיכל) פון זלאָטשעוו, אַ זון פון ר׳ יצחק פון דראָהאָביטש, אַ תלמיד פון ר׳ דוד־בער, דער „גרויסער מגיד״ פון מעזריטש. נפטר געוואָרן אין יאָר תקנ״ב — 1792, זייט 230.

ר׳ מענדעלע (מנחם) פון קאָצק, אַ תלמיד פון „חוזה״ פון לובלין, פון „יוד הקדוש״ און פון ר׳ שמחה בונם פון פּשיסכע. געבוירן געוואָרן אין יאָר תקמ״ח — 1788, נפטר געוואָרן אין יאָר תרי״ט — 1819, זייט 167.

ר׳ מנחם מענדל האגער פון קאָסעוו, אַ תלמיד פון ר׳ משה לייב פון סאַסעוו. געבוירן געוואָרן אין יאָר תקכ״ח — 1768, נפטר געוואָרן אין יאָר תקפ״ו — 1826. זיין ספר: „אהבת שלום״, זייט 283.

ר׳ מענדעלע (מנחם) פון רימענאָוו, ז״ז 14, 83, 85, 92, 118, 157—201, 224, 233, 236, 264, 287.

מענדל לעפין (לעווין), אַ זון פון יהודה לייב. געבוירן געוואָרן אין סאַטאַנאָוו, אין יאָר 1749, אויך גערופן „סאַטאַנאָווער״, געשטאָרבן אין יאָר 1826, אין טאַרנאָפּאָל, זייט 306.

ר׳ מענדעלע רובין פון לינסק, פאָטער פון ראָפּשיצער רבין, ז״ז 19, 208, 220, 229, 230, 233.

ר׳ מרדכי באַנעט, רב אין ניקלשבורג. נפטר געוואָרן אין יאָר תקפ״ט — 1829. זיינע ספרים: „ביאור מרדכי״ אויפן מרדכי, „מגן אבות״ און אַנדערע, ז״ז 129, 213.

ר׳ מרדכי דוד אונגער פון דאָמבראָווע, אַ תלמיד פון „חוזה״ פון לובלין, נפטר געוואָרן ז׳ שבט, תר״ג — 1843, זייט 130.

מרדכי זאב איטינגא, רב אין לעמבערג. נפטר געוואָרן אין יאָר תרכ״ג — 1863. זיין ספר „שו״ת מאמר מרדכי״, זייט 16.

ר׳ משה טייטלבוים פון אוהעל, אַ תלמיד פון „חוזה״ פון לובלין. געבוירן געוואָרן אין יאָר תקי״ט — 1759, נפטר געוואָרן אין יאָר תר״א — 1841. זיינע ספרים: „שו״ת השיב משה״, „ישמח משה״ און „תפלה למשה״, ז״ז 130, 131, 172, 322.

ר׳ משה פון סאַמבאָר, אַ תלמיד פון „חוזה״ פון לובלין, אַ ברודער פון ר׳ הערשעלע פון זידיטשויוו. זיין ספר „תפלה למשה״, ז״ז 176, 274, 315, 316, 321.

ר׳ משה האָראָוויץ פון ראָזוואַדאָוו, אַ זון פון רבין ר׳ אליעזר האָראָוויץ פון דזשיקעוו. נפטר געוואָרן אין יאָר תרנ״ח — 1898, ז״ז 73, 252.

ר׳ משה סופר רב אין פרעשבורג, גאון, נפטר געוואָרן אין יאָר ת״ר — 1840. זיין ספר „חתם סופר״, זייט 172.

ר׳ משה פון פשעוואָרסק, אַ תלמיד פון רבין ר׳ אלימלך פון ליזשענסק. נפטר געוואָרן אין יאָר תקס״ה — 1805, זייט 71.

ר׳ משה אליקים בריעה פון קאָזשעניץ, אַ זון פון קאָזשעניצער מגיד. נפטר געוואָרן אין יאָר תקפ״ח — 1828. זיינע ספרים: „באר משה״, „דעת משה״, „בינת משה״ און אַנדערע, ז״ז 70, 91, 98, 102, 121.

ר׳ משה חיים אפרים פון סאַדילקאָוו, אַ זון פון ר׳ יחיאל און פון אָדעל, די טאָכטער פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב. געבוירן געוואָרן אין יאָר תק״ח — 1748, נפטר געוואָרן אין יאָר תק״ס — 1800. זיין ספר „דגל מחנה אפרים״, זייט 154.

ר׳ משה לייב פון סאַסעוו, אַ זון פון ר׳ יעקב, אַ תלמיד פון רבין ר׳ שמעלקע האָראָוויץ פון ניקלשבורג און פון רבין ר׳ אלימלך פון ליזשענסק. נפטר געוואָרן אין יאָר תקס״ז — 1807. זיין ספר „לקוטי רמ״ל״, ז״ז 14, 43, 287, 305, 310.

ר׳ משולם זלמן אשכנזי, רב אין לובלין, זייט 81.

## נ

ר׳ נחמן פון בראַסלאָוו, אַ זון פון ר׳ שמחה, איין אייניקל פון בעל־שם־טוב. געבוירן אין יאָר תקל״ב — 1772, נפטר געוואָרן אין אומאַן אין יאָר תקע״א—1811. זיינע ספרים: „לקוטי מוהר״ן״, „לקוטי עצות״, „לקוטי הלכות״, לקוטי תפילות״ און אַנדערע. זייט 154, 208.

ניגער, ש., ז״ז 260, 264.

ר׳ נפתלי צבי פון ראָפשיץ, ז״ז 14, 19, 43, 47, 118, 130, 176, 178, 184, 185, 193, 205—269, 287, 298.

ר׳ נתן לייב (יהודה) פון רימענאָוו, אַ זון פון רבין ר׳ מענדעלע פון רימענאָוו, ז״ז 182, 188.

ר׳ עזריאל הלוי האָראָוויץ, רב אין לובלין. נפטר געוואָרן אין יאָר תקע״ט — 1819, ז״ז 101, 132, 146, 151.

## ע

ר׳ עמנואל פון פשעדבאָרז, אַ תלמיד פון מאָגעלניצער רבין. זייט 122.

## פ

ר׳ פייבוש פון באָלשוויץ, זייט 319.

ר׳ פייוויל (משולם) העלער פון זבאַריזש, אַ תלמיד פון רבין ר׳ מענדעלע פון

זלאָטשעוו. נפטר געוואָרן אין יאָר תקנ״ה — 1795. זיין ספר: „דרך אמת״, ז״ז 173, 224.

ר׳ פנחס הלוי האָראָוויץ, רב אין פראַנקפורט אַם מיין, אַ ברודער פון רבין ר׳ שמעלקע פון ניקלשבורג, אַ תלמיד פון ר׳ דוב־בער, דער „גרויסער מגיד״ פון מעזריטש. נפטר געוואָרן אין יאָר תקס״ה — 1805. זיינע ספרים: „הפלאה״, „המקנה״ און „פנים יפות״. ז״ז 67, 68, 101.

ר׳ פנחס שפירא פון קאָרעץ, אַ תלמיד פון בעש״ט. געבוירן געוואָרן אין יאָר תפ״ו — 1726, נפטר געוואָרן אין יאָר תקנ״א — 1791. זיינע ספרים: „מדרש פנחס״ און „מדרש פנחס חדש״, זייט 69.

פערל, יוסף, געבוירן אין טאַרנאָפּאָל אין יאָר 1773, געשטאָרבן אין יאָר 1839. געגנער פון חסידות, מחבר פון אַנטי־חסידישן בוך „מגלה טמירין״. ז״ז 275, 276, 281, 284, 285, 288, 290, 292, 300.

פערעלע, די טאָכטער פונעם קאָזשעניצער מגיד. ז״ז 69, 121, 122.

פרידמאַן, דר. פיליפּ, ז״ז 166, 199.

## צ

צינבערג, דר. ישראל, מחבר פון דער „געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן״, זייט 154.

## ק

קאָזשעניצער מגיד, זע: ר׳ ישראל פון קאָזשעניץ.

ר׳ קלמיש פון פּיאַסעטשנע, זייט 124.

ר׳ קלמן (קלונימוס) הלוי עפּשטיין פון קראָקע, אַ תלמיד פון רבין ר׳ אלימלך פון ליזשענסק און פון „חוזה״ פון לובלין. נפטר געוואָרן אין יאָר תקפ״ז — 1827. זיין ספר: „מאור ושמש״. ז״ז 14, 43, 130.

## ר

ר׳ רפאל הכהן, רב אין האַמבורג. נפטר געוואָרן אין יאָר תקס״ד — 1804. זיין ספר: „תורת יקותיאל״, זייט 185.

רינגלבלום, דר. עמנואל, זייט 114.

ראַבינאָוויץ, צ. מ., זייט 86.

## ש

שאַצקי, דר. יעקב, זייט 167.

ר׳ שבתי איינבינדער, דער פאָטער פון קאָזשעניצער מגיד. נפטר געוואָרן אין יאָר ת״ק — 1740. ז״ז 55, 60, 62, 63.

ר׳ שבתי ראַשקאָווער, אַ תלמיד פון ר דוב־בער, דער „גרויסער מגיד״ פון מעזריטש. מחבר געווען אַ סידור. זייט 69.

ר׳ שלום פון קאַמינקע, אַ תּלמיד פון רבין ר׳ הערשעלע פון זידיטשויוו, זייט 286.

ר׳ שלום רוקח פון בעלז, אַ תּלמיד פון „חוזה" פון לובלין. נפטר געוואָרן אין יאָר תרכ״ט — 1869. זיין ספר: „דובר שלום", ז״ז 130, 238, 283.

ר׳ שלום דוד אונגער פון זשאַבנע, אַ זון פון רבין ר׳ יעקב יצחק אונגער פון זשאַבנע, אַן איידעם פון רבין ר׳ משה האָראָוויץ פון ראָזוואַדאָוו. געבוירן געוואָרן אין יאָר תרט״ו — 1855, נפטר געוואָרן ב׳ דראש חודש אלול תרפ״ג — 1924. זיינע ספרים: הגהות אויף זיין זיידנס ספר „אמרי נועם" פון ר׳ מאירל האָראָוויץ פון דזשיקעוו, און שו״ת „יד שלום". ז״ז 73, 74, 110, 111.

ר׳ שלמה, רב אין קאָזשעניץ, זייט 73.

ר׳ שלמה קלוגער פון בראָד, נפטר געוואָרן אין יאָר תרכ״ט—1869. זייט 210.

ר׳ שלמה הכהן ראַבינאָוויטש פון ראַדאָמסק, אַ זון פון ר׳ דוד צבי הכהן, אַ תּלמיד פון ר׳ בער פון ראַדישיץ. נפטר געוואָרן אין יאָר תרכ״ח—1868. זיין ספר: „תּפארת שלמה", זייט 122.

שלמה יהודה ראַפּאָפּאָרט (שי״ר), געבוירן געוואָרן אין יאָר תק״נ — 1790 אין לעמבערג, נפטר געוואָרן אין יאָר תרכ״ח — 1867 אין פּראַג. היסטאָריקער און מחבר פון אַ צאָל מאָנאָגראַפיעס וועגן רבנים. ז״ז 277, 278, 279, 280, 283, 305.

ר׳ שלמה לייב פון לענטשנע, אַ תּלמיד פון „חוזה" פון לובלין און פון „יוד הקדוש" פון פּשיסכע. נפטר געוואָרן אין יאָר תקפ״ז—1827. ז״ז 176, 177, 178.

שמואל זביטקעווער פון פּראָגע, געווען ליוועראַנט פאַר דער פּוילישער רעגירונג בעת דעם קאָשטשושקאָ־אויפשטאַנד אין יאָר 1794, לויט דער לעגענדע האָט ער געראַטעוועט יידן בעת דער פּראָגער הריגה, זייט 113.

ר׳ שמואל פון קאַמינקע, אַ תּלמיד פון ראָפּשיצער רבין. זייט 205.

ר׳ שמואל שמעלקע, רב אין ראָמאַן, אַ ברודער פון ראָפּשיצער רבין. זייט 230.

ר׳ שמחה בונם פון פּשיסכע, אַ תּלמיד פון „חוזה" פון לובלין און פון „יוד הקדוש" פון פּשיסכע. נפטר געוואָרן אין יאָר תר״ג — 1843, ז״ז 82, 115, 130, 141, 177.

ר׳ שמעון פון דאַבראָמיל, אַ תּלמיד פון ראָפּשיצער רבין, זייט 205.

ר׳ שמעון פון יאַרעסלאָוו, אַ תּלמיד פון „חוזה" פון לובלין, ז״ז 130, 302, 315.

ר׳ שמעון דייטש, פון זשעליכאָוו, ז״ז 86, 94.

ר׳ שמעלקע (שמואל) האָראָוויץ פון ניקלשבורג, אַ תּלמיד פון ר׳ דוב־בער דער „גרויסער מגיד" פון מעזריטש. געוואָרן אין יאָר תפ״ו — 1726, נפטר געבוירן אין יאָר תקל״ח — 1778. זיין ספר: „דברי שמואל", ז״ז 32, 65, 67, 68, 115, 129, 133, 142, 158, 178.

ר׳ שניאור זלמן שניאורזאָן פון ליאַדי, גערופן אויפן נאָמען פון זיין ספר „תניא". באַגרינדער פון דער חב״דער שיטה אין חסידות, אַ תּלמיד פון ר׳ דוב־בער, דער „גרויסער מגיד" פון מעזריטש. געבוירן אין ליאָזשנע אין יאָר תק״ח — 1748, נפטר געוואָרן אין יאָר תקע״ח — 1818. זיינע ספרים: „תורה אור", „לקוטי תורה" און אַנדערע. ז״ז 91, 183, 184.

## II

# ספרים

## א

„אבות", מיט אַ פּירוש „אבות ישראל" אויף אבות, פון ר' ישראל, מגיד פון קאָזשעניץ, און זיין זון ר' משה אליקום בריעה, לעמבערג תרכ"ו — 1866. זייט 98.

אוהל אלימלך, זאַמלונג פון מעשיות וועגן ר' אלימלך פון ליזשענסק, פון ר' אברהם חיים שמחה בונם מיכלזאהן, פּשעמישל, תרע"ה — 1915. ז"ז 15, 18, 20, 29, 34, 38, 39, 143, 231.

אוהל הרבי, זאַמלונג פון מעשיות וועגן „חוזה" פון לובלין. ז"ז 140, 149.

אוהל נפתלי, זאַמלונג פון תורות, שמועסן און מעשיות פון ר' נפתלי צבי פון ראָפּשיץ, פון ר' אברהם חיים שמחה בונם מכילזאָהן, לעמבערג תרע"א — 1911. ז"ז 12, 20, 30, 38, 149, 198, 207, 212, 222, 224, 225, 226, 228, 230, 239, 240, 248, 249, 251, 264, 265, 267.

אוהל שלמה, זאַמלונג פון תורות און מעשות פון רבין ר' שלמה פון ראַדאָמסק, געזאַמלט דורך יצחק מרדכי הכהן ראַבינאָוויץ אבד"ק פּלאָוונע, פּיעטריקאָוו תרפ"ד— 1924. זייט 71.

אוהל תורה, תורות, שמועסן און מעשיות פון „חוזה" פון לובלין, געטיילט אין דריי טייל: אור התורה, אור החכמה און אור הנפלאות, צוזאַמענגעשטעלט פון ר' משה מנחם וואלדן. זייט 154.

אוצר הכבוד, פון טודרוס הלוי, תקס"ז — 1807. זייט 233.

אור ישראל, פון קאָזשעניצער מגיד אויף „תקוני זוהר". זייט 90.

אילה שלוחה, תורות פון ר' נפתלי צבי פון ראָפּשיץ, זיטאָמיר, תרל"ז — 1877. ז"ז 206, 231.

אילנא דחיי, פון ר' גרשון מנחם האַלבערשטאַם, 1860. זייט 201.

אם לבינה, אינהאַלט: א) „בית מנחם", ביאָגראַפיעס און מעשיות וועגן רימענאָווער רבין, ב) „תפארת מנחם", פּלפּולים, ג) „ראש אמונה", מאמרים, פון יקותיאל ארי' קאַמעלהאַר, לעמבערג, 1909. ז"ז 168, 176, 192.

אמת ואמונה, תורות פון ר' מנחם מענדל פון קאָצק, פון י. י. ארטן, ירושלים, ת"ש, 1940. זייט 61.

## ב

בית ישראל, פון מגיד פון קאָזשעניץ אויף פאַרשידענע מסכתות. זייט 97.

בית ישראל, פון ר' הערשעלע פון זידיטשויוו, לעמבערג, תקצ"ד — 1834. זייט 275.

בית משולם, (שו״ת) פון ר׳ משולם זלמן אשכנזי, פיעטריקאָוו, תרס״ה — 1905, זייט 82.

בכורי העתים, (צייטשריפט), זייט 306.

בני יהונתן, וועגן ר׳ הערשעלע פון זידיטשויוו. זייט 44.

## ג

גבעת פנחס, פון ר׳ פנחס הלוי הורוויץ, לעמבערג, 1837. זייט 120.

גוטע יודן אין פוילן, פון משה פיינקינד, וואַרשע 1936. זייט 122.

גנזי נסתרות, דריי אָפּטיילונגען: „אור ישראל״, „אור המערב״ און „אור רב״ און מאמרים פון ר׳ חיים אליעזר הכהן ביחאָווסקי, ירושלים, תרפ״ד, 1924. זייט 280.

געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן, פון ד״ר ישראל צינבערג, וואַרשע, זייט 304.

געשיכטע פון חסידיזם, פון פּראָפ. ש. דובנאָוו, זייט 53, 57, 206.

## ד

דברי אמת, אויף תורה, פון „חוזה״ פון לובלין, זאָלקווע, תקס״ח — 1808. ז״ז 130, 150, 153.

דברי מנחם, וואָרטלעך וועגן ר׳ מענדעלע פון רימענאָוו. ז״ז 182, 201.

דברים ערבים, ילקוט ספורי צדיקים, מונקאַטש, תרס״ב — 1902. ז״ז 140, 193.

דגל מחנה אפרים, פון ר׳ משה חיים אפרים פון סאַדילקאָוו, קאָרעץ, תק״ע—1810. זייט 154.

דור דעה, איינגעטיילט אויף פיר תקופות פון חסידות, פון ר׳ יקותיאל אריה קאַמעלהאַר, בולגריי, תרצ״ג — 1933. ז״ז 198, 248, 249, 250.

דרך אמת, פון משולם פייביש פון זבאַריזש, טשערנאָוויץ, תרט״ו — 1855. זייט 22.

## ה

המגיד מקוזניץ, פון צ. מ. ראַבינאָוויץ, תל־אביב, תש״ז — 1947. ז״ז 62, 67, 73, 86.

היסטאָרישע ווערק, פון שאול גינזבורג. זייט 167.

דער קאַמף צווישן השכלה און חסידות אין גאַליציע, פון ד״ר רפאל מאהלער, ייוו״אָ, ניו־יאָרק, 1942. זייט 314.

היסטאָרישע שריפטן פון ייוו״א, זייט 167.

החסידות, פון אהרן מאַרקוס. ז״ז 56, 60, 68, 158, 186, 197, 198.

## זוך־צעטל

### ז

זאת זכרון, פון „חוזה" פון לובלין, תר״נ, 1890. ז״ז 130, 153.
זוהר חי, פון ר׳ יצחק יהודה יחיאל פון קאמאַרנע, פשעמישל, 1878. ז״ז 286, 314.
זכרון זאת, פון „חוזה" פון לובלין, וואַרשע, 1869. ז״ז 130, 132, 153.
זכרון צדיקים, פון ר׳ פנחס זעליג הכהן שוואַרץ, קלויזש, תרפ״ג, 1923. זייט 243.
זמיר עריצים, קעגן חסידות, ווארשע, תרנ״ח, 1898. זייט 75.
זרע קודש, פון ר׳ נפתלי צבי פון ראָפשיץ, לעמבערג, תרכ״ח—1868. ז״ז 206, 207, 208, 265, 269.

### ח

חוט המשולש, וועגן ר׳ משה סופר פון פרעשבורג, ר׳ עקיבא אייגער און ר׳ אברהם שמואל בנימין סופר, דראָהאָביטש, תרס״ה—1905. זייט 172.

### י

יהודי פולין בימי מלחמת נפוליון, פון ע. י. פרנק. זייט 118.
יוסף פערלס יידישע כתבים, ייוו״אָ, ווילנע, 1937. זייט 284.
יקר מפז, מונקאַטש, 1929. זייט 98.

### כ

כלי הרועים, פון ר׳ צבי אלימלך פון דינאָוו, פשעמישל תר״ג—1890. זייט 195.
כרם חמד, צייטשריפט. ז״ז 275, 276, 279.

### ל

לקוטי מוהר״ן, פון ר׳ נחמן פון בראַסלאַוו, ירושלים, תרל״ד—1874. זייט 154.
לקוטים חדשים, ווארשע, תרנ״א—1891. ז״ז 65, 66, 71.
לקורות היהודים בלובלין, פון ש. ב. ניסנבוים, לובלין, תר״ס—1899. זייט 62.

### מ

מאור ושמש, פון ר׳ קלונימוס קלמן עפשטיין פון קראָקע, ברעסלאַו, תר״ב — 1842. ז״ז 14, 34.
מאַנאַטשריפט פיר געשיכטע. ז״ז 282, 289.
מראה יחזקאל, פון ר׳ יחזקאל פאַנעט. ז״ז 177, 201.
מבשר טוב, ביאָגראַפיעס און מעשיות פון רבין ר׳ הערש פון רימענאָוו, אַרויסגעגעבן פון ר׳ ישראל קאַמעלהאַר, ריישע, תרצ״א—1931. ז״ז 148, 195.

מגלה טמירין, אַנטי חסידיש בוך פון יוסף פּערל. ז״ז 275, 276, 282, 283, 292.

מנחם ציון, תורות פון רבין ר׳ מענדעלע פון רימענאָוו, פון ר׳ יחזקאל פּאַנעט, פּאַרטפעלד, תרס״ח—1907. ז״ז 157, 177, 200, 201.

מצמיח ישועות, זאַמלונג פון חסידישע מעשיות וועגן ר׳ מנחם מענדיל פון וואָרקע, פון מנחם מענדל ראַוויצקי, קראָקע, תר״ע—1910. זייט 197.

## נ

נועם אלימלך, אויף תורה, פון ר׳ אלימלך פון ליזשענסק, סלאַוויטע, תקנ״ד—1794. ז״ז 17, 34.

נוצר חסד, אויף פּרקי אבות און חסידישע ווערטלעך פון בעש״ט און זיינע תלמידים, ירושלים, תרע״ב—1912. זייט 37.

נר מצוה, פון שלמה יהודה הכהן ראַפּאַפּאָרט, תקע״ה—1815 (זע: „נחלת יהודה״). זייט 279.

נחלת יהודה, פון שלמה יהודה הכהן ראַפּאַפּאָרט, העפט א׳ „נר מצוה, אור תורה״, העפט ב׳ תשובות, קראָקע, תרכ״ח—1868, לעמבערג, תרל״ג—1873. זייט 279.

נפלאות היהודי, וועגן „יוד הקדוש״ פון פשיסכע, וואַרשע, תרפ״ה—1925. זייט 119.

נפלאות יצחק, חסידישע מעשיות, פּיעטריקאָוו, 1914. זייט 143.

נפלאות הרבי, וועגן ר׳ שמחה בונם פון פשיסכע, וואַרשע, תרפ״ז—1927. ז״ז 137, 140, 146, 151.

## ס

סור מרע ועשה טוב, פון ר׳ הערשעלע פון זידיטשויוו, מונקאַטש, תרס״א—1901. ז״ז 275, 295.

סדר הדורות, פון ר׳ יחיאל האַלפּערין, לעמבערג 1858. זייט 143.

סדר הדורות החדש, וועגן די תלמידים פון בעש״ט, לעמבערג, תרכ״ה—1865. ז״ז 132, 206.

ספורי יעקב, חסידישע מעשיות, הוסיאַטין, תרס״ד—1904. זייט 192.

ספרן של צדיקים, חסידישע מעשיות, לעמבערג, תרפ״ט—1929. זייט 196.

## ע

עבודת ישראל, אויף תורה פון קאָזשעניצער מגיד, יוזעפאָף, תר״ב—1842. ז״ז 63, 69, 73, 116.

עטרת מנחם, מעשיות וועגן ר׳ מענדעלע פון רימענאָוו, בילגריי, תר״ע—1910. ז״ז 160, 195.

עטרת צבי, אַ פּירוש אויפן זוהר פון ר׳ הערשעלע פון זידיטשויוו, לעמבערג, 40—1936. זייט 275.

עטרת הצדיקים, חסידישע מעשיות, וואַרשע תרפ"ד—1924. זייט 308.

עשר אורות, זאַמלונג פון מעשיות און מאמרים פון צדיקים, פון ישראל בערגער, פּיעטריקאָוו, תר"ס—1900. ז"ז 55, 62, 65, 69, 70, 78, 84, 85, 107, 119, 187.

עשר צחצחות, זאַמלונג פון מעשיות און מאמרים פון צדיקים, פון ר' ישראל בערגער, פּיעטריקאָוו, תר"ס—1900. ז"ז 16, 17, 18, 37, 38, 206, 208, 258.

עשר קדושות, זאַמלונג פון מעשיות און מאמרים פון צדיקים, פון ר' ישראל בערגער, פּיעטריקאָוו, תרס"ו—1906. ז"ז 275, 286, 293, 312, 316.

## פּ

פּאר יצחק, מעשיות וועגן ר' יצחק אייזיק פון זידיטשויוו, פון מיכאל הכהן בראַווער, לעמבערג, 1927. זייט 283.

פּאר מקדושים, חסידישע מעשיות, לעמבערג, 1865. זייט 314.

פון אונזער אַלטן אוצר, פון ב. יאושזאָהן, וואַרשע תרצ"ד—1934. זייט 300.

פון נאָענטן עבר, צייטשריפט. זייט 300.

פעולת הצדיקים, זאַמלונג פון חסידישע מעשיות. זייט 140, 142.

פּרי קודש הלולים, אַן הקדמה צום „פּרי עץ החיים", לעמבערג, תרכ"ד—1864. ז"ז 275, 276.

## צ

צאַנזער חסידות, פון ש. ניסענזאָהן, פאַרלאַג „מסורה", ווארשע, תרצ"ח—1938. זייט 217.

צבי לצדיק, מעשיות וועגן ר' הערשעלע פון זידיטשויוו, פון מיכאל הכהן בראַווער, ווין, תרצ"א—1931. ז"ז 280, 288, 295, 297, 298, 316.

## ר

רביד הזהב, פון ר' ישראל דוב בער געלערנטער, פּשעמישל, תרל"ו—1876, ז"ז 37, 266.

## ש

שבר פושעים, אַנטי חסידישע בוך, זייט 16.

של"ה הקדוש („שני לוחות הברית"), פון ר' ישעיה הורוויץ, אוסטראָה, תקס"ב—1802. זייט 250.

שלום על ישראל, פון אליעזר צבי צווייפל, זיטאָמיר, תרכ"ח—1868. זייט 71.

שם הגדולים החדש, פון אהרן וואלדען, זייט 206.

שמע שלמה, תורות און מעשיות פון ר' שלמה פון קאַרלין, פּיעטריקאָוו, תרפ"ח—1928. זייט 81.

שרי המאה, פון הרב י. מ. הכהן פישמאַן (מימון), ירושלים תשי״ב—1942. זייט 151, 191, 219, 221.
שפתי צדיק, קאָלאָמעא, תרנ״ו—1896. זייט 120.

## ת

תולדות יעקב יוסף, פון ר׳ יעקב יוסף פון פאָלנאה, לעמבערג, 1858. ז״ז 72, 294.
תולדות אדם, יוזעפאָף, תרל״ה—1879. זייט 144.